STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03847

OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם

אויסגעוויילטע ווערק

ה

לכבוד יום טוב — 2 טיילן

„טאָג-מאָרגען זשורנאַל" אויסגאַבע
לכבוד דער 100-יאָריגער פייערונג
1859-1959 • ניו-יאָרק

Copyright, 1921, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

שלום עליכם

לכבוד יום־טוב

ערשטעס בוך

אינהאַלט

ארבע כוסות	7
בחפזון	17
אויף פסח אהיים	33
כל־נדרי	59
שמחת־תורה	93
די ערשטע נאַכט פסח אויף דער מלחמה	105
אקדמות	119
דער סדר	133
נישטאָ קיין נייעס	139
אַ פריהער פסח	149
בלינצעס	169
קנאַרטעז	199
המן און מרדכי	223

אַרבע כוסות

געשריבען אין יאָהר 1888.

ארבע כוסות

איהר ווייסט דאך, אז איך בין א וויינשענקער. איך בין א וויינשענקער פון כמה וכמה יאהרען. ביי מיר אין קעלער קאנט איהר געפינען אלטע וויינען, וואס זענען שוין אלט... שא, אט וועל איך אייך זאגען. אויב איהר געדענקט — נאר איהר קעהרט אודאי געדענקען — פאר דעם ערשטען טערקישען קריעג בין איך געווען דער ערשטער, וואס האט זיך אוועקגעלאזט קיין אקערמאן און קיין פעאדאסיע איינקויפען א ראמשעל מיט וויין. מילא, די חידושים פונ'ם דאזיגען לאנד, וואס איז באמת איין „ארץ זבת חלב ודבש“, און דער פחד מיט דער מורא פון דער מלחמה, — דאס איז אליין כדאי, כלעבען, באשריבען צו ווערען אין א אידיש בלאט; נאר אזוי ווי עס איז איצט ערב יום־טוב, און די הויפט־לייזונג איז ביי מיר פאר פסח, מחמת — איהר ווייסט דאך — ווען דארף א איד וויין? — פסח אויף ארבע כוסות; לכן, בין איך אצינד שטארק פארנומען מיט די קונים און קאן זיך נישט אפגעבען מיט אזעלכע זאכען, ווי א פעליעטאן צו שרייבען, וואס ביי מיר איז דאס, אייגענטליך, גאר א דבר־שיבוש, גאר א קלייניגקייט, א שפיעלכעלע. ווארום, באמת, למאי זאלען מיר זיך נארען? א אידישען פעליעטאן, א פעליעטאן אויף פשוט אידיש, — אויך מיר איין עסק! וועלכער איך קאן ניט אנשרייבען א אידיש בריוועל? מע נעמט א פען, מע שרייבט — שרייבט זיך...

בקיצור, בין איך געווען איין מאָל אין מיין לעבען אין אַקערמאַן און האָב געבראַכט פון דאָרט אַ ראַמשעל מיט ווײַן, זאָג איך אײַך, אַז עס איז געווען אַ דבר פּלא; און איבערהויפּט האָב איך געבראַכט פון דאָרט אַ „ווימאַראַזיג״, וואָס עס שטעהט נאָך עד היום פון איהם אַ פּעסעל ווימאַראַזיג, שוין אַ געמישטער, פאַרשטעהט איהר מיך, מיט אַ „באָרדיטשעווער טענעדאָס״, שוין עטליכע מאָל געמישט, דערגאָסען, פאַרפּראַוועט, איבערגעמאַכט און צוגעזעצט מיט אַ „בעסאַראַביער־רהיין־ווײַן״ — און האַלט זיך נאָך עד היום הזה מיט זיין שטאַלט, מיט זיין לויטערקייט, מיט זיין מתיקות, מיט זיין גלאַטקייט, מיט זיין געשמאַק, מיט זיין וואַסער... דאָס הייסט מיט זיין וואַסערקייט... מיט זיין... מיט... מיט... מיט...

פון דעמאָלט אָן, דאָס הייסט, פון דער ערשטער מלחמה אָן, בין איך שוין קיין קרים מעהר ניט געפאָהרען, מחמת ווײַן האָב איך געבראַכט דעמאָלט זעהר אַ סך, אַ גוזמא ווײַן, אַזוי אַז ס'איז געווען גענוג פאַר מיר אויף עטליכע יאָהר — און דאָס שטעדטעל, ווייסט איהר דאָך, איז אַ קליין שטעדטעל — און נאָכדעם, אַז איינציגע סאָרטען ווײַן האָבען בײַ מיר אָנגעהויבען אויסצוגעהן, האָב איך שוין מסתמא אָנגעהויבען צו באַציהען ווײַן פון... דאָס הייסט, איך באַציה איהם שוין דאָרטען; איך האָב שוין ווײַן אַלע יאָהר, לאָז זיך אײַך דאַכטען, ניט קיין גאָר שלעכטער ווײַן, וואָרום קיין אַקערמאַן פאַהר איך שוין ניט — דאָס איז אמת, אָבער אַ מבין בין איך, ברוך השם, גלײַך מיט אַלע באַרדיטשעווער ווײַנ־שענקערס, און די קונים, וואָס איך האָב, וועלען די באַרדיטשע־ווער ווײַנשענקערס ניט האָבען צייט זיי וועלען לעבען, דען מיינע קונים אַליין זענען אויך גרויסע מבינים אויף ווײַן. מיינע קונים זענען פאַרשיידענע קונים: ס'איז דאָ אַזעלכע קונים בײַ מיר, וואָס זיי קומען־אַריין צו מיר אין קעלער „פאַרזוכען ארבע־כּוסות־ווײַן״ תיכף נאָך שושן־פּורים; און ס'איז דאָ קונים, וואָס קומען צו מיר „אויסקלויבען ארבע־כּוסות־ווײַן״ אַ צוויי־דריי טעג פאַר

פסח; און ס'איז דא ביי מיר ווידער אזעלכע קונים, וואס טרע־טען ניט אריין צו מיר ביז'ן ערב פסח אריין, און די מחיה געהט כמעט ביז ליכטבענטשען. אזעלכע „חאפערס" האב איך פיינט; איך קאן זיי ניט סובל זיין; זיי געב איך שוין איבער מיין פלונית'־טע, און זי רעכענט זיך שוין מיט זיי אפ, ווי זי פארשטעהט — און זי איז גאנץ גערעכט, כלעבען: למאי זאל א איד אפלעגען „ארבע כוסות" אויף לעצט? וואס איז? פאר וואס איז דאס א קלענערע מצוה פון אלע אנדערע מצוות?

דער בעסטער, דער לייטישטער פון אלע מיינע קונים, וואס איך האב ליעב — איז מיכאל־מנשה דער שטילער, א גאנץ לייטישער איד, א שטילער מענטש, א בארוהטער מענטש.

— זייט זשע מוחל, — זאגט ער צו מיר, אריינקומענדיג תיכף נאך שושן־פורים מיט צוויי גרויסע גרינע סלאיעס, מיט דריי פלעשער און מיט א קליין פלעשעלע — און מיר לאזען זיך אראפ אין קעלער אריין מיט צוויי גלעזלעך אויף צו פארזוכען די גלעזלעך צאפ איך אן פול, און מיר טראגען זיי ביידע צו צום מויל. דעם ערשטען זופ שלינגט מיכאל־מנשה נישט אראפ; ער האלט איהם עטליכע מינוט אויף די צייהן און דרעהט מיט דער צונג אין מויל א היבשע ווילע, און ערשט נאכדעם נעמט ער איהם ארויף אויף די ליפען. זאגען זאגט ער גארנישט — ער איז, בכלל, א גרויסער שווייגער, — ער טהוט נאר א מאך מיט'ן קאפ, און איך פארשטעה שוין, וואס דאס הייסט.

— דאס איז דער אקערמאנער, רב מיכאל־מנשה! — זאג איך איהם. — אצינד וועלען מיר זיך נעמען צום „זמירער ווײן"... נו, וואס זאגט איהר עפיס אויף דעם „זמירער", רב מיכאל־מנשה?

— גוט! — ענטפערט ער מיר.

— נו, און ווי געפעלט אייך דער „ליסאבאנער באררא", רב מיכאל־מנשה?

— גוט!

— נו, וואס וועט איהר עפּיס זאגען, רב מיכאל־מנשה, אויפ'ן „טערקישען פּארט־וויין״?

— גוט!

— אט דער דאזיגער „קאוועשאנער פראנצוויין״ איז מיין ארבייט, רב מיכאל־מנשה. נישקשה? הא?

— גוט!

— איהר ווילט אט דעם, רב מיכאל־מנשה? דאס איז א „היימישער פּארטוגאל״. ווי געפינט איהר איהם?

— גוט!

הכלל, מיכאל־מנשה ווייסט, אז קיין שלעכטען ווין האב איך נישט, און ווען איך זאל אפילו יא האבען א שלעכטען (ס'איז גאר ניטא קיין שלעכטער ווין; וואס הייסט שלעכטער וויין?), וואלט איך איהם אויך נישט געגעבען. דערפאר איז ער צופריעדען פון מיר, און איך פון איהם.

דער צווייטער מבין ביי מיר איז — גדליה־לייזער דער הויכער. ער איז אפילו א ביסעל איין אויסטראכטער, — סע מאכט זיך אמאל א מפונק, — דאך קאן מען אויף איהם ניט זאגען, אז ער איז חלילה ניט קיין מבין.

— אנו, קום נאר, קום! — מאכט ער צו מיר און שלעפּט מיך אראפּ פאר א האנט אין קעלער אריין. מיר „איהרצען״ זיך ניט, מיר האבען אין איין חדר געלערענט אמאל, חברים געוועז. — אנו, ווייז נאר, ווייז אקארשט דעם אקערמאן! ער הייסט נאך אלץ ביי דיר „אקערמאן?״ ס'וואלט שוין צייט געוועז, ער זאל הייסען ביי דיר „באַרדיטשעוו״, ניט „אקערמאן״.

— וואס עפּיס „באַרדיטשעוו״?

— וואס עפּיס „באַרדיטשעוו״, פרעגסט דו? שוין דא, דאכט זיך, א יאהר מיט א מיטוואך, אז דו ביזט געוועזן אין אקערמאן, און פון דעמאלט אן הייסען ביי דיר נאך אלץ אלע ווייגען „אקערמאן״... נו, ווייז שוין, ווייז אהער דיין פראנצוויין פון צימוקים.

— פון וואסערע צימוקים?

— פון די ראזינקעס, וואס דו מאכסט דעם פראנצוויין. קוק איהם אן, ווי ער מאכט זיך עס א ביסעל גע'פגר'ט! פאר מיר האסט דו זיך ניט וואס צו באהאלטען, ברודער! היינט געב מיר נאך א צוויי קווארט פונ'ם „זמירער"; נאר איך בעט דיך, ס'זאל זיין א ביסעל ווינציגער צוקער אין איהם, מחמת ביז איך וועל איהם דערטראגען אהיים, וועט ווערען פון איהם אדער ספירט, אדער עסיג.

— ביזט משוגע, צי חסר־דעה, גדליה־לייזער?!

— נו־נו־נו! ווייסט דאך, אז איך האב פיינט אט די אנ־שטעלען! היינט געב מיר א קווארט וויין א ריינעם, א כשר'ען, ניט קיין גע'שמד'טען, אהן וואסער, אהן סיראפ, אהן ראזינקעס און אהן אט די אלע דיינע צוזעצעכצען. איך קען דאך דיך: צו דיר אז סע קומט אריין איין עמער וויין, קאנסט דו זיך ניט איינ־האלטען און פראוועסט איהם אזוי לאנג, ביז סע ווערט פון איהם א גאנצע פאס, און דו טראכסט איהם צו משונה־ווילדע, משוגענע נעמען, און דער עולם לעקט פון איהם די פינגער, גלייך ווי פון עפים רעכטס.

— געה שוין, געה, גדליה־לייזער, דו ביזט א גוטער לץ...

דער דריטער קונה, פון די מבינים, איז ביי מיר דוקא א גע־מיינער איד, א איד א שוחט, רב וואליקע דער שוחט. רב וואליקע האט אפילו ליעב אויסקאכען דאס וואסער און הייסט זיך אפטר־מאל געבען אזא וויין, וואס ניט נאר אין אקערמאן, אפילו אין שפאניען וואכסט נישט אזעלכער; דאך איז רב וואליקע דער שוחט א מבין אויף א גלעזעל וויין, און וויבאלד א מבין, אזוי איז ער מיר שוין איינגעבאקען אין הארצען.

— אייער „זמירער" — זאגט רב וואליקע דער שוחט און קנייטשט מיט דער נאז — אייער „זמירער" איז היינטיגס יאהר עפים ניט געראטען.

— דהיינו, רב וואליקע, מיט וואס?

— דהיינו, מיט דעם, וואָס ער האָט ניט אין זיך די ווייניגקייט, די מאַססטעקייט מיט׳ן גלאַטקייט, וואָס ער האָט געהאַט פאַראַיאָהרען.

— ווייסט איהר זשע, רב וואָליקע, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי?

— פאַר וואָס? אדרבה?

— דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נאָך באַדאַרפט אַ קאָפּ אויסשטעהן; פאַראַיאָהרען איז געווען אַיין עבור־יאָהר, איז ער מעהר אויסגעשטאַנען...

— ס׳קאָן זיין, — ענטפערט רב וואָליקע דער שוחט, פאַרזוכט דעם רויטען וויין און מאַכט מיט די ליפּען.

— נו, וואָס וועט איהר זאָגען, רב וואָליקע, אויף׳ן „פּוילישען באַרדאָ“ עפּיס? איאָ, סע נעמט?

— נעמען נעמט עס; ס׳האָט אָבער ניט אין זיך דאָס „שפּיצעל“, וואָס פאַראַיאָהרען.

— וואָסער שפּיצעל?

— דאָס שפּיצעל, וואָס עס שפּיצעלט אויף׳ן שפּיץ צונג.

— אַ? דאָס מיינט איהר? דאָס קאָן ניט זיין, רב וואָליקע. איך מוז עס אייך מסביר זיין, געבען צו פאַרשטעהן. די מעשה דערפון איז אַזוי: יעדער וויין, בשעת ער איז נאָך ווין, האָט ער אין זיך אַי אַ מתיקות, אַי אַ זיסקייט, אַי אַ ווייניגקייט. די מתיקות גופא האָט אויך אין זיך אַ ווייניגקייט, און די ווייניגקייט האָט אין זיך אַ זיסקייט... יאָ, איז אַז עס קומט זיך צונויף די זיסקייט פון׳ם ווייניגקייט און די ווייניגקייט פון׳ם זיסקייט, קומט שוין דערפון אַרויס אַ זיס־ווייניגקייט, אָדער אַ ווייניג־זיסקייט. דערפאַר קאָן עס שוין ניט האָבען אין זיך דאָס... דאָס... ממשות, דעם רעכטען, דעם שאַרפען שפּיץ פון׳ם... איהר פאַרשטעהט?

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה! — זאָגט רב וואָליקע דער שוחט, און דערפאַר האָב איך איהם ליעב, וואָס ער פאַרשטעהט אַ זאַך, אַז מע גיט זי איהם צו פאַרשטעהן.

די איבעריגע קונים מיינע, פון די מבינים, האָט דאָך נישט קיין שיעור און קיין ערך צו באַשרייבען, דען יעדערער האָט זיך זיינע מעלות מיט זיינע חסרונות, זיינע קאַפּריזען מיט זיינע משוגעת'ען, און דער וויינשענקער מוז עס אַלעמען אויסשטעהן און איבערטראָגען.

נאָר דאָס איז נאָך אַלץ גערעדט געוואָרען עטליכע טעג פאַר פּסח; אָבער דעם טאָג פון ערב פּסח דאַרף מען זיין טאַקי ממש פון אייזען, אז מע זאָל עס קאָנען איבערטראָגען; דעמאָלט מיש איך זיך שוין מעהר ניט, און לאָז איבער דעם גאַנצען פּדיון אויף מיין זוגתי, וועלכע איז, ניט צו פאַרזינדיגען, דערצו אַ בריה נפלאה, אַ געשלייפטע זאַך.

— גיט מיר פונ'ם רויטען, שרה־דבורה, פונ'ם רויטען! — שרייט מען צו איהר פון אַלע זייטען.

— ווי טייער איז ביי אייך וויין, שרה־דבורה?

— גיט מיר פון דעם, וואָס פאַראַיאָהרען!

— איך וויל ניט פונ'ם פאַראַיאָהריגען; פאַראַיאָהרען האָט איהר מיר געגעבען באָרשטש, ניט קיין וויין!

— איך האָב ביי אייך געבעטען רויטען, און איהר האָט מיר געגעבען ווייסען!

— וואָס פאַר אַ ביסעל עסיג האָט איהר מיר געגעבען, שרה־דבורה?

— גיט מיר פון דעם, וואָס מיין טאַטע האָט ליעב!

— גיט מיר פון דער גרויסער פאַס, שרה־דבורה, פון דער גרויסער פאַס איז בעסער!

— גיט מיר אַ האַלבע קוואַרט רויטען און אַ האַלבע ווייסען.

— גיט מיר וואָסערע איהר וועט מיר געבען, אַבי וואָלוועל.

— גיט מיר גיכער, שרה־דבורה. שוין צייט אין שוהל אריין.

— אין שוהל אריין! מען געהט שוין אין שוהל אריין! דער עולם לויפט שוין אין שוהל אריין!...

* * *

אמת, אמת. דער עולם לויפט שוין אין שוהל אריין... אך, ווי שעֶן דאָס איז! ווי גרויסאַרטיג! מלכים בני מלכים!... אנגע־טהאָן געהט מען אין בגדי־מלכות. די נייע קאַפּאָטקעלעך ביי די קליינע קינדער, ביי די ווייסע־חברה'ניקעס, קנאַקען. די שטיוועֿ־לעך סקריפּען. די היטעלעך גלאַנצען. און אויפ'ן הארצען? — אך, אויפ'ן הארצען איז עפּיס אזוי אויפגעלעגט, אזוי גוט, אזוי פריי!

— שרה־דבורה! פּאַרשלים שוין דעם קעלער! שרה־דבורה, איין עק! אוים פּדיון! גענוג! אוים ווײנשענק! שוין יום־טוב! יום־טוב!...

בחפזון

[חאַפּענדיג]

(אַ בריעף פון מנחם־מענדלען צו שלום־עליכם׳ען).

געשריבען אין יאָהר 1900.

בחפזון

כי בחפזון יצאת מארץ מצרים —
וואָרום ח אַ פּ ע נ ד י ג ביזט דו
אַרויסגעגאַנגען פון׳ם לאַנד מצרים.
(דברים ט״ז, ג׳).

שלום לכבוד ידידי היקר וכו׳ וכו׳ וכו׳ מוהר״ר שלום־עליכם נ״י.

ר א ש י ת באתי להודיעכם, אַז איך בין, ברוך השם, בקו החיים והשלום; השם יתברך זאָל העלפען, מע זאָל תּמיד האָרכען איינס פון׳ם אַנדערען נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות, אמן. ו ה ש נ י ת, הנה זייט וויסען, אַז איך בין מיט גאָט׳ס הילף אַ „מלך״, דאָס הייסט, איך בין געקומען בשלום אויף פּסח אַהיים קיין כּתרילעווקע צו מיין ווייב און קינדער, צו מיין שוועהר און שוויגער און צו אַלע מיינע ליעבע און געטרייע, און איך אייל מיך, מיין ליעבער טייערער פריינט, אייך מודיע זיין וועגען דעם חאָטש אין קורצען, מחמת לאַנג מאריך זיין קאָן איך נישט, ס׳איז ערב פּסח, און ערב פּסח באַדאַרף אַ איד טהון אַלס־דינג ב ח פ ז ו ן, אויף איין פוס, ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: „כי — וואָרום, בחפזון — איילענדיג, יצאת — ביזט דו אַרויסגעגאַנגען, מארץ מצרים — פון׳ם לאַנד מצרים״. נאָר פון וואָס זאָל איך אייך שרייבען פריהער — ווייס איך אַליין נישט. מיר דאַכט, אַז איידער עפּיס־וואָס בין איך מחויב אייך צו געבען;

א שענעם דאנק און א גרויסען שבח פאר אייער קלוגער עצה, וואס איהר האט מיר געגעבען, אז איך זאל ווערען א שדכן. איך וועל אייך, גלויבט מיר, אייביג און אייביג נישט פארגעסען, וואס איהר האט מיט מיר געטהאן: איהר האט מיך ארויסגעצויגען מעבדות לחירות, איהר האט מיך ארויסגעשלעפט פונ'ם גיהנם פון יעהופעץ, און איהר האט מיך אויסגעלייזט פון דער וויסטער פינס־טערער פרנסה, פונ'ם מעקלעריי, און איהר האט מיר געגעבען אין האנט אריין א שענע פרנסה, א לייטישע, א בכבוד'ע, — לפיכך דערפאר בין איך מחויב אייך צו לויבען און צו ריהמען, צו בענטשען און באשענען אייער נאמען, אזוי ווי איהר האט דאס ביי מיר עהרליך פארדיענט, און לאז אייך גאט באצאהלען בכפל כפלים, אמן! אמת, איך האב נאך אפילו קיין שידוכים ביז אהער נישט אויסגעפיהרט, נאר עס פיהרט זיך ביי מיר, עס דרעהט זיך, און ווי־באלד עס דרעהט זיך, איז א האפענונג, אז עס וועט זיך מסתמא, מיט'ן אויבערשטענ'ם הילף, עפּיס אויסדרעהען. ובפרט, איך אר־בייט נישט אליין. איך ארבייט בשותפות מיט נאך שדכנים, מיט די גרעסטע שדכנים פון דער וועלט: מיט רב אליקום דעם לאנד־שדכן, מיט רב מענדעל בראדער, מיט'ן שמארגאנער שדכן, מיט מאטעל שאפראן, און מיט יענטיסען, און מיט רב שלום שדכן, און מיט נאך א סך אנדערע, — און געלויבט איז השם יתברך, איך האב א נאמען אויף דער וועלט. וואוהין איך קום און שטעל מיך פאר „מנחם־מענדעל פון יעהופעץ“, בעט מען מיך זיצען, מע דער־לאנגט טיי מיט איינגעמאכטס און מע פארנעמט זיך מיט מיר, ווי מיט א ליעבען גאסט, און מע באווייזט מיר די כלה, און די כלה באווייזט מיר וואס זי קאן, זי צערעדט זיך מיט דער גובערנאנטקע אויף פראנצויזיש, שיט ווי פון א זאק, און די מחותנת'טע זיצט אקעגען איין אויסגעשלייערטע און לאזט נישט אראפּ פון מיר קיין אויג, ווי איינער רעדט: „נו, ווי געפעלט זי אייך? איא, זי קאן?“... איך אליין האב אויך געחאפּט א פאר ווערטער אויף פראנצויזיש און פארשטעה שוין א ביסעל די שפראך; למשל, אז

מע זאגט מיר: „פארליי וואו פראנזי?“ (וואס מאכט איהר עפּים איז געזונט?), זאג איך: „מערסי באנדזשור“ (געלויבט איז השם יתברך). נאכדעם זעצט מען אוועק די כלה, זי זאל מיר א ביסעל שפּיעלען אויפ'ן פערדעפיאן שטיקלעך פון „גאלדאוני“ און פון „שולמית“ — מחיה נפשות, ממש עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר! און דער מחותן מיט דער מחותנת'טע דערוויילע פארבעטען מיך, איך זאל בלייבען אויף ווארמעס. מהכתיתי, פאר וואס ניט? ביי'ם טיש רוקט מען מיר אונטער דאס שענסטע שטיקעל פלייש און מע האדעוועט מיך מיט צימעסען אין דער וואכען. נאכ'ן עסען מאך איך א שמועס מיט דער כלה: „וואס, זאג איך, איז אייער באגעהר — א יוריסט, א הינדזשיניר, צי א דאקטער?“ — „געוויינטליך, זאגט זי, א דאקטער“. און זי הויבט־אן ווייטער שיטען אויף פראנצוויזיש מיט דער גובערנאנטקע, און דערוויילע קומט־אונטער די מחותנת'טע און באווייזט מיר דער טאכטער'ס האנטארבייט. „איהר אויסנייהעכץ מיט איהר שטיקעכץ פארנעמט איין אויג, זאגט זי; היינט איהר גוטסקייט פארמאגט נישט קיי־נער; שטיל, זאגט זי, ווי א טויב, און קלוג, ווי דער טאג!“ אויך דער מחותן פון זיין זייט מאהלט מיר אויס דעם יחוס זיינעם, פון וואנען ער שטאמט און וועמענ'ס איידעם ער איז, ווער איז געווען זיין זיידע און זיין עלטערזיידע, און ווער זענען זיינע מחותנים — אלץ פיינע מענטשען, גבירים, אדירים, און מיוחסים, די שענסטע אין דער וועלט! „ניטא ביי אונז, זאגט ער, קיין פּראסטער מענטש אין דער משפּחה“... „און קיין ארעמעלייט, זאגט זי, אויך ניט“... „נישטא קיין איינציגער בעל־מלאכה“, זאגט ער... „נישט קיין שניידער, זאגט זי, נישט קיין שוסטער“... „קיין שארלאטאנעס, זאגט ער, איז ביי אונז נישט פארהאן“... „און קיין משומדים, זאגט זי, אודאי ניט“... און נאכדעם, ביי'ם געזעג־נענען שוין, טהו איך א זאג דעם מחותן, אז די הוצאות, וואס קאסט היינט אין וועג, איז ניט אויסצושטעהן... און אויב ער איז ניט קיין גראבער נאר, שטויסט ער זיך, וואס מע מיינט, און

קעהרט־אום פאַר הוצאות... איך זאָג אייך, ידידי יקירי, דאָס שדכנות איז גאָר נישט קיין שלעכטע פרנסה, און ווער שמועסט, אַז גאָט העלפט, מע פיהרט נאָך אויס אַ שידוך! ביי מיר האָט זיך דערוויילע, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, נאָך נישט אויסגעפיהרט גאָרניט, עס קלעפּט זיך עפּיס נישט! תחילת באַווייזט זיך דאָס, דאַכט מיר, גאָר גלייך, וואָס גלייכער קאָן שוין ניט זיין, אָנגעמאָסטען משׁשׁת ימי בראשית, צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מע הויבט זיך גאָרנישט אָן: דעם געפעלט ניט די מויד, דאָרט איז צו אַלט דער בחור, דאָ איז צופיעל יחוס, דאָרט איז ווינציג געלט, דער וויל דאָס טעלערעל פונ׳ם הימעל, און דער ווייסט אַליין נישט וואָס ער וויל, — וואָס זאָלט איהר קלערען, ס׳איז פאַרהאַן דערביי גענוג צרות, מיט יסורים, מיט בזיונות, מיט וואָס איהר ווילט! אָט שטעה איך איצט אין אַ פּאָר שידוכים, געוויינטליך, מיט נאָך שדכנים, וואָס אַז דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבען און זיי פיהרען זיך אויס, וואָלט מיט זיי געקלונגען די וועלט.ביידע צדדים זענען גבירים אדירים, און מיוחסים — איינע אין דער וועלט, און זייערע טעכטער זענען ביידע יפת־תוארם, וואָס מע קריגט זיי ניט, פלאַי־פלאָים, ביידע העכסט־געבילדעט, ביידע געראָטענע, גוטע, קלוגע, שטילע, און מיט אַלע מעלות, און איך האָב דוקא גענוג סחורה פון זייערטוועגען. אָט האָב איך, למשל, אַ דאָקטער פון אַ ד ע ס, וויל ער נישט ווינציגער פון למ״ד אלפים קאַרבען נדן, און ער מעג ווערען, וואָרום ווערליג די פּראַקטיקע, וואָס ער האָט, איז ער ווערטה, זאָגט ער, אַ סך מעהר; און איינעם האָב איך פון שדה־לבן, איין אַנטיקעל, אַ קאָרעפּירער אתרוג׳על, ער איז אַ מציאה צוואַנציג טויזענט. און נאָך איינעם האָב איך אין יעהופּעץ, וויל ער נישט חתונה האָבען. און נאָך אַ סך דאָקטוירימלעך האָב איך, וואָס געהען־אויס חתונה האָבען. היינט האָב איך יוריסטען אַ גאַנצען פּאַק, פון פופצעהן טויזענט און פון צעהן טויזענט, און קליינע יוריסטלעך, אַזעלכע, וואָס מע וועט ביי זיי פּועל׳ען פאַר זעכס טויזענט און פאַר פינף

טויזענט, און אפשר פאַר ווינציגער אויך. היינט האָב איך הינדזשינירען אַ פּאָר, וואָס פאַרדיענען שוין אַליין געלט, און עטליכע הינדזשינירלעך, וואָס זוכען זיך שטעלעס. היינט האָב איך אַ מיש־מאַש פון חתנים, אויסגעשפּיעלטע, אַנטיקען שבאַנטיקען, פון טעטרעוויץ, פון מאַקאַרעווקע, פון יאַמפּעלע און פון סטרישטש, ניט קיין שטודיערטע, נאָר גלאַט אַזוי פיינע, אויסגעצייכענטע בחורים׳לעך, משכילים, ציוניסטען — הקיצור, ס׳איז פאַרהאַן ביי מיר, קיין עין־הרע, פון וואָס אויסצוקלויבען. דער חסרון איז נאָר, וואָס דער חתן, וואָס וויל יענע כלה, וויל איהם יענע כלה דוקא ניט; און יענע כלה, וואָס וויל דוקא יענעם חתן, וויל זי דער חתן ניט. וועט איהר דאָך מסתמא פרעגען אַ קשיה: פאַר וואָס זאָל יענער חתן ניט נעמען יענע כלה, וואָס יענער חתן וויל זי ניט, און פאַר וואָס זאָל יענע כלה ניט נעמען יענעם חתן, וואָס יענע כלה וויל איהם ניט? בין איך שוין אָבער אַליין אויך געפאַלען אויף דער עצה, נאָר סע געהט נישט. ווייסט איהר, פאַר וואָס? עס מישען זיך אַריין אין מיטען פרעמדע מענטשען, גוטע פריינט, מיינען נישט דערביי חלילה קיין שום זאַך, און רעדען־אַן אויף ביידע חתנים מיט ביידע כלות; ווערט קאַלי דאָס גאַנצע שפּיעל. דערווייליע לויפען בריוולעך היִן און צוריק, מיט דעפּעשען — עס קעהרט זיך די וועלט! און דאָ איז אונטערגעשפּרונגען דער פסח אין מיטען, האָט זיך געשטעלט ווי אַ ביין אין האַלז און האָט אָנגעמאַכט אַ שטיקעל איבערשלאָג. האָב איך מיך מיישב געווען: מיינס וועט פון מיר ניט אַנטלויפען, ס׳איז אַזאַ סחורה, וואָס ליגט זיך אויס, — פאַר וואָס זאָל איך מיך ניט אַראָפּכאַפּען אַהיים אויף יום־טוב קיין כתרילעווקע, איך בין דאָרט אַזאַ צייט נישט געוועזען? ס׳איז ניט קיין יושר פאַר ווייב און קינדער, ניט שען פאַר לייטען, און זיך אַליין איז דאָס שוין אויך אַ ביסעל פריקרע. בקיצור, איך בין געקומען אויף פסח אַהיים און שרייב אייך פון דאַנען דעם דאָזיגען בריעף. וועט איהר דאָך מיך פרעגען, למאי האָב איך אייך נישט געשריבען ביז אַהער? איז דער תירוץ: אַ איד איז

פארמאטערט, א איד האט קיינמאל קיין צייט ניט, תמיד בחפזון, נאר געחאפט און נאר געלאפען; איך האב אלץ גערעכענט, ניט היינט איז מארגען, אט־אט פיהר איך אויס מיט גאט'ס הילף עפיס א שידוך א רעכטען, וועל איך אייך שוין אויסשרייבען אלסדינג אין פריידען. נאר אז עס האט זיך געמאכט אזוי, אז מיינע אלע שידוכים האבען זיך א ביסעל פארצויגען און געבליבען הענגען אין דער לופטען, ניט אהין, ניט אהער, האב איך שוין אפגעלעגט מיין שרייבען צו אייך אויף שפעטער, ביז גאט וועט מיך ברענגען בשלום אהיים.

אצינד באדארף מען אייך באשרייבען, ווי אזוי איז געוועזען מיין קומען אהיים צו מיין ווייב און קינדער, באשרייבען אלסדינג, אזוי ווי איהר האט ליעב; נאר טאמער וועט די באשרייבונג אויסקומען נישט אזוי קיילעכיג, ווי ביי אייך, זאלט איהר קיין פאראיבעל ניט האבען; איטליכער דרש'עט אזוי ווי ער קאן.

אנגעקומען אהער בין איך, הייסט דאס, מיט דער באהן נאך נעכטען, נאר מחמת די בלאטעס זענען דא זעהר גרויס, האב איך מיך געשלעפט א גאנצע נאכט מיט דער פוהר, שיער ניט געבליבען דארטען פסח האלטען מיט'ן בעל־עגלה מיט די פערדלעך אינאיינעם. אייך באדארף זיין באקאנט די היגע בלאטע נאך פון אמאל; נאר פון זינט מע האט פארקלערט אויספלאסטערען די שטאדט מיט שטיינער, איז די בלאטע, ווי אויף צו־להכעיס, געווארען נאך גרעסער. איהר קאנט פארשטעהן, אז מע געהט שוין ביי אונז גאר אהן קאלאשען, הפקר א וועלט, און ווייבער זענען געפאלען נאך אויף א שענערע עצה: זיי געהען גאר אין די זאקען, א ברכה אויף זייערע קעפ! געקומען אין דער פריה אין שטאדט אריין, האבען מיר, אלע פארשוינען, געמוזט ארויס פון דער בויד און געהן מחילה צופוס איבער אלע גאסען און איבער'ן גאנצען מארק. עס האט מיר געפלאמט דאס פנים. באקענטע האבען מיך אפגעשטעלט אין מיטען דער בלאטע, אפגעשטעקט שלום־עליכם איטליכער מיט איין אנדער חכמה'לע: „א, וואס מאכט א איד?“...

„וואָס הערט זיך עפּיס אין יעהופּעץ אויפ'ן יריד?"... „זעהט נאָר זעהט, ער געהט שוין אין אַ קאַפּעליש מיט גומענע קאַליאָשען!"... — „לאַכט, לאַכט, — זאָג איך, און קוים־קוים וואָס איך שלעפּ די פיס פון דער בלאָטע, — איהר מעגט טאַקי לאַכען; אויף דער גאַנצער וועלט באַדאַרף מען נאָך קאַלאָשען, און דאָ איז מען פּטור; ביי אייך איז טאַקי ארץ־ישראל"... בקיצור, מיר האָבען זיך יאַקאָש דערשלעפּט אהיים. אין דער היים האָב איך געטראָפען אַ גיהנם. פון'ם כשר'ען מיט'ן ראַמען, מיט'ן בראַטען, מיט'ן ברע־נען, שטעהט אַ רויך, און פון'ם געשריי מיט'ן געפּילדער פון די בעל־הבית'טעס מיט די דיענסטען איז אַ טאַראַראַם, אַ גוואַלד, מע קאָן טויב ווערען — אַ קליינינקייט, ערב פּסח! די ערשטע, וואָס איז מיר געקומען אַקעגען, איז געווען די שוויגער זאָל לעבען, די אייגענע וואָס געווען, נישט געמינערט אויף אַ האָר. געשטאַנען איז זי אין דרויסען פון פאַרענט איבער עפּיס אַ הילצערן בעטעל. דאָס טיכעל פאַרבונדען אַרונטער מיט צוויי שפּיצען, אין איין האַנט האָט זי געהאַלטען אַ שערבעל מיט קאַרעסין, אין דער אַנ־דערער האַנט אַ פּלעדערוויש, און געפּרענגעלט די וואַנצען. מיך דערזעהען, איז זי ווינציג־וואָס נתפּעל געוואָרען, זיך געטהאָן איהר אַרבייט ווייטער און גערעדט גלייך ווי צו זיך אַליין, געשאָטען ווי פון אַ ראָזשעק:

— סקאַצעל קומט, מע זאָל דערמאָנען משיח'ן... אָט איז ער דאָ, דער געניידעם... אז עס געהט ניט אין היזק, זוכט זיך עס אָפּ... אַ ציען אַנטלויפט, אַ הוהן ווערט פאַרפאַלען, און אַ מאַן קומט צו פאָהרען... צוריק קומט מען נישט נאָר פון יענער וועלט... סע זאָל ניט זיין ערב פּסח, וואָלט איך צעוואָרפען דעם אויווען... ניט אומזיסט האָט זיך נעכטען די קאַץ געוואַשען, און דער הונט האָט אויפגעגעסען די קישקעלעך... שיינה־שיינדעל טאָכטער, אַנו, קום נאָר אַהער, אָט איז דער תכשיט דיינער, די גילדענע קרוין פון'ם קאָפּ, דאָס ארון־קודש'על אונזערס, נעם גיס־אויס די פּאָמעניצע!...

אויף די ווערטער לויפט־ארויס מיין ווייב א דערשראקענע.

— טפו זאלסט דו ניט ווערען! — מאכט זי צו מיר. — אפגעזוכט א צייט ווען צו קומען אהיים — דערויף טאקי באדארפט חאליען דארטען אין דער קרענק ימים ושנים, אויסוואלגערען זיך אויף אלע בוידעמס, דיענען אלע עבודה־זרהס, און אויסקראצען זיך קומען אהיים פונקט ערב פסח, ווען מע רייניגט־ארויס דאס לעצטע ביסעל חמץ, און נישט קאנען רעדען א ווארט אפילו, אדער נעמען אויף זיך איין אנדער קליידעל, נישט געהן ווי א שלעפעריון, אזא יאהר אויף דיינע יעהופעצער דאמען, ברענען זאלען זיי, ווי זיי האבען דיך צוגעהאלטען דארטען מיט קלעשטשעס, זיי זאלען גאר נישט דערלעבען די אנדערע טעג פסח, רבונו של עולם! ער זאל דאס אפילו פרעגען, א מכה איהם, וואס מאכסט דו גוטס, אדער די קינדער וואס טהוען? שרה׳לע, פייגעלע, יוסילע, נחמה׳ניו, משה־הערשעלע! דער טאטע איז געקומען צו פאהרען, קוים מיט צרות דערמאנט זיך, אזא יאהר אויף מיינע שונאים, וואס פאר א פנים דו האסט ביי מיר מיט דעם שענעם קאפעליש! וואס זאגסט דו אויף דעם קינד, מיר זאל זיין פאר זיינע ביינער, לאזט זיך ניט אויסצוואגען דאס קעפעל, א מיתה משונה, געגונג מע מ״טשעט זיך מיט זיי א גאנץ יאהר, נא דיר איין ערב פסח, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רעד!...

דעם אמת מוז איך אייך זאגען, ליעבער פריינט, אז איך האב מיינע קינדער כמעט ניט דערקענט, און זיי מיך — אוודאי ניט, און האטש מיין ווייב האט מיר געמאכט ניט אזא שענעם ברוך־הבא, ווי איך האב געמיינט, פון דעסטוועגען האב איך ארויסגעזעהען, אז זי איז צופריעדען, ווארום אז איך האב מיך צעקושט מיט די קינדער, איז זי אפגעטראטען אויף א זייט, מע זאל ניט זעהען, ווי זי וויינט... בעסער און פריינטליכער פון אלע האט מיך באגעגענט דער שווער. ער האט זיך דערפרעהט טאקי ווי איין אייגענער טאטע, אדער ווי א קינד, אדער ווי א מענטש, וואס זיצט לאנג־לאנג אין געפענגעניש, און פלוצים דערזעהט ער

נאָך איינעם אַ געפאַנגענעם... מיין שוועהר, זעהר אַ שענער איד מיט שענע שוואַרצע אויגען און מיט אַ שענער באָרד, האָט זיך אין די עטליכע יאָהר אַ שטאַרקען רוק געטהאָן, געוואָרען ווייס ווי אַ טויב. ער האָט מיר אָפּגעגעבען שלום, מיך אַ פרעג געטהאָן „וואָס מאַכסט דו“, און מיט אַ וואונק האָט ער מיך פאַררופען צו זיך אין אַלקיר, און ערשט דאָרטען האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר קושען.

— ווייסט דו, מענדעל, וואָס איך וועל דיר זאָגען? — מאַכט ער צו מיר מיט אַ זיפץ. — מע ווערט אַלט! איך בין דערגאַנגען, אַז וואָס אַ יאָהר, וואָס אַ יאָהר ווערט מען עלטער. זעץ זיך קאָרשט אַנידער און דערצעהל מיר, וואָס האָרכט זיך עפּיס נייעם? ביזט אויסגעוועזען אַ וועלט. וואָס טהוט זיך עפּיס מיט אידען, ווי אַזוי איז געוועזען די אמת'ע מעשה מיט דרייפוסען, וואָס זאָגט מען מכּח מלחמה, און וואָס שמועסט עפּיס דער עולם וועגען פּליסטינע? דאָ ווייסט מען נישט אַ לעק, גאָלע בהמות!

דער שוועהר האָט זיך ערשט פאַרקאַטשעט מיט אַ לאַנגען אַ ברייטען שמועס. נאָר פּלוצים לאָזט זיך הערען פון דרויסען אַ קול־נגינה פון דער שוויגער:

— ברוך! ברוך? (דער ערשטער „ברוך“ געהט מיט איין אויסגעשריי, און דער אַנדערער „ברוך“ שוין מיט איין איבערפרעג, מיט אַ לשון בתמיה: ברוך! ברוך?).

— אָט באַלד, תיכּף ומיד, אָטאָ געה איך, איך געה, איך געה!

אַזוי זאָגט דער שוועהר, און עס טהוט איהם אַ טראָג אין דער לופטען. עטליכע מאָל האָט ער זיך פאַרקאַטשעט אויף צו רעדען מיט מיר, און אַלע מאָל האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול־נגינה פון דער שוויגער: „ברוך! ברוך?“ און אַלע מאָל האָט דאָס איהם אויפגעטראָגען אין דער לופטען: „אָט באַלד, תיכּף ומיד, אָט געה איך, איך געה, איך געה!“... אַ נייע נשמה האָט מען אין דעם דאָזיגען מענטשען אַריינגעזעצט, אַז מע האָט איהם

נאכ'ן אפּהאַפּען דעם ערב־פּסח'יגען אָנבייסען און נאָכ'ן „בעור חמץ" געגעבען אַ העמד און געזאָגט איהם, אַז מיר קאָנען געהן אין מרחץ. דאָרטען, האָט ער זיך געטראַכט, וועט מען חאָטש קאָנען רעדען אַ וואָרט. צום סוף האָט ער נעבאַך געהאַט אַ טעות, און אַ גרויסען. אין מרחץ האָט מען מיך באַפאַלען, ווי די ביענען, ווי די היישעריקען אין אַ הונגער־יאָהר. מע האָט מיך שיער ניט אויפגעגעסען אַ לעבעדיגען. איטליכער האָט נאָר געוואָלט, איך זאָל איהם דערצעהלען, וואָס טהוט זיך אין יעהופּעץ, צי ס'איז אמת מיט די דאָרטיגע אָנזעצען, וואָס מע זאָגט, און צי בראָצקי האָט נאָך עפּים געלט, און וואָס וועט זיין דער סוף מיט דרייפוסען, למאַי איז דאָס אָנשווינגען געוואָרען, און ווי קומט דאָס, וואָס ענגלאַנד זאָל זיך אַזוי לאַנג פּאַטשקען מיט די בויערען? און נאָך אַ סך אַזעלכע שאלות האָט מען מיר פאַרגעבען פון אַלע זייטען, מיך צעריסען אויף שטיקלעך, נישט געלאָזט מיך מיט'ן שוועהר אַליין אויף אַ מינוט, נישט געגעבען אונז אַ וואָרט אויסרעדען. דאָס איינציגע איז געווען אויך ביי די „ארבע כוסות" איינקויפען. געקומען מיט'ן שוועהר צו ר ב י ו ד ע ל ו ו י י נ ש ע נ ק ע ר אין קעלער אַריין, האָט מען מיר געגומען שטעקען שלום־עליכמס פון אַלע זייטען, און ס'איז געוואָרען אַ שמועס וועגען „ארץ־ישראל־וויין". יודעל וויינשענקער (שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרען, אָהן צייהן) האָט געשריגען אין איין קול, אַז ס'איז גאָר נישטאָ אין ערגיץ קיין ארץ־ישראל־וויין, לא היה ולא נברא, ס'איז ניט געווען און סע וועט ניט זיין! און איינער עפּים אַ יונגער־מאַן פון היינטיגער וועלט האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט אַליין גע־לייענט אויף די בלעטער...

— וואָס מיר בלעטער, ווער מיר בלעטער? — שרייט יודעל וויינשענקער. — שקרים וכזבים! הולטאַיעס האָבען אויסגעטראַכט, היינטיגע ציניסטען!...

— איך זאָל אַזוי זעהען ביי זיך אַלדאָס גוטס, — טענה'ט נעבאַך יענער יונגערמאַן — ווי איך האָב אַליין געזעהען ארץ־

ישראל־ווײַן; אַ סימן, ער הייסט „כרמל“ און פאַרקויפט זיך אין אַלע קלייטען אין יעהופּעץ.

— אין יעהופּעץ, זאָגט איהר? — מישען זיך אַרײַן עטליכע מיט אַ מאָל. — אָט האָט איהר אַ אידען פון יעהופּעץ, מנחם־מענדעל ברוך־הערש לאַה־דוואָס'ס! לאָז מען פרעגען מנחם־מענדלען, ער ווייסט!

איך וויל אָנהויבען רעדען, לאָזט מען מיך ניט; אויף איטליכם וואָרט פאַרגיט מען מיר צעהן שאלות, און אייִדער איך ענטפער־אָפּ איינעם אויף איין שאלה, פרעגט מיך שוין דער אַנדערער פרישע צעהן שאלות: „פאַר וואָס הייסט דער ארץ־ישראל־ווײַן „כרמל“?... דער ווײַן איז טאַקי פון ארץ־ישראל, צי פון כרמל?... ווי אַזוי געהט ער פון ארץ־ישראל אַהער און וויפיעל קאָסט ער?... ווער מאַכט איהם דאָרטען?... אידישע קאָלאָניסטען, טאַקי „אונזערע“ קאָלאָניסטען הייסט דאָס?... וויפיעל קאָלאָניעס האָבען מיר אין ארץ־ישראל, ווי אַזוי הייסען זיי און וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי צום באַראָן רויטשילד?... רויטשילד? וויפיעל שאַצט מען איהם?... ווער האָט מעהר געלט — בראַצקי, צי רויטשילד?... פאַר וואָס איז רויטשילד אַ ציוניסט און בראַצקי ניט?... ס'איז טאַקי אמת, וואָס מע זאָגט, אַז הערצעל דער דאָקטער קויפט אָפּ ארץ־ישראל ביי'ם טערק פון די ציוניסטען'ס וועגען?... ווי אַזוי האָבען געהייסען יענע אַקציעס אין יעהופּעץ, וואָס שלום־עליכם באַשרייבט זיי אין די ביכלעך? ווער איז ער, אָט דער שלום־עליכם? טאַקי אמת, אַז ער איז אונזערער אַ כתריל־עוּוקער?“...

— קום, — זאָגט צו מיר דער שוועהר, — מע לאָזט ניט רעדען אַ וואָרט אין ערגיץ ניט!

ערשט העט־שפּעטער, ביי'ם חרוסת רייבען, קאָן דער שוועהר קוים חאַפּען מיט מיר אַ פּאָר ווערטער, אָבער טאַקי נישט מעהר ווי אַ פּאָר, מחמת די שוויגער לאָזט זיך אַלע מאָל הערען מיט איהר קול־נגינה:

— ברוך ! ברוך ?

— אט באַלד, תיכף ומיד, אַטאַ גנעה איך, איך גנעה, איך גנעה...

דערוויי̇ל האָבען זיך די ווייבער אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג, אויס־געפּוצט און אויסגעציערט, ווי מלכּות. די שוויעגער האָט אָנגע־טהאָן אַ טונקעל־גרין־פּאָפּעליאַטע זיידען קלייד מיט אַ געלער קוויטענדיגער זיידענער פּעטשיילע אויפ'ן קאָפּ, און שיינה־שיינ־דעל — אַ געל זיידען קלייד מיט קוויטען און אַ טונקעל־גריז־פּאָפּעליאַטע זיידענע פּעטשיילע אויפ'ן קאָפּ. און אויך איך האָב מיך אַריינגעהאַפּט צו זיך אין אַלקיר אַריין, זיך איבערגעטהאָן יום־טוב'דיג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ „מלך", און דערוויי̇ל האָב איך גע־חאַפּט אַ בויגען פּאַפּיער און שרייב אייך דעם דאָזיגען בריעף, און איך בעט אייך ליעבער פריינט, איהר זאָלט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס דער בריעף איז אויסגעקומען אַזוי בהפזונ'דיג — ס'איז ערב פּסח ! אם ירצה השם, חול־המועד, אַז גאָט וועט שענ־קען דאָס לעבען און איך וועל קאָנען, וועל איך אייך אַרויסשרייבען אַלסדינג באריכות.

פון מיר אייער בעסטער פריינט

מ נ ח ם ־ מ ע נ ד ע ל.

ע י ק ר ש כ ח ת י. ניט באַשערט אַ אידען הנאה האָבען פון דער וועלט. געווען, דאַכט זיך, גאַר שען און פיין און יום־טוב'דיג אַרום און אַרום, באַדאַרף זיך טרעפען איין אימגליק — אַ הונט האָט זיך אַריינגעהאַפּט אין קיך, מע ווייסט ניט ווי אַזוי, און האָט אויפגעגעסען די „זרוע" מיט'ן „געדגעלע" מיט די אי־בעריגע שאַלעמויזען, וואָס מע האָט צוגעגרייט צום סדר. עס איז געוואָרען פּלוצים אַ גוואַלד, אַ געשריי — הימעל עפען זיך ! איך האָב נאָר געמיינט, אַז מע קוילעט זיך, אָדער ס'איז אַ שׂרפה, אָדער מע האָט חלילה אָפּגעקאָכט עמיצען מיט זודיג וואַסער פונ'ם אויווען. איינער האָט געשריגען אויפ'ן אַנדערען, אין אַלע

געשרייען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין געשריי. שיינגה־שיינדעל האָט געשריגען אויף דער דיענסט, די דיענסט האָט געשריגען אויפ'ן בעל־הבית: „דער בעל־הבית, זאָגט זי, איז אינגאַנצען שולדיג, וואָרום דער בעל־הבית אַז ער געהט, זאָגט זי, געהט ער אָהן הענט, מאַכט קיינמאָל נישט צו די טיר, ווי עס געהער צו זיין"... נאָר מעהר פון אַלע האָט זיך געלאָזט הערען די שוויעגער:

— אוי, אַ צרה, אַ שלאַק, אַ דונער! אַז די וועלט זאָגט משוגע, זאָל מען גלויבען... אַ נאַר איז אַ גזר, איין אייביגער צער, און ערגער פון אַ הולטאַי... געה זיי אַ נביא'טע און טרעף, אַז ער וועט לאָזען אָפען די טיר, און עס וועט זיך פּלוצים ערב פּסח אַריינכאַפּען אַ הונט אין קעך... פאַר וואָס האָט ער עפּיס געטראָפען גראָד צו די געהגעלעך?... אַז סע געהט, לויפט דאָס... דאָס איז יאָ, ווי מע זאָגט: דעם בעסטען ביסען האָפּט אוים דער הונט, און דער קוגעל געראָט נאָך די געסט (דאָס מיינט זי מיך)... נו, וואָס טהוט מען, אשטייגער, איצט? ברוך! הרוך?

— אַט באַלד, תיכף ומיד, אַטאָ געה איך, איך געה, איך געה...

איך טהו אַ קוק אויפ'ן שוועהר'ס פּנים און טראַכט מיר בשעת מעשה: אַז אַך און וועה איז דיר, שלים־מזל'דיגער „מלך". און אַז אַך און וועה איז צו דיין „מלוכה"!!...

זייט געזונט און האָט אַ כשר'ען פּסח!

ה. נ. ל.

אויף פּסח אַהיים

אַ מעשה, ווי אַזוי פּישעל דער מלמד איז געפאָהרען פון באַלטע קיין חאַשטשעוואַטע אויף פּסח אַהיים און וואָס מיט איהם האָט זיך געטראָפען

געשריבען אין יאָהר 1903.

אויף פסח אַהיים

א.

צוויי מאָל אין יאָהר, פּינקטליך ווי אַ זייגער, ראש־חודש ניסן און ראש־חודש אלול, פאָהרט פישעל דער מלמד פון באַלטע קיין חאַשטשעוואַטע אַהיים צו זיין ווייב און קינדער — אויף פסח און אויף סוכּות. כּמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז איהם באַשערט צו זיין אַ גאַסט ביי זיין ווייב און קינדער, אפילו זעהר איין אָנגעלעגטער גאַסט, אָבער אויף אַ קורצער צייט, אויף יום־טוב; און אוועקגעגאַנגען דער יום־טוב — איז מאַרש צוריק קיין באַלטע, צוריק צו דער קנעלונג, צוריק צום קאַנטשיק, צו דער גמרא, צו די גראָבע פאַרשטאָפּטע קעפּ, צום נע־ונד זיין, צום וואַלגערען זיך אין דער פרעמד און צום בענקען שטילערהייט אַהיים.

דערפאַר אָבער, אַז פישעל קומט אַהיים, איז ער אַ קיסר! בת־שבע זיין ווייב געהט איהם אַרוים אַקעגען, רוקט־אָן דאָס טיכעל, ווערט רויט ווי פייער, טהוט איהם אַ פרעג פאַרבייגעהענדיג, נישט געקוקט, חלילה, גלייך אין די אויגען: „וואָס מאַכסט דו?“ און ער ענטפערט איהר: „וואָס מאַכסט ד ו?“ און פרויקע זיין זוהן, אַ בר־מצוה־יונגעל, גיט איהם אָפּ שלום, און דער טאַטע טהוט אַ פרעג דעם זוהן: „וואו האַלסט דו, אפרים, אין לערנען?“... און רייזעל זיין טאָכטער, נישט קיין מיאוס מיידעל, מיט אַ קליין פאַרפלאָכטען צעפּעל, חאַפּט איהם אַרום קושען.

— טאטע, וואס האסט דו מיר געבראכט א מתנה אויף יום־טוב ?

— סיז אויף א קלײדעל, און דער מאמען א זײדענע פע־טשײלע. נא, געב דער מאמען די פעטשײלע.

און פישעל נעמט־ארויס פון טלית־זאק א נײע א זײדענע (מאהלט אײך — א האלב־זײדענע) פעטשײלע, און בת־שבע ווערט נאך רויטער, רוקט־אן דאס טיכעל איבער די אויגען, חאפט זיך צו בעל־הבתי׳שקײט, דרעהט זיך ארום איבער׳ן שטוב און שטעהט אויף אײן ארט.

— ווײז נאר, אפרים, די גמרא, לאם איך דיך פארהערען, וואס האלסט דו אין לערנען ?

און פרויקע איז דאך דאס וואוילע יונגעל, דער גרויסער מתמיד, די שענע תפיסה מיט׳ן גוטען זכרון, און וויל לערנען ! און פישעל הערט איהם, ווי ער זאגט די גמרא, פאררעכט איהם, און דאס הארץ וואכסט, קוועלט, די נשמה פרעהט זיך — א וואויל יונגעל פרויקע ! א צאצקע !

— אויב דו ווילסט געהן אין מרחץ, ליגט אט דא אנגעגרײט א העמד !

אזוי זאגט איהם בת־שבע פארבײגעהענדיג, נישט געקוקט, חלילה, גלײך אין די אויגען ארײן, און פישעל פיהלט זיך עפים משונה גוט, ווי א מענטש, וואס האט זיך ארויסגעהאפט פון גע־פענגעניש אויף דער פרײער ליכטיגער וועלט, צווי׳שען אײגענע, נאהענטע און געטרײע. און עס שטעלט זיך איהם פאר א שטארק אנגעהײצטע באד מיט א סך הייז ; ער ליגט שוין גאנץ הויך אויף דער אויבערשטער באנק מיט נאך אידען און שוויצט, און בעזעמט זיך, און שמײסט זיך, און וויל נאך.

— אוי, נאך, נאך ! גוואלד, אידען, נאך !...

און געקומען פון באד א פרישער, א צאפעלדיגער, כמעט א נײגעבוירענער, נעמט ער זיך קודם צו דער יום־טוב׳דיגער קריאה,

טהוט אַז די שבת'דיגע קאַפּאָטע מיט'ן נייעם גאַרטעל, האָפּט אַ קוק פאַרבייגעהענדיג אויף בת־שבע'ן אינ'ם נייעם קליידעל מיט דער זיידענער פעטשיילע: נאָך גאָר אַ היבש ווייבעל, כלעבען, אַ צנועה און אַ צדיקית. און ער געהט מיט פרויקען אין שוהל אריין. געקומען אין שוהל אריין, פליהען שלום־עליכמס פון אַלע זייטען: „ברוך־הבא, אַ איד רב פישעל, וואָס מאַכט אַ איד אַ מלמד?" — „אַ איד אַ מלמד קנעלט". — „וואָס הערט זיך עפּיס אויף דער וועלט?" — „וואָס זאָל זיך הערען אויף דער וועלט? די וועלט איז אַ וועלט". — „וואָס הערט זיך אין באַלטע?" — „באַלטע איז באַלטע"... אַלע מאָל, אַלע האַלבע יאָהר דער אייגענער נוסח, נישט געמינערט אַ וואָרט. און ניסעל דער חזן שטעלט זיך אוועק דאַווענען מעריב, צעלאָזט זיך אויף זיין שטימע, וואָס געהט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און אַז עס קומט צו „וידבר משה את מועדי ה' אל בני ישראל" — דערלאַנגט ער הויך, כמעט ביז'ן הימעל. און פרויקע שטעהט ביי דער זייט און דאַ־וועגט, דאַווענט געשמאַק, און פישעל'ס האַרץ וואַכסט, קוועלט, די נשמה פרעהט זיך — איין עהרליך קינד פרויקע, אַ כשרם!

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב! גוט יאָהר!

פאַרטיג דער גאַנצער סדר אויפ'ן טיש: די ארבע כוסות, דער מרור, די זרוע מיט די ביצים מיט'ן חרוסת מיט אַלע זיעבעצעהן זאַכען. פאַרטיג דאָס „הסב־בעט", צוויי בענקלעך מיט אַ גרויסען קישען. אָט באַלד ווערט פישעל אַ מלך, אָט באַלד זעצט זיך פי־שעל „על כסא מלכותו", מיט'ן ווייסען קיטעל אויפ'ן טראָן, און בת־שבע די מלכה מיט דער נייער זיידענער פעטשיילע נעבען איהם, אפרים דער פרינץ מיט'ן נייעם קאַשקעט און די פרינצעסין רייזעל מיט'ן צעפּעל אַקעגען זיי — דרך־ארץ, אידען, רעשפּעקט! פישעל דער מלמד האָט זיך געזעצט אויף דער שטוהל געוועל־טיגען!

ב.

די חאשטשעוואטער וואוילע יונגען, די וואס האבען ליעב חוזק מאכען, אפ׳לצ׳עווען פון דער גאנצער וועלט, און ווער שמור־עסט פון א אידען א מלמד, האבען אויסגעקלערט אויף אונזער פישלען, אז ער האט איינמאל ערב פסח אריינגעשיקט צו זיין בת־שבע׳ן א דעפעש בזה הלשון: „רעביאטא סאבראני. דענגי וועזו. פריגאטאוו פולי. יעדו צארסטוואוואט“. דער פשט פון דער דעפעש איז אזוי: „א קנעלונג צונויפגעשטעלט. שכר־למוד פיהר איך. מאך קניידלעך. איך פאהר געוועלטיגען“... די דע־פעש, זאגען די לצים, האט מען אין באלטע איבערגעחאפט אויף דער סטאנציע, בת־שבע׳ן האט מען באזוכט און נישט געפונען גארניט. און פישלען האט מען געבראכט צו פיהרען, מחילה, מיט׳ן עטאפ אהיים. נאר איך קאן אייך זאגען בהן שלי, אז ס׳איז שקר וכזב. פישעל האט קיינמאל אויף זיין לעבען קיין דעפעש נישט געשיקט, בת־שבע׳ן האט קיינער נישט באזוכט, און פישלען האט מען מיט׳ן עטאפ קיינמאל נישט געפיהרט. דאס הייסט, פיהרען האט מען איהם אמאל געפיהרט מיט׳ן עטאפ, נאר נישט פאר קיין דעפעש — פאר א פאס גאר האט מען איהם געפיהרט! אי דאס — נישט פון באלטע, נאר פון יעהופעץ, און נישט ערב פסח, נאר אין מיטען זומער איז דאס געווען. עס האט זיך איהם פאר־גלוסט, פארשטעהט איהר מיך, אוועקלאזען זיך קיין יעהופעץ זוכען א קנעלונג, און האט פארגעסען נעמען מיט זיך א פאס: ער האט געמיינט, ס׳איז אין באלטע. האט ער זיך מיאוס אריינגעחאפט, און האט שוין פארזאגט קינד׳ס קינדער, אז זיי זאלען אין יעהור־פעץ קיין קנעלונג נישט זוכען...

פון דעמאלט־אן פאהרט ער קנעלען קיין באלטע, און קומט ערב פסח, ווערט ער פארטיג מיט א פאר וואכען פריהער און הויבט זיך אן באצייטענס שניידען אהיים חאטש אויף שבת־הגדול. ווען זשע איז דאס גערעדט געווען? אז עס שניידט זיך,

דאס הייסט, אז דער וועג איז א וועג, און מע קאן קריגען א פוהר, און מע קאן אריבערפאהרען דעם בוג אדער איבער'ן אייז, אדער מיט'ן פאראם. ווי זשע איז אבער דער דין, למשל, אז דער שניי לאזט, די בלאטע איז גרוים, קיין פוהר איז נישט צו קריגען, דער בוג האט זיך נאר־וואס אפגעריסען, דער פאראם געהט נאך נישט, און מיט א שיפעל איז מסוכן־נפש, און דער יום־טוב איז אט־אט אויף דער נאז, — וואס טהוט מען דעמאלט? איז דער תירוץ: למאי וואס טהוט מען, אז מע פאהרט ערב־שבת פון מאחניוועקע קיין באררדיטשעוו, אדער פון סאחאטשאוו קיין ווארשא, ארויף א בארג, ביינאכט אין דער פינסטער, אין א שלאקס־רעגען, מע איז טוידט הונגעריג, און סע לאפנעט איין אקס אויך? — איז טאקי נישט גוט, וואס זאלט איהר קלערען?

פישעל דער מלמד ווייסט שוין דעם טעם פון „נישט גוט“. ער האט שוין געהאט אויף זיין לעבען, פון זינט ער איז א מלמד און פאהרט פון חאשטשעוואטע קיין באלטע און פון באלטע קיין חאשטשעוואטע, אלערליי נסיעות און טרעפעניששען! ער האט שוין געפרובט געהן העכער האלב וועג צופוס, און נאך העלפען אונטער־שטופען דעם וואגען אויך. ער האט שוין געפרובט ליגען מיט א גלח אין בלאטע, דער גלח פון אויבען און ער פון אונטען. ער האט שוין געפרובט אנטלויפען פון א טיטשקע וועלף, וואס זענען נאכגעלאפען נאכ'ן וואגען פון חאשטשעוואטע ביז פעטשאני, און נאכדעם האט זיך אויסגעלאזט, אז ס'איז גאר געווען הינט, נישט קיין וועלף... נאר אזא צרה, ווי די, וואס איז פארגעקומען דעם ערב פסח, האט זיך איהם נאך נישט געטראפען קיינמאל.

די צרה האט זיך גענומען פונ'ם בוג, דאס הייסט, פון דעם, וואס דער בוג האט זיך געעפענט א ביסעל צו שפעט און צע־שפיעלט זיך סאמע אין דער צייט, ווען פישעל דער מלמד האט זיך געאיילט אהיים. און געאיילט האט ער זיך שטארק, ווייל ס'איז געווען פרייטאג ערב־שבת און ערב־פסח, דאס הייסט יענעם יאהר איז געפאלען פונקט שבת ערב־פסח.

ג.

געקומען צום בוג איז פישעל מיט א גויישער פוהר דאַ־נערשטאָג פאַרנאַכט. דאָס הייסט, לויט זיין חשבון נאָך, האָט ער באַדאַרפט קומען דיענסטאָג אין דער פריה, וואָרום פון באַלטע איז ער אַרויסגעפאָהרען זונטאָג נאָכ'ן מארק. דער רוח האָט איהם געטראָגען, ער זאָל אַרויסגעהן אויפ'ן מארק נאָכפרעגען זיך אויף איין איבערגעחאַפּטער פוהר! נעחאַי וואָלט ער בעסער געפאָהרען מיט יענקעל־שייגעץ (א באַלטער בעל־עגלה) אויף דער „רעשטע־וואַניע", מחילה פון הינטען הייסט עס, מיט'ן פנים צוריק, און די פיס זאָלען איהם קליאַקנעז, און ס'זאָל איהם אַרויסנודען די נשמה אפילו, — אַלץ וואָלט ער שוין ביז אהער לאַנג געווען אין דער היים און וואָלט פאַרגעסען פון דער גוטער נסיעה! האָט זיך איהם אָבער געוואָלט א וואָלוועלע פוהר — און דאָס איז דאָך איין אַלטער כלל, אז וואָס וואָלוועל קאָסט טייער. יונה דער שכור, דער וואָס רייהעט פוהרען אין באַלטע, האָט איהם אָבער געזאָגט: „פאָלגט מיך, פעטער, גיט בעסער צוויי קאַרבוינים, וועט איהר זיצען, ווי א שררה, ביי יענקלען אין דער עגלה פאַריטש, פון הינ־טען אין בויד; געדענקט זשע, איהר שפּיעלט זיך מיט פייער, ס'איז ערב יום־טוב!" באַשערט איין אומגליק, האָט אָבער דער שוואַרץ־יאָהר אונטערגעטראָגען א באַקאַנטען ערל פון חאַשטשע־וואַטע.

— ע, טשאַיעש, ראַבין! טשי נע פּאַיידעמאַ טשאַסאַם ־אַ האַשטשעוואַטע *?

— דאַברע, א סקילקאַ, למשל, קאַשטאַוואַטעמע **?

וויפיעל סע וועט קאָסטען — דאָס האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו פרעגען, און צי וועט ער איהם ברענגען אויף פסח

---

* עי, הער נאַר, רבי! אפשר פאָהרען מיר קיין חאַשטשעוואַטע? —

** גוט, וויפיעל, למשל, וועט דאָס קאָסטען?

אהיים — איז פישלען אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען; ווארום מע זאל אפילו, דאכט זיך, געהן צופוס נאכ'ן וואגען פון באלטע ביז חאשטשעוואטע און מאכען קליינע טריט, ווי בשעת מע שטעהט־אויס שמונה־עשרה, קאן מען אויך אין א וואך צייט אנקומען אויף יום־טוב אהיים.

ארויסגעפאהרען פון שטאדט, האט פישעל שוין באלד חרטה געקריגען אויף דער פוהר, חאטש ס'איז געווען גראם, איינער אליין אויפ'ן גאנצען וואגען, ווי א גראף. ער האט ארויסגעזעהען באשיינפערליך, אז מיט אזא שלעפען זיך, ווי דעם ערל'ם פערדעל שלעפט זיך, וועט ער ווייט נישט איינפאהרען, ווארום ער איז גע־פאהרען און געפאהרען א גאנצען טאג, און איז נאך געווען גאר פון פארענט. אין וויפיעל ער האט נישט געמוטשעט דעם ערל, ער זאל איהם זאגען, צי ס'איז נאך עפים ווייט, האט איהם דער ערל נישט געענטפערט קיין האלב ווארט, א חוץ: „א כטא יאהא זנא *? ערשט ,זעט־העט, שוין ארום פארנאכט, האט איהם אנגעיאגט מיט א הוק און מיט א פייף און מיט א קנאק יענקעל־שייגעץ מיט זיינע פיער ברענענדיגע אדלערס, באהאנגען מיט גלעקלעך, און מיט דער גרויסער בויד, אנגעפאקט מיט פארשוינע־אינוועניג, פון פארענט און פון הינטען אויף דער רעשטעוואניע. דערזעהן דעם מלמד זיצען ביי'ם ערל אין וואגען, האט יענקעל־שייגעץ געגעבען א קנאק מיט דער בייטש אין דער ליפטען און האט אויסגעשאלטען ביידען, דעם בעל־עגלה מיט'ן פארשוין, אויף אלע זייטען, אויסגעלאכט זיי מיט'ן פערדעל, ווי יענקעל־שייגעץ קאן, און אז ער איז אפגעפאהרען א ביסעל ווייטער, האט ער בא־וויזען דעם ערל אויף איינע פון זייערע רעדער.

— עי, טשעלאוויטשע, דיווים! אז א טעבע קאלעסע דרעהט זיך **!

---

* ווער ווייסט דאס? — ** עי, מענטשעל, זעה נאר! א ראד דרעהט זיך ביי דיר!

— טפררררו! — האט זיך דער ערל אפגעשטעלט, אראפ־געקראכען אינאיינעם מיט'ן מלמד פון וואגען, געמומען קוקען אויף די רעדער, אויף די פלעקלעך, ארונטערגעקראכען אונטער'ן וואגען, געזוכט, און נישט „עפּונען געפונען.

פארשטאנען, אז יענקעל האט איהם געפיהרט אין באד אריין, האט ער זיך א קראץ געטהאן אין דער פאטיליצע פון הינטען, אונטער'ן קאלנער, און האט אנגעהויבען שעלטען יענקלען און אלע אידען מיט אזעלכע קללות, וואס פישעל האט נאך אויף זיין לע־בען אזעלכעם נישט געהערט; דאס קול איז געגאנגען אלע מאל העכער, דער כעס איז געווארען אלע מאל שטארקער:

— א, שאב טובי 'אברא נע בולא! שאב טי נע דאזשדאוו! שאב טובי ליחא האדינא! שאב טי נע דאייחאוו! שאב טי פרא־פאוו! טי! אי טוואיא סקאטינא! אי טוואיא זשינקא! אי טוואיא דאטשקא! אי טיטקי! אי דיאדקי! אי קומי! אי־אי־אי־אי ווסי וואשי זשידי נעווירנעיע, נעכריסטי פראקלאטעיע * !!!

עס האט לאנג געדויערט, ביז דער ערל האט זיך געזעצט אויפ'ן וואגען און האט זיך אלץ נישט בארוהיגט, אלץ נישט אויפגעהערט לעגען די תוכחה אויף יענקעל בעל־עגלה און אויף אלע אידען, ביז מע איז געקומען מיט גאט'ס הילף אין א דארף אויף נאכט־לעגער.

אין דארף האבען זיי אונטערגענעכטיגט, און אויף מארגען האט זיך פישעל געפעדערט כאור הבוקר, אפגעדאוונט, אפגעזאגט א פארציע „חוק־לישראל", א ביסעל תהלים, איבערגעביסען מיט

* א, קיין גוטס זאלסט דו נישט האבען! זאלסט נישט דערלעבען! זאל דיר זיין א שלעכט יאהר! זאלסט נישט דערפאהרען! זאלסט די כפרה ווערען! דו, און דיינע פערד, און דיין ווייב, און דיין טאכטער, און דיינע מוהמעס, און דיינע פעטערס, און דיינע מחותנים, און־און־און און אלע אייערע אידען די פארשאלטענע!!!

א בייגעל און איז פארטיג געווען צו פאהרען ווייטער. איז אבער דער חסרון, וואס חוועדאר (אזוי האט מען גערופען דעם בעל־עגלה זיינעם) איז נישט געווען פארטיג; חוועדאר האט זיך פאר־זעסען מיט זיינעם א מחותן (א „קום“), פארטרונקען און פאר־הוליעט זיך, און איבערגעשלאפען דעם טאג מיט א שטיק נאכט, און ערשט דעמאלט זיך געלאזט אין וועג אריין.

— סטייטש — האט איהם פישעל געזאגט מוסר, שוין זי־צענדיג אויפ'ן וואגען — סטייטש, חוועדאר! טשארטבע טוואיא מאמע, היתכן? יא טובי נאימאיעט בפירוש נא פראזניק!... דע באג? דע יושר*?

און נאך מוסר־ווערטער האט איהם פישעל אריינגעזעצט, נישט אויפגעהערט איהם צו זעגען און צו פיילען אויף זיין שפראך, ווי ווייט ער קאן, האלב אויף גוייש, האלב אויף לשון־קודש, דאס איבעריגע איהם מסביר געווען מיט די הענט. חווע־דאר האט, נישקשה, גוט פארשטאנען וואס פישעל מיינט, נאר געענטפערט האט ער איהם גארנים, קיין האלב ווארט אפילו. מסתמא האט ער געפיהלט, אז פישעל איז גערעכט, האט ער גע־שטומט, ווי א קעצעלע, ביז ער האט זיך אויפ'ן פערטען טאג בא־געגענט אויף יענער זייט פעטשאני מיט יענקעל־שייגעץ, וואס איז געפאהרען שוין צוריק פון חאשטשעוואטע מיט א הוק און מיט א קנאק און האט אנגעזאגט אונזער פישלען מיט זיין בעל־עגלה א גוטע בשורה:

— איהר מעגט זיך שוין איבערקעהרען צוריק קיין באלטע — דער בוג האט זיך אפגעריסען!

ביי פישלען האט זיך אפגעריסען אין הארצען פונ'ם ווארט „אפגעריסען“. און חוועדאר האט גערעכענט, אז יענקעל מאכט ווידער א מאל פון איהם א בער, האט ער איבערגע'חזר'ט די

---

* סטייטש, חוועדאר! דער רוח דער מאמע דיינער, היתכן? איך האב דיך באשטעלט בפירוש אויף יום־טוב! וואו איז גאט? וואו איז יושר?

קללות מיט די חרמות, אויסגע׳בטל׳ט אלע בייזע חלומות אויף יענקעל׳ס קאפ און אויף זיינע הענט און פיס, און עס האט זיך איהם נישט צוגעמאכט דאס מויל, ביז ער איז דאנערשטאג פאר־נאכט געקומען צום בוג. צוגעפאהרען איז ער גלייך צו פראקאפ באראניוק דעם פאראמשטשיק, פרעגען, ווען לאזט ער דעם פאראם, און דערווייל האבעןביידע ערלים, חוועדאר און פראקאפ, גענו־מען צו ביסלעך בראנפען, און פישעל האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה.

ד.

די זון האט געהאלטען ביי זעצען זיך און האט באגאסען מיט איהרע רויטע שטראהלען די הויכע בערג, וואס פון ביידע זייטען טייך, ערטערווייז נאך באדעקט מיט שניי און ערטערווייז שוין געגרינט, דורכגעשניטען מיט קליינע ריטשקעלעך, וואס האבען זיך געשלענגעלט בארג־אראפ און מיט א זשומען זיך אריינגעגא־סען אין טייך אריין, באגעגענט זיך מיט רינענדיגע וואסערען פון׳ם נאר־וואס צעשפאלטענעם אייז און פון דער געהענדיגער קריהע. ווי אויף א טעלער איז געלעגען גאנץ חאשטשעוואטע מיט׳ן שפיץ קלויסטער, וואס האט פון דער פארגעהענדי־גער זון אויסגעזעהען, ווי איין אנגעצונדען ליכט. געשטעלט זיך שמונה־עשרה מיט׳ן פנים צו האשטשעוואטע, האט פישעל פאר־שטעלט די אויגען, געטריבען פון זיך די מחשבות זרות, וואס זע־נען איהם געקראכען אין קאפ אריין: בת־שבע מיט דער נייער זיידענער פעטשיילע, פרויקע מיט דער גמרא, רייזעל מיט׳ן צעפעל און די הייסע באד מיט דער אויבערשטער פאליצע, און פרישע מצה מיט גוטע געפעפערטע פיש, מיט הארבען חריין, וואס פאר־געהט אין נאז אריין, מיט פסח׳יגען בארשט מיט מצה, וואס איז טעם גן־עדן, מיט נאך גוטע זאכען, וואס דעם מענטשענ׳ס יצר־הרע קאן אויסטראכטען... און וויפיעל פישעל האט זיי נישט גע־

טריבען, די מחשבות זרות, זענען זיי אַלץ מעהר געקראַכען אין מח אריין, ווי זומער־פליעגען, נישט געלאָזט איהם דאַווגען, ווי סע געהער צו זיין.

אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה און אויסגעשפּיגען צו „עלינו“, האָט זיך פּישעל אַוועקגעלאָזט צו פּראָקאָפּען און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט איהם אין אַ שמועס מכּח פּאַראָם און מכּח ערב־יום־טוב, געגעבען איהם צו פאַרשטעהן, האַלב אויף גוייש, האַלב אויף לשון־קודש, און דאָס איבעריגע מסביר געווען איהם מיט די הענט, וואָס פאַר אַ יום־טוב פּסח איז בּיי אידען און וואָס הייסט שבת ערב־פּסח: אַז טאָמער, חלילה, פאָהרט ער נישט אַריבּער בּיז מאָרגען אין דער צייט דעם בּוג, איז ער אַ פּאַרפאַלענער; וואַרום אַ חוץ, וואָס מע קוקט אויף איהם אַרויס אין דער היים, זיין ווייבּ און קינדער (דערבּיי האָט פּישעל געטהאָן אַ טיעפען זיפץ, אַז עס האָט אויסגעריסען אַ שטיק האַרץ), וועט ער, חלילה, אַכט טאָג כּסדר נישט טאָרען נישט עסען, נישט טרינקען, חאָטש נעם וואַרף זיך אַריין אַ לעבּעדיגער אין טייך אַריין! (דאָ האָט זיך פּישעל אָפּגעקערעוועט אָן אַ זייט, מע זאָל נישט זעהען, ווי עס שטעהען איהם טרערען אין די אויגען).

פּראָקאָפּ בּאַראַניוק האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע נעבּאַך פּישעל איז, און האָט איהם דערויף געענטפערט, אַז ער ווייסט, אַז מאָרגען איז בּיי זיי אַ יום־טוב; ער ווייסט אפילו, ווי אַזוי דער יום־טוב הייסט בּיי'ם נאָמען; ער ווייסט אפילו, אַז מע טרינקט בּיי אידען ווין און שטאַרקען בּראָנפען, אַז סע קומט דער דאָזיגער יום־טוב; ער ווייסט אפילו, אַז עס איז פאַרהאַן נאָך אַ יום־טוב בּיי אידען, וואָס מע דאַרף טרינקען בּראָנפען, און ער הייסט „האַמאַנע אוחאַ“; ער ווייסט, אַז ס'איז פאַרהאַן נאָך אַ יום־טוב, וואָס אַלע אידען דאַרפען זיין שכּור, נאָר ווי אַזוי מע רופט איהם, דעם דאָזיגען יום־טוב, האָט ער שוין פאַרגעסען...

— דאַבּרע, האַרנע! — האָט איהם פּישעל איבּערגעשלאָגען אין מיטען די רעד מיט אַ וויינענדיגער שטימע. — אַלע שאַ

בודע איז נאָשע פּראַזנעק? טאָמער זאָווטראַ, חלילה, אַל תּפתּח פּה לשטן, שאָב טאָי טשאָס נעבולאָ *?...

דערויף האָט איהם פּראָקאָפּ גאָרנישט געענטפערט. ער האָט איהם נאָר אָנגעוויזען מיט דער האַנט אויפ'ן טייך, ווי איינער רעדט: „נאַ, זעה, וואָס עס טהוט זיך!"

און פישעל האָט אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן טייך און האָט דערזעהען דאָס, וואָס זיינע אויגען האָבען נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געזעהען, און ער האָט דערהערט דאָס, וואָס זיינע אויהערען האָבען נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען נישט געהערט. ווארום כּמעט קאָן מען זאָגען, אַז פישעל דער מלמד האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען דעם אמת'ען „אינדרויסען", און אַז ער האָט איהם געזעהען, האָט ער איהם געזעהען נאָר בדרך הלוכו, דורכלויפענדיג פאַרביי פון חדר אין בית-המדרש און פון בית-המדרש אין חדר אריין. דער שענער בלויער בוג צווישען די צוויי גרויסאַרטיגע בערג, דאָס זשומען פון די שלענגעלדיגע ריטש-קעלעך, וואָס קאַטשען זיך אַראָפּ פון באַרג, דאָס רוישען פון דער געהענדיגער קריהע, דאָס באַלייכטען פון דער פייעריגער פאַרגע-הענדיגער זון, דער ברענענדיגער קלויסטער, דער פרישער געזונטער ריח פונ'ם ערב-פסח'יגען אינדרויסען, און ועל-כולם דאָס זיין אַזוי נאָהענט צו דער היים און נישט קאָנען גרייכען, — די אַלע זאַכען אינאיינעם האָבען אונטערגעהאַפּט אונזער פישלען, ווי אויף פליג-לען, און האָבען איהם אוועקגעטראָגען אין אַ נייער וועלט אריין, אין איין „עולם-הדמיון", און עס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט, אַז אַריבער דעם בוג איז אַזוי גרינג, ווי אַ שמעק טאַבאַקע, אַבי דער אויבערשטער וויל נאָר טהון אַ שטיקעל נס, מצליח זיין...

אַזעלכע און כּדומה אַזעלכע מחשבות האָבען געווידמעט זיך אויף און אָפּ ביי פישלען אין קאָפּ, איהם געטראָגען אין דער

* גוט און פיין! וואָס וועט אָבער זיין מיט אונזער יום-טוב? טאָמער מאָרגען, חלילה, אַל תּפתּח פּה לשטן, די שעה זאָל גאָר נישט זיין?...

לופטען און פאַרטראַגען איהם אַזוי ווייט פונ'ם ברעג טייך, אַז ער האָט זיך גאָרנישט אַרומגעקוקט, אַז ס'איז שטאָק־נאַכט, און דער הימעל האָט זיך אויסגעשטערענט, און אַ קיהל ווינטעל האָט זיך פאַר'גנב'עט צו איהם אונטער דער קאַפּאָטע און פון דאָרט ביז'ן טלית־קטן, — און פישעל האָט זיך פאַרטראַכט אין אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען זיך איהם נאָך קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט: אין הויות העולם, אין הימעל־זאַכען, אין דער גרויסקייט פון דער שענער וועלט, אינ'ם בורא שמים וארץ, וכדומה...

ה.

אַ שווערע נאַכט האָט פישעל דער מלמד איבערגעלעבט ביי פראָקאָפ דעם פּאַראָמשטשיק אין שטיבעל — אַזאַ נאַכט זאָל זיך שוין נישט אומקעהרען! און ס'איז געקומען דער פריהמאָרגען מיט אַ פריינטליך שמייכעל פון דער ליכטיגער פרייליכער זון. אַ שע־נער, אַ זעלטענער טאָג האָט זיך געשטעלט, מיט אַ זיסער וואַ־רעמקייט, וואָס דורך דעם איז פונ'ם איבעריגען ביסעל שניי גע־וואָרען קאַשע, און פון דער קאַשע — וואַסער, און דאָס וואַסער האָט זיך פון אַלע זייטען אַריינגעגאָסען אין בוג אַריין, און דער בוג איז געוואָרען לויטער, העל־בלוי, הויך און משופע'דיג, און נאָר זעלטען האָט מען באַגעגענט יענע גרויסע שטיקער אייז. וואָס זעהען־אויס, ווי לעבעדיגע מורא'דיגע חיות, ווייסע עלע־פאַנטען, וואָס יאָגען, לויפען, איילען זיך, האָבען מורא, זיי זאָלען נישט פאַרשפּעטיגען. פישעל דער מלמד האָט אָפּגעדאַווענט, פאַרביסען מיט'ן לעצטען ביסעל חמץ, וואָס האָט זיך געפונען ביי איהם אין טלית־זאַק, און איז אַרויסגעגאַנגען צום טייך אַ קוק טהון, וואָס הערט זיך מיט'ן פּאַראָם, — און ווי נבהל ונשתומם איז ער געוואָרען, אַז ער האָט דערהערט פון פּראָקאָפּען, אַז דעם פּאַראָם וועט מען קאָנען לאָזען געהן ערשט הלואי זונטאָג נאָך האַלבען טאָג! פישעל האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע

הענט בײ׳ם קאפ, געמאכט מיט אלע איברים, געבײזערט זיך אויף פראקאפען און געזידעלט איהם אויף זײן לשון, האלב אויף גױיש, האלב אויף לשון־קודש, דאס איבעריגע מיט די הענט: למאי האט ער איהם נעכטען געגעבען האפענונג, אז מע װעט הײנט קאנען אריבער דעם טײך מיט׳ן פאראם? דערויף האט איהם פראקאפ גאנץ קאלטבלוטיג געענטפערט, אז ער האט איהם נישט אנגעהויבען צוזאגען איבערפיהרען מיט׳ן פאראם; ער האט איהם נאר צוגעזאגט א ר י ב ע ר פ י ה ר ע ן, און אריבערפיהרען קאן ער איהם, אויב ער װיל, מיט א שיפעל, אויף א לאדקע, אויף א מולטער, און קאסטען װעט דאס איהם נישט װעניגער װי א פאלטינעק (א חצי רו״כ).

— נעחאי בודע לאדקע, נעחאי בודע מולטער, אבי נע פראזנעקאװאטע, חלילה, נא דװיר*!

אזוי האט איהם פישעל געזאגט און איז גרײט געװען אין דער מינוט באצאהלען איהם צװײ קארבוינים, אדער גאר זיך לאזען איבערשװימען דעם טײך, זיך מוסר־נפש זײן צוליעב דעם הײליגען יום־טוב. און ער האט גענומען אונטערטרײבען פראקאפען, ער זאל שוין גיכער נעמען די לאדקע אדער דעם מולטער און אריבערפיהרען איהם שוין אויף יענער זײט בוג קײן חאשטשעװאטע, װאו בת־שבע, פרויקע און רײזעל קוקען שוין ארויס אויף איהם. סע קאן זײן, אז זײ שטעהען אויף יענער זײט בוג, דארט אויף יענעם בארג, און זעהען איהם, װינקען צו איהם, מאכען צו איהם מיט די הענט, רופען צו איהם, נאר מע זעהט זײ נישט און מע הערט נישט זײער קול, װײל דער טײך איז ברײט, מורא׳דיג ברײט, ברײטער װי תמיד!

די זון האט שוין געהאלטען העכער האלב װעג אין טיעפען, לויטערען, בלויען הימעל, בשעת פראקאפ האט געהײסען פישלען,

---

* לאז זײן א לאדקע, לאז זײן א מולטער, אבי ניט יום־טוב האלטען, חלילה, אין דרויסען!

ער זאָל שפּרינגען אין מולטער אריין. און אַז פישעל האָט דער־הערט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער מיט אַ מאָל אָפּגעלאָזט הענט און פיס און האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טהון. זינט ער לעבט איז ער נאָך נישט געפאָהרען אויף קיין מולטער; זינט ער לעבט האָט ער זיך נאָך נישט געשיפט אין אַ שיפעל. און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט: אַט־אַט טהוט זיך עס אַ בויג אין אַ זייט — איז מען דאָך אַ קדוש!

— שפּרינג אין מולטער אריין, וועלען מיר שווימען! — האָט איהם פּראָקאָפּ נאָך אַ מאָל געזאָגט און מיט איין מאָך מיט דער האַנט איז ער צוגעשוואומען צום ברעג נאָך נעהענטער און צוגענומען ביי פישלען דאָס פּעקעל פון די הענט.

פישעל דער מלמד האָט גאַנץ פיין פאַרקאַטשעט די פּאָלעס, אָנגעהויבען דרעהען זיך אויף איין אָרט, זיך גע׳ישוב׳ט, צי זאָל ער שפּרינגען, צי זאָל ער נישט שפּרינגען? פון איין זייט שבת ערב־פסח, בת־שבע, פרויקע, רייזעל, מרחץ, סדר, מלך... פון דער אַנדערער זייט — סכנת־נפשות, מלאך־המות, „המאבד עצמו לדעת" — זיך אַליין גענומען דאָס לעבען; ווארום טאָמער, חלילה, איין בויג — איז דאָך עליו השלום, אוים פישעל!...

פישעל האָט זיך מיט די פאַרקאַטשעטע פּאָלעס אַזוי לאַנג ארומ־געדרעהט אויף איין אָרט, ביז פּראָקאָפּ האָט זיך צעשריגען אויף איהם, געזאָגט, אַז אַט טהוט ער אַ שפּיי און פאָהרט אַליין אריבער אויף יענער זייט קיין חאַשטשעוואַטע. דערהערט דאָס ליעבע וואָרט „חאַש־טשע־וואַ־טע", דערמאָנט זיך פישעל אָן זיינע אייגענע און געטרייע, נעמט זיך אָן מיט אַלע כּוחות און פאַלט־אריין אין מולטער אריין. איך זאָג „ער פאַלט־אריין", ווייל פונ׳ם ערשטען שטעל מיט׳ן פוס טהוט זיך דאָס שיפעל אַ בויג אויף איין זייט, מיינט ער, אַז ער פאַלט, טהוט ער זיך אַ חאַפּ צוריק, און פון דעם חאַפּ צוריק טהוט ער אַ פאַל מיט׳ן פּנים אַראָפּ, ציהט זיך אוים אויפ׳ן דנאָ, און סע געדויערט עטליכע מינוט, ביז ער קומט צו זיך, און דאָס פּנים איז איהם טוידט, הענט און פיס

ציטערן, און דאָס האַרץ — ווי אַ זייגערל: טיק־טיק־טאַק! טיק־טיק־טאַק!

ו.

ווי ביי זיך אין דער היים אויפ׳ן בענקעל, זיצט פּראָקאָפּ אויפ׳ן שפּיץ מולטער, אַ מאָך מיט דער ווערלע פון איין זייט, אַ מאָך מיט דער ווערלע פון דער אַנדערער זייט — דאָס שיפעל גליטשט זיך איבער׳ן שפּיגעלדיגען וואַסער, און ביי פּישלען דרעהט זיך דער קאָפּ, קוים וואָס ער זיצט. ער זיצט? ניין, ער הענגט, ער הענגט אין דער לופטען; אַט־אַט טהוט ער זיך אַ שלעכטען ריהר, אַט־אַט רייסט ער זיך אָפּ, איין בויג אויף אַ זייט — און פליוך אין וואַסער אַריין, אויס פּישעל!... און ביי דעם געדאַנק קומט איהם אויפ׳ן זינען דער פּסוק פון דער שירה: „צללו כעופרת במים אדירים" — פאַרזונקען ווי בליי אין די שטאַרקסטע וואַסערען. און עס שטעלען זיך איהם די האָר קאַ־פּויר פון אַזאַ מין טוידט: סטייטש, נישט קומען אפילו צו קבר־ישראל! און ער איז מנדר... וואָס זאָל ער מנדר זיין? צדקה? האָט ער נישט וואָס; ער איז נעבאָך אַ גרויסער, גרויסער אָרע־מאַן! איז ער מנדר, אַז באָם גאָט וועט איהם ברענגען בשלום אַהיים, וועט ער זיצען גאַנצע נעכט און לערנען, און וועט דורכ־נעהן דורכ׳ן יאָהר גאַנץ ש״ס, אם ירצה השם, מיט גאָט׳ס הילף...

פּישעל וואָלט אַ בעלן זיין וויסען, צי ס׳איז נאָך וויט ביז צו יענעם ברעג. און ווי אויף צו להכעיס, האָט ער זיך געזעצט מיט׳ן פּנים צו פּראָקאָפּען און מיט׳ן הינטען צו חאַשטשעוואַטע. פרעגען פּראָקאָפּען — האָט ער מורא אַרויסלאָזען אַ וואָרט פונ׳ם מויל; עס ווייזט זיך איהם אויס, אַז פונ׳ם קול אַליין וועט זיך דאָס שיפעל געבען אַ הוידע, און לאָז זיך דאָס שיפעל געבען אַ הוידע — איז אויס פּישעל! נאָר פּראָקאָפּ אַליין עפענט דאָס מויל און הויבט אָן רעדען. ער זאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ער־

גערע נסיעה אויפ׳ן וואַסער, ווי בשעת קריהע געהט נאָך; מע קאָן, זאָגט ער, נישט פאָהרען גלייך, מע מוז זיך קלינגען, דרעהען זיך אַרום און אַרום, אומקעהרען זיך אַלע מאָל צוריק.

— אַט געהט אַ שטיק אייז גלייך אויף אונז.

אַזוי זאָגט פראָקאָפּ און טהוט זיך אַ נעם צוריק און לאָזט דורך פאַרביי אַ גאַנצע מאַכינע, וואָס שווימט דורך פאַרביי מיט אַ משונה־מאָדנע הילך, וואָס פּישעל האָט נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געזעהען און נישט געהערט, און ער הויבט ערשט אָן פאַר־שטעהן, ווי ווייט די דאָזיגע נסיעה איז אַ משונה׳דיגע זאַך! ער וואָלט אוועקגעגעבען מי יודע וואָס, אבי ער זאָל שוין גיכער קומען צום ברעג, אָדער אומקעהרען זיך צוריק.

— אַ! דו זעהסט? — מאַכט צו איהם פראָקאָפּ און ווייזט איהם אָן אַהין, אַרויף.

פּישעל הויבט אויף די אויגען פּאַוואָלינקע, האָט מורא זיך אַ שטאַרקען ריהר טהון, קוקט, קוקט — און זעהט ניט גאָרנישט; ער זעהט נאָר וואַסער, וואַסער און וואַסער.

— דאָס געהט אויף אונז אַ גרויסע קריהע. מע דאַרף אי־בערלויפען גיך, וואָרום צוריקנעמען זיך איז שוין שפּעט.

אַזוי זאָגט פראָקאָפּ און אַרבייט מיט ביידע הענט גאַנץ גע־שמאַק, און דאָס שיפעל גליטשט זיך, שוועבט, ווי אַ פיש אין וואַסער, און פּישעל פיהלט, אַז עס ווערט איהם קאַלט אין אַלע איברים. ער וויל עפּיס אַ פרעג טהון, נאָר ער האָט מורא איינ־שטעלען זיך. פראָקאָפּ רעדט אָבער אַליין:

— אויב מיר וועלען נישט פאַרחאַפּען פריהער מיט אַ מי־נוטקעלע, איז שלעכט.

דאָ קאָן זיך פּישעל נישט איינהאַלטען און פרעגט איהם איבער:

— דהיינו, וואָס הייסט שלעכט?

— שלעכט הייסט, אז מיר זענען פארפאלען, — זאגט פראָ־קאָפּ.

— פארפאלען ?

— פארפאלען !

— דהיינו, וואס הייסט פארפאלען ? — פרעגט איהם איבער נאך א מאל פישעל.

— פארפאלען הייסט — עס וועט אונז פארדרייבען.

— פארדרייבען ?

— פארדרייבען !

פישעל פארשטעהט נישט רעכט, וואס באדייטען די ווערטער „פארפאלען", „פארדרייבען"; נאר פיהלען פיהלט ער, אז עס שמעקט מיט „מעבר־יבוק", מיט „יענער וועלט" — און א קאלטער שוויים טרעט איהם ארוים אויפ'ן לייב, און דער פסוק פון דער שירה קומט איהם נאך א מאל ארויף אויפ'ן זכרון: „צללו כעופרת במים אדירים" — פארזונקען ווי א בליי אין די שטארקסטע וואסערען...

און בכדי צו בארוהיגען אונזער פישלען, דערצעהלט איהם פראָקאָפּ א שענע מעשה פון פאראיאהרען אין דער צייט: דער בוג האט זיך אפגעריסען, און דעם פאראם האט מען נישט גע־קאנט לאזען. האט זיך איהם געטראפען א פארשוין, איין אקציזנע טשינאוווניק פון אומאן, א וואוילער פארשוין, צוגעזאגט באצאהלען א גאנצען „קארבאוואנעץ". האבען זיי געהאט א בייז באגעגעניש מיט צוויי מורא'דיגע שטיקער אייז. האט ער זיך גענומען רעכטס, ארייין צווישען ביידע קריהעס אין מיטען, געוואלט דורכשניידען ארויף, האט ער זיך אומגעהרען א בוצקע געטהאן מיט'ן שיפעל און — באץ אין וואסער אריין! א גליק, וואס ער קאן שווימען. נאר דער אומאנער טשינאוווניק איז קאפוט געגאנגען, און פארפאַ־לען דאס קערבעל.

— פראָפּאוו קארבאוואנעץ! — אזוי האט פראָקאָפּ אויס־געלאזט זיין שענע מעשה מיט א זיפץ, און ביי פישלען איז דורכ־

געגאַנגען אַ פראָסט איבער'ן לייב און ס'איז איהם טרוקען געוואָרען אין מויל: נישט געקאָנט אויסרעדען קיין וואָרט, אַרויסלאָזען קיין קול, קיין פּיפּס פון'ם מויל.

ז.

סאַמע אין מיטען טייך, סאַמע אין רעכטען שווימען, האָט זיך פּראָקאָפּ אָפּגעשטעלט, געקוקט — געקוקט אַרויף וואַסער; נאָכדעם האָט ער אַוועקגעלעגט די וועסלע, אַרויסגענומען פון דער טיעפער קעשענע אַ פלעשעל, איבערגעקעהרט דאָס פלעשעל און געגעבען אַ צוויי־דריי זופּען און צוריק פאַרשטעקט דאָס, און אַריין אין קעשענע, און פאַרביסען מיט עטליכע גאַנצע פעפערלעך, און פאַרענטפערט זיך פאַר פישלען, אַז ער מוז, ער מוז געבען חאַטש אַ צוויי זופּ פון'ם „ביטערען טראָפּען", אַנדערש פיהלט ער זיך נישט גוט איפּ'ן וואַסער... און ער האָט זיך אויסגעווישט דאָס מויל און גענומען די ווענסלע אין האַנט, נאָך אַ מאָל אַ קוק געטהאָן אַרויף וואַסער און אַ זאָג געטהאָן:

— אַ טעפּער טרעבאַ טיקאַטי *!

וואוהין אַנטלויפען? פאַר וועמען אַנטלויפען? — דאָס האָט פישעל נישט פאַרשטאַנען און מירא געהאַט פרעגען; נאָר געפיהלט האָט ער, אַז דאָ שמעקט מיט מלאך־המות, וואָרום פּראָקאָפּ האָט זיך געשטעלט אויף די קניהעס, גענומען אַרבייטען מיט דער ווענסלע אויף אַלע כלים און אַ זאָג געטהאָן צו פישלען און באַוויזען מיט דער האַנט אויפ'ן דנאָ:

— ראַבין! ליאַהאַי נאַ ספּיד **!

און פישעל האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז מע הייסט איהם זיך לעגען, האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען. ער האָט דערזעהען פון דער ווייטען, ווי אַ גאַנצע חמאַרע רוקט זיך אַן אויף

---

* אַצינד באַדאַרף מען אַנטלויפען! — ** רבי, לעג זיך אַראָפּ!

זיי, סע געהט א וועלט מיט אייז, האט ער צוגעמאכט די אויגען, איז צוגעפאלען מיט׳ן פנים צום דנא פון דעם שיף און געציטערט, ווי א לעמעלע, און אויסגעשריגען שטילערהייט אויף א קול: „שמע ישראל!“ אפגעזאגט דעם קורצען ודוי, געטראכט פון „קבר־ישראל“ און פארגעשטעלט זיך, אז אט־אט ליגט ער אויף׳ן אפ־גרונט פון די וואסערען, אט־אט לויפט־צו א פיש און שלינגט איהם איין, ווי דעם נביא יונה, בשעת ער איז אנטלאפען קיין תרשיש. און ער דערמאנט זיך אן דער תפלה פון דעם נביא יונה, און ער זינגט שטילערהייט און וויינט, וויינט מיט טרערען: „אפפוני מים עד נפש — מיך האבען ארומגערינגעלט די וואסע־רען ביז דער נשמה, תהום יסובבני — דער אפגרונט טהוט מיך ארומרינגלען!“...

אזוי זינגט פישעל דער מלמד שטילערהייט און וויינט, גיסט מיט טרערען, האט רחמנות אויף בת־שבע׳ן, נעבאך איין אלמנה, און די קינדער יתומים. און פראקאפ ארבייט אויף אלע כלים און זינגט בשעת מעשה זיינס א ליעדעל:

אָי, ווי האלקי!
אָי, ווי טשארנאקרילע!
טשארנא - קרי - אי - אי - אי - לע *!...

און פראקאפ פיהלט זיך דא אויפ׳ן וואסער, ווי אויף דער יבשה, ווי ביי זיך אין דער היים. און פישעל׳ס „אפפוני“ מיט פראקאפ׳ס „האלקעס“, און פישעל׳ס „יסובבני“ מיט פראקאפ׳ס „טשארנאקרילע“ גיסען זיך צונויף אינאיינעם, און עס לאזט זיך הערען אויפ׳ן בוג א מאדנע געזאנג, א מין דועט, וואס איז נאך דארט קיינמאל אזעלכעם נישט געהערט געווארען; עס קאן זיין, זינט דער טייך הייסט „בוג“, האט ער נאך אזא מין דועט נישט געהערט...

---

* אוי, איהר האלקעס! אוי, איהר שווארצפליגעלדיגע! שווארצפליגעל־דיגע!

„וואָס האָט ער אַזוי מורא פאַר׳ן טוידט, דער דאַזיגער איד?" — אַזוי טראַכט זיך פּראָקאָפּ באַראַניוק, נאָכדעם אַז ער האָט אויסגעפּעהלט די גרייסע שטיק קריהע, אַרויסגעצויגען נאָך אַ מאָל דאָס פלעשעל פונ׳ם אָפּגרונט פון זיין טיעפער קעשענע, געטהאָן אַ צוויי־דריי זופּ און פאַרביסען מיט עטליכע גאַנצע שוואַרצע פעפערלעך. — „דאַכט זיך, אַזאַ קליין אידעל, איין אָרעמס, איין אָפּגעריסענס, וואָס איך וואָלט פאַר איהם נישט אַוועקגעגעבען אָט דאָס שטיקעל מולטער, — און ציטערט אַזוי פאַר׳ן טוידט!"...

און פּראָקאָפּ טהוט איהם אַ טורקע מיט׳ן שטיוועל אין זייט אַריין, און פישעל טהוט אַ ציטער. אויף פּראָקאָפּען פאַלט־אָן אַ געלעכטער, נאָר פישעל הערט נישט. פישעל טהוט תּפלה, פישעל זאָגט ודוי, זאָגט קדיש נאָך זיין אייגענער נשמה און טראַכט מכּח „קבר־ישראל"...

— וסטאַוואַי, דורנעי ראַבין, ווזשע פריעחאַלי! ווזשע מי אַז האַשטשעוואַטע*!

אַזוי רופט זיך אָן פּראָקאָפּ באַראַניוק צו זיין פאַרשוין, צו פישעל דעם מלמד, וועקט איהם אויף, ווי פונ׳ם שלאָף. און פישעל הויבט־אויף דעם קאָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַמעליך, קוקט זיך אַרום מיט די רויטע פאַרוויינטע אויגען אויף אַלע זייטען:

— חאַ־שטשע־וואַ־טע???...

— האַשטשעוואַטע! דאַוואַי, ראַבין, פּיווקאַרבאַוואַנצאַ**!

און פישעל קריכט־אַרויס פונ׳ם מולטער און דערזעהט, אַז ער איז שוין אין דער היים. ווייסט ער נישט, וואָס ער זאָל טהון: צי זאָל ער לויפען אין שטאָדט אַריין? צי זאָל ער געהן טאַנצען? צי זאָל ער פריהער דאַנקען און לויבען גאָט, וואָס ער האָט איהם מציל געווען פון אַזאַ סכּנה? ער באַצאָהלט דעם ערל דאָס האַלבע

---

* שטעה אויף, דו נאַרישער רבי, שוין געקומען צו פאָהרען! שוין אין האַשטשעוואַטע! — ** געב, רבי, אַ האַלב קערבעל!

קערבעל, חאפּט דאָס פּעקעל אונטער דער האַנט און לאָזט זיך לויפן וואָס גיכער אַהיים, נאָר ער בלייבט שטעהן אויף אַ רגע, דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צום פּראַמשטשיק.

— סלוחאַי נאַ, פּראָקאָפּע סערדצע. טי פּריחאַדעט, אם ירצה השם, זאַווטראַ נאַ טשאַרקו פייסאַחאַווקע אי פּראַזנעקאַוואַ ריבאַ דאַ פישעל ספּעקטער. טשויעש? למען השם! *

— אַ יאַק זשע? חיבאַזש יאַ טאַקיי דורנעי? — ענטפערט איהם פּראָקאָפּ באַראַניוק און באַלעקט זיך שוין באַצייטענס פון'ם פּסח'יגען בראָנפען, וואָס ער וועט מאָרגען פּאַרזוכען, און פון די יום־טוב'דיגע פיש, וואָס ער וועט פאַרבייסען. — פייסאַחאַוואַ האַרילקאַ? זשידיוווסקאַ ריבאַ? דאַברע, ראַבין, דאַברע! **

פישעל דער מלמד, אז ער איז געקומען אַהיים, האָט איהם בת־שבע, רויט ווי פייער, מיט איין אָנגערוקט טיכעל, אַ פרעג געטהאָן: „וואָס מאַכסט דו?" האָט ער איהר געענטפערט: „וואָס מאַכסט ד ו?" האָט זי איהם געפרעגט: „וואָס עפּים אַזוי שפּעט?" האָט ער איהר געענטפערט: „באַדאַרף בענטשען גומל, אַ נס מן השמים"... און נישט מעהר אַ וואָרט, נישט געוואָלט דערצעהלען גאַרנישט פון דער שענער נסיעה, נישט געווען קיין צייט; ער האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט פאַרהערען פּרויקען, יואו ער האַלט אין דער גמרא, און אָפּגעבען רייזלען די מתנה און בת־שבע'ן די זיידענע פּעטשיילע. דאָס אַלסדינג איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף שפּעטער. פישעל האָט געוואָלט נאָך פאַרחאַפּען

* הער נאָר, פּראָקאָפּ, האַרצעניו, זאָלסט קומען, אם ירצה השם, מאָרגען אויף אַ גלעזעל פּסח'יגען בראָנפען מיט יום־טוב'דיגע פיש צו פישעל מלמד. דו הערסט?! למען השם! — ** ווי דען זשע? צי בין איך דען אַזאַ נאָר? פּסח'יגען בראָנפען? אידישע פיש? גוט, רבי, גוט!

א באַד. קוים־קוים פאַרחאַפּט! און אַז ער איז געקומען פון מרחץ, האָט ער אויך נישט דערצעהלט גאַרנישט. ער האָט דאָס אָפּגעלעגט אויף שפּעטער, אויף נאָכ'ן סדר. ער האָט נאָר געזאָגט אַלע מאָל: „א נס מן השמים... בענטשען גומל... דער אויבערשטער פיהרט מיט אַ מענטשען... א נס מן השמים... געלויבט איז השם יתברך"...

און ער האָט גענומען מיט זיך פּרויקען און איז אַוועק אויף גיך אין שוהל אריין.

כל נדרי [פאַר-
לאָרענע נשמות]

געשריבען אין יאָהר 1903.

כָּל נִדְרֵי

א.

די נאַכט פון כל־נדרי איז דער „פּאַרנאַס“ געווען שען באַ־לייכטעט מיט אַלערליי־פאַרביגע לאָמפּען און לעמפּלעך, דעקאָרירט און צוגעקליבען אויפ׳ן שענסטען אופן. די מוזיק האָט געשפּיעלט. די אָפּענע סצענע איז געווען גרייט צו באַווייזען דער וועלט אַלע איהרע אַנטיקלעך, חידושים ונפלאות — משונה־מאָדנע גרינגע דינגע גאַז־קאָלירענדיגע קליידלעך, אַ סך בריליאַנטען, משוגענע טואַלע־טען, נאַקעטע לייבער און פיס, פיס אָהן אַ שיעור!...

— וואָס איז דאָס? — פרעגט דער פרומער לעזער. — משוגע, צי חסר־דעה? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות געוואָרען? עשרת ימי־תשובה אין אַ קאַפע־שאַנטאַן! ערב יום־כפור — מוזיק מיט קליידלעך מיט נאַקעטע לייבער!...

איך וויים, ליעבער פריינט, גלויבט מיר, איך וויים, אַז ס׳איז ערב יום־כפור; איך וויים, אַז אין דעם אָרט, וואוהין מיר געהען אַצינד, איז נישט אַזוי כדאי אַריינצוטרעטען אין די טעג, וואָס מע רופט זיי „ימים נוראים“, און די פאַרשוינען, וואָס מיר וועלען זיך דאָרט מיט זיי באַגעגענען, געהערען זיך אָן ווינציג־וואָס מיט׳ן כל־נדרי און מיט׳ן הייליגען טאָג יום־כפור, וואָס ער הייסט ביי אונז „שבת־שבתון!“, דער שבת פון אַלע שבתים. נאָר פון וואַנען וויסען מיר, אפשר געפינען זיך אויך דאַ, אינ׳ם דאָזיגען זינדיגען

אַרט, זינדיגע אידישע נשמות, און צווישען זיי אויך פאַרגעסענע, פאַרוואָגעלטע, פאַרוואָרפענע, אומגליקליכע נפשות נעבאָך, וואָס קומען־אָפּ אויף דער וועלט מעהר פאַר פרעמדע זינד, ווי פאַר אייגענע? פון וואַנען ווייסען מיר, ווער ס'איז מעהר שולדיג אין'ם נידעריג־פאַלען פון די דאָזיגע פאַרלאָרענע נשמות? פון וואַנען ווייסען מיר, וועלכעס איז כדאי און וועלכעס איז ניט כדאי?...

נאָך אזא מין שטיקעל הקדמה, וואָס שמעקט אַ ביסעל מיט „על חטא" (און אַ איד שלאָגט זיך אָפּ „על חטא" און זינדיגט ווייטער), קאָנען מיר, דאַכט זיך, שוין אומקעהרען זיך צוריק צו דער מעשה.

דער „פאַרנאַס" איז דעקאָרירט און צוגעקלויבען אויפ'ן שענסטען אופן. די מוזיק שפּיעלט. מענטשען דרעהען זיך אַרום הין און צוריק אויף איין ענג שטיקעל ערד, וואָס מע רופט עס „גאָרטען", וואָרום מע האָט דאָרט אַנידערגעזעצט אין זאַמד עטליכע טשאַכאָטשנע בוימלעך, וואָס טשאַכנען, קוים־קוים וואָס זיי דערציהען דעם זומער, און אַלץ וואָס דאָ געפינט זיך — איז פאַלש און פאַלש און פאַלש. דער גאָרטען איז ניט קיין גאָרטען, די בוימער זענען ניט קיין בוימער, די בריליאַנטען זענען ניט קיין בריליאַנטען, די שמחה איז ניט קיין שמחה. ס'איז נאָר געמאַכט, ס'איז נאָר גע'מלאכה'ט, בכדי יענער זאָל מיינען...

אַלע ווייסען דאָס, אַלע פיהלען דאָס, נאָר פון דעסטוועגען געהט מען אַהער אַלע אויף דער נאַכט, און מע ברענגט־אויס געלט, מע זיצט און מע הערט, מע געהניצט, נאָר מע זיצט... די מוזיק רימפּעלט, און עס רימפּעלט אויפ'ן האַרצען, נאָר מע מוז זיצען און הערען ביז'ן סוף. דאַנקען גאָט, די מוזיק האָט אויפגעהערט צו רימפּלען, דאָס גלעקעל קלינגט, דער עולם געהט פאַרנעמען ערטער, און דער פאַרהאַנג פון דער אָפענער סצענע הויבט זיך אויף, און עס שפּרינגט־אַרויס אַ נפש אינ'ם געשטאַלט פון אַ נקבה, אַנגעטהאָן משוגענערווייז, דאָס הייסט, העכער האַלב נאַ־

קעס, און מיט אַ קול פון אַ יונג קינד קוויטשעט זי אויס אַ ניגון. וואָס איהר ווייסט ניט, צי זי זינגט קופּלעטען, צי זי בייזערט זיך אויף דער דיענסט פאַר די קאַרטאָפּלים... און חאַטש דער גאַנצער עולם פּיהלט, אַז די קופּלעטען זענען נאַריש און דאָס זינגען טויג אויף כפּרות, פון דעסטוועגען פּאַטשט מען בראַוואָ און אַ צוויי־דריי לעדיגגעהערס רופען זי אַרויס פון יוצא ווענען נאָך אַ מאָל אויף „בּיס“, און זי לאָזט זיך לאַנג ניט בעטען, זינגט אַ נייעם ניגון, נאָך ערגער פון׳ם ערשטען, און דער עולם געהניצט און פּאַטשט „בּראַוואָ“, און עס הערט זיך ווידער אַ געשריי: „בּיס!“...

— דזשאַו! טהו אַ שפּרונג, ווער געוואַהר, געקומען שוין דראַגאַ־מאַרישקאַ, צי נאָך ניט? — אַזוי רופט זיך אָן איינער אַ גראָבער דייטש מיט אַ רויטער נאָז אונטער אַ גלאַנצענדיגען צי־לינדער. ואָס איז דער בעל־הבית פון׳ם גאָרטען.

— איך קום ערשט פון דאָרטען, נישטאָ זי נאָך. — ענטפערט דזשאָו, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ רויטען שניפּס, מיט אַ געגאָלט פּנים, נאָר מיט איין אויסגעבויגענער נאָז, וואָס זעהט־אויס מזרע היהודים.

— וואָס וועלען מיר טהון, טאָמער קומט ניט, חלילה, דראַגאַ־מאַרישקאַ? סע שניידט זיך איין עולם פון היבשע מענטשלעך, רייכע יונגעליטלעך, מע וואָלט געקאָנט לייזען שען געלט... וואו קאָן זיין אַזוי שפּעט דראַגאַ־מאַרישקאַ?

— למאי אַט איז פּערי־פּיטשי־פּוטשי אויך נישטאָ? — זאָגט דזשאָו. — דער רוח ווייסט זיי, וואו זיי זענען ערגיץ!... מע באַדאַרף אַ לויף טהון צו זיי אהיים!...

— געה, געה, דזשאָו, נשמה׳ניו, ברענג זיי צו פיהרען פאַר די צעפּ! — זאָגט די רויטע נאָז צו דער געגאָלטער מאָרדע, און מע זעהט, אַז די רויטע נאָז האָט יסורים. זי עקט זיך... און דאָרט, אויף דער סצענע, שפּרינגט־אַרויס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, קוליעט

זיך איבער דריי מאָל הין און צוריק און מאַכט אַ סך ערגערע העויות, ווי די ערגסטע פּורים־שפּיעלער, און דאָס געפעלט דעם עולם אַזוי שטאַרק, אַז מע פּאַטשט איהם „בראַוואָ“ נאָך איידער ער האָט אָפּגעמאַכט אַלע זיינע שטיק, און מע רופט איהם אַרויס נאָך אַ מאָל אויף בים.

די רויטע נאָז איז אין איינע צרות:

— דזשאַו! וואו איז דזשאַו? נישטאָ דזשאַו! נישטאָ דראַגאַ־מאַרישקאַ! נישטאָ פּערי־פּיטשי־פּוטשי! נישטאָ קיינער, קיינער!...

אַזוי זאָגט די רויטע נאָז און לויפט־אַרום הין און צוריק, ווי אַ פאַר'סמ'טע מויז, איבער'ן גאַנצען „פּאַרנאַס“.

און אויף דער סצענע באַווייזט זיך אַ פאַרשטעלטער איד, דאָס הייסט, אַ גוי, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט אַ קלאַטשקע־וואַטע באָרד מיט ווילדע פּאות אויף איין אָרשין און קרימט זיך נאָך אַ אידען. די דאָזיגע באָרד און פּאות מיט דער שפּיצעכיגער יאַרמעלקע, מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע, מיט די שיך און זעקלעך, רופען־אַרויס אַזאַ מין התפעלות אינ'ם גאַנצען עולם, אַז זיי ווערען שיער ניט די כפּרה. איינער פון דרויסען טהוט אַ געשריי: „יאַנקעל!“ און דער איד פון דער סצענע טהוט אַ פרעג: „חיים־סראַליק־קוגעל, וואָס?“ און צווישען עולם ווערט אַזאַ געלעכטער, גלייך ווי עס איז דאָ געזאָגט געוואָרען מי יודע וואָס פאַר אַ שאַרפע חכמה. און ווער שמועסט, אַז דער איד ציהט נאָך אַרויס פון דער אונטערשטער קעשענע אַ פּושקעלע, נעמט אַ שמעק טאַבאַק און טהוט אַ ניס, דעמאָלט ווערט איין איינלעגעניש אויף אַ האַלבע שעה און אַ געשריי: „בים! בים! בים!“... דערפון קאָן מען שוין פאַרשטעהן, וואָס סע טהוט זיך אָפּ, אַז ער הויבט אָן זינגען דאָס שענע, קלוגע ליעדעל, וואָס צעגעהט זיך אין אַלע איברים, שאָקעלט בשעת מעשה מיט'ן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ און טרייסעלט מיט די פּאות, טאַנצט און קנאַקט־צו מיט די פינגער:

„הענדעל־פענדעל־מענדעלסאָן,
פּיטעל־טריטעל־מאַנדעלשטאַם,
שניאור־דרייער־מאירבער,
שמערקאַ־בערקאַ־קולישער"...

דער עולם ווערט מלא גדולה, ששון ושמחה; איינער שרייט: „בראַוואָ!" דער אַנדערער — „ביס!" און איינער, אַ דריטער, חאַפּט זיך גאָר אַרויס מיט אַ שרעקליכען „הוררררא!", שרייט מיט אַלע כּוחות, גלייך ווי מע האָט איהם דערפאַר באַצאָהלט מי יודע וויפיעל.

דאָס איז אָבער אַלץ פאַר דער רויטער נאָז ווינצ־... זי געהט אַרום אין איינע צרות, בייזערט זיך, קנייפּט־אונטער שטילערהייט די באַדיענטע, טרייבט זיי, זיי זאָלען געהן אַ קוק טהון, צי איז ניט געקומען שוין דראַגאַ־מאַרישקאַ? וואו איז דראַגאַ־מאַרישקאַ? וואו איז פערי־פּיטשי־פּוטשי? וואו איז דזשאָו? ווי אין דער ערד אַריין! שוין זשע זענען זיי ד אָ ר ט ע ן אַלע דריי?...

און דער בעל־הבית פון'ם „פּאַרנאַס" שטעלט־אַוועק איינעם פון די באַדיענטע ביי דער טיר, און אַליין חאַפּט ער אַ דראָשקע און הייסט זיך פיהרען אויף דער „אידישער גאַס".

ב.

ווער איז די דראַגאַ־מאַרישקאַ? וואָס קוקט מען דאָ אויף איהר אַזוי שטאַרק אַרויס?

דראַגאַ־מאַרישקאַ איז אַ זינגערין, איינע פון די סאַמע באַ־ליעבטעסטע אין „פּאַרנאַס". אַליין איז זי פון בודאַפּעשט, זינגט אונגאַרישע מעלאָדיען און ציגיינער־ליעדער מיט אַזאַ שען קול, מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז זי נעמט־אַרויס ביי איטליכען באַזונדער דאָס חיות. אַלע איהרע ליעדער, חאָטש מע פאַרשטעהט ניט די ווערטער, זענען פול מיט טרערען, מיט האַרץ, האָבען אין זיך אַ לעבעדיגע נשמה און דערגרייכען ווייט, דערלאַנגען טיעף אין די

ביינער, דערוועקען מאָדנע געפיהלען, רופען־אַרויס טרויעריגע גע־דאַנקען, אַמאָל אַ זיפץ פון'ם טיעפען־טיעפען האַרצען און אָפט־מאָל אַ טרער אויף די אויגען. וואו ליגט דאָ דער סוד באַהאַל־טען: צי אין דער זיסער ווייכער בוימעהלדיגער שטימע? צי אין די געראַטענע קלינגענדיגע ווערטער, וואָס זי גיט זיי צו אַ באַ־זונדער חן בשעת זי רעדט זיי אַרויס? צי אין איהרע שענע, שוואַרצע, טיעפע, פאַרטראַכטע אויגען, וואָס שיינען אַרויס פון איהר קלאָר־וויים־ליכטיג פּנים, וואָס איז באַגרעמט מיט שענע, קורצע געגרייזעלטע האָר? צי אין איהר קאָנען האַלטען זיך אויף דער סצענע? צי אין די אַלע זאַכען אינאיינעם גענומען? דאָס איז פאַר געוויס, אַז קוים באַווייזט זיך דראַגאָ־מאַרישקאַ אויף דער בּצענע, ווערט נישט קיין ליאַרעם מיט קיין געפּילדער; אדרבה, עס ווערט שטיל, אַלע באַקומען עפּים פאַר איהר דרך־ארץ, מע פיהלט, אַז עס שטעהט אַ מ ע נ ט ש אויף דער סצענע, אַ מענטש ווי אַלע מענטשען, אַ מענטש מיט אַ האַרץ, מיט אַ נשמה! און הויבט אָן דראַגאָ־מאַרישקאַ צו זינגען, אַזוי ווערט דער עולם ווי פאַרשטאַרבען, און אַלע וואָלטען וועלען, דאָס זינגען זאָל זיך ציהען און ציהען, עס זאָל זיך גאָר נישט אויסלאָזען... אידען האָבען ליעב געהן הערכען דראַגאָ־מאַרישקאַן דערפאַר, וואָס אין איהר זינגען ליגט אַ סך „מאַראַליש", עס שמעקט מיט'ן אי־דישען שטייגער. אין איהר זינגען הערט זיך אַ קלאָגען, אַ באַ־קלאָגען זיך פון אַ צעבראָכען האַרץ, פון אַ באַלעדיגטער נשמה, און אַ געפיהל פון רחמנות קלעהמט־אַרום דאָס האַרץ, און נישט אַזוי גרינג פאַרגעסט איהר נאָכדעם דאָס דאָזיגע ליכטיגע פּנים, מיט די טיעפע, שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגען, און די זיסע ווערטער מיט'ן צוקער־זיסען געזאַנג לאָזען זיך נאָך לאַנג הערען ביי אייך אין די אויהערען.

סע פאַרשטעהט זיך, אַז אויף דראַגאָ־מאַרישקאַן זענען פאַר־האַן אַ סך, אַ סך בעלנים, וואָס ברענגען אויס אַ סך, אַ סך געלט, און די רויטע נאָז איז דערפון רעכט צופריעדען, און די אַלע אי־

בעריגע זינגערינס און טענצערינס זענען איהר, געוויינטליך, ריכט מקנא. זיי זאָלען נאָר קאָנען, וואָלטען זיי זי דערטרונקען אין אַ לעפעל וואַסער. אַך, ווען זיי זאָלען וויסען, וואו איז איצטער דראַגאַ־מאַרישקאַ, וואָלטען זיי אָוועקגעגעבען אַלע זייערע פאַלשע בריליאַנטען, זיי וואָלטען איהר שוין צוגעשטעלט אַ רעכט בענ־קעלע וואו מע באַדאַרף און וואָלטען זיך אָפּגערעכענט מיט איהר, ווי עס געהער צו זיין!

וואו זשע איז געווען דראַגאַ־מאַרישקאַ?

אין שוהל צו כל־נדרי.

ג.

דאָרט, אין אַ קליין שטעדטעל אין גאַליציע, וואו זי איז געבאָרען, האָט זי געהייסען דבורה־מירעל, אַ אידישע טאָכטער, אַ כשר קינד, געוואַכסען ביי פרימע עלטערען פאַנאַטיקער און גאַנץ רייכע לייט, וואָס נאָכדעם האָט זיך ביי זיי דאָס רעדעל אַ דרעה געטהאָן צוריק, זיי האָבען אָנגעוואָרען דאָס געלט, פאַראָרעמט גע־וואָרען און איבערגעפאָהרען קיין בודאַפּעשט, געעפענט פריהער אַ קלייטעל פון ציגאַרען, נאָכדעם אַ אידישען רעסטאָראַן אויף דער אידישער אַלטאָפּענגאַס. נאָר דער שלים־מזל האָט זיי נאָכגעיאָגט פוס־טריט. ווי געוויינטליך, אין אַ ניי אָרט און אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי בודאַפּעשט, האָבען זיי אָנגעהויבען זיך אַנדערש פיה־רען, מאַכען אַ ניי מין לעבען, איבערגעביטען די אידישע נעמען אויפ'ן אונגאַרישען שטייגער, אָנגעהויבען זיך אַנדערש קליידען, די מוּ־טער אַליין האָט מיט דער צייט אַראָפּגעוואָרפען דעם פּאַריק, און דער עלטערער זוהן האָט אָנגעהויבען שטודירען מוזיק — דאָס אַלסדינג איינאיינעם האָט דער פאָטער נישט געקאָנט איבערטראַ־גען און איז געשטאָרבען אינ'ם אידישען שפּיטאָל, און דאָס גאַנצע געזינדעל האָט זיך צעזעעט און צעשפּרייט אויף אַלע זיעבען ימים: דער עלטערער זוהן איז אַוועק ערגיץ מיט מוזיקאַנטען, דער אַנדע־רער האָט זיך גלאַט אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אריין, אַ סברה,

אז קיין בראזיליע, און איז פארפאלען, ווי אין וואסער אריין; איינע איין עלטערע טאכטער האט חתונה געהאט פאר א משורר אין כאהרשוהל, די אנדערע האט זיך געשטעלט אין א זאקען־פאבריק, און דראגא־מארישקא איז געבליבען אליין מיט דער מו־טער, איהר מיטגעהאלפען אין רעסטאראן באדיענען די אורחים, געגרייט און דערלאנגט צום טיש דאס עסען.

שען פון דער נאטור זענען זיי געווען אלע, נאר שענער פון אלע איז געווען דראגא־מארישקא, און די אורחים, וואס האבען ביי זיי געגעסען קעסט, האבען ליעב געהאט, אז נאר די שענע, בלי־ענדיגע דראגא זאל דערלאנגען צום טיש, נישט קיינער. א סך געסט האבען איהר געמאכט קאמפלימענטען, אייניגע האבען זיך ניט באנוגענט מיט קאמפלימענטען אליין, זיך באגאנגען א ביסעל גראבליך, ווי געוויינטליך מאנסבילען, אז זיי דערזעהען א שענע צייטיגע פרי וואכסט און האבען רחמנות, זי קאן נאך, חלילה, אי־בערוואכסען.

צווישען די שטענדיגע אורחים, וואס פלעגען אפט קומען עסען אינ׳ם אידישען רעסטאראן אויף דער אלטאפענגאס, איז גע־ווען איינער א גאנץ רייכער גאסט פון וויען, מיט׳ן נאמען פייער־שפייער, א יונגערמאן מיט א בלאס איידעל פנים, מיט א לאנגען דינעם האלז און מיט א ביסעל א הייזעריגליכער שטימע, נאר מיט זעהר גוטע, א ביסעל קורצזיכטיגע אויגען. אלע צוויי־דריי חדשים פלעגט ער קומען פון וויען קיין בודאפעשט מיט סחורה פון זיין פאטער׳ס אייגענער פאבריק, וואו ער האט זיך גערעכענט אלס קאמי־וואיאזשער, און פלעגט פארברענגען עטליכע טעג אין קומען אלע טאג עסען אין אידישען רעסטאראן, וואס אויף דער אלטאפענ־גאס, און די שענע דראגא איז איהם אזוי געפעלען, אז ער האט איהר איינמאל, נאכ׳ן צעצאהלען זיך פאר׳ן עסען, אהן א שום הכנות, — בשעת מעשה איז איהם נאר דער דינער לאנגער האלז א ביסעל רויט געווארען — אויפגעשטאנען און געבעטען ביי איהר די האנט, דאס הייסט, ער האט איהר פארגעלעגט, אז אויב זי וויל,

האָט ער פאַר איהר חתונה. דראַגאַ־מאַרישקאַ, וואָס האָט זיך בשום אופן ניט גערעכנט אויף אַזאַ זאַך, האָט איהם גאַנץ פּשוט געענטפערט, אַז זי מוז פריהער איבעררעדען מיט דער מוטער, און די מוטער, דערהערט אַזאַ גליק, האָט זי געטריבען די טאָכטער, זי זאָל געהן וואָס גיכער איהם זאָגען „יאָ“, און אויף דעם גאַנצען געזינדעל איז געוואָרען אַ שמחה, אַ פרייד: די עלטערע שוועס־טער איז געקומען צו לויפען, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, מיט'ן מאַן דעם משורר, וואָס איז כאַהר־שוהל, געפאַלען דער שוועסטער אויפ'ן האַלז, געזאָגט, אַז איצט וועט קומען אַ סוף צו זייערע אַלע צרות, איהר מאַן וועט פאַרשפּאָרען זינגען אין כאַהר פאַר פּופּצעהן קראָנען אַ וואָך, די קלענערע שוועסטער וועט פאַרשפּאָרען אַרבײַ־טען זיעבעצעהן שעה אין טאָג ביי די זאַקען, און די אָרעמע מאַמע וועט נישט דאַרפען שוין שטעהן גאַנצע טעג ביי'ם אויווען. ניש־קשה, פייערשפּייער איז געווען רייך און איז זעהר אַ גוטער מענטש; ער וועט זיי אַלעמען קומען צו הילף, און זיי וועלען אַלע ווידער אַ מאָל אויפלעבען, ווי זיי האָבען געלעבט אַמאָל פאַר זייער גוטען פאָטער, ער זאָל האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן. ביידע שוועסטער האָ־בען זיך אַרומגענומען, צעקושט און צעוויינט זיך פאַר פרייד.

ד.

ס'זאָל אַלסדינג זיין אַזוי ווי מיר שטעלען זיך פאָר — וואָלט דאָך קיינמאָל אין ערגיץ קיין צרות ניט געווען אויף דער וועלט. אַז דער אַלטער פייערשפּייער, אַ משוגענער דייטש און אַ רעכטער עקשן, איז געוואָהר געוואָרען פונ'ם שידוך, וואָס דער זוהן האָט געטהאָן אין בודאַפּעשט, האָט ער איהם אַריינגערופען צו זיך אין קאַבינעט אַריין, געהייסען זיך איבערגעבען די קאַסע, איהם אַרויס־געגעבען זיין געהאַלט, וואָס איהם קומט ביז'ן סוף יאָהר, און גע־זאָגט, אַז ער איז פריי, ער קען שוין געהן דיענען ערגיץ אַנדערש, און האָט איהם צום לעצטען מאָל פאַרגעלעגט אַזאַ מין תנאי:

אדער אויס שידוך, אדער אויס זוהן. דער יונגער פייערשפייער איז אבער אויך געווען א דייטש און נישט קיין קליינער עקשן, האט ער איהם דערויף געענטפערט, אז מע וועט גיכער פועל'ען ביי איהם דאס אנדערע, איידער דאס ערשטע, און ער יועט בכלל בעסער שטארבען, איידער נעמען צוריק דאס ווארט, ובפרט, אז ער האט ליעב דאס מיידעל מיט סכנת־נפשות און ער רעכענט זיך פאר איינעם א גליקליכען... און אזוי ווייטער. דער אלטער פייערשפייער האט איהם גאנץ פיין אויסגעהערט; נאכדעם האט ער איהם אנגעוויזען מיט דער האנט אויף דער טיר און א זאג געטהאן:

— אלזא, איז דאס אפגעמאכט? אדיע!

— אדיע! — האט איהם דער זוהן געענטפערט און א בויג געטהאן זיך, און אזוי איז מען זיך צעגאנגען, דער זוהן מיט'ן פאטער, אויף תמיד.

סע פארשטעהט זיך, אז ס'איז באלד אוועקגעגאנגען א וואַרעמער בריעף קיין בודאפעשט צו דראגא־מארישקאן, באשריבען די גאנצע סצענע מיט'ן פאטער, און ער בעט זי, אז זי זאל זיין גאנץ רוהיג, ער איז שוין ניט קיין יונגעלע; ער איז, ברוך השם, נישט קיין פארפאלענער, ער וועט זיך אפזוכען מיט גאט'ס הילף א שטעלע אין גיכען, און אז ער וועט זיך נאר צו עפּיס צושלאַגען — שטעלט ער מיט איהר חופה אין א גוטער שעה א מזל'דיגער, און אזוי ווייטער. און ס'איז טאקי אזוי געווען. ער האט גיך באטראפען א גאנץ פיינע שטעלע, זיך איינגעארדענט, ווי עס געהער צו זיין, און געקומען צו פאהרען קיין בודאפעשט און געשטעלט די חופה.

די חתונה איז געווען אפילו נישט אזא פרייליכע חתונה; ס'איז געווען, ווי מע רופט דאס אן: „א שטילע חופה־וועטשערע“. די מחותנים האבען זיך שטארק געבלאזען; ס'איז געווען, פארשטעהט איהר מיך, ניט אזוי ווי זיי האבען געמיינט. זיי האבען געמיינט א געהויבענע חתונה מיט רייכע מתנות... דער עלטערער

שוועסטער׳ס מאַן האָט שוין גע׳חלומ׳ט פון אַ נייער שטעלע ביי׳ן רייכען שוואָגער; די קלענערע שוועסטער האָט זיך שוין כמעט ווי אָפּגעזעגנט מיט איהרע חבר׳טעס אויף דער זאַקען־פאַבריק; און אויך די אַלטע מוטער האָט שוין גערעכענט צומאַכען דעם אידישען רעסטאָראַן: גענוג שוין בראָטען זיך ביי׳ם אויווען, גענוג שוין באַדיענען די אורחים, אונטערטראָגען איטליכען עסען. די אַלטע מוטער האָט אָנגעהויבען אָפּטער ווי פריהער דערמאַנען איהרע צוויי זיהן, וואָס זענען אַוועק אויף דער וועלט; זי האָט געהאָפט, פאַרשטעהט איהר, אַז זיי וועלען מסתמא דערהערען פונ׳ם גליק, וואָס זייער יונגערער שוועסטער האָט געטראָפען, און וועלען געוויס קומען צו פאָהרען אַהיים. מיט איינעם וואָרט, איטליכער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט זיין חלום. און אַזוי ווי דאָס רוב חלומות לאָזען זיך אויס מיט גאָרניט, אַזוי האָט זיך פון די דאָזיגע חלומות אויסגעלאָזט אַ טייך: דער עלטערער שוואָגער איז געבליבען אויף זיין אַלטער שטעלע; די יונגערע שוועסטער איז געזעסען ביי׳ם אַלטען וואַרשטאַט פון די זאָקען, די אַלטע מאַמע — ביי׳ם אויווען; די צוויי זיהן האָבען זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דער וועלט, ווי פריהער. אַלע האָבען זיך אָפּגענאַרט, געהאַט אַ טעות אין חשבון און געבלאָזען זיך אויף דער נאַרישער דראַגאַ מיט איהר נאַרישען מאַן דעם דייטש, וואָס ער וויל זיך ניט איבערבעטען מיט׳ן פאָטער: אַ מענטש האָט אַזאַ רייכען פאָטער — און געהט דיענען צו אַ פרעמדען פאַר אַזעלכע הונדערט פופציג קראָנען געהאַלט! נאָך דער חתונה האָט זיך די עלטערע שוועסטער נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט זיך צעקריעגט מיט דראַגאַן, אויפגעהערט רעדען מיט איהר און נישט געגאַנגען איבער איהר מעהר צו דער מוטער אין ׳שטוב אַריין. און פון דעמאָלט־אָן איז אָפּגענומען געוואָרען דער שלום־בית אין יענעם הויז און מ׳עס האָט זיך געגעסען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייט.

נאָר איין דראַגאַ האָט זיך געפיהלט גליקליך מיט איהר געליבטען בערנאַרד (אַזוי האָט געהייסען דער יונגער פייערשפּייער),

וואס האבען זיך ליעב געהאטביידע דאס חיות, און מיט איהרע צוויי קליינע מלאכים׳לעך, וואס זענען געבארען געווארען גיך איינס נאך דאס אנדערע, און וואס זי האט זיי ליעב געהאט און אפגעהיט, ווי דאס שווארצאפעל פונ׳ם אויג. איין חסרון נאר, וואס בערנארד איז כמעט קיינמאל ניט אין דער היים, פאהרט־ארום טאג ווי נאכט, קומט צו פאהרען איין מאל אונטער א יום־טוב אויף איין טאג, קושט זיך אן מיט די קינדער און פאהרט ווייטער אוועק. נאך א חסרון, וואס בערנארד איז נישט אין בעסטען געזונט. ער איז פון תמיד אן זעהר איין איידעלער. ס׳איז גאר א סברה, אז ער טאר גאר אזוי פיעל ניט הארעווען, ווי ער הארעוועט, ער טאר גאר אזוי פיעל ניט ארומפאהרען, ווי ער פאהרט ארום. דער דאקטאר זאגט, אז זומער באדארף ער האבען רוה, זיך באזעצען ערגיץ „אינם גרינע״, אויף א דאטשע הייסט עס, טרינקען מילך וכדומה. נאר בערנארד וויל ניט הערען, ניט זעהן. בערנארד טראכט גארניט וועגען זיך אפילו איין מינוט; דאס גאנצע לעבען זיינס איז דראגא און איהרע צוויי מלאכים׳לעך, און קומט ער צו פאהרען אמאל אהיים און קאן זיי עפּים ברענגען צו פיהרען פון וועג א מתנה און זיצען מיט זיי א טאג, קומט איהם דעמאלט צו געזונט אויף א גאנץ יאהר!

א מענטש איז אבער ניט קיין מאשין, ניט פון אייזען. בערנארד האט אזוי לאנג געהארעוועט, ביז ער האט זיך געמוזט איינמאל אנידערלעגען רוהען; און האט ער זיך אנידערגעלעגט, איז ער שוין מעהר נישט אויפגעשטאנען. דאקטוירים האבען אנגעהויבען דארט צו זיין גאנץ אפטע געסט, אין דער אפטייק האט מען געקאכט פון זיינעטוועגען רפואות. דער פראפעסאר האט גע־הייסען, מע זאל איהם אפפיהרען ערגיץ אין א קוראָרט, און ס׳איז ניט געווען מיט וואס. איז געקומען די עלטערע שוועסטער מיט איין עצה, אז דראגא זאל אוועקשרייבען צו זיין פאטער, צום אל־טען פייערשפייער, א בריוועל, איהם פרעגען: „היתכן? ביז וואַ־נען איז דער שיעור צו זיין ברוגז אויף א זוהן?״ האט דאס דער־

הערט בערנאַרד און איז געוואָרען אַנגעצונדען. ער האָט זיך אַזש פאַרהוסט פאַר כעס, געבעטען זיך, געזאָגט, דער טוידט זאָל זיין — צום פאָטער זאָל מען ניט שרייבען! האָט איהם דערויף די שוועגעריין געענטפערט, ווי אַ געטרייע שוועסטער, אַז „ס'איז, כלעבען, ניט כדאי, אַז איבער זיין עקשנות זאָל איהר שוועסטער, חלילה, בלייבען איין אַלמנה"... מע קאָן זיך גרינג פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ בורע ס'איז געוואָרען אין שטוב פון די דאָזיגע ווערטער, וואָס פאַר אַ שנאה ס'איז אַרוים צווישען די צוויי שוועסטער און וואָס פאַר אַ גיהנם ס'איז געוואָרען אין שטוב ביי דער אַלטער אַלמנה, וואָס האָט באַדאַרפט שטעהן ביי'ם אויווען און האָרעווען און מיט איהר האָרעוואַניע ראַטעווען דעם קראַנקען בערנאַרדען, וואָס האָט געצאַנקט, ווי אַ ליכט!

נאָר דאָס איז אַלץ פון די זאַכען, וואָס מע קאָן זיי נאָך אַריבערטראָגען. ביטערער פון אַלץ איז, אַז עס קומט דער אומדערבאַרעמיגער טוידט פאַר דער צייט און רייסט־אַרויס מיט גוואַלד, אָהן אַ שום רחמנות, דעם יונגען בוים, וואָס אויף איהם האָבען אַרויסגעקוקט און וואָס פון איהם האָבען געלעבט עטליכע נפשות און ליעב געהאַט איהם און געווען צו איהם צוגעבונדען מיט לייב און לעבען.

געשטאָרבען בערנאַרד.

ה.

בערנאַרד איז געשטאָרבען, און דראָגאַ איז געבליבען מיט צוויי קליינע קינדערלעך, ווי אויף'ן וואַסער. די גאַנצע צייט, וואָס בערנאַרד האָט געקרענקט, האָט זיך דער אידישער רעסטאָראַן אויף אַלטאַפּענגאַס שטאַרק אָפּגעשלאָגען פון אורחים; די אַלטע האָט זיך נעבאַך אויסגעבראַכט וואו זי האָט געהאַט אַ פּרוטה! דראָגאַ האָט פאַרקויפט וואו זי האָט געהאַט ערגיץ אַ שטיקעל ציערונג, אָדער אַ מלבוש. מע איז אַריינגעפאַלען נאָך אין אַ גרעסערער אָרעמקייט, ווי פריהער. מע האָט זיך צעקריעגט,

פיינט געקריגען און געגעסען איינס דאָס אנדערע נאָך ערגער, ווי ביז אהער. און געקריגט, פיינט געהאַט און געגעסען זיך האָט מען דערפאַר, וואָס אַלע האָבען געפאָדערט פון דער יונגער אַלמנה, זי זאָל אוועקשרייבען צום אַלטען משוגענעם פייערשפייער קיין וויען, ער זאָל ארויסשיקען האָטש עפּיס געלט אויף די אָרעמע יתומים נעבאָך; זיי זענען דאָך זיינע קינדער, זיין בלוט און פלייש... נאָר דראַגאַ האָט ניט געוואָלט פאָלגען; זי איז געבליבען געטריי איהר געטרייען בערנאַרדען נאָכ׳ן טױדט, ווי פאַר׳ן לעבען; בערנאַרד האָט געזאָגט, מע זאָל דעם פאָטער ניט שרייבען, איז דאָס הייליג! האָט מען זי אויסגעמיידט און זיי האָבען אליין אוועקגעשריבען צום אַלטען פייערשפייער זעהר אַ מיאוסען בריעף (געשריבען האָט איהם דער משורר פון דער בודאַפּעשטער כּאָהרשוהל) און רעכט אנגעזידעלט איהם פאַר זיין „שטיינערן הארץ״ און פאַר זיין „הילצערנע נשמה״. האָט זיך דער אַלטער פייערשפייער דוקא אָנ־גערופען מיט אַ בריעף, אַז ער נעמט ביידע יתומים צו זיך קיין וויען, מיט אַ תּנאי, די מוטער זאָל איהם ארויסגעבען אַ פּאַפּיער, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון זיי אויף אייביג און זי טאָר קיינמאָל צו איהם נישט קומען אויף דער שוועל...

דער דאָזיגער בריעף האָט שוין אויפגעבראַכט אַלעמען, און דראַגאַ איז געווען אויסער זיך, פאַר וואָס מע האָט צו איהם גע־שריבען אָהן איהר וויסען. געוויינט, געשריגען, געאַרבייט, זיך געריסען די האָר און צעקריגט זיך מיט דער גאַנצער שטוב און געשוואָרען, אַז זי וועט אוועק פון זיי אויף אייביג.

נאָר וואוהין קאָן געהן אזא אָרעמע יונגע אַלמנה, ווי דראַגאַ, מיט צוויי פּיצלעך קינדער? זי האָט אזוי לאַנג געוויינט, ביז זי האָט זיך איבערגעוויינט, און אַ דאַנק דעם שוואָגער דעם משורר, וואָס האָט געהאַט קענטשאַפט מיט זינגערס, האָט זי זיך געשטעלט פאַר אַ זינגערין פריהער אין אַ געמיינעם כּאָהר, נאָכדעם אין אַ פיינערען כּאָהר. אַ שטימע האָט זי געהאַט פון תּמיד אַ זיסע, און שעֹן איז זי געווען, ווי די וועלט, האָט זי אָנגעהויבען בּיסלעכווייז

אויסנעמען ביי'ם עולם, ארויסטרעטען מיט איהרע שענע „ציגיי־נער־ליעדער", פריהער אין די קליינע בודאפּעשטער שענקלעך אדער ווירצהייזער, און נאכדעם אין די גרעסערע גערטנער און קאפע־שאנטאנען, אין אנגעהויבען פּארדיענען גאנץ שען געלט, זיך אי־בערגעבעטען מיט איהרע אייגענע, און עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז זיי האבען איהר געשדכנ'ט א נייעם שידוך, א אי־דישען קאלבאסניק, איין אלמן מיט עטליכע קינדער, נאר מיט א שענער קאלבאסנע קלייט, די ערשטע אידישע קאלבאסנע אין בו־דאפעשט.

דער דאזיגער קאלבאסניק, א געזונטער יונג מיט א שווארצער געגאלטער מארדע, מיט א גראבען בויך און מיט גראבע באוואפּ־נעטע הענט, האט אנגעהויבען אפטליך אריינקומען, שדכ'ענען זיך צו דער יונגער אלמנה, געגעבען אנצוהערעניש איהר, אז ניט אזעל־כע ווי זי באדארף זינגען אין די שענקלעך, אז זי קאן זיך אפזוכען איהר גליק ערגיץ אנדערש — בקיצור, ער האט איהר פארגעלעגט זיין האנט מיט זיין קאלבאסנע קלייט, און זי האט איהם אפגע־זאגט.

דער קאלבאסניק האט זיך געפונען שטארק באלעדיגט פאר אזא מעשה און איז אוועק א ברוגז'ער, פאר פעס זיך פארגעסען געזעגענען מיט דער אלטער, און צווישען דער משפחה איז געווא־רען א ניי מחלוקת, א נייע שנאה, נייע קריעגענישען, נייע אינ־טריגעס, ביז עס האט זיך געטראפען א מעשה, וואס ווערט בא־שריבען אינ'ם קאפּיטעל, וואס קומט ווייטער.

ו.

איינאיינעם מיט דער ליכטיגקייט, וויסענשאפט, געזונטהייט און אלע איבעריגע נוצליכע זאכען, וואס די ציוויליזאציע האט פארשפרייט צווישען די מענטשען, האט זי זיי אויך אריינגע־בראכט דעם חשק צו לעבען א גוטען טאג און די תאוה צו אלערליי

פארגעניגענס; און אזוי ווי די איינציגע גליקליכע, וואס זענען תמיד זאט און ווייסען נים פון קיין צרות, ווילען געניסען וואס מעהר פארגעניגען, און געניסען פארגעניגען האט דאך קיין שיעור און קיין גרונט ניט, אזוי ווי דער ים, — האבען זיך געפונען מענטשען, וואס מאכען זיך דערפון א פרנסה, נעמען זיך אונטער פאר געלט צושטעלען פאר די זאטע און גליקליכע כל המינים פאר־געניגענס, וואס דעם מענטשענ׳ס פאנטאזיע קאן צוטראכטען.

איינער פון די ערטער אויף צו שעפען פארגעניגען איז דער גרויסער שענער שטאדט איז דער אויבענדערמאנטער גארטען „פארנאס", מיט די ארעמע פארטשאכנעטע בוימלעך, מיט דער שלעפעדיגער מוזיק, מיט׳ן ערגסטען ביפעט, וואס מאכלים זענען דארט א סם־המות צום מאגען, מיט די ערגסטע ווייגען, וואס זענען זויער ווי עסיג און זענען מיט גאלד גלייך — און פון דעסטוועגען לויפען אהינצו די זאטע, גליקליכע מענטשען, שעפען פארגעניגען אלע נאכט, און נאר ביינאכט, ווארום דאס רעכטע לעבען הויבט זיך ערשט אן דארטען שפעט נאך האלבע נאכט...

אהער, אין דעם דאזיגען „פארנאס", איז אריינגעפאלען אונ־זער דראגא־מארישקא, ווי דאס שפיעלפויגעל, וואס פאלט־אריין אין שטייגעלע אריין; דאס פויגעלע טאנצט, שפרינגט, שטעלט זיך אוועק און הויבט אן זינגען, זינגט־זינגט אהן איין אויפהער, און מענטשען קוקען און הארכען, ווי שען דאס פויגעלע זינגט, און קוועלען־אן פון דעם און קלויבען פארגעניגען. קיינעם פאלט גאר ניט איין בשעת מעשה, אז דאס פויגעלע ניט סע טאנצט, נאר סע רייסט זיך פון געפענקעניש, ניט סע זינגט, נאר סע וויינט, וויינט און קלאגט נאך דער פרייהייט, וואס סע האט פארלארען, וויינט און קלאגט אויף דער ענגער וועלט, אויף די שלעכטע מענטשען, וואס האבען דאס געפאנגען און פארשלאסען אין דער ענגער טור־מע, צוגענומען ביי דעם דאס גליק אויף אייביג!

צווישען די אלע אנדערע מיטלען, וואס מענטשען האבען צוגעטראכט אויף האפען שפיעלפויגעלעך, איז פארהאן אויך א

פראסט, נאר זעהר א גוט מיטעל: מע שיט־אוים אויף דער פאר־שפרייטער נעץ א סך קערענדלעך, קומט דאס הונגעריגע פויגעלע צו שפרינגען, פיקט־פיקט די קערענדלעך אזוי לאנג, ביז סע פאר־פלאנטעט זיך נעבאך אין דער נעץ — און פארטיג!

אויף צו חאפען יונגע אומשולדיגע נשמות האבען מענטשען צוגעטראכט דאס בעסטע מיטעל: גאלד און בריליאנטען — די צוויי זאכען, וואס ס'איז שווער אקעגען זיי בייצושטעהן! די ארעמע דראגא־מארישקא האט באדארפט זיין שטארקער פון אייזען, זי זאל אויסשטעהן אזא שווערען נסיון, ווי א קאנטראקט אויף דריי הונדערט רובעל א חודש מיט מתנות (בריליאנטען), נאר פאר א פאר מאל ארויסגעהן אויף דער סצענע, אפזינגען א צוויי־דריי ציגיינער־ליעדער, וואס זי זינגט זיי אזוי זיס, אזוי געשמאק, אז עס צעגעהט זיך אין יעדען אבר. דער פארשוין, וואס האט איהר פארגעלעגט אזא מין קאנטראקט, דער בעל־הבית פונ'ם „פארנאס", אט א יענער וואס מיט'ן גלאנצענדיגען צילינדער און מיט דער רויטער נאז, נאר מיט א סך בריליאנטענע רינגען אויף די גראבע פינגער, איז ניט אפגעטראטען פון איהר אויף קיין טראט. פון דער ערשטער מינוט אן, וואס ער האט זי דערזעהען און דערהערט זינגען אין גארטען אין בודאפעשט, איז ער צו איהר צוגעזאטען געווארען און האט איהר ארויסגעזאגט גאנץ עפענט־ליך, אז איהר ארט איז ניט דא, אין דעם ארעמען שענקעל, נאר ביי איהם, אין דעם שענעם „פארנאס"; דארטען וועט מען זי, זאגט ער, פאר איהרע ציגיינער־ליעדער אפגילטען, אפשיטען מיט בריליאנטען. א סימן — אט צעהלט ער איהר אפ באלד דריי הונדערטער, רוסישע באנקנאטען במזומנים, פאר'ן ערשטען חודש, שרייבט איהר אונטער א קאנטראקט אויף א גאנצען סעזאן און נעמט זי אויף זיינע אייגענע הוצאות ביז אהין אויפ'ן ארט.

און נישט לאנג געטראכט, נעמט ער ארוים א גאנץ גרויסען טייסטער, באציערט מיט א מאנאגראם פון בריליאנטען, פול אנ־געשטויסען מיט קנאקענדיגע באנקנאטען, און די בריליאנטענע

פינגערלעך ביי איהם בלישטשען און פינקלען זיך אפּ אין אלערליי פייערלעך, און די ארעמע דראגא־מארישקא קוקט אויף די פעקלעך קנאקענדיגע באנקנאטען און אויף די פינקעלדיגע בריליאנטען, און די ערשטע מחשבה, וואס פליהט איהר דורך אין קאפּ, איז איהרע צוויי טייערע ליעבע טייבעלעך: „וויפיעל גלעזער מילך קאנען זיי דערפאר האבען! וויפיעל העמדעלעך! וויפיעל פּאר שיכעלעך!“... און אויך די אלטע מוטער קוקט אויף די קנאקענדיגע באנקנאטען, ווי א הונגעריגע קאץ אויף געבראטענע לעבער, באלעקט זיך אזש און קוקט אויף דער טאכטער, ווי איינער רעדט: „שטיא! דו קוויינקעלסט זיך נאך?“... און די עלטערע שוועסטער דערשמעקט געלט, קומט זי צו לייפען, נישט טוידט, נישט לעבעדיג, האפּט זי ארום קושען און רוימט איהר איין א סוד אויפ'ן אויהער:

— נעם, נארעלע, און פאהר! דארט איז א לאנד פון נאראנים, פון גאלד און פון בריליאנטען! געלט איז דארט ווי מיסט און בריליאנטען וואלגערען זיך אין די גאסען!

דראגא ענטפערט איהר דערויף גארנישט; נאר איהרע שענע, שווארצע, טיעפע אויגען קוקען אהין, וואו איהרע צוויי טייערע ליעבע טייבעלעך ליגען און שלאפען ביידע אין איין בעטעלע, ד־ קעפּלעך צעקאשמעט, די הענטליך צעווארפען און די בעקלעך ביי זיי בליהען, ווי פרישע, שמעקענדיגע רויזען, און די אויגען ווערען איהר נאסליך פון טרערען.

אלע פארשטעהען דעם דאזיגען לאנגען טרויעריגען קוק, אלע ווייסען וואס באדייטען די דאזיגע שטילע טרערען, און די אלטע ארעמע מוטער טרייסט זי, זאגט איהר צו, שווערט איהר ביי איהר עלטער, אז זי וועט אפּהיטען די קינדערלעך, ווי דאס שווארצאפּעל פון'ם אויג! זי ווייסט, נישקשה, ווי אזוי אפּהיטען א קינד; זי האט שוין אויף איהר לעבען עפּים אויפגעצויגען קינדער!...

און צוויי כחות האלטען מלחמה, א שווערע שטארקע מלחמה: דער כח פון ליעבשאפט און געטריישאפט צו די קליינע טייערע קינדערלעך, און דער כח פון גאלד, פון באנקנאטען און בריליאנטען.

דער כח פון גאלד האט איינגענומען...

ז.

דער גיהנם, ווערליג די אלטע ספרים פון אלע פעלקער שטעלען איהם פאר, איז א מין קאלך־אויווען א גרויסער, וואס הייצט זיך פון אייביג ביז אייביג, ברענט מיט א העליש פייער. די רשעים דארטען בראטען זיך און פרעגלען זיך, ווי קאטשקעס, מלאכי־חבלה מיט אייזערנע רימער שמייסען זיי פון הינטען, גנאטעווען, שטעכען מיט אנגעגליהטע אייזענס, טרייבען אויף הרעטשקע, שטעלען אויף צוויעקעס, הענגען־אויף פאר די צינגער און ווארפען כף־הקלע פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען עק.

יענע מחברים, וואס האבען אזוי באשריבען דעם גיהנם, האבען, אפנים, נישט געוואוסט נאך, אז עס קאן געמאהלט זיין א גיהנם, באלייכט מיט עלעקטרישע לאמפען, מיט שענע צוגעקלויבענע קאבינעטען, די מוזיק זאל שפיעלען, און די רשעים, אויסגעסטראצעלט אין זייד און אין סאמעט, באהאנגען מיט גאלד און בריליאנטען, זאלען נישט פרעגלען זיך אויף הייסע סקאווערדעס, נאר זיי זאלען עסען און טרינקען, שפיעלען און זינגען, טאנצען און שפרינגען.

אין אזא מין גיהנם האט זיך געפונען אונזער ארעמע דראגא.

די קנאקענדיגע באנקנאטען מיט די פינקעלדיגע בריליאנטען פון יענעם פארשוין, וואס איז געקומען זי נעמען אויף גאסט־ראלען, דער מוטער'ס רעד, דער שוועסטער'ס קושען זיך, דאס שווערע, טרויעריגע געזעגענען זיך מיט די צוויי טייבעלעך און

די נסיעה אין א ווייט פרעמד לאנד, האבען איהר אזוי פארדרעהט דעם קאפ, אז זי האט זיך גאר ניט צוגעקוקט צום קאנטראקט, וואס זי האט אונטערגעשריבען, ניט באמערקט דעם פונקט נומער 13.

וואס איז געשטאנען אינ׳ם פונקט נומער 13? דארט איז געשטאנען: „איך, די זינגערין דראגא־מארישקא, פארבינד מיך בלייבען אין „פארנאס" אלע נאכט ביז דאס פייער ווערט געלאשען, מיט די געסט באדארף איך זיין פריינטליך, צו אלעמען צו־געלאזט, און אזוי ווייטער"... די ווערטער „פריינטליך" און „צו־געלאזט" האט דראגא תחילת ניט פארשטאנען, און אז זי האט דאס פארשטאנען, איז שוין געווען צו שפעט, און זי האט שוין דערצו גארנישט געקאנט העלפען... ווי גרויס איהר נויט איז ניט געווען צו געלט, ווי שען און רעש׳ענדיג ס׳איז ניט געווען דאס אויפנעמען, וואס מע האט זי אויפגענומען אלע נאכט ביי איהר ארויסטרעטען אין „פארנאס", ווי רייך עס זענען ניט געווען די מתנות, וואס מע האט איהר אונטערגעטראגען פאר איהר שען זינגען, און נאך מעהר פאר איהר שען פנים, — ווי גוט דאס אלסדינג איז ניט געווען, קאן איך אייך פארזיכערען, אז זי וואלט דאס אלס־דינג אוועקגעשענקט, א שמיץ געטהאן אין פנים אריין און אנט־לאפען צוריק אהיים, ווען זי וואלט ניט זיין געבונדען מיט הענט און פיס, ווי א פליעג אין שפינוועבס, ווען זי וואלט ניט זיין אזוי עלענד אין א פרעמד לאנד, צווישען מענטשען, וואס זי פאר־שטעהט ניט זייער שפראך און וואס זיי ווילען ניט וויסען פון איהר אייגען וועלטעל, אחוץ איהר זינגען און אחוץ איהר שען פנים... און אז איהר וועט צולעגען דערצו די אלע נפשות, וואס דרעהען זיך ארום איהר, די אלע זינגערינס מיט די טענצערינס, וואס פאר־קויפען זיך פאר געלט בפרהסיה, מיט איין אונגעהייערע חוצפה, מיט אזא־נ־עזות און מיט אזא ציניזם, וואס זי האט דאס קיינ־מאל נישט געזעהען און נישט געהערט א׳ן אפילו זיך נישט פאר־געשטעלט — דאס אלסדינג, אז איהר וועט צונויפנעמען אינ־

איינעם, וועט איהר גרינג פארשטעהן, פאר וואס איך רוף אן איהר לעבען אין „פארנאס“ מיט׳ן נאמען „גיהנם“.

פאר וועמען ס׳איז א גן־עדן — פאר איהר איז דאס געווען א גיהנם.

די שלעפעריגע מוזיקאנטען שפיעלען א שלעפעריגען וואלס; די שלעפעריגע באדיענטע מיט די שווארצע פרעק און מיט די ווייסע שניפסען שטעהען, ווי די טאקען, און ווארטען, ביז מע וועט זיי הייסען עפים דערלאנגען; די לאזשעס ארום און ארום זענען באזעצט מיט שלעפעריגע געסט, וואס זענען בלומרשט פריילך, און א גאנצע חאליאסטרע פון האלב־נאקעטע, אנגעפארבטע און אנגעקראכמאלעטע זינגערינס און טענצערינס דרעהען זיך ארום אין זאל, אדער זיי שטעהען אויף אויסצוקלייבען, ווי די בהמות אויפ׳ן יריד, קוקען מיט די אונטערגעשמירטע אויגען ארויף אין די לאזשעס אריין צו די געסט, ווארטען, טאמער וועט זיי עמיצער איינלאדען אויף א גלעזעל שאמפאניער־וויין, אדער א פשוט׳ע גלאז ביער, אדער גאר א שטיקעל הערינג מיט ברויט... נאר קיינער רופט זיי ניט, קיינער וויל זיי ניט, קיינער קוקט נישט אויף זיי, און דער, וואס קוקט, קוקט ער פון אויבען אראפ, ווי אויף צו־גוייפגעטריבענע נארישע שאף.

— קיי און שפיי!... דער רוח ווייסט וואס... נישט איינע א רעכטע!...

אזוי זאגט איינער פון די געסט מיט א לאנגען געהניץ, קוקט־אראפ אויף די אנגעפארבטע, אנגעקראכמאלעטע נאקעטע לייבער פון די צונויפגעטריבענע נארישע שאף, און די צונויפגעטריבענע נארישע שאף קוקען־ארויף מיט גרוים קנאה אהין, אין יענער לאזשע, וואו סע זיצט די דראגא־מארישקא און נאך איינע א באַ־ריהמטע טענצערין, א געניטע שאנסאנעטין, מיט א מאדנע דריי־גארענדיגען נאמען „רעטשי־פיטשי־פוטשי“, און א פרייליכע קאמ־פאניע זיצט מיט זיי און הייסט זיך דערלאנגען אלע מאל שאמ־

פּאַניער־ווײַן. די פרייליכע קאָמפּאַניע באַשטעהט פון ד״יי יונגע־לייט, וואָס איינעם פון זיי איז אַנגעזאָלעט אויפ׳ן האַרצען: ער האָט זיך צעאַמפּערט מיט׳ן ווייב, איז ער געקומען אהער פאַר־טרינקען די צרות; איינער איז דוקא ניט צעקריעגט מיט׳ן ווייב — וואָס האָט ער צו איהר? ער האָט ערשט ניט־לאַנג חתונה געהאַט און האָט גענומען היבש נדן, און געקומען אהער איז ער ניט אַליין — חברה האָבען איהם פאַרשלעפּט, איהם צו־געזאָגט באַקענען מיט צוויי „אַנטיקלעך״; און דער דריטער איז גלאַט אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זיך פאַרהוליעט און פאַר׳שכּור׳ט אַזוי שטאַרק, אַז ס׳איז איהם נמאס דאָס לעבען; אַלץ איינס דאַרף מען שטאַרבען — לאָז שוין בעסער זיין אינאיינעם מיט דער דראַגאַ־מאַרישקאַ און מיט דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי!...

ח.

רעטשי־פּיטשי־פּוטשי, די ערשטע טענצערין אין „פּאַרנאַס״, איז דער איינציגער לעבעדיגער מענטש, וואָס דראַגאַ־מאַרישקאַ קאָן זיך מיט איהר צונויפרעדען. פון דער ערשטער מינוט אַן זענען זיך די צוויי אַרטיסטקעס צונויפגעגאַנגען, געוואָרען גוטע שוועסטער, און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי, איין אַלטע בעל־עבירה׳ניצע, האָט גענומען לעהרנען מיט איהר נייער שוועסטער הלכות שאַנ־סאַנעטין, לייענען איהר לעקציעס:

— ביזט נאָך גאָר אַ ציעגעלע, ווי איך זעה־אַרויס, אַ כּשר בהמה׳לע. דו ווייסט ניט, וואָס זיי זענען, אַט די אַלע פראַנטען און אַלע מאַנסבּילען אויף דער וועלט! הינט, וועלף, ווילדע חיות זענען גאָלד אַקעגען זיי! מע באַדאַרף מיט זיי לעהרנען בלק, זיך נוקם זיין אין זיי, צאַפּען זייער בלוט, און דער עיקר — וואָס מעה־ר׳ער געלט אויסבּרענגען זיי, צונעמען, אויסרייניגען, אויסזויגען, און לאָזען זיי געהן צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! זיי זענען אַלע אסור

לרחם, בײַ זײַ צו נעמען איז אַ מצוה פאַרברענען אויפ'ן פײַער, דעם רוח אװעקגעבען, ניט מיר, ניט דיר!...

און בשעת מעשה ברענען די אויגען בײַ דער רעטשי־פּיטשי־פּוטשי, און זי לײענט װײַטער איהר לעקציע:

— דו לערען זיך פון מיר, נאַרעלע, און זײַ זיך נוקם אין זײַ פאַר זיך און פאַר מיר און פאַר אונז אַלעמען! אַז זײַ געבען דיר מתנות, זאָלסט דו בעטען נאָך. אַז זײַ שטעלען װײַן, זאָלסט דו טרינקען װיפיעל דו קאָנסט, דאָס איבעריגע זאָלסט דו אויסגיסען אויף דער ערד. אַז מע װיל דיך מכבד זײַן, זאָלסט דו אויס־קלויבען אַלסדינג, װאָס טײַערער, אַזוי אַז דאָס גאַנצע געלט זײַערס זאָל בלײַבען אין בופעט. רחמנות — װי אויפ'ן הונט! ניטאָ אויף זײַ קײן רחמנות! איך קען זײַ, אַ! איך קען זײַ דורך און דורך!...

און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי דערצעהלט איהר פּאַקטען, דער־צעהלט איהר פון איהר לעבענסגעשיכטע אַזעלכע מעשיות, װאָס די האָר שטעלען זיך קאַפּויער, און דראַגאַ האָט פאַר איהר מורא און האָט אויף איהר רחמנות. זי װערט געװאָהר בײַ איהר אַזעלכע זאַכען, װאָס שמעקען מיט גנבה, גזלה, רציחה. זי װערט געװאָהר בײַ איהר אַ שרעקליכע מעשה, װי אַזוי איהרע אײגענע האָבען די דאָזיגע יפהפיה אַמאָל פאַרקויפט, פשוט פאַרקויפט פאַר געלט, אַרויסגעפיהרט, באַװיזען, געדונגען זיך און פאַרקויפט, װי מע פאַר־קויפט אַ פערדעל. זי װערט געװאָהר בײַ איהר, װי אַזוי עס האָ־בען זיך מיט איהר מיאוס באַגאַנגען די, װאָס האָבען זי געקויפט, און װי אַזוי מע באַגעהט זיך מיט איהר נאָך עד היום...

— דו זעהסט אָט אַ יענעם מאָרדאַשניק מיט'ן רויטען שניפּס און מיט דער אידישער נאָז? דזשאָו הײסט ער. דאָס איז מײַן געליעבטער. איהם האָב איך דאָס אװעקגעגעבען מײַן גאַנץ לע־בען, דער שלאַק זאָל איהם זײַן! די נשמה װאָלט איך איהם, דאַכט מיר, אויך אַװעקגעגעבען. און ער װײסט דאָס גאַנץ גוט

און עקספּלאַטירט מיין משוגענע, געטרייע ליעבע צו איהם, און ער פאַרקויפט מיך פאַר געלט, און ער גיט־אוועק דאָס געלט פאַר אנדערע, פאַר אַזעלכע, וואָס זענען נישט ווערטה מיינע זאָקען־בענדלעך, און ער ווייסט, דזשאַו, אַז איך ווייס דאָס, און ער היט זיך פאַר מיר, איך זאָל איהם ניט סמ'ען...

— סמ'ען? — זאָגט דראַגאַ און טהוט זיך אַזש אַ וואָרף פאַר שרעק.

— וואָס האָסט דו זיך, נאַרעלע, אַזוי דערשראָקען? איך וואָלט איהם שוין לאַנג גע'סמ'ט, ווי אַ הונט אוועקגע'סמ'ט! זיין טרפה'נע הצלחה, וואָס איך האָב איהם ליעב, וואָס איך געה־אויס נאָך זיינע טריט, ברענען זאָל ער אויפ'ן פייער!

און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי נעמט־אַרויס אַ קליין גילדען פאַר־טרעטעל, וואָס זי טראָגט דאָס אויף דער ברוסט, טהוט דאָס פריהער אַ זעץ אין טיש אריין און טראָגט דאָס צו נאָכדעם צום מויל און קושט דאָס אַזוי געשמאַק, אַזוי געטריי, ווי מע קושט אַ טייער קינד, אַ ציטעריגס.

— איינגעזונקען זאָל ער ווערען, אָט דער דזשאַו! איך האָב איהם שוין לאַנג געקאָנט איינזעצען, ער זאָל פאַרפוילט ווערען אין טורמע, און אפשר מיט מיר אינאיינעם, — האָב איך רחמנות אויף איהם. איך קאָן נישט, איך האָב איהם ליעב, אַ שלאַק איהם אין זיינע ביינער! ווי דאָס לעבען האָב איך איהם ליעב, מעהר ווי דאָס לעבען!

און דראַגאַ־מאַרישקאַ וויל אַנטלויפען פון דער דאָזיגער אומ־גליקליכער, מעהר מיט איהר נישט זיין באַקאַנט, נאָר עס ציהט זי צו איהר אַ מאָדנער פאַרבאָרגענער כח, און זי פאַרטרויט פאַר איהר אַלסדינג, אַלע סודות, און יענע פיהרט זי אייפ'ן גלייכען וועג, לעהרענט מיט איהר הלכות שאַנסאָנעטין, ווי אַזוי זי זאָל עקספּלאַטירען, באַנעמען די מאַנסבילען, שלעפּען ביי זיי וואָס מעהר געלט.

— א סך מעהר מצוה, נארעלע, אויף דיר און אויף דיינע קינדער... לאז פאלען אויף זייער קאפ דיין שולד אקעגען דיין גע־שטארבענעם מאן און דיינע זינד אקעגען דיינע לעבעדיגע קינדער...

און דערמאנט מען דער דראגא־מארישקא איהר געשטארבע־נעם מאן מיט איהרע לעבעדיגע קינדער, ווערט זי פארברענט פאר בזיון און עס פאלט איהר ארוים דאס הארץ, עס ציהט זי ביי דער נשמה. זי פיהלט, אז זי איז א גרויסע - גרויסע פארברעכערין אקעגען איהר געטרייען בערנארדען אויף יענער וועלט און אקעגען איהרע אומשולדיגע קינדערלעך דא אויף דער וועלט, חאטש צו־ליעב זיי, און נאר צוליעב זיי, איז זי זיך מפקיר מיט איהר גאנץ לעבען; צוליעב זיי, און נאר צוליעב זיי, האט זי זיך פארקויפט אהער מיט איהר נשמה, און די בריעף, וואס זי באקומט פון דער היים, צווינגען זי, אז זי זאל דא בלייבען אויף ווייטער, פארדיענען וואס מעהר געלט, ווארום זיי דארפען, שרייבט איהר די אלטע מוטער, קיין עין־הרע, א סך, א סך האבען. און די אלטע מוטער איז קראנק, קאן נישט הארעווען מעהר און די עלטערע שוועסטער שרייבט, אז זי מעג איהר, נישקשה, שיקען מעהר א ביסעל, ווי זי שיקט ביז אהער, ווארום דאס, וואס דער מאן איהרער, דער זינגער אין באהר, פארדיענט, קלעקט איהר אויף איין צאהן, און זי גיט איהר אנצוהערעניש, אז ווען ניט איהר מאן, וואלט דראגא נישט געווען דאס, וואס זי איז אצינד...

די דאזיגע ליעבע, זיסע בריוועלעך נעמען צו ביי דער ארע־מער דראגא וואו זי האט ערגיץ א טראפען בלוט, און זי פיהלט, אז זי פאלט, פאלט אין שאול תחתיה אריין אלע טאג וואס נידע־ריגער און נידעריגער, און זי זעהט, אז זי געהט צו גרונט, און די אויגען ווערען איהר אלע מאל טיעפער — און דאס געפעלט דעם עולם; און דאס זינגען, וואס זי זינגט, ווערט אלע מאל טרויעריגער און טרויעריגער — און דאס געפעלט דעם עולם; און עס דרעהען זיך ארום איהר אלערליי מענטשלעך, ווי ביענען ארום האניג, און

זיי זענען איהר נמאס, ווי דער טוידט, און ס'איז איהר נמאס די וועלט, נמאס דאָס לעבען, און זי ווייסט, אַז זי האָט קיינעם ניט אויף דער גאַנצער וועלט, אחוץ דעם גאָט, וואָס אין הימעל, אחוץ איהר בערנאַרד'ס נשמה, וואָס אין גן־עדן, אחוץ איהרע צוויי אומ־שולדיגע טייבעלעך דאָרט אין דער היים. און די דאָזיגע זינדיגע נשמה ציהט זיך צו גאָט, צום אידישען גאָט, וואָס איז אומעטום פול. און זי רייסט זיך אין אַ אידישער שוהל אַריין, און קאָן דאָס נישט אויספיהרען, ווארום קיינער טאָר דאָס ניט וויסען, אַז זי איז אַ אידיש קינד. עס קאָן איהר, חלילה, שאַדטען אין אַ סך, אַ סך זאַכען... דאָס איז אַ סוד, וואָס נאָר זי און די רויטע נאָז, דער בעל־הבית פון'ם „פּאַרנאַס", ווייסען דאָס, און ווייטער קיינער נישט, קיין פויגעל נישט!...

ט.

נאָר איין נפש איז פאַרהאַן, וואָס האָט אַ שייכות צום „פּאַר־נאַס", אין וואָס מיר מוזען זיך מיט איהם באַקענען. זיין נאָמען איז אַבּראַשאַ. אַליין איז ער אַ קליינטשקער, מיט בּלויזע אויגען און מיט שיטערע הערלעך, מיט אַ רויט, תמיד פאַרשוויצט פּנים, רעדט שטיל און זעהר ווינציג, קוים וואָס מע הערט פון איהם אַ וואָרט, און איז אַ גרויסער חשוב ביי אַלע אַרטיסטען און ביי אַלע אַרטיסטקעס אין „פּאַרנאַס". טאָמער באַדאַרף עמיצער אַ הלואה אויף אַ קליינע צייט, אַ גמילות־חסד'על, אַ משכּון אוועקטראָגען אין לאָמבאַרד, אָדער אַזוי אַ שליחות — איז אַבּראַשאַ. געבען עפּיס באַהאַלטען, אַ סוד אַז מע דאַרף פאַרטרויען, אויסרעדען זיך אַמאָל דאָס האַרץ — איז אַבּראַשאַ. און אַבּראַשאַ — דאָס וויי־סען אַלע — איז איין אייזערנער קאַסטען. קיין שום אַנדערע גע־שעפטען האָט ניט אַבּראַשאַ, און ער לעבט זיך פון דעסטוועגען גאַנץ פיין, דאָס ווייב ביי איהם געהט שען אַנגעטהאַן, די קינדער ביי איהם לערנען אין דער שולע, נאָר אַליין איז ער טאָג ווי נאַכט

פאַרטאַרעראַמט, רייבט זיך אַרום די אַרטיסטען פון „פּאַרנאַס“ און פאַרנעמט אין שטאָדט זעהר אַ קליין אָרט, איבער זיין פּרנסה, מ׳שטיינס געזאָגט... און אַבראַשאַ ווייסט דאָס דוקא, און עס זאָל איהם אָנהויבען צו אַהרען — אַבי ער דאַרף, ברוך השם, צו קיי־נעם נישט אָנקומען און קאָן געבען דעם ווייב מיט די קינדער אַ שטיקעל ברויט „בכבוד“...

אָט פאַר דעם נפש האָט אונזער דראַגאַ־מאַרישקאַ אַנטפּלעקט איהר הייליגען סוד, אַז זי איז אַ אידיש קינד און זי מוז ערב יום־כּפּור שלאָגען כּפּרות פאַר זיך און פאַר איהרע קינדער, עס מעג זיך קעהרען די וועלט, און זי מיז זיין אויף דער נאַכט אין שוהל צו כל־נדרי, עס מעגען פאַלען שטיינער פונ׳ם הימעל, און אַ ליכט פון וואַכס וויל זי געבען אין שוהל אַריין פאַר איהר מאַנ׳ס נשמה גאָר אָהן אַ שום תּירוץ! און דער עיקר — וואָס קיינער טאָר דערפון נישט וויסען... אַבראַשאַ האָט איהר צוגע־זאָגט, אַז ס׳וועט אַלסדינג זיין רעכט, ווי געוואונשען, און איז אַוועק מיט שטילע טריט און האָט געהאַלטען וואָרט. ערב יום־כּפּור איז באַשאַפען געוואָרען ביי איהר אַ קלאָר־ווייסע הוהן אויף כּפּרות, און אַ גרויסע וואַכסענע ליכט האָט ער איהר געקויפט און אַוועקגעטראָגען פון איהר נשמה וועגען אין שוהל אַריין, און אַלסדינג שטיל און פאַרשטעלט, אַז קיין בן־אדם האָט דערפון נישט געוואוסט. און אויף דער נאַכט, אַז עס האָבען זיך באַוויזען שטערען, איז אַבראַשאַ געקומען צו געהן מיט זיין ווייב׳ס אַ קליי־דעל און מיט אַ שוואַרץ זיידען טיכעל, וואָס דראַגאַ האָט זיך צו־געדעקט מיט דעם און איז מיט איהם אַוועק אין דער אידישער גאַס, און אַז זיי זענען געקומען אין שוהל אַריין, האָט ער זי איי־בערגעגעבען אויף די הענט פון דער שמש׳טע און אַ זאָג געטהאָן שטילערהייט:

— דאָס איז דאָס ווייבעל, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, — און איז פאַרשוואונדען געוואָרען שטיל, ווי זיין שטייגער איז.

י.

אין שוהל איז געווען ענג און היים און טשאדנע פון די ליכט, ווי געוויינטליך יום־כפור צו כל־נדרי, און אויבען, אויף דער ווייבערשער שוהל, איז געווען נאך מעהר ענג און נאך מעהר היים און נאך מעהר טשאדנע. אויבען־אן, ביי די גראטעס, זענען געשטאנען די גביר׳טעס, די נגידית׳טעס מיט די בעל־הבתישע ווייבער איבער די סידורים, מחזורים און גרויסע קרבן־מנחות און האבען געשמאק געדאווענט; און וואס ווייטער, נידעריגער צו דער טיר, זענען געשטאנען די געמיינערע ווייבער אהן סידורים, אהן מחזורים און אהן קרבן־מנחות, האבען אנגעגרייט טרערען און זענען געווען פארטיג צו וויינען. מע האט נאר געווארט, ביז דער חזן מיט די משוררים וועלען אנהויבען צו זאגען דעם טרויעריגען כל־נדרי. און אז דער חזן מיט די משוררים האבען אנגעהויבען צו זאגען דעם טרויעריגען כל־נדרי, האט זיך אנגעהויבען ביסלעכוויז הערען א געוויין. צווישען די ארעמע ווייבער, וואס ביי דער טיר, איז געשטאנען אויך אונזער דראגא־מארישקא און האט זיך צוגעהערט צום שענעם טרויעריגען אלטען נוסח פון דעם אלטען־אלטען כל־נדרי, וואס איז אומעטום, אויף דער גאנצער וועלט, איין געזאנג. און דער שענער טרויעריגער נוסח פונ׳ם אלטען־אלטען כל־נדרי, וואס איז אומעטום, אויף דער גאנצער וועלט, איין געזאנג, האט איהר דערמאנט אין איהרע אמאליגע גליקליכע יאהרען, און זי האט זיי פארגלייכט מיט איהר לעבען אצינד, און זי איז ביי זיך שטארק־שטארק ארופגעפאלען, חרטה געהאט, תשובה געטהאן אויף איהרע גרויסע זינד מיט׳ן גאנצען־גאנצען הארצען.

א סך, א סך ווייבער האבען דא געשמאק געדאווענט און נאך מעהר געשמאק געוויינט. נאר איך וויים נישט, אויב צווישען אלע אנדערע ווייבער אין דער דאזיגער שוהל האט נאך עמיצער אזוי געשמאק געדאווענט, אהן ווערטער, נאר מיט הארץ, ווי די ארעמע דראגא. איך וויים נישט, אויב צווישען די אלע אנדערע ווייבער

אין דער דאָזיגער שוהל האָט נאָך עמיצער אַזוי געשמאַק געוויינט, אַזוי ערנסט תּשובה געטהאָן אויף איהרע גרויסע זינד, ווי די אָרעמע דראַגאַ.

נאָך איינע איז געוועזן אין שוהל אין יענער נאַכט, וואָס דראַגאַ האָט פון איהר קיין אויג נישט אָראָפּגעלאָזט. דאָס איז געוועזן אַ יונג ווייבעל, אויך מיט אַ שוואַרץ טיכעל איבער'ן גאַנצען פּנים, און ווערליג דראַגאַ האָט אַרויסגעזעהן — האָט זי, אַפּנים, אויך געשמאַק געוויינט. „מסתּמא אַ פאַרביטערטע נשמה נעבאַך"... אַזוי האָט זיך געטראַכט דראַגאַ־מאַרישקאַ, און איהרע מחשבות האָבען זי אויפגעהויבען און האָבען זי אַוועקגעטראָגען אין איהר אייגען וועלטעל, מיט איהרע אייגענע צרות, און דער שענער, אַל־טער, טרויעריגער נוסח פונ'ם אַלטען־אַלטען כּל־נדרי, וואָס איז אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט, איין געזאַנג, האָט זיך געלאָזט הערען אַרויף אין דער ווייבערשער שוהל און צונויפגעגאָסען זיך מיט'ן שטילען געוויין פון די אָרעמע ווייבער, פון די פאַרביטערטע נשמות. און מעהר פון אַלע האָבען געוויינט די אָרעמע זינדיגע דראַגאַ און דאָס יונגע ווייבעל, וואָס מיט דעם שוואַרצען טיכעל איבער'ן פּנים.

און שפּעטער, אַז ס'איז געקומען צו די וויינענדיגע „יעלות", וואָס דער חזן זינגט מיט אַ וויינענדיג קול דעם וויינענדיגען ניגון, איז דער געוויין פון די ווייבער אין דער ווייבערשער שוהל גע־וואָרען נאָך שטאַרקער און נאָך גרעסער, און מעהר פון אַלע האָ־בען געוויינט אַלץ די אָרעמע זינדיגע דראַגאַ און אַלץ יענס ווייבעל, וואָס מיט'ן שוואַרצען טיכעל איבער'ן פּנים. אַזוי פיעל און אַזוי שטאַרק האָט דאָס דאָזיגע יונגע ווייבעל געוויינט, ביז זי האָט זיך צוגעזעצט, אַנגעבויגען, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און געפאַלען חלשות.

אין אַלע אידישע שוהלען, אַלע יום־כּפּור צו כּל־נדרי, מאַכט זיך, אַז אַ ווייבעל הויבט אָן חלש'ען. עס ווערט תּחילת אַ שטי־

קעל גערודער, אמאל שפרינגט־ארויס דערפון איין אומגליק, א לויפעניש, א קוועטשעניש מיט א דערשטיקעניש; נאר מייסטענ־טייל איז מען דערצו געוואוינט געווארען: דאס פאר׳חלש׳טע ווייבעל טראגט מען ארויס אין דרויסען אויף דער לופט, מע גיסט זי אפ מיט וואסער, מע גיט איהר שמעקען חלש־טראפּענס און מע מינטערט זי אפ. אויך איצט האט מען דאס ווייבעל מיט׳ן שווארצען טיכעל ארויסגעטראגען אין דרויסען אויף דער לופט, אפּגעגאסען מיט וואסער און געגעבען שמעקען חלש־טראפּענס. צוויי־שען די אלע, וואס האבען זי געמינטערט, איז געווען אויך אונ־זער דראגא־מארישקא, וואס האט אויף איהר שטארק רחמנות גע־האט. און אז דאס אויפגעמינטערטע ווייבעל האט אויפגעעפענט די אייגען און די העל־בלאסע לבנה האט באלייכט איהר העל־בלאס פנים, האט זי דראנא דערקענט, ווער זי איז, און האט ארויסגעלאזט א געשריי און איז אליין שיער ניט געפאלען חלשות.

דאס איז געווען רעטשי־פּיטשי־פּוטשי.

. . . .

אנגעבויגען איבער איהר אויף די קניע איז געשטאנען אבראַ־שא מיט קאלט וואסער, מיט עסיג און מיט חלש־טראפּענס — די געוויסע אידישע יום־כפור׳דיגע מעדיקאמענטען, און ביי דער זייט איז געשטאנען דזשאו מיט דער געגאלטער מארדע, מיט׳ן רויטען שניפּס און מיט דער נאז; אקעגען דער שיין פון דער העל־בלא־סער לבנה האט ער אויסגעזעהען, ווי איין אויסגעגאסענע ווייסע פיגור, א סטאטוע. ער איז געווען דערשטוינט ניט נאר פון דעם, וואס ער האט דא געטראפען אין שוהל צו כל־נדרי ביידע ארטיסט־קעס, דראגא־מארישקא און רעטשי־פּיטשי־פּוטשי; ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז זיי זענען, גלייך אזוי ווי ער, אידישע קינדער, חאטש איינער פונ׳ם אנדערען האט דאס פארבארגען. איהם האט זיך אויסגעדאכט, און ער וואלט געגאנגען שווערען אויף טלית און

קיטעל, אז צווישען עולם, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון שוהל אַנקוקען דאָס פאַר׳חלש׳טע ווייבעל, האָט ער געזעהען דורכלויפען פאַרביי אויך דעם בעל־הבית פון׳ם „פּאַרנאָס“, מיט אַ קליין סידור׳על אין די הענט, אַנגערוקט דעם צילינדער איבער די אויגען.

און דאָס וויינענדיגע קול פון די וויינענדיגע „יעלות“ האָט זיך געלאָזט הערען פון שוהל אין דרויסען אַרויס, דורך די אָפענע טירען, און די העל־בלאַסע לבנה האָט העל געשיינט און באַלייכט די העל־בלאַסע פּנימ׳ער פון אונזערע פאַרשווינען פון׳ם „פּאַרנאָס“, וואָס האָבען זיך איבערגעקוקט צווישען זיך און האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע רעכט פאַרשטאַנען, אָהן ווערטער.

שמחת-תורה

א בילד.

געשריבען אין יאהר 1903.

שמחת־תורה

וואס ביי א ניכטערען אויף דער לונג.
דאס ביי א שכור'ען אויף דער צונג.
(א אידיש שפריכווארט)

א.

— א שטילער מענטש, א גאנץ עהרליכער, טשעפעט ניט קיין פליעג אויף דער וואנט. — אט דאס האט מען אויף איהם געזאגט אין כתרילעווקע, און דאס איז ער געווען.

— איהר קוקט ניט אויף איהם, וואס ער איז א נעבאכעל, גאט די נשמה שולדיג — שטילע וואסער גראבט טיעף! — אט דאס פלעגט זאגען אויף איהם דער בעל־הבית זיינער, רב לייבקע, א איד פון א שארפער קראם, פון גרויסען קרעדיט און פון שענע מחותנים.

— אז אך און וועה איז מיר מיט מיין שלים־מזל, משטיינס געזאגט, וואו איך האב ערגיץ א שונא, רבונו־של־עולם! — אזוי פלעגט זאגען זיין ווייב קיילע־ביילע, וואס האט אמאל, מיידעל־וויז, געשפיעלט א ליעבע מיט מאטעל שפרייז, דעם מיידעלשען שרייבער, פארזעסען א מויד און קוים חתונה געהאט פאר זרח־ברוך דעם נאמן, געוועזן ביי איהם דאס אנדערע ווייב, און בכדי זי זאל איהם דערגעהן די יאהרען מיט זיינע קינדער פונ'ם ערשטען ווייב, האט זי איהם אלע יאהר געהאט א קינד.

— איך קאָן באַשטעהן, זיי זאָלען זיך ניאַנטשען מיט מ י י נ ע קינדער! — האָט געזאָגט קיילע־ביילע, און זרח־ברוך האָט זי געהערט מיט'ן קאָטער, ווארום ער איז כמעט קיינמאָל ניט געווען אין דער היים.

זרח־ברוך דער נאָמן (אַזוי האָט מען איהם גערופען, און קיין אַנדער נאָמען האָט ער אין כתריל׳עווקע ניט געהאָט) איז שטענדיג אין געשעפט, פון גאַנץ פריה אַן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אפילו עסען טראָגט מען איהם אין קלייט אַריין, און מכות עסט ער, ווארום, ווי אויף־צו־להכעיס, לאָזען זיך די קונים פונקט דעמאָלט, ווען זרח־ברוך האָט צוגעטראָגען דעם ערשטען לעפעל צום מויל.

זרח־ברוך האָט שוין געוואוסט, אַז קוים האָט ער זיך געוואַשען און נאָך ניט אָפּגעזאָגט דעם „שאו־ידיכם" — אהא! עס האָט זיך שוין אַ לאָז געטהאָן שפּע, צוויי גויים מיט, להבדיל, אַ אידינע. די גויים געהען־אַריין אין קלייט אַריין, פּאַררייסען די קעפּ אַרויף און קוקען, און די אידינע דערזעהט, אַז זרח־ברוך וואַשט זיך עסען, רוקט זי זיך אַרויס, ווי אַ צנועה, מיט אַ זייטעל:

— עסט, עסט, רב זרח־ברוך, איך וועל צו־וואַרטען.

נאָר זרח־ברוך וועט ניט אַרויסלאָזען קיין קונה.

— וואָס דאַרפט איהר? — מאַכט ער צו דער אידינע און וואָרגט זיך מיט דער המוציא, און בתוך כך געהט ער צו צו די גויים:

— אַ שאָ, דיאַדקי, סקאַזשעטע דאָבראַהאַ *?

און עס לאָזט זיך אויס, אַז די אידינע דאַרף דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ, און די צוויי גויים זענען זיך מודה, אַז זיי זענען אַריינגע־קומען גלאַט אַזוי אָנקוקען, מעהר נישט, און בכדי מע זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי מיינען עפּיס קויפען, שטעהען זיי אַ ביסעל, די קעפּ פּאַררייסען אַרויף, און געהען פּאַוואָלינקע אַוועק.

---

* וואָס וועט איהר, פעטערס, זאָגען גוטס?

נאָר זרח־ברוך האָט פיינט, אַז קונים געהען־אַוועק גאָרניט גע־קויפט, לויפט ער זיי נאָך און שלעפּט זיי פאַר די פאָלדען:

— עי, טשולאָוויטשע, פּערעווערנים, יאָ שאָם מאָיע טובי קאָזאָטע * !

נאָר די קונים לאָזען זיך ניט איבּעררעדען און געהען־אַוועק, דער שוואַרץ־יאָהר ווייסט וואוהין, און די אידינע האָט זיך דער־וויל אַרויסגעגליטשט און אַריינגעכאַפּט זיך אין איין אַנדער קלייט.

פאַר האַרצוועהטיג פאַרלירט זרח־ברוך דעם אַפּעטיט צום עסען, און עס קומט צו געהן דער בעל־הבית רב לייבקע און פאַר־רעכט איהם דאָס מזל.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט ער.

— ווער ס'איז געווען? — פרעגט זרח־ברוך און שלינגט גאַנצע שטיקער, כמעט נישט געקייעט. — קונים זענען געווען.

— קונים? וואָס האָבען זיי געקויפט?

— געקויפט האָבען זיי? צרות האָבען זיי געקויפט.

— וואָס זשע זאָגסט דו „קונים“?

— וואָס זשע דען זאָל איך זאָגען?

— קונים הייסט, אַז מע גיט עפּים צו לייזען.

— צו לייזען? איך וויל דען ניט לייזען?

— אַ דאַנק דיר, וואָס דו ווילסט לייזען!

און ביידע, אי דער בעל־הבית, אי דער „מענטש“, בלאָזען זיך אָן איינס אויפ'ן אַנדערען, נאָר מע זאָגט ניט איינס דעם אַנ־דערען קיין קרום וואָרט: דער בעל־הבית פיהלט, אַז ער האָט איהם, איינענטליך, גאָרנישט וואָס צו זאָגען, און דער „מענטש“ האָט דרך־ארץ פאַר'ן בעל־הבית און שווייגט־אָפּ אויף אַלסדינג, וואָס מע זאָל איהם ניט זאָגען.

---

* עי, מענטשעל, קעהר זיך איבער, איך האָב דיר עפּים צו זאָגען!

נאָר אַט קומט די בעל־הבית'טע, קלינגט מיט די שליסעלעך און מישט־אויף נאָך אַ מאָל די אייגענע סדרה:

— ווער איז דאָ געווען?

— איך ווייס, ווער איז דאָ געווען? — זאָגט דער מאַן. — פרעג ביי איהם.

— ווער איז דאָ געווען? — פרעגט זי ביי'ם נאַמן און קלינגט מיט די שליסעלעך.

דער נאַמן שלינגט־איין דעם לעצטען ביסען, שטעהט־אויף, טרייסעלט אָפּ די ברעקלעך פון דער באָרד און קוקט אויף דער בעל־הבית'טע.

— וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי? איך פרעג, ווער איז דאָ געווען?

— ווער איז דאָ געווען? — זאָגט זרח־ברוך מיט'ן פריהער־ריגען נוסח. — קונים זענען געווען.

— קונים? וואָס האָבען זיי געקויפט?

— געקויפט האָבען זיי? קדחת האָבען זיי געקויפט!

— וואָס זשע זאָגסט דו „קונים"?

— ווי אַזוי דען זאָל איך זאָגען?

— קונים הייסט, אַז מע גיט עפּיס צו לייזען געלט.

— לייזען געלט? איך וואָלט אייך אַ בעלן געווען לייזען געלט גלייך מיט אייך.

— איך מיין טאַקי באמת?!...

די דאָזיגע ווערטער: „איך מיין טאַקי באמת" ווערען געזאָגט מיט אַזאַ ניגון און מיט אַזוי פיעל סם־המות, אַז זרח־ברוך קרענקט־אויס דאָס גאַנצע עסען און איז געהרגעט, אַז עס קומט־אריין אַ שוואַרץ־יאָהר און הייסט זיך ווייזען סחורה, חאָטש אַלע ווייסען: אי דער בעל־הבית, אי די בעל־הבית'טע, אי דער נאַמן, אי דער קונה, אַז דער קונה איז ניט קיין קונה: ער וועט **גאָרנישט** קויפען.

— איז דאָס, הייסט עס, דער לעצטער פּו־ז ביי אייך? גוט, איך קום, אם ירצה השם, מאָרגען ווידער...

— אויף מאָרגען מיט איין איי! — זאָגט זרח־ברוך הינטער דעם קונה׳ס פּלייצעס, און דער בעל־הבית גיט איהם א מיאוס׳ען פּסק, ער זאָל האַלטען מויל און ניט רעדען דעם קונה הינטער די פּלייצעס אַזעלכע ווערטער; און די בעל־הבית׳טע גיסט־אונטער בוימעהל אויפ׳ן פייער, קלינגט־צו מיט די שליסעלעך.

— וואָס אַהרט איהם, למשל, אז יענער וועט שוין מעהר אהער ניט אריינשמעקען? עס טהוט איהם דען וועה דער קאָפּ, טאָמער דאַרף מען מאָרגען צאָהלען א וועכסעל?

זרח־ברוך שווייגט. ער טהוט נאָר א קוק אויף איהר מיט איין אויג. דער קוק באַדייט:

„א וועכסעל? וועמען דען טהוט וועה דער קאָפּ אויפ׳ן וועכסעל?"

אַלע דריי ווייסען גאַנץ גוט, וועמען דער קאָפּ טהוט וועה, בשעת עס קומט א וועכסעל צאָהלען, און אַלע דריי שווייגען. דאָס שווייגען געדויערט עטליכע מינוט. און ווער רייסט דאָס איבער? טאָקי זרח־ברוך. ער טהוט זיך א וואָרף, ווי איין אָפּגעבריהטער פון קראָפּיווע.

— יאָ, כ׳האָב גאָר פאַרגעסען. איך דאַרף א שפּרונג טהון צום גלח, טאָמער וועט ער מיר געבען געלט. ער האָט מיר צוגע־זאָגט אויף היינט געבען געלט. און אז ער וועט ניט געבען געלט, וויים איך ניט, ווי אַזוי וועלען מיר איינצאָהלען דאָס וועכסעל.

און זרח־ברוך חאַפּט דאָס יאַמשאַווע שטעקעל און לאָזט זיך געהן צום גלח און באַגעגענט זיך מיט דער בעל־הבית׳טע ביי דער טיר און הערט, ווי זי וואַרטשעט און קלינגט מיט די שליסעלעך:

— קוים דערמאַנט... שטאַרק איז זינען... קאָסט אַזוי פיעל בלוט...

און אין האַרצען ווייסען אַלע, ווער עס טראָגט אויף זיך די גאַנצע קראָם, וועמען עס דאַרט דער מח פאַר׳ן פדיון, ווער האָט

אין זינען געלט, ווער טראַגט אויפ'ן קאָפּ א ווּבּכּסעל, — און אַלע דריי זענען זיכער, אַז עס דאַרף אַזוי צו זיין און אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זיין.

ב.

אויף וויפיעל זרח־ברוך דער נאָמן קומט־אָפּ ביי זיינע בעלי־בתים אין געשעפט, האָט ער נאָכדעם, אַז ער קומט ביינאַכט צו זיך אהיים, זיין עהרליך אויסקומעניש דריי מאָל אזוי פיעל. אין שטוב איז וויסט און רוּביג, די קליינע קינדער שרייען, דער סאַמאָוואַר וויל ניט זידען, און קיילע־ביילע זידט דוקא יאָ, קאָכט ווי א קעסעל, שמיצט זיך און וואַרפט זיך און שעלט די קינדער זיינע אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— עסערם! א פולע שטוב מיט עסערם! ביי לייטען קינדער — דאָס קרענקט, דאָס פּאַקט, דאָס ברעכט זיך אויס א פּוס... עס נעמט זיי נישט קיין קויל!

נאָר קיילע־ביילע זינדיגט. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז זי זינדיגט, וואָרום וואו ערגיץ א חולאת, א פּריטשעפּע, א שלאַק־פּורעניות — איז דאָס ביי זיי. און ווערט פאַרשלאָפט א קינד, עס מעג זיין זיינס, עס מעג זיין איהרם — לעגט זי איין די וועלט, לויפט אַליין צום דאָקטאָר, שלאָפט ניט דורך די נעכט, עסט דעם מאַן און טאַטשעט איהם זיין לייב.

— וואָס ביזט דו פאַר א טאַטע? א שענער פאָטער א גע־טרייער! דאָס קינד נעבאַך גליהט, ווי א הייסע סקאָווורעדע, — עס זאָל איהם אָנהויבען צו אַהרען! א קאַלטער מלאך!

און זרח־ברוך שווייגט, קעהרט נישט איבער די צונג אפילו, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען. זרח־ברוך איז געהרען, אַז ער קאָן עפּיס איבערהאַפּען, פאַלט ער אין בעט אַריין, ווי א סנאָפּ, און ווערט אַנשלאָפען, וואָרום גאַנץ פריה, אַז גאָט אַליין שלאָפט

נאָך, איז ער שוין אין קלייט, „מאַכט די ביכער״, דאַוועגט־אָפּ אויף איין פוס, חאַפּט אַ גלעזעל ציקאָריע מיט איין אייערבייגעל און לויפט נאָך אַ גמילות־חסד ביז איבער׳ן יריד. און דער בעל־הבית בלאָזט זיך, און די בעל־הבית׳טע וואַרטשעט, און דאָס ווייב אין דער היים שעלט, לייענט די תוכחה. און אַזוי אַ גאַנץ יאָהר, אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר.

איין טאָג שבת — אַ גליק, וואָס ס׳איז פאַרהאַן אַ שבת אויף דער וועלט! — קאָן זיך זרח־ברוך אויסרוהען פאַר דער גאַנצער וואָך. נאָר ערשט דעמאָלט פיהלט ער, ווי ער איז צע־בראָכען, נישטאָ קיין גאַנצער אבר, ווי, להבדיל, אַ פערד הויבט ערשט דעמאָלט אָן צו סאָפּען און מאַכען מיט די זייטען, אַז מע שפּאַנט דאָס אויס... קומט דער הייליגער טאָג שבת, וואַרפט־אַראָפּ פון זיך זרח־ברוך דער נאָמן אַלע דאגות פונ׳ם קאָפּ, טהוט זיך אויס פון דעם יאָך, פאַרגעסט, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ געשעפט מיט אַ בעל־הבית, מיט אַ בעל־הבית׳טע, מיט אַ בוך, מיט חובות, מיט וועכסעלער, מיט גלחים, מיט גמילות־חסדים, מיט קונים, מיט פדיון — נישטאָ, נישטאָ אויף איהם קיין אויבערהאַר, נישטאָ פאַר איהם קיין עלטערער, וויל נישט וויסען פון קיין ווייב; ביי איהם איז איצט נאָר גאָט און שבת. און ער רוהט, ער שלאָפט, ער שלאָפט זיך אויס, טהוט־אָן די שבת׳דיגע קאַפּאָטע מיט דעם שבת׳דיגען אויבער־מאַנטעל, מיט׳ן שבת׳דיגען קאַשקעט, מיט די שבת׳דיגע סקריפּענדיגע שטיוועל, און געהט אין שוהל אריין. איין מאָל אין וואָך שלאָפט ער זיך אויס, ווי עס געהערט צו זיין, איין מאָל אין וואָך עסט ער אָפּ, ווי עס געהערט צו זיין, און ער רוהט, און די נשמה זיינע רוהט, און אַלע אברים זיינע רוהען, און ער דאַנקט און לויבט דעם וואָס לעבט אייביג פאַר דער מתנה, וואָס ער האָט געשענקט זיין ליעב פאָלק ישראל, פאַר דעם איינציגען, הייליגען, זיסען, ליעבען שבת.

נאָך מעהר הייליג, זיס און ליעב זענען איהם די ימים טובים.
„ווער נאָך האָט אַזאַ פּסח ווי אידען האָבען?״ — אַזוי קלערט

זיך זרח־ברוך דער נאמן און איז זיך אליין מקנא, וואס ער איז א איד געבארען. — „ווער נאך פארמאגט אזא פרייליכען יום־טוב, ווי סוכות, הושענא־רבה, שמיני־עצרת, ובפרט שמחת־תורה? א ווערטעלע אויסצורעדען — שמחת־תורה! שמחת־תורה איז א איד פרייליך! שמחת־תורה טרינקען אידען משקה! שמחת־תורה זענען אידען שכור!"

אזוי קלערט זיך זרח־ברוך דער נאמן און קוקט־ארויס אויפ'ן פרייליכען יום־טוב, ווי אויף משיח'ן.

משיח קומט ניט, און דער פרייליכער יום־טוב קומט. קומט דער פרייליכער יום־טוב שמחת־תורה, ווערט אויף איהם א נייע הויט. גאר ניט דער זרח־ברוך, וואס תמיד. תמיד א שטילער, א פארזארגטער, א פארוואגעלטער, חאפט ער זיך אויף מיט א מאל ווי פונ'ם שלאף, ווערט לעבעדיג, פרייליך, פאררופט צו זיך אויף קידוש, געהט צו יענעם אויף קידוש, שלעפט אליין ארויס דעם קוגעל פונ'ם אויווען, בראנפען גיסט זיך אזוי ווי וואסער. מע נעמט זיך ביי די הענט און מע געהט א ריקוד'על אין מיטען גאס. אידען! ס'איז היינט שמחת־תורה אויף דער גאנצער וועלט!

היי־דא!
דרי־דא־דא!
ראמטעדרידאדא!

גויים געהען פארביי, שטעלען זיך אפ, קוקען, ווי אידען העפען מאכען זיך נאריש.

— אצע הארנא, קאלי וזשע זשיד דא נאפיווסיא*!...

און זרח־ברוך דער נאמן „גיסט ווי אויפ'ן שטיין", טרינקט שוין פאר'ן גאנצען יאהר, טרינקט אזוי לאנג, ביז ער ווערט

---

* אט דאס איז שען, אז א איד קאן שוין זיין שכור!...

מבוסם, פאַרגעסט, ווי אַזוי מע רופט איהם, ווערט אַ גזלן און רייסט זיך צום בעל־הבית און צו דער בעל־הבית'טע, זיי אויס־לומר'ען, ווי עס געהערט צו זיין, חאָטש איין מאָל זיי זאָגען דעם גאַנצען אמת, וואָס אויף דער לונג — דאָס אויף דער צונג, זיך קיהלען דאָס האַרץ!

— ס'עט אַ רוח אין איהם אין טאַטען! — שרייט זרח־ברוך דער נאמן אויפ'ן בעל־הבית און אויף דער בעל־הבית'טע און רייסט זיך צו זיי מיט הענט און פיס, נאָר מע לאָזט איהם ניט. קיילע־ביילע מיט די עלטערע קינדער האַלטען איהם פאַר די הענט, און זרח־ברוך רייסט זיך, שלאָגט און הרג'עט און שרייט, ווי אין אַ מאַנהויז:

— לאָזט מיך!... לאָזט מיך!... ס'עט אַ רוח אין איהם אין טאַטען!...

און קיילע־ביילע האָט מורא, טאָמער טאַקי, חס ושלום, לויפט ער אַוועק אַהין און פאַלט־אָן אויפ'ן בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע, און בלייבט נאָכדעם אָהן אַ שטעלע. באַרעט זי זיך מיט איהם מיט אַלע כחות, בינדט איהם די הענט אַהינטער מיט אַ האַנטוך, לעגט איהם אַריין, דעם שלים־מזל, אין בעט אַריין, פאַרשליסט די טיר. און זרח־ברוך, דער שטילער זרח־ברוך, וואָס טשעפּעט ניט קיין פליעג אויף דער וואַנט, בושעוועט, ברעכט טעלער, שלאָגט און הרג'עט און הערט ניט אויף צו שרייען אויף קולי־קולות:

— לאָזט מיך!... לאָזט מיך!... ס'עט אַ רוח אין איהם אין טאַטען!...

זרח־ברוך בושעוועט און שרייט אַזוי לאַנג, ביז ער הויבט גאָר אָן צו וויינען, וויינען ווי אַ קליין קינד. ער דערמאָנט זיך אָנ'ם טאַטען, וואָס איז ביי איהם געשטאָרבען פאַר אַ יאָהר עט־ליכע און צוואַנציג — סטייטש, אַזאַ טאַטען, ווי ער האָט גע־

האט, אזא טאטען!... און ער וויינט, דער יתום, גיסט מיט טרע־רען; ער וויינט אזוי לאנג, ביז... ער ווערט אנשלאפען.

* * *

אויף מארגען אין דער פריה, אז גאט אליין שלאפט נאך, איז שוין זרח־ברוך דער נאמן אין קלייט, מאכט די ביכער, דא־ווענט־אפ אויף איין פוס, חאפט א גלעזעל ציקאריע מיט איין אייערבייגעל און לויפט נאך א גמילות־חסד, „ביז איבער'ן יריד". און דער בעל־הבית בלאזט זיך, און די בעל־הבית'טע וואָרטשעט, קלינגט מיט די שליסעלעך, און דאס ווייב אין דער היים שעלט, לייענט די תוכחה. און אזוי א גאנץ יאהר, א גאנץ קיילעכיג יאהר, ביז איבער־א־יאהר שמחת־תורה.

די ערשטע נאַכט פּסח
אויף דער מלחמה

געשריבען אין יאָהר 1904

די ערשטע נאכט פסח אויף דער מלחמה

דארט, אויפ'ן גרויסען ברייטען ווייסען פעלד פונ'ם גרויסען ברייטען אלטען לאנד, וואס מע רופט מ א נ ד ז ש ו ר י ע, ציהט זיך א לאנגע שמאלע סטיינגע פון צוויי דינע שווארצע שנירלעך — דאס איז די גרויסע סיבירער אייזענבאהן, וואס לויפט בארג־אראפ איבער דעם ברייטען ווילדען אזיען, העט־ווייט, צום ים, אזש קיין קוואנדון, ביז דער שטאדט פארט־ארטור.

די באהן ציהט זיך, און אויף איהר לויפען טאג ווי נאכט לאקאמאטיווען. איינס נאך דאס אנדערע לויפען זיי און לאזען זיך הערען מיט א פייפען און מיט א טראסקען, שלעפען גאנצע שורות וואגאנעס מיט מענטשען, פערד, געוועהר און עסענווארג פאר די מענטשען און פאר די פערד.

ס'איז נאכט. די ערשטע נאכט פון פסח.

מיר קוקען־אריין אין איינעם פון די וואגאנעס. ער איז פול אנגעשטויסען מיט סאלדאטען. אויסגעמוטשעט פון דער לאנגער נסיעה און איינגעמיעדט פונ'ם טאג, זענען די סאלדאטען שטיל. ווער סע זיצט אויף די קארטעטשקעס אויף דער בריק און פאר־ציהט זיך מיט א שטיקעל פאפיער, מיינט, אז ער רויכערט א „ציגארקע", און ווער עס ליגט אויסגעצויגען אויף דער באנק מיט'ן פנים ארויף און פייפט שטילערהייט, און פונ'ם פייפען לאזט זיך הערען איין אומעט, א טרויער, א גרוס צו דער ווייטער־ווייטער היים, צו דעם ווייטען־ווייטען דארף, וואו די ערד איז שוין געוויס לאנג אפגעריינינגט פונ'ם שניי, און סע שמעקט שוין דארט געוויס

מיט גרינס, און א געזאנג הערט זיך דארטן פון דער ווייטן; דאס זינגען מסתמא די שיקסעס זייערע שענע ליעבע זיסע ליעדער, רייסען זיך די גארגלען. און עס דאכט זיך איהם, אז ער הערט גאנץ גוט זייער געזאנג, און ער פייפט זיי נאך.

באזונדער, אן א זייט, אויף דער באנק, נאהענט צו דער לאנטערן, זיצען צוויי סאלדאטען. איינער איין עלטערער, מיט איין אונטערגעגאלטער שווארצער בארד, דער אנדערער א יונגע־רער, מיט א קליין געל בערדעל. און האטש זיי טראגען ביידע הויכע גרויסע סיבירסקע שמויסענע היטלען, דאך דערקענט מען אין זייערע בלייכע פנים׳ער, אין זייערע ווייסע הענט און שווארצע אויגען, אז זיי זענען פון א ו נ ז ע ר ע, פון אחינו בני־ישראל.

זיי זיצען ביידע איבער איין סידור׳על, קוקען שטארק אריין, און שאקלען זיך, און זאגען עפים שטילערהייט, נאר מיט א ניגון. זיי זאגען און זאגען, און שטעלען זיך אפ אלע מאל און רעדען צווישען זיך שטילערהייט, און הויבען ווידער אן צו זאגען מיט א ניגון.

דאס זאגען זיי די הגדה. דאס ריכטען זיי אפ דעם סדר דא אין וואגאן, זינגען מיט א ניגון, מיט יענעם באקאנטען ניגון, וואס דארט, אין דער היים, נאר שטיל, קוים־קוים וואס מע הערט: „מ צ ה ז ו ש א נ ו א ו כ ל י ן ע ל ש ו ם מ ה ־ ה ־ ה?...“

— ס׳זאל האטש זיין דא ביי אונז א שטיקעל מצה! — רופט זיך אן איינער, דער יונגערער, מיט א זיפץ, און דער על־טערער ענטפערט איהם האלב אויף רוסיש:

— דוראק*! אין א מלחמה איז מען סוואבאדנע**, פטור, פטור פון אלץ.

— וואס זשע זאגען מיר די הגדה?

— דליא וואספאמינאניא***, אז ס׳איז פסח דארטען... ביי אונז... אין דער היים...

---

* נאר! — ** פריי. — *** פאר א זכר.

דער יונגערער פארטראכט זיך. די ליעבע זיסע ווערטער: „פסח“... „דארטען“... „ביי אונז“... „אין דער היים“... גיסען זיך אריין צו איהם, ווי א שטראם, גלייך אין הארצען אריין, און פון דארטען צעגיסען זיי זיך איבער׳ן גאנצען לייב, איבער אלע אברים, און פילען איהם אן מיט א נייעם אומעט און מיט א שרעקליך בענקען אהיים, נאך מעהר ווי פריהער. און זיין נשמה רייסט זיך ארויס אויף א מינוט ביי איהם פונ׳ם גוף און פליהט זיך דורך אהין, אהין, אין א קליין שטעדטעלע פון בעסאראביע. דאס שטעדטעל איז גרויס, ווי א געהניץ, און מע רופט דאס האלאנעשטי, און א בלאטע איז דארט אצינד ביז׳ן גארטעל, און ארעמעלייט זענען דארטען פארהאן, אוי ארעמעלייט! און איין ענגשאפט איז דארט, מיט איין עפוש, מיט א דערשטיקעניש — זאל גאט שומר ומציל זיין! נאר ווי ליעב און ווי טייער איז דאס ביי איהם! און דוקא אט דאס דאזיגע קליינע, ארעמע, בלאטיגע, ענגע, פאר׳עפוש׳טע האלאנעשטי! אויב ס׳איז דא ערגיץ א גן־עדן, טראכט ער זיך, א גן־עדן התחתון אויף דער וועלט, איז דאס געוויס האלאנעשטי!

און וואס איז דאס חידוש? ער איז דארטען געבוירען, אויפגעצויגען און אויסגעוואקסען. דארטען האט ער איבערגעלאזט טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, פריינט און גוטע פריינט. וואס טהוען זיי אצינד? זיי ריכטען אודאי אפ דעם סדר און טראכטען איצטער אודאי וועגען איהם. געוויס וועגען איהם. זיי קלערען זיך: „אוי־וועה! גאט ווייסט, וואו איז אצינד אונזער ארעמער לייבקע נעבאך!“...

— פאשאל דאלשע *! פאר וואס זאגסט דו נישט, מאלאקאסאס **?... — מונטערט איהם דער עלטערער מיט א שטורך אין זייט אריין און זינגט שטילערהייט מיט׳ן זעלבען ניגון: „מ ר ו ר ז ה ש א נ ו א ו כ ל י ן ע ל ש ו ם מ־ה־ה־ה?“...

* געה ווייטער. — ** שנעק.

— חאטש מרור א ביסעל זאל דא זיין! — רופט זיך אן לייבקע מיט א ביטער שמייכעל אוןווארפט א קוק אויף זיין על־טערען חבר, וואס מע רופט איהם ירחמיאל. און ירחמיאל ענט־פערט איהם העכער האלב אויף רוסיש, ווי זיין שטייגער איז:

— טשעפוחא! זאטשעם טיעביע מרור*? — און ער האקט די הגדה ווייטער: „ע ל ש ו ם ש מ ר ר ו ה מ צ ר י ם א ת ח י י א ב ו ת י נ ו ב מ צ ר ־ י ־ י ־ ם!“...

און ירחמיאל׳ס קאפ איז איצטער נישט אין מצרים, נאר אין דער היים, ערגיץ אין מאלאראסיע, אין מאלאפערעשטשעפענע, ביי זיין ווייב און קינדער. און עס שטעלט זיך איהם פאר דאס גע־זעגענען זיך מיט זיי פאר זיין אוועקפאהרען, ווי אזוי ער האט אלעמען געוואלט בארוהיגען, איינרעדען, אז זיי זענען „טרוסען“, אז א מלחמה איז גארנישט אזוי מסוכן, ווארום פונקט אזוי ווי איך קאן גע׳הרג׳עט ווערען פון יענעם, אזוי קאן יענער גע׳הרג׳עט ווערען פון מיר. דאס איז נומער איינס. והשנית, בין איך דאך עפּיס, זאגט ער, א סאלדאט, וואס האט געדיענט דעם קיסר פינף יאהר וויעראיו אי פראוודאיו**, איז וויבאלד, זאגט ער, דער שונא איז אנגעפאלען אויף אונזער לאנד, טאר איך נישט קוקען אויף קיין זאך און בארארף, זאגט ער, געהן שלאגען זיך „דא פאסליעד־ניי קאפּלי קראווי“***!

אזוי לאזט־א׳ים אויף רוסיש ירחמיאל, וואס האט אין די פינף יאהר פון דער דיענסט זיך אויסגעלערענט רעדען העכער האלב אויף רוסיש. נאר אז ס׳איז געקומען צו „דער לעצטער קאמעדיע“, אז ער האט זיך גענומען קושען מיט די קינדערלעך, און די קינדערלעך האבען זיך צעוויינט אויף א קול, און דאס קליינטשקע איציקעל האט איהם ארומגעחאפּט, ווי א שלענגעל

---

* נארישקייטען! אויף וואס טויג דיר מרור? — ** מיט׳ן גלויבען, און מיט׳ן אמת. — *** ביז׳ן לעצטען טראפּען בלוט.

און האָט זיך צעשריגען: „טאַטע! ניטע געה מלחמה!“, און דאָס ווייב איז געפאַלען חלשות, — האָט ירחמיאל שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען זיך און האָט זיך קוים אַ לעבעדיגער אַרויסגעריסען פון זייערע הענט און איז אַנטלאָפען. און קוים איז ער אַריין אין וואַגאָן אַריין מיט די איבעריגע סאָלדאַטען, אַזוי האָט ער אַראָפּגעוואָרפען פונ׳ם קאָפּ די היים מיט׳ן ווייב מיט די קינדער, וואָרום ער געהט אין דער מלחמה אַריין פאַר׳ן קיסר און פאַר׳ן לאַנד — „זאַ צאַריאַ אי אָטיעטשעסטוואָ!“

אַזוי לאָזט־אויס ירחמיאל מיט גדלות, און די שוואַרצע גלאַנ־צענדיגע אויגען זיינע צינדען זיך אָן בשעת מעשה מיט אַ מאָדנע פייערל, וואָס זיין חבר לייבקע האָט דאָס ליעב צו זעהען. עס געפעלט איהם, נאָר ער פאַרשטעהט דאָס נישט. ירחמיאל איז אַ געניטער, איין אויסגעדיענטער סאָלדאַט, און ער, לייבקע פון האָ־לאָנעשטי, איז אַ נאָר־וואָס אָפּגעגעבענער, אַ „נאָוואָבראַנעץ“, וואָס מע האָט איהם געבראַכט אָהער שוין לאַנג מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע „נאָוואָבראַנצים“. איז ער אויפ׳ן וועג פאַרשלאָפט געוואָרען, אָפּ־געלעגען כמעט אַ חודש אין שפּיטאָל; און אַז ער איז געזונט געוואָרען, האָט מען איהם אַריינגעזעצט אָהער, אין דעם וואַגאָן. און דאָ האָבען זיך די צוויי אידען גיך באַקענט, געוואָרען חבר, אויסדערצעהלט זיך איינער דעם אַנדערען זייערע ביטערע הערצער, געוואָרען נפש אחת. לייבקע באַריהמט זיך פאַר ירחמיאל׳ען, אַז מע האָט איהם מיטגעגעבען פון דער היים אַ סידור׳ל מיט אַ פּאָר תפילין, קליינע תפילימ׳לעך. און ירחמיאל באַטראַכט דאָס סידור׳ל מיט די קליינע תפילימ׳לעך און זאָגט, אַז דאָס סידור׳ל וועט צונוץ קומען באַלד אויף פּסח, ס׳איז פאַרהאַן אין דעם די הגדה; און אויף די תפילימ׳לעך, זאָגט ירחמיאל, איז ער איהם מקנא, וואָרום טאָמער שיסט מען איהם, וועט ער האָטש קומען צו קבר־ישראל... און איהם, ירחמיאל׳ען, האָט מען מיטגעגעבען אַלסדינג — מלבושים, גרעט, וואַרעמע וואַלינקעס, נאָר ד אָ ס נישט. ער איז איהם מקנא אויף די תפילימ׳לעך!

ליבקע׳ס בלייכער פּנים ווערט נאָך בלייכער און זיינע גרויסע אויגען ווערען נאָך גרעסער, און ער פרעגט ביי זיין עלטערען גע־ניטען חבר ירחמיאל:

— וואָ־וואָס הייסט, ער וועט קו־קומען צו ק־קבר־ישראל?

און זיין עלטערער געניטער חבר ירחמיאל גיט איהם צו פאַר־שטעהן, אַז בשעת מלחמה באַהאַלט מען הונדערטער געה׳רג׳עטע אין איין גרוב, און אַלע מיט׳ן אַנטהון, איז וויבאַלד אַ איד האָט מיט זיך אַ פּאָר תפילין, הייסט דאָס שוין גלייך ווי געקומען צו קבר־ישראל.

ליבקע קוקט אויף זיין עלטערען געניטען חבר, אויף ירחמיאל׳ען, און וואונדערט זיך אויף זיין קאַלטבלוטיגקייט, ווי ער רעדט פונ׳ם טוידט! ליבקע, אַ פּראָסטער אָרעמער בחור, אַ בעל־מלאכה, פאַרשטעהט נישט זיין חבר ירחמיאל׳ען, וואָס ער געהט מיט אַזאַ שמחה אויף דער מלחמה. ירחמיאל פּרובט זיך איהם געבען צו פאַרשטעהן מיט׳ן שכל, נאָר ליבקע׳ס קאָפּ קאָן דאָס נישט משיג זיין. זיין מוח קאָן נישט איבערקאַכען אַיין זאַך:

— מילא — זאָגט צו איהם ליבקע — דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר, ס׳איז אַ חוב אויף יעדען מענטשען — דאָס פאַרשטעה איך נאָך; אָבער פרעהען זיך וואָס דאַרף מען? וואָס איז, אַשטייגער, די גדולה?

— בהמה! — זאָגט איהם ירחמיאל און פּרובט זיך איהם געבען צו פאַרשטעהן, אַז ער איז צופריעדען שוין דערמיט אַליין, וואָס ער, אַ איד ירחמיאל, איז גלייך מיט אַלעמען, וואָס ער, אַ איד ירחמיאל, איז דעם קיסר׳ס אַ מענטש, וואָס ער, אַ איד ירחמיאל, קאָן אַרויסבאַווייזען פאַר דער גאַנצער וועלט זיין גע־טריישאַפט. לאָזען זיי זעהען, די שונאים, אַז אַ איד קאָן אויך דיענען פיין און עהרליך, אַז אַ איד קאָן אויך טראָגען זיין קאָפּ לכבוד דעם לאַנד, וואו זיינע עלטער־עלטערנ׳ס ביינער ליגען איז

די קברים און וואו זיינע אייגענע ביינער וועלן אויך אַמאָל ליגן: אין קבר...

לייבקע קוקט אויף זיין חבר מיט גרויסע אויגען און טראַכט זיך: „וואָס פאַר מאָדנע מענטשען די מאַלאָראָסער אידען זע־נען!"... אין אויך די איבעריגע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן קוקען אויף די אידען און חידוש'ען זיך, אויף וואָס פאַר אַ מאָדנע לשון די אידען רעדען!...

ביי די אַלע איבעריגע סאָלדאַטלעך אין וואַגאָן הייסען זיי „נאַשי זשידקי" *, נאָר לעבען לעבט מען מיט זיי דוקא גוט; מע שלאָפט אינאיינעם, מע עסט אינאיינעם און מע רויכערט אַלע אינאיינעם „ציגאַרקעס", ווי אמת'ע חברים.

אפשר האָט זיך דערפון גענומען די חבר'שאַפט, וואָס אינ'ם גאַנצען וואַגאָן איז פאַרהאַן סך־הכל איינער אַ „גראַמאָטנער", וואָס פאַרשטעהט אין די קליינע אותיות.

און דער איינער איז ירחמיאל.

ירחמיאל האָט מיט זיך אַ בלאַט „נאָוואָסטי", וואָס דאָרט איז באַשריבען די איצטיגע מלחמה, און דאָרט איז אויסגעמאָהלט גאַנץ מאַנדזשוריע, מיט פּאָרט־אַרטור, מיט „אונזער" פלאָט, מיט'ן לאַנד קאָרעאַ און מיט'ן לאַנד פונ'ם שונא — אויך מיר אַ לאַנד, משטיינס געזאָגט! אינ'ם דאָזיגען לאַנד אַריין רייסען זיך דאָס די אַלע סאָלדאַטלעך, וואָלטען שוין געהרען קומען אַהין וואָס גי־כער זיך אָפּרעכענען מיט'ן שונא, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם. ירחמיאל לייענט פאַר'ן גאַנצען עולם דאָס בלאַט און באַווייזט זיי מיט'ן גראָבען פינגער אויף דער קאַרטע און אויפ'ן לאַנד פונ'ם שונא, אויף יאַפּאָניע. — „אויך מיר אַ לאַנד! יאַפּאָשקאַ! — זאָגען די סאָלדאַטלעך. — מיט איין שפּיי קאָן מען אַזאַ לאַנד איינגעמען, צעקוועטשען, ווי אַ פליעג, ווי אַ וואַנץ!"

---

* אונזערע אידלעך.

פונ׳ם לייענען איז דאָס בלאַט שוין צעהאַקט און צעריבען. עס וואָלט צונויז געקומען אויף „ציגאַרקעס“, נאָר ס׳איז איין עבירה: ירחמיאל לייענט פון דאָרטען אַזעלכע אינטערעסאַנטע זאַכען, אַזעלכע שענע מעשיות פון רוסישע סאָלדאַטלעך פון אַמאָל, אַמאָל, פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה נאָך, ווי אַזוי „אונזערע“ האָבען זיך אַמאָל געשלאָגען, געקראָכען גלייך אין פייער אַריין: זיי וועלען זיך איצט מיט יאַפּאַניע אויך אַזוי שלאָגען, אויך קרי־כען גלייך אין פייער אַריין, און ער, ירחמיאל, אויך בתוכם...

און נאָך לייענט זיי פונ׳ם בלאַט ירחמיאל אַ מעשה פון אַ באַרג אַזעלכען, וואָס מע רופט איהם „מאַלאַכאָוו קורגאַן“. דאָס איז אַ באַרג פון צעהנדליגער טויזענטער געפאַלענע רוסישע סאָל־דאַטען.

— אַלע אינאייגעם, איינס אויף דאָס אַנדערע! — גיט זיי צו פאַרשטעהן ירחמיאל שוין פון זיך אַליין. — אַלע אין איין טאָפּ: פעלדפעבעלעס מיט יעפרייטערעס מיט פּראָסטע סאָל־דאַטען.

— און אידען? — טהוט אַ פרעג לייבקע מיט איין איבער־געשראָקענעם קוק.

— און אידען אויך. אַלע גלייך! — זאָגט ירחמיאל גאַנץ פעסט, ווי אַ מענטש, וואָס ווייסט אַלסדינג.

— ווריאָש*! — האַפּט זיך אַרויס איינער אַ סאָלדאַטעל מיט אַ פּרישטשעוואַטען פּנים.

— ניעט! יעפּטאַ פּראַוודאַ**! — שטעלען זיך איין פאַר ירחמיאל׳ען עטליכע סאָלדאַטען מיט אַ מאָל און בעטען איהם, ער זאָל זיי לייענען ווייטער.

— ראַזסקאַזיוואַי, בראַטיעץ***!

* ליינסט! — ** ניין! ס׳איז אמת! — *** דערצעהל, ברודערל!

ירחמיאל האָט זיך אָבער צעהיצט; עס האָט זיך אין איהם צערעדט דער איד, און ער האָט יענעם פּרישטשעוואַטען סאָלדאַ־טעל נישט געוואָלט ארויסלאָזען פון די הענט

— באַלוואַן! — זאָגט צו איהם ירחמיאל מיט פייער. — דו פאַרשטעהסט נישט פון דאַנען אהין! נאָכ'ן טוידט און אויף דער מלחמה זענען אַלע גלייך! ביי'ם מלאך־המות איז נישטאָ קיין אידען, נישט־אידען. ביי גאָט זענען אַלע — מענטשען!...

— ווריאָש! — זאָגט צו איהם נאָך אַ מאָל דאָס פרישטשע־וואַטע סאָלדאַטעל. — איך האָב געהערט לייענען פון אַ ביכעל, אַז אַנטיכריסט וועט קומען, וועלען אַלע גע'צלמ'טע אויפשטעהן תחית־המתים, און איהר וועט פאַרפוילט ווערען, ווי די הינט.

— חאַם! נאַרישער קאָפּ! — שרייט ירחמיאל שוין מיט כעס. — וואָס רעדסט דו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט?

דאָס סאָלדאַטעל מיט'ן אומריינעם פּנים וויל אויפהויבען אויף איהם די האַנט, שטעלט זיך איין דער איבעריגער עולם פאַר'ן אידען, לאָזט נישט, מע זאָל באַלעדיגען ירחמיאל'ען. און ירחמיאל וויל זיך נישט באַרוהיגען. ער שיט מיט רעד אין שוויצט אַזש:

— אַזאַ חאַם, און רעדט נאָך! ער ווייסט נישט, דער דאָ־זיגער אָפּגעריסענער נאַר, אַז פאַר גאָט און פאַר'ן קיסר זענען אַלע מענטשען גלייך, אַז מיר ביידע, אי ער, אי איך, געהען זיך שלאָגען ביידע מיט איין שונא, און די קויל קלויבט נישט איבער: וועמען זי טרעפט, דער לעגט דעם קאָפּ. אַז די קויל פון'ם שונא וועט טרעפען מיך, וועל איך וויסען, אַז איך בין געפאַלען פאַר דעם אייגענעם קיסר, וואָס דו, און פאַר דעם אייגענעם לאַנד, וואָס דו!

וכדומה אַזעלכע ווארעמע דבורים רעדט ירחמיאל פון מאַלאַ־פערעשטשעפּענע, און שטענדיג מיט היץ, מיט פייער. און דער גאַנצער עולם האָט אפשר פאַר דעם דאָזיגען אידען, באַקומט ליעב ירחמיאל'ען פאַר זיינע קלוגע רעדע, און צוליעב איהם לעגט מען

כבוד אויך אויף זיין חבר, אויף לייבקען, וואָס מע האָט איהם נישט ליעב פאַר זיין איבערגעשראָקענעם קוק, ווי בײַ אַ האָז. צוליעב ירחמיאל'ען לאָזט מען זיי זיצען ביידע בײַ דער לאַנטערן דאָ אויף דער באַנק אינצווייען, זיך זאָגען דאָרטען וואָס זיי דאַרפען.

— וואָס שאָקלען זיך די אידען? — פרעגט איין סאָלדאָט בײַ'ם אַנדערען.

— לאָזען זיי זיך שאָקלען. — ענטפערט איהם דער אַנדערער. — ס'איז בײַ זיי היינט אַ יום־טוב.

— „שאַבאַש"?

— ניין, נישט שבת, נאָר יום־טוב.

— וואָס פאַר אַ יום־טוב?

— שאַ, לאָמיר אַ פרעג טהון רחמיאל'ען אַליין. רחמיאל!

— טשעפּעט איהם נישט. — רופען זיך אָן די איבעריגע סאָלדאַטען. — די אידען דאַוונען, לאָזען זיי דאַוונען!

און ירחמיאל מיט לייבקען שאָקלען זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער. זיי האַלטען שוין בײַ „הלל", און זיי זינגען מיט אַ ניגון: „הללויה! הללו עבדי ה' הללו את שם ה'". און אַז עס קומט צום סוף קאַפּיטעל, ווערט איינער פון זיי אַ חזן, ירחמיאל געוויינטליך, און לאָזט־אויס מיט אַ ניגון און ציקעלט זיך: „מ ו ש י ב י ע ק ר ת ה־ב־י־י־ת א ם ה ב נ י ם ש מ ח ה ה ל ל ו־ו־י־ה!"

און ביידע, ירחמיאל מיט לייבקען, טראָגען זיך אַוועק מיט זייערע געדאַנקען ווייט, ווייט פון דאַנען. איינער קיין האָלאָנעשטי, צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער, און אפשר גאָר צו אַ כלה, אַ מיידעל מיט שוואַרצע צעפּ און מיט רויטע באַקען און מיט ווייסע ציינער; און דער אַנדערער קיין מאַלאַ־פערעשטשעפּענע, צו ווייב און קינדערלעך. „אין האָלאָנעשטי — טראַכט זיך לייבקע — זיצט מען אויך אַצינד בײַ'ם סדר, נאָר מע זיצט אַלע בײַ'ם טיש, אויפ'ן טיש ליגען מצות, עס שטעהען כוסות מיט ראָזינקעס־וויין, אָדער מיט פסח'יגען מעד, און מרור שטעהט גרייט

מיט חרוסת, און פיש וועט מען באַלד דערלאַנגען פרישע, געפּע־פּערטע פיש, מחיה נפשות!" — און לייבקע צעלאָזט די נאָזלעכער, עס דאַכט זיך איהם, אז ער הערט אַ ריח פון פרישע געפּעפּערטע פיש...

איך ירחמיאל'ס געדאַנקען זענען דאָרט אין דער היים, אין מאַלאַ־פּערעשטשעפּענע, ביי זיין יונגער שענער פייגה'ן, וואָס זיצט אַצינד מסתמא ביי'ם סדר ביי איהרע פאַטער און מוטער. מע רעדט איהר אויס דאָס האַרץ, מע טרייסט זי, אַז ירחמיאל איז איצטער ווייט, נאָר ער וועט, אם ירצה השם, קומען גיך צוריק, לאָז נאָר ווערען שלום... אַזוי זאָגען איהרע פאַטער און מוטער, ווילען זי איינרעדען, אַז מע שמועסט פון שלום. נאָר זיין פייגה וויל נישט הערען. זי וויל זיך נישט טרייסטען. איבער די קינדער, און איבערהויפּט איבער דעם קליינעם איציקעל, וואָס אַז מע פרעגט איהם: „איציקעל, וואו איז דער טאַטע?" באַווייזט ער מיט'ן קליינעם הענטעל אַזש אַהין, ווייט־ווייט, און זאָגט בשעת מעשה: „טאַטע אַן־אַן־אַן!"...

און ירחמיאל, דער העלד פון קליין־פּערעשטשעפּענע, בויגט זיך אַז אויסשנייצען די נאָז און ווישט־אויס אַ טרער, אַזוי אַז דער חבר לייבקע פון האַלאַנעשטי זאָל נישט זעהען.

אקדמות

א נעזאנג לכבוד שבועות.

געשריבען אין יאהר 1904.

אַקְדָמוּת

— אַקדמות מלין — עה איך הויב אָן צו רעדען, ושריות שותא — און באַגעהר צו שפּרעכען!... — אַזוי זינגט זיך גאַנץ געשמאַק אַ קליין אויסגעדאַרט אידעל, וואָס שטעהט מיט אַ געלען טלית איבער'ן קאָפּ ביז'ן שפּיץ יאַרמעלקע אין בית־המדרש צווישען מזרח־וואַנט און צווישען שפּיעגעל־באַנק, נעבען אַ סטענדער, אויפגעהויבען ביידע הענט, די אויגען פאַרגלאָצט אַרויף, שאָקעלט זיך מיט'ן גאַנצען גוף, אַלע מאָל מיט אַ שפּרונג־אונטער און מיט אַ טענצעל, און דאָס געלע פאַרמעט־פּנים בעת מעשה לויכט איהם אַקעגען דער זון, וואָס קוקט־אַריין מיט איין שטראַהל דורכ'ן אָפענעם פענסטער פונ'ם בית־המדרש, און דאָס איינציגע אַקאַציע־בוימעלע אויף דער שוהלגאַס, וואָס האַלט אין רעכטען בליהען, שיקט־אַריין אַ געשמאַקען זיסען ריח גלייך צו די אידען אין נאָז אַריין, ווי איינער רעדט: „שמעקט, אידישע קינדער, איהר אויך, פון מיינע בשמים און האָט אויך הנאָה פון גאָט'ס וועלטעל“...

איהר ווייסט, ווער איז אָט דאָס אידעל, וואָס זינגט דעם „אַקדמות“ מיט אַזאַ חדוה, מיט אַזאַ התלהבות? ס'איז יהושע־העשעל. איהר קענט איהם, איהר קענט איהם זעהר גוט. דאָס איז פון די אידען, וואָס איהר באַגעגענט זיי נאָר לויפענדיג, וואָס האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט, תמיד זענען זיי פאַרהאַוועט אין פּרנסה. און זייער פּרנסה איז דאָך, משטיינס געזאָגט, ווינט. מע

לעבט פונ׳ם ווינט. פאר אזעלכע מענטשלעך איז די וועלט א יריד, און זיי זענען געקומען אהער אויפ׳ן יריד שמעקען, אויס־שמעקען, טאמער וועט מען עפּיס קאנען ח א פּ ע ן... אזעלכע מינים סוחרים ווייסען אליין ניט, וואס טהוען זיי דא אויפ׳ן יריד? זיי ווארפען זיך אויף אלסדינג, וואס סע קומט זיי פאר די אויגען, קויפען און פארקויפען מיד ליד, פארדיענט, דערלעגט — און אראפּ פונ׳ם מארק, א רענדעל אראפּ, א רענדעל ארויף — אבי אויסגעהאנדעלט זיך שען, חלילה נישט פארנומען קיין פרעמדס... אט אזא סוחר, אז ער חאפּט זיך אויף דעם לעצטען טאג פונ׳ם יריד און דערמאנט זיך, אז ער האט גע׳פטר׳ט וואו ער האט גע־האט א גראשען, טהוט ער זיך א שמיר מיט דער האנט איבער׳ן פּנים פון אויבען אראפּ און א זאג צו זיך אליין: „האבען מיר שוין, ברוך השם, אפּגע׳פּטר׳ט דעם יריד אויך; אצינד באדארף מען לויפען ערגיץ חאפּען א גמילות־חסד אויף צוריקוועגס״...

אט פון דעם מין יריד־לייט איז אונזער העלד יהושע־העשעל.

וואס איז זיין געשעפט — ווייס איך ניט. דאכט זיך, א איד א מעקלער, א שליח, א שטיקעל שדכן. דאס הייסט, ניט קיין שדכן פון די שדכנים, וואס שרייבען בריוולעך און שלעפּען קערב־לעך, נאר גארנישט, אז עס מאכט זיך אמאל אויספיהרען א שידוך — מהכתיתי, פאר וואס ניט? ווער זאגט זיך דאס אפּ פון א זייטיגען רובעל? איך קען א סך דאמען, „אריסטאקראט־קעס״, וואס אז זיי שמעקען־אן ערגיץ א בחור געהט ארום מיט א מיידעל און סע דאכט זיך זיי אויס, אז ס׳איז גלייך, ווארפען זיי אוועק אלע געשעפטען און נעמען זיך צו דער ארבייט, טהוען אלסדינג, ס׳זאל ווערען א שידוך; סע פארשטעהט זיך, זיי טהוען דאס מעהר לשם מצוה, אדער דיפּלאמאטיע, אדער פּשוט ווייל זיי האבען ניט וואס צו טהון... ניין, יהושע־העשעל איז ווייט פון אזעלכע זאכען; ער, אז ער פאלט אמאל אויף א גלייכס, איז נאר צוליעב דעם, וואס ער מיינט, טאמער וועט ער דא עפּיס חאפּען. אי, עס לאזט זיך אויס א בוידעם? ווארום דאס, וואס ער מיינט,

ס'איז גלייך ווי א סטרונקע, איז גאר קרום ווי א קאטשערע — וואס איז ער שולדיג? מסתמא איז זיין מזל אזוי. למאי מעקלעריי? פארהאן א סך מעקלערס דא אין שטאדט, אויך אזעלכע בריות ווי ער, פון דעסטוועגן, וואוהין זיי געהען ארייין מאכען א געשעפט, מאכען זיי; און ביי איהם איז געמאכט און געמאכט און געמאכט, און צום סוף, עס קומט צו עפּיס, לאזט זיך אויס, אז עס הויבט זיך גאר ניט אן!... אהן מזל, הערט איהר, זאל מען גאר ניט געבוירען ווערען אויף דער וועלט. אליין וואלט מען נאך ווי עס איז איבערגעטראגען; איז אבער פארהאן א ווייב, קינדערלעך, וואס זענען גאט די נשמה שולדיג. א גליק, כלעבען, וואס יהושע־העשעל איז א איד, און א פרומער עהרליכער איד, וואס גלויבט אין גאט, וואס דיענט גאט, וואס האט ליעב גאט, ממש פארברענט, פארליעבט אין דער שכינה, ווי א חתן, וואס האט זיך פארליעבט אין דער כלה. דעריבער דאווענט ער אזוי געשמאק. קומט אין שוהל אריין זעהען, ווי יהושע־העשעל דאווענט! זעהען, ווי יהושע־העשעל דאווענט — איז, זאג איך אייך, א חיות. דאס איז ניט קיין געוועהנליכער דאוונען, ווי א איד, אשטייגער, שטעלט זיך אוועק און מאהלט ווי א מיהל, האט אין זינען בעת מעשה גאר ווייס איך וואס: א קונה, א פריץ, א גמילות־חסד. ניין! יהושע־העשעל אז ער שטעלט זיך אוועק דאוונען, שטעלט ער זיך פאר, אז ער קומט מיט א ראפּארט צום רבונו־של־עולם, מיט א לויבעניש און מיט א געבעט אויף פרנסה, מיט א קלאגען זיך אויפ'ן גלות און מיט א חדוה, וואס ער איז א איד. א קלייניגקייט א איד! א איד, וואס האט מקבל געווען די תורה, ערשט היינט, אין דעם דאזיגען טאג שבועות!... שפּרינגט ער אונטער, קנאקט־צו מיט די פינגער, מאכט מיט די אויגען און שרייט, שרייט מיט קולי־קולות. די „אריסטאקראטען“, די נגידים פון מזרח־וואנט, וואס דאוונען מיט איהם אין איין שוהל, קענען איהם שוין מיט זיין דאוונען און מיט זיינע משונה־ווילדע העויות: „שאט, שאט, זאגען זיי, דער גרייגער יהושע־העשעל האט זיך צע־

לאזט!" נאר דער גרייגער יהושע־העשעל הערט זיי, ווי דעם פאראיאהריגעו שניי: „דערויף איז דאס א מקום קדוש, מע זאל דאוונען, ניט זיצען אויבען־אן אויסגעסטראצעלט, ווי די טאקען, גלאנצען מיט די גילדענע און זילבערנע עטרות פון די טליתים, ארייגקוקען בעת קריאת התורה כלומרשט אין די חומשים און שטילערהייט רעדען צווישען זיך דברים בטלים"... און דערזעהט יהושע־העשעל, אז אידען רעדען בעת דאוונען, קאן ער דאס ניט סובל זיין, ווערט אין כעס, פאטשט מיט די הענט איבער'ן סידור: „אי־א־נו!"... א מאדנער איד אט דער יהושע־העשעל. אזוי איז ער, דאכט זיך, א נכנע, א נעבאכעל, א ווארעם, וואס לאזט זיך טרעטען מיט די פיס, און קומט אין שוהל — אוים נכנע, אוים נעבאכעל, אוים ווארעם — איין עזות־פנים, זאל גאט היטען! דא, אין שוהל, איז ניטא ביי איהם קיין נגיד, קיין אריסטאקראט; ער איז זיי מבטל כעפרא דארעא, ווארום אין א מקום קדוש זענען אלע אידען גלייך. אויך דאס פנים ווערט דא ביי איהם גאר איין אנדער פנים: צי מחמת דער יארמעלקע מיט'ן טלית, וואס אויפ'ן שפיץ קאפ, צי מחמת גרוים חדוה פון זיין געליעבטער (די שכינה), וואס ער זעהט זיך דא מיט איהר אלע שבת און יום־טוב, ובפרט אזא יום־טוב, ווי שבועות צו „אקדמות", בעת „ח י ל א ל ף א ל פ י ן — צעהן־טויזענטער, הונדערט־טויזענטער מלאכים, כרובים און גלגלים קלויבען זיך צונויף פאר'ן אלמעכטיגען און טהוען זיך הויבען מיט א געזאנג און מיט א גרוים שאלונג, ווי דאס געשריי פון די געזאמעלטע וואסערען"... און יהושע־העשעל הערט דאס דאזיגע געזאנג מיט'ן דאזיגען שאלען, און ער העלפט דעם חזן זינגען און שאלען מיט א גרוים שאלונג. און ער איז איבערצייגט, אז ד א ר ט ע ן וועט ער זיצען אינאיינעם מיט אלע עהרליכע אידען, וואס זענען געקניפט מיט גאט'ס קרוין, ווי סע שטעהט אין „אקדמות" בפירוש געשריבען. און ער פיהלט, ווי ער זיצט אונטער דער חופה מיט אלע צדיקים דארט אין גן־עדן מיט גרוים תענוג ב ת כ ת כ י ד ה ב פ י ז א —

אויף גאָלדענע שטוהלען, און געהט זיך דורך מיט זיי אויפ׳ן שפּאַציער, און חאַפּט אַ טענצעל מיט דער שכינה... אַ כּפּרה די גאַנצע וועלט מיט אַלע תענוגי־עולם, און אפילו מיט דער גוטער פּריישער מילכיגער סעודה, וואָס די נגידים וועלען היינט עסען נאָכ׳ן דאַוונען! און יהושע־העשעל חאַפּט אַ קוק מיט גדלות אויף די נגידים, די הולטאַיעס, וואָס אין מזרח־וואַנט, און עס קומט איהם פאַר די אויגען איינער אַ גראָבער, וואָס זיצט אויבען־אָן אין מזרח, אַ איד אַ נגיד מיט אַ גערוזירטער מאָרדע, מיט אַ ״שענעם ראָק און מיט אַ שוואַרצען קוימען אויפ׳ן קאָפּ. מ אַ ר ק ו ס רופט מען איהם, אַ נייער נגיד, פון די נייע אויפגעקומענע נגידים, וואָס שפּרינגען־אַראָפּ פון אַ דאַך, ווי איינער רעדט: „גוט־מאָרגען, איך בין אויך דאָ!“... די דאָזיגע נייע אויפגעקומענע נגידים שפּרינגען איטליכען אין פּנים אַריין, וואַרפען זיך, זשומען און זשוזשען און עסען זיך אַיין, ווי די פליעגען. זיי צוואָגען זיך אויס, פּוצען זיך אויס, טהוען זיך אָן מיט די ווייבער נאָך דער לעצטער מאָדע, לאָזען זיך קאָסטען געלט און קריכען אַהין, צווישען די „אַריסטאָקראַטען“, שטעלען־אַרויס דאָס בייכעל און בלאָזען זיך. אינ׳ם גרויסען אָרט קויפט דאָס אַ פאַיטאָן מיט ברענענדיגע פערד און קנאַקט איבער אַלע גאַסען, מע זאָל זעהען. אין טהעאַטער געהט דאָס אין דער ערשטער שורה, האַלט־אויס קעפּסווייבער, שפּיעלט אין פּרעפעראַנס, בויעט הייזער, קלינגט און טראַסקעט און פייפט מיט סכנת־נפשות. אינ׳ם קליינעם אָרט קויפט דאָס אַ שטאָדט אין מזרח, דעם ווייב — גרויסע פּערעל, יאָגט זיך נאָך שענע שידוכים, וויל זיך אַיינקויפען אין יחוס, זינדיגט בכּוד, קיינער זאָל ניט וויסען, שפּיעלט אין אָקע און שענקט אַמאָל אַ גרויסע נדבה, מע זאָל פון איהם רעדען.

אָט פון דעם מין נייע אויפגעקומענע נגידים איז מאַרקוס.

פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער דער דאָזיגער מאַרקוס? — ווייסט קיינער ניט. דאָס הייסט, וויסען ווייסט מען איהם, נאָר אז ער הייסט מאַרקוס — דאָס איז מען ערשט ניט לאַנג געוואָהר

געווארען. ביז ניט לאנג האט מען איהם גערופען: „דער איד פונ'ם האלץ", אדער „דער הילצערנער". ער האט זיך געדרעהט ארום אינטענדאנטסטווא, קאזארמעס, אפיציערען, צוגעשטעלט האלץ און עפּיס נאך... איצט האט ער אוועקגעווארפען די אינטענדאנטסטווא, מיט די קאזארמעס, מיט די אפיציערען, איז געווארען א באנקיר, אויף אונזער לשון הייסט דאס פּשוט א בעל־הלואה, א פּראצענטניק, א איד, וואס לעבט זיך פון פּראצענט. האט ליעב א וועכסעלע, בטבע אפילו א גרויסער עם־הארץ, א ווילדער גראבער־יונג, נאר ער איידעלט זיך, פּיינט זיך אוים, ווי ווייט מעגליך, רייבט זיך צווישען לייטען, וויל זעהר איינרעדען די וועלט, אז ער איז א טאטענ'ס א קינד, דערצעהלט מעשיות, אז דארטען, ערגיץ ביי זיך אין דער היים, האט ער קרובים גרויסע מיוחסים, לומדים, מופלגים, חאטש אלע ווייסען (און ער אויך), אז ס'איז שקר וכזב; ער האט ניט אין ערגיץ ניט קיין קרובים, ניט קיין מיוחסים, ניט קיין לומדים, ניט קיין מופלגים. מע קאן דאס ארויסזעהען נאכ'ן רויטען פּנים, חאטש ס'איז שוין איצטער פּיינטשיק ארומגעשארען, און נאך די גראבע קארענע הענט מיט די לעפּקע פינגער (איין פינגער איז ביי איהם איין אפּגעהאקטער, וואס אויף דעם דערצעהלט מען א גאנצע מעשה, נאר מיר לאזען עס דורך...).

אויך דאס ווייב זיינס, די איצטיגע מאדאם מארקוס, א נידעריגע, א שווארצע, א גראבע, מיט גראבע שטארק־פארגרעבטע הענט, וואס אלע געדענקען נאך, אז זי איז אמאל געווען, ניט אויסגערעדט זאל זיין, א דיענסטמיידעל, לעגט־איין די וועלט, פּויקט אין אלע גאסען, אז זי שטאמט פון זעהר א רייכער משפּחה, פון גרויסע לייט, גבירים אדירים, חאטש אלע ווייסען (און זי אויך), אז ס'איז שקר וכזב; זי האט נישט אין ערגיץ ניט קיין משפּחה, ניט קיין גרויסע לייט, ניט קיין גבירים אדירים. מע קאן דאס ארויסזעהען פון איהר אויפפיהרען זיך אין מארק ביי די ווייבער, אין קיך ביי די דיענסטען, און בעת זי רעכענט זיך מיט'ן

קצב פאַר פלייש. זי האָט פיינט, זאָגט זי, „אַזעלכע" חשבונות. זי וועט ניט דערלאָזען, זאָגט זי, מע זאָל איהר צורעכענען אפילו אַ לויט פלייש. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי רייסט־אָפּ ביי איהם עטליכע פונט — און דעמאָלט איז זי שוין רוהיג. און פון דעסטוועגען, אוי־אוי־אוי, האָט מען פאַר זיי דרך־ארץ און מע גיט זיי אָפּ כבוד! וואָרום ווען טהוט זיך עס נויטיג אַרויסשפּרינגען קעגען אַ נגיד, זיין אַ שייגעץ? ובפרט אַיין אָרעמאַן, ובפרט אַ מעקלער, ובפרט אַזאַ מעקלער, ווי יהושע־העשעל, וואָס געהט צו איהם אָפּטליך אַריין, נישט מחמת גרויס ליעבשאַפט, נאָר טאַקי צוליעב דעם, וואָס די נויט טרייבט איהם. ער מיינט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער וועט ער מאַכען ביי איהם אַ מאָל אַ שטי־קעל געשעפט. אמת, ניט אַזוי גרינג מאַכט מען ביי מאַרקוסען אַ געשעפט. מאַרקוס איז אַ שווערער פאַרשוין, אַ האַרטער ביסען! דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו נישקשה, אַ צוגעלאָזט מענטשעל; אַז מע קומט צו איהם אַריין, בעט ער זיצען, איז מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, נאָר געבען פאַרדיענען יענעם אַ קערבעל — דאָס לא. שווער, שווער, כקריעת ים־סוף! זינט מאַרקוס איז אַ נגיד און יהישע־העשעל איין אָרעמאַן, האָט ער נאָך כמעט נישט געפּרובט פאַרדיענען דורך איהם אַ קערבעל. אַ שווערער נגיד, אַ האַרטער. אוי, אַ האַרטער ביסען!

און יהושע־העשעל, זינגענדיג אינאיינעם מיט'ן חזן און מיט'ן איבעריגען עולם דעם „אַקדמות", חאַפּט אַ קוק אויף מאַרקוסען מיט דער אונטערגעשאָרענער שוואַרצער מאָרדע, מיט'ן געפּאַקטען בייכעל און מיט'ן הויכען שוואַרצען קוימען אויפ'ן קאָפּ, און טראַכט זיך: „דאַ ביזט דו טאַקי ביי זיך גרויס, אָנגעבלאָזען... דערפאַר אָבער דאָרטען! דאָרטען! מ נ ת ד י ל ן — אונזער גאָט, וואָס גאָט האָט אָפּגעשיידט פאַר אונז נאָך פון ווייס איך ווען אָן... אמת, די גוטע געשמאַקע מילכיגע סעודה היינט וועט טאַקי עסען מאַרקוס, און מיט דער גוטער פרישער געשמאַקער קאַווע מיט פּוטערגעבעקס וועט טאַקי פאַרטרינקען מאַרקוס. און

איך וועל געפינען הלואי א גלעזעל ציקאריע, חאטש מיט איין אייערקיכעל ס'זאל זיין פאר די קינדער נעבאך; פון פיש מילכיגע, געפרעגעלטע אין פוטער, רעד איך שוין ניט, און בלינצעס מיט קרעפלעך מיט לאקשען מיט מילך — דאס האט מארקוס, ניט איך... דערפאר אבער דער לויתן מיט'ן שור־הבר דארטען! דארטען!... ט ל ו ל א ד ל ו י ת ן — די פרייד פונ'ם לויתן און פונ'ם ווילדען אכס דעם שור־הבר, בעת זיי וועלען האלטען מלחמה פאר די צדיקים אין די אויגען, בכדי זיי, די צדיקים, זאלען קוקען און קלויבען תענוג, ווי דער שור־הבר וועט דעם לויתן שטויסען מיט די הערנער, און דער לויתן וועט צאפלען אקעגען איהם מיט די פליספעדערען, דעמאלט וועט צוגעהן הקדוש־ברוך־הוא אליין, בכבודו ובעצמו, מיט זיין גרויסען שווערט, און וועט זיך מטריח זיין אנגרייטען א שענע גרויסארטיגע סעודה פאר זיינע ליעבע טייערע געסט, וואס האבען זיך עוסק געווען אין זיין תורה, איהם געלעגט תפילין און געלייענט קריאת־שמע"...

אזוי זינגט יהושע־העשעל, זינגט, שרייט גלייך מיט'ן חזן, וויל, אפנים, פארזינגען דעם יצר־הרע, פארשרייען דעם הונגער. עס חלש'ט איהם רעכט דאס הארץ נאך פון נעכטען; געווען אויף א גאנצע נאכט איבער'ן תקון־שבועות, און גאנץ פריה אוועק אין וואסער, און פון דארטען גלייך אין שוהל אריין פריהער פון דער גאנצער וועלט, אויסגעהערט פון א פאר מענטשען חכמים א שפאס: „וואס איז די מעשה, רב יהושע־העשעל, וואס איהר האט זיך היינט אזוי געפעדערט? אפנים, צוליעב דער מילכיגער סעודה?"... נאר וואס הערט ער זיי? יהושע־העשעל איז שוין געוואוינט געווארען צו אזעלכע זאכען. אלע, ווער ס'האט גאט אין הארצען, האבען ליעב זיך מאכען א שפאס מיט יהושע־העשלען, און מעהר פון אלעמען טאקי אליין דער אייגענער מארקוס. אלע מאל, ווען ער קומט צו מארקוסען, טהוט איהם מארקוס א פרעג, אויף א קאטאוועס געוועהנליך, אט אזוי, אשטייגער:

— נו? ווי איז אייך געגאנגען דער שבת?

אַדער:

— ווי איז אייך געגאַנגען פּסח צו די סדרים?

אַדער:

— ווי אַזוי איז אייך אָפּגעלאָפען דער סוכּות אין סוכּה?

אַדער:

— האָט איהר געהאַט פּורים אַ פריילִיכע סעודה?

אויף אַזעלכע זאַכען ענטפערט יהושע־העשעל, געוועהנליך, גאַרנישט; ער ווייסט, אַז ס'איז גלאַט אַזוי, אַ שפּאַס. דעם נגיד איז גוט אויפ'ן האַרצען, טרייבט ער קאַטאָוועס. ענטפערט דערויף יהושע־העשעל נאָר מיט אַ שמייכעלע: חע־חע. געפעלט דאָס מאַרקוסען, איז ער איהם מכבד מיט אַ פּאַפּיראָס, רוקט איהם אונטער אַ גלעזעל טיי:

— טרינקט, רב יהושע־העשעל, נעמט צוקער, אַט שטעהט.

— אַ דאַנק, — זאָגט יהושע־העשעל, און עס געהט איהם ניט איין דאָס גלעזעל טיי; ער דערמאָנט זיך, פאַרשטעהט איהר, אַז דאָרט, אין דער היים ביי איהם, זענען פאַרהאַן בעלנים אויף טיי, קיין עין־הרע, גענוג בעלנים, וואָס וואָלטען זיך מחיה געווען, ממש זיך דערקוויקט מיט אַ גלעזעל וואַרעמס — איז נישטאָ. פאַרהאַן דוקא אַ סאַמאָוואַר, נאָר קיין טיי און צוקער איז נישטאָ. און פון וואַנען זאָל זיין? פון דעם, וואָס מאַרקוס האַלט איהם אָפּ דריי זייגער־שעה, וויל, מע זאָל איהם דערצעהלען נייעס: „וואָס הערט זיך עפּיס אין שטעדטעל?" צי פון דעם, וואָס דאָס ווייב מיט די עלטערע מיידלעך פאַרדיענען קוים אַנדערהאַלבען גילדען אַ טאָג פאַר צוויי לייבעלעך? זיי האָבען זיך אויסגעלע־רענט נעהען לייבעלעך, זיצען זיי און אַרבייטען גאַנצע טעג, נע־הען זיך אָפּ די פינגער און נעמען אַנדערהאַלבען גילדען פאַר אַ פּאָר לייבעלעך. גוט איז נאָך, אַז ס'איז דאָ לייבעלעך! וואָס טהוט מען, אַז ס'איז קיין לייבעלעך אייך נישטאָ? הונגערט מען. דאָס הייסט, מע לעגט זיך שלאָפען מיט אַ לעדיגען, ניכטערען מאָגען. און אַז גאָט העלפט, איז מאָרגען אויך אַ טאָג איז מע קאָן מאָרגען וויע־

דער הונגערען — און, זייט זיכער, קיין בן־אדם, קיין פויגעל וועט דערפון נישט יויסען. יהושע־העשעל איז ניט אזא מענטש, וואס זאל דערצעהלען התנצלות, זיך קלאגען. און ווער שמועסט, בעטען? ער זאל וויסען, חלילה, שטארבען! שטארבען!... בקיצור, יהושע־העשעל איז פון די ארעמעלייט, וואס געהען זיך אוים שטילערהייט, שא, אהן גוואלדעניש, אהן געפילדערען. עס קרעהט ניט אויף זיי, ווי מע זאגט, קיין האהן אפילו... פארהאן, פארהאן ביי אונז, צווישען די קינדער ישראל, א סך אזעלכע יהושע־העשעלס — איהר מעגט מיר גלויבען אויף מיינע הייליגע נאמנות, איך קען זיי, איך בין מיט זיי גוט באקענט... א גליק, כלעבען, וואס יהושע־העשעל איז א איד, און א פרומער עהרליכער איד, וואס גלויבט אין גאט, וואס דיענט גאט, וואס האט ליעב גאט, ממש פארברענט, פארליעבט אין דער שכינה, ווי א חתן, וואס האט זיך פארליעבט אין דער כלה. דעריבער זינגט אזוי געשמאק יהושע־העשעל גלייך מיט'ן חזן און האט באצייטענס הנאה פון די גוטע זאכען, וואס שטעהען ד א ר ט ע ן אנגעגרייט פון די ארעמעלייט'ס וועגען: „נ ג י ד י ן ק מ י ה ו ן — עס וועלען זיך ציהען דארטען פאר זיי גאנצע טייכען פון באלזאם־עהל, ו מ ת פ נ ק י ן — און זיי וועלען זיך אנזעטיגען און אנזעטיגען מיט אלע גוטע זאכען און מיט יענעם גוטען אלטען זיסען וויין, וואס שטעהט דארטען אנגעברייט פון זייערטוועגען אין קעלטער נאך מששת ימי בראשית"...

אט אזעלכע מינים ליעדער זינגט זיך יהושע־העשעל שבועות מיט נאך א סך אידען, אזעלכע שלים־מזל'ען, ווי ער, הויבט־אויף ביידע הענט ארויף, מאכט־צו די אויגען, שאקעלט זיך מיט'ן גאנצען גוף, שפרינגט־אונטער מיט א טענצעל, און טראגט זיך אריבער מיט לייב און לעבען אהין, אהין, אין איין אנדער וועלט פון גאלע ליטערקייט, פון גאלע גוטסקייט, פון גאלע אייביגקייט, א וועלט, וואו ס'איז נישטא קיין קבצנים, קיין נגידים, קיין אויפגעקומענע קליינע מענטשעלעך מיט ווייסע מאנישקעס און אונטער

זיי אייזערנע שטיינערנע הערצער, קיין נארישע גראָבע תאוות, קיין צרות, קיין דחקות, קיין דאגת פרנסה, קיין מעקלערס, קיין שדכנים, קיין צער גידול בנים, קיין קנאה, קיין שנאה... און ער ווארפט־אראָפּ פון זיך דעם גאַנצען לבוש פון דער וועלט, און ער טהוט זיך אויס פון דער היגער וועלט, וויל פאַרגעסען, פאַרגעסען, ניט הערען, ניט זעהן וואָס אַרום איהם טהוט זיך, באַהעפט זיך אַיינד מיט זיין געליעבטער, מיט דער שכינה. ניט זיין עסק, וואָס דאָ אָקעגען איהם שטעהען זאַטע צופריעדענע מענטשלעך מיט פעטע אויסגעפּאַשעטע בייכלעך. ניט זיין עסק, וואָס דאָ קוקט־אַריין די זון מיט איין שטראהל דורכ׳ן אָפענעם פענסטער פונ׳ם בית־המדרש, און דאָס איינציגע אַקאַציע־בוימעלע אויף דער שוהל־גאָס, וואָס האַלט אין רעכטען בליהען, שיקט־אַריין אַ געשמאַקען זיסען ריח גלייך צו די אידען אין נאָז אַריין, ווי איינער רעדט: „שמעקט, אידישע קינדער, איהר אויך פון מיינע בשמים און האָט אויך הנאה פון גאָט׳ס וועלט“...

שאַט נאַר, שאַט! אין דער מינוט זאָלט איהר מיר נישט אַנריהרען מיין יהושע־העשלען. איהר זאָלט איהם ניט זאַטשעפּען! איהר זעהט דאָך, אַז ער איז ניט בהאי עלמא, אַז ער איז היינט נ י ש ט ק י י ן ה י ג ע ר. ער איז גאָר נישטאָ! ער איז גאָר דאָרטען, ווייט־ווייט פון דאַנען, ערגיץ ביי זיין געליעבטער, ביי דער שכינה...

נישטאָ יהושע־העשעל, נישטאָ איהם היינט!

דער סדר

א בילד.

געשריבען אין יאָהר 1906.

דער סדר

שפּאַק, מייזעל און „דאָס קינד“ האָבן אַלע דריי געמיטעט איין צימער אויף דער גרויפּערעלשטראַססע און האָבן אָפּגע־צאָהלט פאַר אַ גאַנצען חודש פריהער. דער חסרון, וואָס דער חודש איז שוין אַט־אַט אויף דער נאָז, און אַט־אַט קומט דער „פּאַרטיע“, אַ גראָבער דייטש מיט אַ פאַרשמאָלצענעם קאַפּטאַן און מיט אַ בלויער נאָז, וואָס זעהט־אויס ווי אַ יוינטערדיגע קאַר־טאָפּלי, און דערמאַנט די „גנעדיגע העררען“ מיט אַ שענעם „גוט מאָיען“ און מיט אַ „קיססע די האַנד“ און מיט איין „ערגעבענס־טער דיענער“, אַז זיי זאָלען מוחל זיין באַצאָהלען פאַר אַ חודש פריהער, — און דער דייטש זאָל אַזוי האָבען די בלויע נאָז, וואָס זעהט־אויס ווי אַ ווינטערדיגע קאַרטאָפּלי, אויב זיי האָבען אפילו אַ קרייצער ביי דער נשמה. געוועזן ביי׳ם „קינד“ אַ גולדען מיט צוואַנציג, האָט מען געקויפט אַ פּאָר צעהנדליג מצות, אַ האַלב קילאָ וואורשטלעך כשר לפסח, עטליכע געבאַקענע אייער און אין אַ פלעשעל פון מילך עפּיס אַ מין משקה, וואָס שטעהט אינ׳ם מיטעלפּונקט צווישען עסיג און באָרשט און וואָס טאָמער מאַכט מען דערויף „בורא פרי הגפן“ — איז דאָס געווים. ארויסגעוואָר־פען, אַ ברכה לבטלה.

— זעה נאָר, ער איז שוין פאַרטיג מיט׳ן סדר! — רופט זיך אָן שפּאַק, אַ בחור מיט אַ געל מעשען פּנים און מיט אַ שאַרפער אויסגעבויגענער נאָז, מיט אַ הויכען ווייסען שטערן און מיט לאַנגע פאַרוואָרפענע האָר אַרויף.

— ווי קאַן זיך אַ „קינד“ באַגעהן אָהן אַ סדר? — ענטפערט איהם אָפּ מייזעל, אַ בחור דוקא אַ שוואַרצער און דוקא מיט אַ פּרישטשעוואַטע פּנים און מיט אַ שטאַרק־אָפּגעשאָרענעם קאָפּ, וואָס דורך די שיטערע הערלעך זעהט זיך אַרויס אַ רויטער פאַרשוויצטער שאַרבען.

דער, וואָס מע רופט איהם „דאָס קינד“, אַ בחור'על אַ יונגס, אַ שענס, מיט אַ שמאָל ווייס פּנים'על, בלוט און מילך, מאַכט זיך נישט דערפון, בעט־אויס דעם טיש מיט אַ פרישען בלאַט „אַרבייטער־צייטונג“, לעגט־אויס די מצות, די אייער, די וואורשטעלעך־כשר־לפּסח מיט'ן ביסעל משקה, וואָס איז אַ ספק עסיג אַ ספק בּאָרשט, הויבט־אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען:

— וואו נעמט מען כוסות?

— כוסות? לאָז חאָטש זיין איין כוס! — אַזוי זאָגט שפּאַק, און מייזעל גיט־צו:

— מע וועט אַ ברירה האָבען טרינקען פון'ם פלעשעל. ווער מאַכט קידוש?

— איך! — זאָגט שפּאַק און נעמט זיך צום פלעשעל און וויל געבען אַ זופּ — און בלייבט שטעהן און גיט־איבער דאָס פלעשעל מייזלען. — ווייסט דו וואָס? מאַך דו.

— האָסט מיך דער'הרג'עט מיט אַ קניש! — מאַכט מייזעל און נעמט דאָס פלעשעל ביי שפּאַקען און טראָגט דאָס צו צום מויל און בלייבט שטעהן. — שאַ, ווייסט איהר וואָס? לאָמיר וואַרפען גורל.

— וואָס טויג אייך וואַרפען גורל? אַמעהר, גיט אַהער מיר, וועל איך מאַכען קידוש. — אַזוי זאָגט דער, וואָס מע רופט איהם „דאָס קינד“, און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט ער דאָס פלעשעל אין האַנט, טהוט־אָן דאָס היטעל, שטעלט זיך אַוועק און הויבט־אָן דעם פּסח'יגען קידוש מיט'ן יום־טוב'דיגען ניגון: „סברי מרנן ורבנן ור־בו־תי“...

ביידע חברים, שפּאַק און מייזעל, בלייבען שטעהן פאַרגאַפּט, קוקען איינס אויפ'ם אַנדערע, און אַז דער, וואָס מע רופט איהם „דאָס קינד", האָט געענדיגט דעם קידוש, אויסגעלאָזט דעם „לזמן הזה־ה־ה", רייסט־אַרויס שפּאַק ביי איהם דאָס פלעשעל פון די הענט, קעהרט דאָס איבער, טהוט אַ צוויי־דריי הלעפּטשע און גיט דאָס איבער מייזלען מיט די ווערטער:

— נאַ, פאַרדיען אויך אַ מצוה. טרינק אויך פונ'ם פּסח'יגען קידוש!

דער, וואָס מע רופט איהם „דאָס קינד", איז דערפאַר נישט ברוגז, ענטפערט נישט דאָס צווייטע וואָרט; אדרבה, ער שמייכעלט, די בעקלעד פלאַמען איהם, נאָר די אויגען זיינע, די שוואַרצע טרויעריג־פאַרטראַכטע אויגען, זאָגען: „איהר זענט חזירים!"...

— ווער וועט פרעגען די קשיות? — זאָגט שפּאַק, און מייזעל ענטפערט איהם:

— וואָס הייסט ווער? געוויינטליך, „דאָס קינד".

און אַלע דריי חברים צעלאַכען זיך.

נישטאָ קיין נייעס

צוויי לשנה־טובה־בריוולעך:

א) וואס א שניידער פון אמעריקע שרייבט צו זיינעם א פריינט אין דער היים.
ב) וואס א שניידער פון דער היים שרייבט צו זיינעם א פריינט אין אמעריקע.

געשריבען אין יאהר 1907.

נישטאָ קיין נייעס

א.

מאַי דיר פרענד י ש ר א ל י ק !

לשנה טובה תכתבו ותחתמו, דו מיט דיין ווייף און מיט דיינע טשילדרען, איהר זאָלט זיין אָללרייט מיט כל ישראל, אָמן.

מיר האָבען גרויס טראָבעל פון דעם, וואָס דו שרייבסט אונז ניט קיין לעטערס, וואָרום זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען ביי אייך די רעוואָלושאָן מיט דער קאָנסטיטושאָן מיט די מעסעקרעס, געהען מיר אַרום דיסאַפּאָינטעט, ממש אָהן קעפּ. אויב דאָס, וואָס אונזערע פּייפּערס שרייבען, איז ניט קיין בלאָף, האָט מען שוין באַדאַרפט אַוועקלעגען ביי אייך אַ האַלבע וועלט. אַלע טאָג הערען מיר פון אייך אַיין אַנדער סענסיישאָן. נעכטען האָב איך געלייענט אַ קייבעל, אַז מיסטער קרושעוואַן, דעם פּרעזידענט פון דער פּערטער דומע, האָט מען געהאַנגען, — שרייב מיר, צי ס׳איז אמת? און פון דיינע ביזנעס זאָלסט דו מיר שרייבען, צי דו אַרבייטסט אין אַ שאַפּ, אָדער דו ביזט אַ באָס פאַר זיך? און וואָס מאַכט דיין חנה־ריקעל? און וואָס טהוט הערשעל? און מיין קאָזין ליפּא וואָס מאַכט? און יוסיל העניכ׳ס? און בענצי מיט רחל׳ען? און זלאַטקע? און מאָטעל? און די איבעריגע אַפּרייטאָרס וואָס מאַכען? און צי טראַכסט דו וועגען אַריבערמופען קיין אַמעריקע? אַלסדינג זאָלסט דו מיר אַרויסשרייבען אין דיין לעטער. און וועגען מיר וואָס זאָל איך דיר שרייבען, מאַי דיר פרענד? איך בין אָללרייט, און מיין ווייף איז אָללרייט, און מיינע טשילדרען זענען אָללרייט. דאַנקען גאָט, מיר מאַכען דאָ אַלע אַ

לעבען. מיר אַרבייטען שווער און ביטער, אָבער מיר מאַכען אַ לעבען. קיין געלט סייפען מיר ניט, נאָר מיר פאַרנעמען צוויי רומס מיט אַ קיטשען. אַ גאַנצען טאָג אַרבייטען מיר, און ביינאַכט געהען מיר אַרוים אויף פּלעזשור, אָדער אויף אַ מיטינג פון סאָשעליסטען, אָדער פון זייאָניסטען, אָדער גאָר אין אידישען טיאייטער. דאָס גאַנצע לעבען ווערט מען טאָקי פאַרשוואַרצט, דערפאַר זענען מיר אָבער פריי, און איך קאָן מיר זיין אַ מעמבער אין וואָס פאַר אַ סאָסייטי איך וויל, און אַז איך וויל, ווער איך אַ סיטיזען און ווער צוגעלאָזט צו עלעקשאָן. איין זאַך געהט אונז דאָ ניט אַיין — די היים. אוי, בענקט זיך אַהיים! מיין דזשעני (זי הייסט שוין מעהר ניט בלומע, נאָר דזשעני) לאָזט מיך ניט עטעמען. זי טרייבט מיך, מיר זאָלען פאָהרען קיין ראָשע אויף קבר־אָבות. זאָלסט אָנקוקען איצט מיין דזשעני, וואָלסט דו זי ניט דערקענט. אַ ליידי מיט אַ העט און מיט גלאָווס. איך שיק דיר דאָ די פּיקטשור פון מיין דזשעני מיט מיין פעמעלי. וואָס זאָגסט דו אויף מיין עלטערען באָי? דאָס איז מאָטעל. מאָיק הייסט ער שוין אַצינד. ער איז אָללרייט. ער אַרבייט אין אַ פעקטאָרי און פאַרדיענט פון צעהן ביז צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. ער זאָל ניט געמבלען, וואָלט ער גאָר געווען אָללרייט! דער אַנדערער, דזשעק, איז געווען פריהער ביי דער אַרבייט; היינט האָט ער זיך צוגעלערענט אַ ביסעל ענגליש און איז אַ בוקקיפּער אין אַ באַרבער־שאָפּ. דער דריטער ממזר, בענדזשאַמין, דיענט אין אַ סאַלון. קיין ווייזשעס נעמט ער ניט, נאָר ער ברענגט אַהיים אַמאָל זעכס דאָלאַר און אַמאָל אַכט. דער פערטער, דער באָיטשיק וואָס מיט'ן היטעלע, איז אַ גוטער לויפער, וויל ניט געהן אין סקוהל, ליגט טאָג ווי נאַכט אין סטריט און שפּיעלט אין באָל. די מיידלעך אַלע ביי מיר זענען אויך אָללרייט. זיי אַרבייטען אין די שעפּער און האָבען שוין געלט אין די בענק. דער חסרון, וואָס מע קוקט זיי ניט אָן אין די אויגען. זיי געהען ו ו ע ן זיי ווילען און ו ו א ו ה י ן זיי ווילען און מ י ט ו ו ע מ ע ן

זיי ווילען. אמעריקע איז א פריי לאנד. מע טאר ניט זאגען יענעם קיין דעה, אפילו איין אייגענער טאכטער. אט, צום ביישפיעל, מיין עלטערע טאכטער, חיה האט זי געהייסען, אצינד הייסט זי שווין פרענסיס, — האב איך מיט איהר געהאט א דזשאב! זי האט זיך פארליעבט און חתונה געהאט אהן מיין וויסען מיט א פוסטען באי, פון די, וואס באלאנגען צו די פיקפאקעטס. ער איז אנטלאפען פון די האוז אף רעפיודזש, און איהר האט ער דערצעהלט, אז ער איז א באוואוסטער קלאדהינג־מאנופעקטשורער און א ריעל־עסטייטניק. לסוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער איז א ביגאמיסט. ער האט זיין אייגענם סך־הכל דריי ניט־קיין־גע'גט'ע ווייבער! איך האב געהאט גענוג טראבעל, ביז איך בין זיינער פטור געווארען. איצט האט זי געהייראטעט א פושקארט־פעדלער און איז אללרייט. די איבעריגע טעכטער מיינע זענען נאך ניט אויסגעגאנגען, און אז זיי וועלען אויסגעהן, וועלען זיי אויך ביי מיר ניט פרעגען. אמעריקע איז א פריי לאנד, יעדער אטענדעט זיינע ביזנעס, ווי ער פארשטעהט — און דאטס אלל! האב איך דיר ארויסגעשריבען, מאי דיר פרענד, אלסדינג, וואס ביי מיר טהוט זיך, און איך בעט דיך, דו זאלסט מיר, למען השם, באלד אפענטפערען מיט א לעטער אויך פון אלסדינג, וואס ביי דיר טהוט זיך. און לאז גריסען איטליכען באזונדער גאר פריינטליך, און איך ווינש אייך נאך א מאל א כתיבה וחתימה טובה. גוד באי!

פון מיר דיין בעסט פרענד

ד ז ש י י ק א ב (אמאל געווען יענקעל).

ב.

טייערער פריינט י ע נ ק ע ל!

דיין לשנה־טובה־בריעף האב איך פאלוטשעט פונקט ערב־ראש־השנה, און איך דאנק דיר זעהר פאר דיין ליעבען בריעף, און

איך ווינש דיר דעם זעלבען ל ש נ ה ט ו ב ה ת כ ת ב ו ו ת ח ת מ ו. געב גאָט צו זעהען זיך מיט פריילֿיכע הערצער, אמן. אַצינד קום איך דיר ענטפערען אויף דיין בריעף. ממה נפשך, שרייבסט דו שוין יאָ איין מאָל אין צוויי יאָהר אַ לשנה־טיבה־בריוועל, טאָ שרייב שיין, ווי אַ מענטש! ווער איז דאָס אביאַזאַ: צו פאַרשטעהן, וואָס הייסט דאָס: לעטער, פייפער, פיק־משור, בלאָף, וכדומה אַזעלכע ווערטער? היינט שרייבסט דו, מע זאָל דיר שרייבען און שרייבען. וואָס זאָל איך דיר שרייבען? נישטאָ קיין שום נייעס. ס'איז איצטער, דאַנקען גאָט, שוין בלאָ־האַפּאַלוטשנע ביי אונז. די נגידים מאַכען גוט, ווי אַלע מאָל, און אַרעמעלייט שטאַרבען פון הונגער, ווי אומעטום. מיר, בעלי־מלאכות, זיצען אָהן אַ שטאָך אַרבייט. פאַר איין זאַך זענען מיר, ברוך השם, אַבעזפּעטשעט — פאַר אַ פּאָגראָם. מיר האָבען שוין פאַר אַ פּאָגראָם כּלל קיין מורא נים. מחמת ס'איז שוין געווען, און צוויי מאָל „אודך" — דאָס איז אַ זאַך, וואָס קאָן זיך טרעפען נאָר אין קעשענעוו. דער פּאָגראָם איז געווען ביי אונז אפילו שפּעטליך, נאָר דערפאַר האָבען מיר געהאַט אַ פּאָגראָם מיט אַלע פּליטערלעך. בקיצור, קיין סך שרייבען וויל איך דיר ניט און קאָן ניט און האָב ניט וואָס צו שרייבען. איך קאָן דיר נאָר מעלדען, ליעבער יענקעל, איין זאַך: איך לעב! איך האָב זיך געזעהען מיט'ן מלאך־המות דריי מאָל — נאָר בלאָטע! ווי זאָגט געצי דער דאָמסקער שניידער — געדענקסט איהם? — „מ י ב ר ע ש ומ י ב מ ג פ ה — אַז ס'איז באַשערט מוטשען זיך, שענקט גאָט דאָס לעבען"... מיר האָט נאָר וועה געטהאָן דאָס האַרץ פאַר מיין ווייב און פאַר מיינע קינדער, האָב איך זיי אָוועקגעשיקט לעזאַזל, זיי האָבען זיך גאַנץ פיין פאַרקלויבען צו אַ גוטען גוי אויפ'ן בוידעם און זענען דאָרט אָפּגעלעגען בכבוד צוויי טעג מיט צוויי נעכט, חלילה נישט געגעסען, נישט געטרונקען, נישט גע־שלאָפען, און ערשט העט אויפ'ן דריטען טאָג, אַז ס'איז שוין ניט געווען וואָס צו ראַבעווען און וועמען צו שלאָגען, איז געוואָרען

ביי אונז, דאַנקען גאָט, בלאַהאָפּאָלוטשנע; איז מען פּאַוואָלינקע אַראָפּ פון די בוידעמער אַלע בשלום, און עס האָט, ברוך השם, פון אינזער סעמעיסטווע קיינעם ניט געשאַדט, אַחוץ ליפּא, וואָס איז גע׳הרג׳עט געוואָרען מיט ביידע זיהן, נח און מלך — גילדענע צוויי אַרביימער, און אַחוץ משה־הערשען, וואָס מע האָט איהם, מחילה, אַראָפּגעלאָזט פונ׳ם בוידעם, און פּערעל דבורה׳ס האָט מען שוין שפּעטער געפונען אַ טוידטע, טאָקי ביי זיי אין קעלער, און אַ ברעקעל קינד איהרס (רייזעלע) האָט מען געפונען ביי דער ברוסט... קרוגאָם, שוין מיט קליינע קינדער, זענען פון אונזער סעמעיסטווע, הייסט עס, גע׳הרג׳עט געוואָרען סך־הכל זיעבען... נאָר ווי זאָגט געצי: „גם זו לטובה — עס קאָן נאָך זיין ערגער; בעסער האָט קיין שיעור ניט“... אויף הערשלען פרעגסט דו? זיי רוהיג. ער זיצט שוין העכער אַ האַלב יאָהר איינער אַליין אָהן אַ קנעלונג אין טורמע. פאַר וואָס? מסתמא דערפאַר, וואָס ער האָט געקוקט, ווי כהנים דוכנ׳ען... ס׳איז אַ סברה, אַז מע וועט איהם געבען אַ פיינעם כיבוד: אָדער מע וועט איהם הענגען, אָדער מע וועט איהם שיכען; דאָס וועט שוין זיין, ווי זיין גליק וועט שפּיעלען, מחמת צו אַלסדינג, זאָגט געצי, באַדאַרף מען האָבען מזל. למשל, אָט איז יוסיל העניכ׳ס געשטאָרבען נאָך איידער מע האָט איהם געבראַכט אין טורמע אַריין... ווייטער איז ניטאָ קיין שום נייעס דיר צו שרייבען. נו, און אויף נחמיה דעם סטאָלער׳ס זוהן, לייב, פרעגסט דו גאָרניט? געדענקסט איהם? געווען אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, אַיאָ? „לייב־דרייב־אַבדיריק“ — האָט מען איהם גערופען. היינט ליגט ער, ווי אַ גראַף, אין פּעטראָפּאַוולאָווסקע קרעפּאָסט. זעהסט דו, אויף וועמען ס׳איז יאָ אַ רחמנות נעבאָך? אויף זלאַטקען. זי, זאָגט מען, איז געריהרט פאַר צרות... אַ קליינינקייט — פאַרלירען אין איין וואָך צוויי קינדער! און אברהם משה׳ס זוהן איז שוין איצט אודאי אין אַמעריקע. אַז דו וועסט איהם זעהען, זאָלסט דו איהם לאָזען גריסען און זאָגען, אַז זיין מאַמע איז אַ מאַלאַדיעץ: ער איז געשטאָרבען נאָך פאַר דער

קאָנסטיטוציע! און כּאַטש אונזערער איז גלאַט פאַרפאַלן גע־וואָרען, מע ווייסט ניט וואו ער איז... עס זענען אַט אַזוי אַ סך איזטשעזנעט געוואָרען, מע ווייסט ניט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען... אַ סך זענען זיך צעלאָפן, אַ סך זענען גע׳הרג׳עט געוואָרען און אַ סך רוהען זיך אויס אין די טורמעס, שפּאַציערען־אַרום אין סיבּירער שנייען, אַרבּייטען מיט דער טאַטשקע — נאַר וועמען הערען זיי? חברה האָבען זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אָדער קאָנסטיטוציע, אָדער אַ קרענק! קיין חכמות גערהט ניט אָן ביי אונז, בעלי־מלאכות, ווי זאָגט געצי: „ל א מ ע ו ק צ ד ו ל א מ ד ו ב ש ד — זיי מיר ניט קיין פעטער און נעה מיר ניט קיין שטיוועל“... אַ מאָדנער מענטש אַט דער געצי: איין זוהן האָט מען איהם אוועקגעלעגט אין דער מלחמה, דער אַנדערער — זיצט, און אַליין איז ער אויך אויף צרות, נאָר קומט צו אַ גלייכווערטעל אָדער אַ פּסוק, חאַפּט איהם אַוועק דער רוח!... און ווייטער איז ניטאָ מעהר קיין נייעס צו שרייבען. ס׳איז, דאַנקען גאָט, בּלאָהאָפּאָלוטשנע, און מיר זענען אַלע, ברוך השם, אין בעסטען געזונט, אַחוץ וואָס חנה־ריקעל מיינע קלאָגט זיך נעבאַך אויפ׳ן האַרצען... אַ ווערטעלע אויסצורעדען — די פּחדים, וואָס מע שטעהט דאָ אויס פון די עקספּראָפּריאַציעס. דו ווייסט אודאי נישט, מיט וואָס מען עסט דאָס? וועל איך דיר באַשרייבען. מע קומט אַריין צו דיר אין שטוב אַריין מיט אַ פּאַר־טיגער באָמבע, אַנגעפילט דוקא ניט מיט מצה־מעהל, נאָר מיט פּול־ווער און מיט צוויעקעס, און מע זאָגט צו דיר: „רוקי ווערך!“ (געצי רופט דאָס אָן: „שאו ידיכם!“), און מע צעשפּילעט דיר די קאַפּאָטע און מע נעמט־צו ביי דיר וואָס דו האָסט — און רוף מיך קנאַקניסעל! אַנומעלטען זענען אַריין צו מיר צוויי חברה־לייט, געזאָגט מיט מיר דעם פּסוק און צוגענומען ביי מיר די מאַ־שינע. און אַ בהמה האָב איך געהאַט, איז זי אַליין גע׳פּגר׳ט. און מיין ברכה איז נאָך אַ גרעסערע אביונ׳טע, ווי זי איז געווען, און אַלטערען געהט אויך אָפּ געננוג צו אַ נגיד, און לייזערען האָט

מען אַרויסגעשיקט ניט לאַנג פאַר אַ פּאָס. אַ מצוה — ווער איז איהם שולדיג? לאָז ער ניט זיין קיין מלמד! און מענדעל האָט זיך אויך שוין אויסגעפיינט, געגומען און געשטאָרבען, אַ טייל זאַ־גען — פון דער טשאַכאָטקע, אַ טייל זאָגען — פון הונגער, און איך מיין, אַז פון ביידע זאַכען... און בנימין'ס קדיש דיענט, און פון דער חלירע שמועסט מען ביי אונז גאַנץ געשמאַק. נאָך דאָס פעהלט אונז!... און ווייטער איז ניטאָ מעהר קיין שום נייעס דיר צו שרייבען. און דאָס, וואָס דיין בלומע, אָדער ווי אַזוי הייסט זי היינט, דזשעני, וויל קומען צו פאָהרען אויף קבר־אבות, איז ניט איצטער די צייט, יענקעל! לאָז איבער אויף איבער־אַ־יאָהר, אם ירצה השם, ס'וועט ווערען ביי אונז אַ ביסעל שטילער, דער עולם וועט אויפהערען זיך קוילען איינס דאָס אַנדערע, וועט איהר דע־מאָלט קומען צו פאָהרען, וועלען מיר געהן, אם ירצה השם, אינ־איינעם אויפ'ן פעלד — ס'איז אונז דאָרט צוגעקומען, ברוך השם, אַ שען ביסעל פריינט, פון באַקאַנטע שמועסט מען ניט; עס קומט נאָך צו היינט אויך אַלע טאָג! מעהר קיין נייעס איז ניטאָ צו שרייבען. זיי געזונט און לאָז גריסען איטליכען באַזונדער גאָר פריינטליך. קיין אַמעריקע פאָהר איך ניט. דיין אַמעריקע הויבט מיר ניט אָן צו געפעלען. אַ לאַנד, וואָס אַ גאַזעט הייסט פּייפּער, וואָס פון בלומע ווערט דזשעני, און אַ חתן האָט דריי ווייבער — פון אַזאַ לאַנד, האָב קיין פאַראיבעל ניט, דאַרף מען לויפען! פון דיין בריעף זעה איך אַרויס, אַז ווען מיר האָבען דאָ די קאָנסטי־טוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפען מיר שוין קיין שום אַמעריקע נישט. דעמאָלט האָבען מיר דאָ אַ בעסער אַמעריקע, ווי איהר דאָרט... יענקעל! זאָלסט גאָר קיין יסורים ניט האָבען: אַזאַ שטיק געלד מיר, און אַזאַ מכה קרושעוואַנען, וואָס פאַר אַ קאָנסטיטוציע מיר וועלען, אם ירצה השם, האָבען!... הלואי זאָל אונז גאָט אָנ־חתמ'ענען אַ גוט יאָהר, אונז דאָ און אייך דאָרטען!

פון מיר דיין פריינד י ש ר א ל.

ענגלישע און פאַרענגלישטע ווערטער אין דער דערצעהלונג.

אויסגעהן — זיין פאר׳קנס׳ט. אטענדען די ביזנעס — טהון די געשעפטען.

אָלרייט — אין בעסטען שטאנד. אַפרייטארס — שניידערס. אריבער־
מופען — איבערקלייבען זיך.

באַי — יונגעל. באָל — מיאטש. באָס — בעל־הבית. בארבער־שאפ — פאריק־
מאכער־שטוב. בוקקיפער — בוכהאלטער. ביגאמיסט — פיעל־ווייבער־
ניק. ביזנעס — געשעפטען. בלאף — גוזמא. בעסט פרענד — בעס־
טער פריינט.

גוד באי — זיי געזונט. גלאווס — הענטשקעס. געמבלען — שפיעלען אין
קארטען.

דאטס אָל — איין עק. דזשאב — איין עסק. דיסאפאינטעט — צעטראגען.

האוז אָף רעפיודזש — איין אויסבעסערונג־אנשטאלט. העט — הוט.

יויידזשעס — געצאהלט. ווייף — ווייב.

זייאָניסטען -— ציוניסטען.

טיאייטער — טהעאטער. טראבעל — יסורים. טשילדרען — קינדער.

לויפער — א דער־רוח־ווייסט־וואס. ליידי — מאדאם. לעטער — א בריעף.

מאי דיר פרענד — מיין טייערער פריינט. מעמבער — מיטגליעד. מעסעק־
רעם — פאגראמען.

סאלון — שענק. סאסייטי — געזעלשאפט. סאשעליסטען — סאציאליסטען.
סטריט — גאס. סיטיזען — בירגער. סייפען — קלויבען. סענסיי־
שאן — איבערראשונג. סקוהל — שול.

עלעקשאן — וואהלען.

פושקארט־פעדלער — א פעדלער מיט א וועגעלע. פיקטשור — בילד. פיק־
פאקעטס — גנבים. פייפערס — גאזעטען. פלעזשור — פארגעניגען.
פעמעלי — פאמיליע. פעקטארי — פאבריק.

קאזין — געשוועסטערקינד. קיטשען — קיך. קייבעל — דעפעש. קלאדהינג־
מאנופעקטשורער — א פאבריקאנט פון קליידער.

ראשע — רוסלאנד. רומס -— חדרים. ריעל־עסטייטניק — האנדעלט מיט היי־
זער. רעוואלושאן, קאנסטיטושאן — רעוואלוציע, קאנסטיטוציע.

שאפ — געווערקהויז.

א פריהער פסח

א מעשה, וואס קאן זיך פארלויפען אויף דער גרויסער וועלט.

געשריבען אין יאהר 1908.

אַ פריהער פּסח

א.

די וועלטבאַריהמטע דייטשע שטאָדט נ אַ ר ר ע נ ב ע ר ג איז איין אַלטע אידישע שטאָדט. און ניט נאָר אַ אידישע שטאָדט — זי איז אַ פרומע שטאָדט, אַ גאָטספאַרכטיגע. איהרע אידען האָבען זיך געמאַכט אַ שם אויף דער וועלט דערמיט, וואָס זיי האָבען קיינמאָל ניט געגריבעלט זיך, ניט אַריינגעלאָזט זיך אין חקירות, ניט געפילאָזאָפירט, ניט געפרעגט קיין קשיות אויף אַזעלכע זאַכען, וואָס קעהרען זיך אָן מיט גאָט. אויף זיי מעג מען זאָגען, אַז זיי זענען אידען אָהן חכמות.

אמת, זייער אידישקייט באַשטעהט ניט מעהר ווי אין דריי דינים, וואָס שטאַמען מסתמא פון אברהם אבינו, אָדער אפשר נאָך פון אדם הראשונ׳ען: 1) יאָהרצייט, 2) בר־מצוה, 3) פּסח. די דריי דאָגמען זענען גאַנץ גענוג אויפצוהאַלטען דאָס אידישע פאָלק נאָך טויזענטער און טויזענטער יאָהרען. מיינט ניט, אַז דאָס האָבען זיי אויסגעזויגען פון זייער אייגענעם פינגער; דאָס האָבען זיי געהערט ניט איין מאָל פון זייער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער, וועלכען די נאַררענבערגער קהילה האַלט־אויס ניט מיט ווינציגער עהרע, ווי די קאַטוילען, להבדיל, דעם רוימישען פּאַבסט. דער ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער טראָגט ביי זיי דעם נאָמען „רבי“, „אונזער רבי“, און די נאַררענבערגער קהילה איז איבער־צייגט, אַז נאָך אַזאַ למדן, ווי זייער רבי, איז שוין נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. אין זיינע דרשות, וואָס ער האַלט זיי אַלע

יום־טוב אין דער סינאַגאָגע, וואַרפן זיך דורך אַזעלכע לשון־קודש׳דיגע ווערטער, וואָס נאָר דער מחבר פֿונ׳ם סידור זאָל איצטער אויפשטעהן, וואָלט ער זיי אפשר פאַרשטאַנען, און אפשר ניט... די נאָררענבערגער אידען דערצעהלען פון איהם מופתים, ווי פון אַ „גוטען אידען”. למשל, זיי באַריהמען זיך, אַז שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, זינט ער איז ביי זיי ראַבינער און פּרעדיגער, האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, ער זאָל אַמאָל האָבען אַ טעות: אַלע יום־טוב די זעלבע דרשה מיט די זעלבע פּסוקים פונ׳ם זעלבען תנ״ך, מיט דער זעלבער באַדייטונג, מיט די זעלבע משלים. איך מיין אָבער, אַז דאָס איז אַ ביסעל איבערטריבען. דער אויטאָריטעט פונ׳ם ראַבינער, דאָקטאָר און פּרעדיגער איז אין שטעדטעל אַזוי גרויס, אַז קיין יאָהרצייט, קיין בר־מצוה און קיין יום־טוב ווערט ניט באַשטימט, ביז עס ווערט ניט פריהער פעסטגעשטעלט פונ׳ם ראַבינער און פּרעדיגער. און הגם יעדער נאָררענבערגער אידישער איינוואָהנער מוז האָבען ביי זיך אין שטוב אַ אידישען לוח, פּונקט אַזוי ווי יעדע נאָררענבערגער אידישע פרוי מוז האָבען אַ ווייסע כּפּרה ערב יום־כּפּור, דאָך, אַז עס קומט אונטער אַ יום־טוב, גלויבט קיינער ניט דעם לוח אויף נאמנות און מע געהט צום רבּין זיך ערקונדיגען: „ווען האָבען מיר פייערטאָג?” און ווער שמועסט נאָך אַזאַ יום־טוב, ווי דער הייליגער פּסח ?! פּסח ווערט געפייערט אין נאָררענבערג — איך געה מיט אייך אין געוועט — מיט מעהר פּראַכט און גלאַנץ און מיט מעהר כשרות אַלס אין דער פרימסטער שטאָדט בכל תּפוצות ישראל! די נאָררענבערגער ווייבער — זיי קומט דער שבח — זענען אַזעלכע צנועות, אַז פּסח אין טהעאַטער באַנוצען זיי ניט די חמצ׳דיגע בינאָקלס פון אַ גאַנץ יאָהר. אפילו די נאָררענבערגער מאַנסבילען, וואָס זענען עפּיס ניט אַזעלכע גרויסע מצה־שמורה׳ניקעס, פון דעסטוועגען האָט זיך געמאַכט וויפיעל מאָל, אַז מע איז געקומען צום רבּין מיט אַ שאלה, צי מעג מען פּסח טרינקען מינכענער ביער און פאַרבייסען מיט פּראַגער שינקען.

אצינד, אַז מיר האָבען זיך שוין אַ ביסעל באַקאַנט מיט די נאַררענבערגער אידען אַלס אידען, — קאָנען מיר שוין צוטרעטען צו דעם עצם פון דער געשיכטע, וואָס האָט זיך פאַרלאָפען אין דער שטאָדט נאַררענבערג אין דעם יאָהר 1908, אָדער 5668 פון זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, לויט רעכענונג פון אונזער אידישען וועלט־לוח.

ב.

די נאַררענבערגער קהילה באַנוצט זיך מיט איהרע אייגענע פאַבריקאַציעס און פּראָדוקטען, אויסער אידישע ליטעראַטור. אַמאָל פלעגען זיי די אידישע ליטעראַטור אימפּאָרטירען פון אויסלאַנד, מעהרסטענטייל פון לאָנדאָן אָדער פון וואַרשאַ. נאָר פון דער לעצטער צייט, זינט עס האָבען זיך אָנגעהויבען ביי אונז די בהלות, מלחמה, רעוואָלוציע, קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען, האָבען די חוואַליעס פון דער געוואַלטיגער עמיגראַציע אַרויסגעוואָרפען אויף דעם דאָזיגען נאַררענבערגער אָאַזיס, צווישען אַ סך אַנדערע נפשות, אויך איינעם אַ פּעקעל־טרעגער אָדער אַ מוכר־ספרים'ניק מיט'ן נאָמען פ י נ ח ס פ י נ ק ו ס.

פינחס פינקוס איז אַ אידעל אַ נידעריגס, אַ זשוואָווע, מיט איין אויגעל אַ קליינס, דאָס אַנדערע אַ גרויס. בשעת ער רעדט, קוקט דאָס קליינע אויגעל אויפ'ן גרויסען, ווי איינער רעדט: „נו?“... און דאָס גרויסע אויג ענטפערט איהם: „נו־נו!“... די ערשטע צייט האָט ער זיך גענוג אָנגעליטען, גענוג אויסגעהונגערט און גענוג אויסגעשטאַנען יסורים, וועהטיגען און בזיונות פון זיינע דייטשע ברידער, ביז ער האָט זיך דערשלאָגען צו זיין שטענדיגער פרנסה פון דער היים — אַרומטראָגען אידישע ספרים און ביכלעך איבער די הייזער. אַ צעבראָכענער, אַ צעראַבעוועטער, אַ נאַקעטער און אַ הונגעריגער, האָט ער פאַרלאָזען זיין לאַנד, וואו ער איז געבאָרען, און האָט זיך מיט גרויס מיה דערשלאָגען אין אַ

פריי לאנד — קיין נאררענבערג, וואו ער איז שוין געווען באַ־וואַהרענט פון אַ פּאָגראָם, נאָר ניט געווען באַוואָהרענט פון שטאַר־בען פון הונגער, מחמת אין דעם פרייען לאַנד איז דאָס שנאָרען שטרענג פאַרבאָטען אפילו צווישען אייגענע ברידער. יעדער מענטש איז מחויב עפּיס טהון. אונזער צעשלאָגענער עמיגראַנט פּינחס פּינקוס האָט אָבער ניט געקאָנט געפינען קיין שום טהועכץ אינ'ם פרייען לאַנד. שולדיג איז געווען אין דעם ניט אַזוי ער אַליין, ווי די שפּראַך. דאָס הייסט, וואָס ניט ער האָט פאַרשטאַנען ז י י ע ר שפּראַך, און ניט זיי האָבען פאַרשטאַנען ז י י ן שפּראַך. די ערשטע צייט האָט ער אַרומגעשפּאַציערט איבער די נאררענבערגער גאַסען און באַטראַכט די שטאָדט מיט די מענ־טשען, דעם הימעל מיט דער ערד. דאַכט זיך, די זעלבע הייזער, די זעלבע מענטשען, דער זעלבער הימעל מיט דער זעלבער ערד — און גאָרנישט, אַלע געהען זיך אַזוי רוהיג; קיינער האָט קיין מורא ניט פאַר אַ שטיין פון אויבען, פאַר אַ קויל פון פאָרענט אָדער פאַר אַ מעסער פון הינטען — גליקליכע מענטשען! אַ געבענטשט לאַנד!...

וואָס ווייטער האָט אָבער דאָס לאַנד אָנגעהויבען אָנווערען דעם חן אין זיינע אויגען — איבער'ן מאָגען. דער מאָגען איז אַ בייזער בעל־דבר; איהם, אַז עס קומט די צייט פון עסען, וויל ער ניט הערען ניט פון קיין פּאָליטיק, ניט פון פילאָזאָפיע. „האָסט מיך עפּיס אין זינען, צי ניין?" — אַזוי טענה'ט אַ לעדיגער מאָגען. — „פון מיינעטוועגען קאָנסט דו בעטלען געהן, קאָנסט גנב'נען, גזל'ענען, אַבי מיר זאָלסט דו אָפּגעבען מיינס, און וויי־טער איז ניט מיין עסק!"... דער חסרון איז אָבער, וואָס אויף אויסציהען די האַנט דאַרף מען זיין אַ געבאָרענער בעטלער, אָדער האָבען אַ נשמה פון אַ בעטלער. און אונזער העלד האָט זיך לאַנג אַרומגעדרעהט איבער די נאררענבערגער שטראָססען, ביז ער האָט ביי זיך גע'פּועל'ט אָפּשטעלען דעם ערשטען מענטשען, חלילה ניט אויף צו בעטען ביי איהם עפּיס, נאָר גלאַט אַזוי, אויסרעדען זיך

א ביסעל דאס הארץ. פינחס פינקוס האט זיך אנגערופען צום ערשטען דייטש בזה הלשון:

— האט קיין פאראיבעל ניט, מיין ליעבער הערר דייטש, איך בין דא א גר און פארשטעה ניט דאס לשון. איך לויף פון א קאנסטיטוציע לויף איך, און פאל, הייסט עס, מיט'ן פנים צו דער ערד. גלויבט מיר, איך וואלט אייך ניט מטריח געווען, ס'זאל ניט זיין, ווי מע זאגט, באו מים עד נפש. איך בעט ניט חלילה קיין נדבה; איך זוך עפּיס א מלאכה, א טהועכץ, וואס ניט איז, אבי דערהאלטען די נשמה. האט רחמנות...

דער דייטש האט איהם אויסגעהערט ביז'ן סוף און האט זיך פאר איהם אנטשולדיגט, אז ער האט קיינמאל אזא שטראססע ניט געהערט, און איז אוועק זיין וועג. דער צווייטער דייטש האט אויסגעהערט די זעלבע דרשה און איז אוועק אהן ווערטער. דער דריטער דייטש איז געווארען א ביסעל ברוגז, וואס מע נעמט צו זיין צייט, און האט זיך רעכט אויסגעבייזערט אויף דעם „פער־דאמטען קערל“. דער פערטער דייטש האט איהם אפילו ניט אויסגעהערט ביז'ן סוף, באוויזען איהם, אז ער האט א שטעקען, און געזאגט, אז טאמער געהט ער ניט „פארט“, אזוי רופט ער צו א „שוצמאן“...

און אונזער העלד האט גיך איבערגעביטען זיין פריהעריגע מיינונג איבער די דייטשען און איבער זייער פרייען לאנד, וועל־כעס ער האט פיינט געקריגען, און איז דעם דייטש געווארען א דם־שונא!

ג.

אויב דער אומגליקליכער פינחס פינקוס האט פיינט געקרא־גען די נארענבערגער דייטשען, האט ער טויזענט מאל אזוי פיעל געטראגען שנאה און פארדראס אויף די נארענבערגער דייטשע אידען מיט זייער ראבינער, דאקטאר און פרעדיגער, וואס האט אוועקגעשטעלט דעם ארעמען עמיגראנט דריי טענות: 1) למאי

איז ער אײן ארעמאן? 2) למאי געהט ער אפּגעריסען? 3) למאי רעדט ער ניט קײן דײטש? דערויף האט איהם דאס ארעמע אידעל אפּגעענטפערט א ביסעל טאקי מיט צופיעל חוצפה:

— אדוני קעניג! איך װעל אײך ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון: דאס, װאס איהר טענה'ט, למאי איך בין אײן ארעמאן און געה װי א שלעפּער — זענט איהר גערעכט; דער אויבערשטער האט מיר געװאלט געבען געלט, האב איך איהם געזאגט: געב דאס בעסער מענדעלסאנען — ער איז א משומד און האט ניט קײן חלק לעולם־הבא... נאר דאס, װאס אײך געפעלט ניט מײן אידיש לשון, װאלט איך א בעלן געװען, איהר זאלט זײן אין מײן פּאלאזשעניע און קומען מיט אײער דײטשמעריש צו אונז קײן מאסקװע, און אפילו קײן באַרדיטשעװ, װאלט איהר דעמאלט געװאוסט, װאס פאר א גאט מיר האבען.

א גליק, װאס דער ראבינער האט פארשטאנען פון דער דאזיגער גאנצער רעדע נאר עטליכע געצעהלטע װערטער: „געלט"... „מענדעלסאן"... „מאסקװע"... און דער נאררענבערגער ראבינער האט איהם גענומען לײענען א נאטאציע און זאגען מוסר, אז ס'איז א „פורכטבארע פרעכהײט" פון אזא אידעל זיך מישען אין דער רוסישער פּאליטיק און קריטיקירען מענדעלסאנען, למאי ער שטיצט מאסקװע מיט געלט... „אט דאס איז טאקי אײער אומגליק, — האט דער ראבינער גע'דרש'עט צום ארעמען עמיגראנט — װאס איהר קריכט אהין, ניט װאו מע דארף. אט דערפאר טאקי שלאגט מען אײך און מע טרײבט אײך, און מיר, דײטשע אידישע בירגער, האבען דורך אײך חרפּה און בושה"... און נאך א סך אזעלכע ערנסטע קלוגע רעד האט דער נאררענבערגער ראבינער און פרעדיגער אויסגעשאטען אומזיסט און אומנישט, מחמת דאס אידעל האט פון זײן דרשה נאך װיניגער פארשטאנען... דאס רעזולטאט איז געװען, װאס נאך עטליכע מאל ארויסטרײבען איהם און אנרופען „שנארער", „פּאלנישער יודע" וכדומה אזעלכע נעמען, האט זיך אונזער פּינחס פּינקוס פארט דערשלאגען בײ דער נאררענבער־

נער קהילה, מע זאָל איהם אויסלייהען אַ ביסעל מזומנים, וועט ער אויסשרייבען פון דער היים אַ ביסעל געדרוקטע סחורה — טאָמער וועט ער עפּיס פאַרדיענען.

און כּך הוה. ער האָט אויסגעשריבען אַ טראַנספּאָרט ספרים און ביכלעך, אויך אַ ביסעל סידורים, חומשים, סליחות און הגדות, און דער עיקר — אידישע לוחות. אויף לוחות, האָט ער אַרויס־געזעהן, וועט ער דאָ האָבען מעהר בעלנים, ווי אויף אַלע אַנדערע ספרים. פּינחס פּינקוס האָט ניט אומזיסט פאַרבראַכט זיין צייט צווישען די דייטשע ברידער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ לוח איז כּמעט דער איינציגער גאַנגבאַרער אַרטיקעל פון דער אידישער ליטעראַטור אין נאַררענבערג. ער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. ער האָט אויספאַרקויפט דאָס גאַנצע פּעקעל אידישע לוחות אין איין טאָג און האָט געמוזט אויסשרייבען נאָך אַ טראַנספּאָרט מיט לוחות, און האָט דעם טראַנספּאָרט אויך אָפּגעזעצט.

פון דעמאָלט־אָן האָט אונזער פּינחס פּינקוס אָנגעהויבען וואַכּ־סען און וואַכּסען, דאָס הייסט, געהן פון איין שטעדטעל אינ׳ם אַנדערען מיט אַ פּעקעל ספרים אויף די פּלייצעס, צום מיינסטען אידישע לוחות, באַרדיטשעווער, ווילנער און וואַרשעווער פאַבּרי־קאַציע. נאָר דער הויפּט־אָפּזעץ איז ביי איהם געווען נאַררענ־בערג און ווידער אַ מאָל נאַררענבערג, וואָרום אין ערגיץ איז ניטאָ אַזאַ איין אָפּגאַנג אויף דער סחורה, ווי אין נאַררענבערג. אַ נאַררענבערגער איד, אַז ער קויפט אַ אידישען ספר, איך מיין אַ לוח, טהוט ער דערמיט דריי „וואָהלטאַטען" מיט אַ מאָל: ערש־טענס, וואָס ער ברענגט אין שטוב אַריין אַ „אידישען ספר"; צווייטענס, וואָס ער פאַרשפּרייט דערמיט די אידישע ליטעראַ־טור; דריטענס, וואָס ער גיט צו לייזען דעם אָרעמען „פּאָלנישען יודען" געלט. און דער אָרעמער „פּאָלנישער יודע" מאַכט ניט שלעכט. דאָס ערשטע יאָהר האָט ער אויסגעבראַכט אידישע לוחות אין די צעהנדליגער. דאָס צווייטע יאָהר — אין די הונדערטער. צום דריטען יאָהר האָט ער זיך געגרייט אָפּצוזעצען טויזענט לוחות,

און אפשר נאך מעהר — ווער ווייסט? עס איז נאר א הארצוועה־טיג, וואס ער מוז די סחורה באציהען אזש פון דער היים און צאהלען פאר איהר מיט בארעס געלט. עס וואלט געווען א גלענ־צענדעס געשעפט, ווען מע זאל קאנען די סחורה פאבריצירען דא אויפ'ן ארט. און אונזער לוח־הענדלער פינחס פינקוס האט פאר־טראכט א קאמבינאציע — א גאנצען פלאן, א גאונ'ישען, א טיי־וועלשען פלאן.

ד.

איינמאל אין א שענעם פריהמארגען איז אונזער לוח־עקס־פארטער, פינחס פינקוס, געזעסען אין זיין אידישען רעסטאראן, וואו ער האט גאנץ פיין אפגעמיטאגט, זיך געריינינגט די צייהן, און זיינע צוויי נישט־גלייכמעסיגע אויגען האבען געקוקט איינס אויף דאס אנדערע און געפיהרט א שמועס. א סימן, אז דער קאפ האט געטראכט און דער מח האט געארבייט. און בכדי דער לעזער זאל ווייסען, וואס האט אזעלכעס געטראכט פינחס פינקוס, געבען מיר איבער אין קורצען דעם שמועס פון זיינע אויגען (לאז־מיר זיך אויף א מינוט פארשטעלען, אז אויגען רעדען).

דאס קליינע אויגעל: מע דארף אויסשרייבען א טראנספארט לוחות צום יאהר תרס"ח... אוועקשיקען אזוי פיעל געלד!

דאס גרויסע אויג: א גאנצען אוצר!

דאס קליינע אויגעל: איין עבירה פאר גאט!

דאס גרויסע אויג: מען איז עובר אויף בל תשחית!

דאס קליינע אויגעל: מע זאל קאנען קריגען פון זייערטוועגען איין אלטען לוח...

דאס גרויסע אויג: פון תרח'ס יאהרען, אבי א לוח!...

דאָס קלײנע אױגעל: די נאַררענבערגער לומדים...

דאָס גרױסע אױג: מופלגים, גרױסע קעפּ, שאַרפע מוחות!...

דאָס קלײנע אױגעל: אײ, טאָמער װעלען אױסקומען די דאַטעס פאַפּעריק?

דאָס גרױסע אױג: בין איך בדלות!

דאָס קלײנע אױגעל: אַ מצוה אױף זײ!

דאָס גרױסע אױג: חאַפּט זײ בעני!

דאָס קלײנע אױגעל: במילא טריפ׳ניאַקעס, דײטשען!...

דאָס גרױסע אױג: קירע מאַך!...

דאָס קלײנע אױגעל: זײ האָבען מיר גענוג בלוט פאַרצאַפּט, אײדער איך האָב מיך אַרױפגעשלאָגען אױף אַ שטיקעל דרך...

דאָס גרױסע אױג: עס מעג שױן אַמאָל קומען אױף זײ אױך אַ מפּלה!...

און פּינחס פּינקוס האָט אַ װאונק געטהאָן צום קעלנער:

— הער נאַר, דײטש בן דײטש! אַ קריגעל סמעטענע!

דאָס האָט געהײסען אַזױ גוט, װי אַ קופעל ביער. און אונזער לוח־הענדלער האָט אױסגעטרונקען אַ קופעל ביער און האָט אָװעקגעשריבען אַהײם אַ בריעף, פון װעלכען מיר געבען דאָ איבער אַ ריכטיגע קאָפּיע:

„...און װײטער שרײב איך אײך, מײן ליעבער פרײנט, איהר זאָלט זײן אַזױ גוט און אַרײנפּאַקען מיר װיפיעל איהר קאָנט אַלטע לוחות, צום מײנסטען פון יאָהר תרמ״ח. איך האָב דאָ אױף זײ אײן אַפּזעץ. די דײטשען קױפען אַלטע מאַרקעס מיט אַלטע לוחות. פאַרשטעהט זיך, אַז זײ צאָהלען דערפאַר זעהר ביליג, נאַר אַלץ איז בעסער פאַר אײך, אײדער זײ זאָלען פױלען בײ אײך

אויפ׳ן בוידעם און די מייז זאָלען זיי עסען. אז איהר וועט איינ־
פּאַקען די אַלטע לוחות, זאָלט איהר מוחל זיין זיי איבערוועגען און
רעכענען מיר לויט וואָג פון פּאַפּיער און ארויסשיקען מיר פער
נאָכנאָהמע. זעהט זשע, למען השם, אַלע אַלטע לוחות, וויפיעל
איהר האָט, צום מיינסטען פון יאָהר תרמ״ח. איך טהו דאָס כּמעט
נאָר צוליעב אייך. איך וויים, אז עס וואַלגערען זיך ביי אייך
אַלטע לוחות, וויל איך אייך געבען צו לייזען. צו קיין אַנדערען
שרייב איך נישט, נאָר צו אייך, ווייל איך האַלט פון אייך. גע־
דענקט זשע, למען השם, וואָס מעהר אַלטע לוחות, און איך גרים
אייער ווייב און קינדער גאָר פריינטליך.

ממני פינחס פּינקוס״.

פאַר׳חתמ׳ט דעם בריעף, האָט ער א רוף געטהאָן דעם
קעלנער:

— הער נאָר, דייטש בן דייטש, נאָך א קריגעל סמעטענע!...

באַקומען נאָך א קריגעל ביער, האָט אונזער לוח־פאַבריקאַנט
אָנגעשריבען נאָך א בריוועל צו איין אַנדער מוכר־ספרים:

„...והשנית שרייב איך אייך, אז איך האָב אויסגעקראַצט דאָ
איינעם א דייטש, וואָס איז א קונה אויף אַלטע לוחות, אָבער נאָר
פון׳ם יאָהר תרמ״ח. אויב איהר האָט זיי, שיקט זיי מיר צו באַלד
דורך א נאָכנאָהמע. רק איהר זאָלט נישט רעכענען מעהר ווי דאָס
פּאַפּיער, כּי איך דאַרף דאָך אויך עפּים פאַרדיענען. איך שרייב
נאָר צו אייך, ווייל איך וויים, אז נאָר ביי אייך געפינען זיך אַלטע
לוחות. און מחמת איך האָב קיין צייט נישט, מאַך איך דאָס
בקיצור.

ממני פינחס פּינקוס״.

און נאָך א בריוועל האָט ער אוועקגעשריבען, שוין אין איין
אַנדער שטאָדט:

„...והשנית שרייב איך אייך, אז איך קאָן ביי אייך היינטיגס
יאָהר קויפען לוחות נאָר על־מנת, דאָס הייסט מיט א תנאי, אז צו

יעדען נייעם לוח פון יאהר תרס״ח דארפט איהר מיר צולעגען דריי לוחות אלטע פונ׳ם יאהר תרמ״ח אומזיסט. ווייל ס׳איז דא א פאר דייטשען, וואס זיצען און שטודירען די וועטערונגען נאך די אלטע לוחות פון די פריהעריגע יאהרען. לכן אבקש, איהר זאלט מיר ארויסשיקען אלע אייערע אלטע לוחות פון יאהר תרמ״ח, צו־לעגען צו יעדע דריי אלטע איינעם א נייעם לויט פרייז, און באלד ארויסשיקען על־ידי נאכנאהמע.

פון מיר אייער פריינט פינחס פינקוס״.

אט אזעלכע בריוולעך זענען אוועקגעגאנגען נאך עטליכע צו פארשיידענע בוכהענדלער אין פארשיידענע שטעדט. און אונזער לוח־אנגראסיסט פינחס פינקוס האט זיך צעצאהלט מיט׳ן קעלנער און האט זיך אנגעזאטעלט מיט׳ן פעקעל ספרים אויף די פלייצעס און איז אוועק זיין וועג, ווי א מענטש, וואס האט פארקלערט און אויסגעפיהרט א רעכטען, א וויכטיגען עסק.

ה.

דאס געוועזענע יאהר 5668, זינט גאט האט באשאפען די וועלט, איז געווען פאר די נאררענבערגער אידען א יאהר פון שפע. אלע, פונ׳ם ערשטען פאבריקאנט ביז׳ן לעצטען בעל־מלאכה, האבען געמאכט גוטע געשעפטען. אלע, פונ׳ם גרעסטען קאמיסיאנער ביז׳ן קלענסטען הויזירער, האבען פארדיענט געלט, און אלע זענען געווען צופריעדען און האבען זיך געפרעהט, וואס דער „ארמער פאל־נישער יודע״ לייזט ביי זיי געלט פאר׳ן לוח תרס״ח. מע קאן זא־גען, עס איז נישט געווען אין נאררענבערג קיין איינציג הויז, וואס זאל נישט האבען געקויפט ביי׳ם „פאלנישען יודען״ קיין לוח אויף דעם יאהר. און די נאררענבערגער אידישע באפעלקערונג האט גע־נומען דאס ניי׳ע יאהר תרס״ח (5668) נאכ׳ן אלטען לוח פונ׳ם יאהר תרמ״ח (5648) אויסגעצייכענט גוט, דאס הייסט: מע האט זיך געהאט יאהרצייטען, געפייערט בר־מצוות און געבענטשט

חנוכה־ליכטלעך, געגעסען פורים׳דיגע המן־טאשען און גענומען זיך גרייטען צום הייליגען פסח, באקען מצות — אלסדינג ווי אלע יאהר, פון זינט די וועלט איז א וועלט, — און אין דער ריכטיגער צייט, לויט דער לוח זאגט, האט מען זיך גאנץ פיין אוועקגעזעצט צום סדר, אויף מארגען נאך א מאל צום סדר, און אזוי וואלט זיך אפלויפען דער פסח, און אפשר דער שבועות מיט׳ן סוכות אויך, ווען עס זאל זיך נישט טרעפען א מעשה (ביי אלע שרייבערס פון דער וועלט מוז זיך טרעפען א מעשה).

ומעשה שהיה כך היה:

איינער איין אפטייקער האט געדארפט פאהרען פון נאררענבערג קיין בערלין נאך סחורה. האט ער זיך אויפגעזעצט דעם ערשטען טאג חול־המועד פסח און איז אוועק קיין בערלין. געקומען איז ער קיין בערלין איין אויסגעהונגערטער פונ׳ם וועג — סכנות! דער לעזער, וואס האלט קאפ, געדענקט אודאי, אז א נאררענבערגער אידישער דייטש, ער מעג זיך זיין אפילו איין אפטייקער, אדער א דאנטיסט, אדער אפילו נאך ערגער פון א דאנטיסט, וועט אייך פסח קיין חמץ נישט עסען פאר קיין צעהן מיליאן. א גאנץ יאהר וועט איהר ביי איהם פועל׳ען, ער זאל אייך עסען חזיר. איהר וועט איהם איינבעטען, ער זאל אייך עסען ראקעס און וואס איהר ווילט. נאר קומט דער הייליגער פייערטאג פסח, ווערט א דייטש פרום מיט סכנת־נפשות! ער וועט אייך גיכער שטארבען פון הונגער, איידער זיך צוריהרען צו חמץ אום פסח. איהר מעגט דאס אנרופען פאנאטיזם — ס׳איז א פארפאלענע זאך!

אלזא, געקומען א הונגעריגער קיין בערלין, איז אונזער אפטייקער קודם געגאנגען זוכען א אידישען רעסטאראן אויף דער פריעדריכשטראססע און האט דערזעהן דאסווארט „כשר“ און האט זיך מחיה געוועז. אריינגעקומען אין רעסטאראן אריין, הט ער נישט צייט געהאט זיך אוועקזעצען בײ׳ם טישעל און דורכשטודירען דאס צעטעל פון די פסח׳דיגע מאכלים, איז אויסגע־

וואכסען נעבען איהם א קעלנער, א געזונטער יונגאטש מיט איין אנגעפּאמאדעטען קאפּ, מיט שטעהענדיגע וואנסען, א לא וויל־העלם דער צווייטער. דער יונגאטש דער קעלנער האט געהאלטען אין די הענט א טעלער, און אויפ'ן טעלער — שטעלט אייך פאר! — א המן־טאש מיט מאהן!!!...

אונזער אפּטייקער איז שיער נישט געפאלען חלשות: וואס הייסט עס? כשר, פסח, און א המן־טאש מיט מאהן! ווען דער אפּטייקער זאל נישט זיין טוידט־הונגעריג, וואלט ער זיכער געמיינט, אז ס'איז א חלום. דער קעלנער דער יונגאטש האט דער־זעהען, אז דער גאסט קוקט עפּיס מיט מאדנע אויגען, האט ער פארשארט ארויףביידע שטעהענדיגע וואנסען א לא וויליהעלם דער צווייטער און האט א זאג געטהאן צום גאסט מיט א פריינט־ליכען שמייכעלע פון א קעלנער:

— וועגען פייערטאג — פורים־שפּייז!... כשר לפורים!...

דא איז אונזער אפּטייקער געווארען נאך מעהר צעמישט: וועגען פייערטאג — פורים־שפּייז?!... דער קעלנער איז אוועק און אויף זיין ארט איז אויסגעוואכסען דער „ווירטה" פונ'ם רעס־טאראן, איין עלעגאנט געקליידעטער דייטש מיט א זעהר ליעבליך אלאונטערטעניגסט שמייכעלע אויף די פעטע רויטע ליפּען, און צווישען דעם ווירטה מיט'ן גאסט האט זיך פארבונדען זעהר א אינטערעסאנטער שמועס, פון וועלכען מיר געבען דא איבער נאר ־עם תמצית. דער ווירטה האט באגריסט דעם גאסט מיט'ן פייער־טאג פורים, און דער גאסט האט געוואלט איינרעדען דעם ווירטה, אז היינט איז טאקי א פייערטאג, נאר דער פייערטאג הייסט נישט „פורים", ער הייסט „אסטערן" (פסח). תחילת האט דער ווירטה געוו'עכעגט, אז דער גאסט איז גלאט א פרייליכער פארשוין און מאכט זיך לוסטיג לכבוד פורים, האט ער גאנץ העפליך געחיחי־קעט. דעם גאסט איז אבער דאס חיחיקען פונ'ם ווירטה גאר־נישט געפעלען, און דער שמועס צווישען ווירטה און צווישען גאסט האט אנגעהויבען וואס ווייטער אריין אין ערנסט, ביז עס האבען

דערהערט אויך די איבעריגע געסט פון רעסטאָראַן און האָבן זיך אויך אריינגעמישט אין דעם הויך־אינטערעסאַנטען שמועס. דאָס האָט אונזער אַפּטייקער פאַרדראָסען, האָט ער זיך אויסגעשפּראָכען מיט זעהר אַ גיפטיג שמייכעלע, אַז מע קאָן זיך זיין אַ איד און דערלויבען זיך עסען חמץ אין פּסח, נאָר אריינמישען זיך אין פרעמדע אַנגעלעגענהייטען איז נישט לויט דעם דייטשען עטי־קעט... דערויף האָט איינער אַ דזשענטעלמאַן מיט צוויי שענע באַקענבאַרדען, שוין אַ ביסעל גרויליך, מיט נישט ווינציגער גיפט אַ פרעג געטהאָן ביי׳ם אַפּטייקער: פון וואַנען איז דער „הערר״? און אַז ער האָט דערהערט, אַז דער „הערר״ איז אַ נאַררענבערגער, האָט ער אויסגעצויגען אַ לאַנגען „אַאַאַ!!!״ און האָט זיך פאַר־טיעפט אין טעלער...

ווען אונזער נאַררענבערגער העלד זאָל נישט זיין אַזוי הונגע־ריג, וואָלט ער דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקענבאַרדען פאַר אָט דעם דאָזיגען „אַאַא״ מכבד געווען, ווי עס געהער צו זיין: ערש־טענס, וואָלט ער איהם דערלאַנגט זיין וויזיט־קאַרטע מיט דער פירמע „דאָקטאָר פאַרמאַציע אין נאַררענבערג״; צווייטענס, וואָלט ער געפאָדערט פון דעם דזשענטעלמאַן מיט די באַקענבאַרדען, אַז ער זאָל איהם געבען זיין וויזיט־קאַרטע מיט זיין פירמע, און וואָס נאָכדעם וואָלט געווען — יודעס איך נישט, איך בין נישט קיין נביא. וואָס ס׳איז געווען — דאָס קאָן איך אייך דערצעהלען. און געווען איז אָט וואָס: אונזער נאַררענבערגער העלד איז פון דעם רעסטאָראַן אַוועק אַ ברוגז׳ער אין אַ צווייטען רעסטאָראַן. אויך אַ אידישען, און האָט געטראָפען דאָרט פּונקט דאָס אייגענע בילד; אויך אַ חמצ׳דיגען מיטאָג, אויך חמצ׳דיגע המן־טאַשען, „כשר לפּורים״ — און געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס אונזער אַפּטייקער איז אַוועק פון דאָרט אין אַ כּריסטליכען רעסטאָראַן און האָט זיך באַשטעלט אַ גויישען מיטאָג „אַ לאַ קאַרט“. ער האָט זיך געטראַכט: „איידער עסען חמץ אום פּסח, איז שוין גלייכער עסען טרפה״...

ו.

איינע פון די ניצליכסטע ערפינדונגען פון אונזער צייט בלייבט טאקי נאר דער טעלעפאן. א דאנק דעם טעלעפאן איז גאנץ נאררענבערג אין פארלויף פון איין האלבע שעה געוואהר גע־ווארען, אז די הויפט־שטאדט פון דייטשלאנד, די אידישע שטאדט בערלין, האט פארשפעטיגט מיט'ן פסח כמעט אויף א גאנצען חודש: אז ווערענד אין נאררענבערג איז שוין דער צווייטער טאג חול־המועד פסח, איז אין בערלין ערשט פורים! פאר דער נאררענבערגער קהילה איז דאס געווען אזוי איבערראשענד, אז זיי האבען געוואלט וויסען, וואס וועט זאגען דערויף „אונזער רבי"? און מען איז אוועק צו אונזער ראבינער, דאקטאר און פרעדיגער און מע האט איהם שוין געטראפען ביי'ם טיש שרייבענדיג א טע־לעגראמע קיין בערלין צו זיינעם א קאלעגע, אויך א ראבינער און אויך א דאקטאר און אויך א פרעדיגער. ער האט געבעטען ביי זיין קאלעגע, ער זאל איהם זאפארט טעלעגראפירען, וועלכער פיי־ערטאג איז היינט אין בערלין? און דעם זעלבען טאג ארום פאר־נאכט האט דער ראבינער באקומען א קלארע תשובה פון בערלין. די תשובה איז באשטאנען נאר פון איין ווארט: „שושן־פורים"... און טאקי דורכ'ן זעלבען טעלעפאן האט ער געגעבען צו וויסען דער גאנצער שטאדט און האט געבעטען יעדען באזונדער, אז מע זאל ארייננקוקען אין לוח אריין, קאנטראלירען דעם דאטום. און די שטאדט נאררענבערג האט גענומען שטודירען דעם לוח מיט אזא אינטערעס, גלייך ווי מע וואלט וועלען דערגעהן, ווען קעהרט זיך איבער די וועלט?...

מע טאר אבער נישט אוועקגעהן פונ'ם אמת: נאררענבערג איז טאקי זעהר א פיינע שטאדט און איהרע אידישע איינוואהנער זענען טאקי זעהר ארענטליכע מענטשען — איינס צום אנדערען געהער זיך אבער נישט אן: קיין סך געלעהרענטע מענטשען, וואס זאלען פארשטעהן לוח, איז דארט נישט פארהאנען; דער איינצי־

גער אידישער געלעהרטער, וואס פארשטעהט א אידיש ווארט, איז איינער, וואס טראגט זעהר א הויכען באריהמטען נאמען „מאטיאס דרייפוס“.

מיר פארהאפען זיך אויף צו־פריהער און מאכען אויפמערקזאם דעם לעזער, ער זאל חלילה קיין טעות נישט האבען און נישט מיינען, אז דאס איז דער מאטיאס דרייפוס, דער ברודער פון אונזער וועלטבאריהמטען מארטירער קאפיטאן (היינט מאיאר) אלפרעד דרייפוס. דער נאררענבערגער מאטיאס דרייפוס איז דער שמש פון דער דארטיגער כאהרשוהל און דער שוחט פון שטאדט. ווי קוממ צו איהם אזא נאמען — זאלט איהר נישט פרעגען. למאי ס'איז דא אין דעם זעלבען נאררענבערג א איד איין ארעמאן, וואס לעבט פון דעם, וואס ער זאגט קדיש, אז מע באצאהלט איהם, און טראגט דעם נאמען נאטאניעל ראטשילד? אדער ס'איז פאראן, טאקי אלץ אין נאררענבערג, א שוסטער, און א קאליקע דערצו, וואס שעהמט זיך נישט און הייסט מיט'ן נאמען היינריך היינע? און א ראזירער איז דארטען דא, שטעהט אויף זיין שילד אויסגעמאהלט א נקבה מיט א רויטען פאריק, און אונטען אנגעשריבען מיט גרויסע לויטערע אותיות: לודוויג בערנע? עס פעהלט נאך צום רומעל א שטיוועלפוצער מיט'ן נאמען ברוך שפינאזא... עס קאן זעהר געמאהלט זיין, אז עס דרעהט זיך ערגיץ ארום דארטען אין שטאדט א ברוך שפינאזא, נאר איך האב נאך נישט געהאט דאס גליק מיט איהם פערזענליך צו באקענען זיך... נאר מיר קעהרען זיך אום צו אונזער געלעהרטען מאטיאס דרייפוס, דעם שמש פון דער כאהרשוהל.

אז דער געלעהרטער מאטיאס דרייפוס האט דערהערט די געשיכטע, וואס דער אפטייקער האט געבראכט צו פיהרען פון בערלין, אז דארט איז ערשט פורים, נישט פסח, האט ער זיך גענומען גריבלען אינ'ם לוח גאר מיט אנדערע כלים, ווי עס פאסט פאר א געלעהרטען, וואס איז אי א שמש, אי א שוחט און הייסט דרייפוס. ער האט זיך אזוי לאנג געגריבעלט, ביז ער האט זיך ארויפגע־

גריבעלט אויף א שטיקעל דרך. ער האט געפרעגט א קשיא: וואו איז אהינגעקומען דער „ואדר" (אדר שני)? — לויט זיין רעכע־נונג, ער געדענקט דאס נאך פון פאראיאהרען, האט היינטיגס יאהר — דאננערוועטטער! — באדארפט אויסקומען איין עבור־יאהר. א באוויייז האט ער פונ'ם ארגאניסט, פריעדריך שפיעל־האגען; ער איז א כריסט און שפיעלט ביי די אידען יום־טוב אין באהרשוהל; זאגט ער, פריעדריך שפיעלהאגען, אז ביי זיי איז היינטיגס יאהר אויך איין עבור־יאהר!

מיט דעם דאזיגען וויכטיגען מאטעריאל איז אונזער געלעהר־טער דרייפוס אוועק צום ראבינער, דאקטאר און פרעדיגער, און ביידע האבען זיך אוועקגעזעצט שטודירען דעם לוח נאך איבער־אנייעס — און דא איז געקומען די רעכטע קאטאסטראפע: ביידע האבען דערזעהן, אז זייער לוח איז נישט פון יאהר ת ר ס " ח (5668), נאר פונ'ם יאהר תרמ"ח (5648). דאס הייסט, א פאר־צוואנציגיאהריגער לוח!...

דער פארפאסער פון דער דאזיגער אמת'ער געשיכטע באר־דאנקט דעם געעהרטען לעזער פאר דעם, וואס ער האט זיך גע־געבען די מיה אויסצוהערען די מעשה כמעט ביז'ן סוף, און לאזט איהם איבער אויף זיין אייגענער פאנטאזיע, ער זאל זיך פארשטע־לען, וואס עס האט זיך אפגעטהאן אין דער שטאדט נאררענבערג, ווען מען איז געוואהר געווארען פונ'ם רבין אליין, אז זיי האבען פארחאפט דעם פסח מיט א גאנצען חודש פריהער, און אז מע וועט דארפען פראווען פסח נאך א מאל פונ'ם אנהויב! איך וואלט גע־קאנט אויסניצען אלע שארפע אויסדרוקען, ווי צום ביישפיעל: עמפערט, ענטטוישט, איבערראשט, אויפגעבראכט, אויפגעטראגען, צעקאכט, נידערגעשלאגען, אויסער זיך, וכדומה. איך פיהל אבער, אז ס'איז נישט דאס; ס'איז באנאל. דאס ריכטיגסטע ווארט

וואָלט געווען, דאַכט מיר, „פאַרניכטעט!“... באַרעכענט אייך: אַ גאַנץ האַלב יאָהר האָט אַ שטאָדט אָפּגעלעבט פאַלש נאָך איין אַלטען אָפּגעלעבטען לוח פון פאַר צוואַנציג יאָהרען! געפייערט יום־טובים נישט אין דער ריכטיגער צייט! געגעסען מצה דעמאָלט, ווען אַלע אידען האָבען געשלאָגען המנ׳ען! היינט וואו זענען די בר־מצוות? די יאָהרצייטען? די קדישים?... און וועמען האָט מען צו פאַרדאַנקען? עפּים אַ אידעל, אַ גאַרנישט, איין עמיגראַנט... „אָה, דער פּאָלנישער יודע!“ — האָבען געזאָגט די נאַררענבערגער אידישע דייטשען און האָבען זיך געשאַרפט די צייהן אויפ׳ן „פּאָלנישען יודען“. לאָז ער נאָר קומען קיין נאַררענבערג מיט זיין פּעקעל ספרים, וועט ער שוין טרוקען נישט אַרוים...

און דער „פּאָלנישער יודע“, אונזער בוכהענדלער פּינחס פּינקוס, איז אין דער צייט געזעסען מיט נאָך אַ סך אַזעלכע אַרויסגעוואָרפענע, ווי ער, אויף אַ ריעזענשיף, וואָס איז געדולדיג און ראַשיג געשוואומען פון האַמבורג קיין ניו־יאָרק. פונ׳ם גאַנצען דאַברע־מזל, וואָס ס׳איז איהם געראָטען אַרויסצובאַקומען פון די „דייטשען“, האָט ער קוים צונויפגעשלאָגען אויף אַ שיפסקאַרטע צווישען דעק, און ער פאָהרט אָט דאָס אַהין, אינ׳ם גאָלדענעם לאַנד, וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט צוליעב דעם, אַז אָרעמע אידען פון דער גאַרער וועלט, פאַריאָגטע און פאַרוואָגעלטע, באַרויבטע און פאַרשענדעטע, זאָלען קאָנען עהרליך און מיט כבוד, האָטש אפילו מיט גרוים מיה, פאַרדיענען זייער שטיקעל ברויט...

לעזער! לאָמיר איהם ווינשען גליק און אַ פרייליכען כשר׳ען פּסח.

בלינצעס

א ראמאן לכבוד שבועות.

געשריבען אין יאהר 1909.

בלינצעס

ערשטעס קאפיטעל

[א געהיימער פארשוין אין א קארעטע, מיט א צילינדער און מיט א רעגענשירם].

אויף איינער פון די זייטיגע גאסען פון דער גרויסער שטאדט נ., דעם ערשטען טאג שבועות אין דער פריה, פליהט א קארעטע, אין וועלכער עס זיצט איין עלעגאנטער פארשוין אין א צילינדער, דאס פנים פארשטעלט מיט א רעגענשירם, האטש דער הימעל איז ריין ווי גאלד. צוגעפאהרען צו איינעם פון די גרעסטע שענסטע מויערען, שפרינגט דער פארשוין ארויס פון דער קארעטע, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, צעצאהלט זיך אויף דער גיך מיט'ן קוטשער און טהוט איהם א מאך מיט דער האנט אהן ווערטער, ווי איינער רעדט: „איך דארף דיך מעהר נישט, קאנסט פאהרען ווייטער". די קארעטע פאהרט-אוועק, און דער פארשוין נעמט זיך דוקא צוריק, צעהלט-אפ דריי נומערען, און ביי איין אלט הויז מיט שווארצע פארראיכערטע ווענט, נומער 21^{B}, בלייבט ער שטעהן און נעמט-ארויס פון קעשענע א ווייס עלעגאנט ביכעלע פון עלע-פאנטביין און לייענט שטילערהייט:

— נומער 21^{B}, אין הויף, דריטער שטאק, לינקס.

אנגעקלונגען אין טויער, טרעט ער אריין אין א גרויסען פיער-עקעכיגען הויף, ווי א קאסטען, און נעמט באטראכטען די ווענט און די טירען און די' פענסטער, און דערזעהט א ווייס ברעטעל מיט שווארצע אותיות „כ ש ר".

— אַ! אָט דאָ איז דאָס! — זאָגט דער פּאַרשוין צו זיך אַליין, און אין זיינע אויגען באַווייזט זיך אַ פייערל און אויף די ליפּען — אַ צופריעדענער שמייכעלע פון אַ מענטשען, וואָס האָט געפונען דאָס, וואָס ער זוכט. מיט גיכע טריט קלעטערט ער אַרויף אויפ׳ן דריטען שטאָק, און טרעפט דריי טירען: איינע אַקעגען, איינע רעכטס, איינע לינקס. אויף דער לינקער טיר דערזעהט ער ווידער אַ מאָל איין אויפשריפט „כשר“. נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסעל אָפּגעאָטעמט און אויסגעווישט זיך דעם שטערן, נעמט ער זיך ענדליך צום גלעקעל.

אָט דאָ מוזען מיר זיך אָפּשטעלען אויף אַ ווײַלע און אויפקלערען דעם לעזער: ווער איז אָט דער געהיימער פּאַרשוין? וואָס איז ער דאָס געפאָהרען אַזוי פאַרשטעלט? צוליעב וואָס האָט ער אָפּגעצעהלט דריי נומערען צוריק? און וואָס האָט ער זיך אַזוי דערפרעהט, אַז ער האָט דערזעהען דאָס וואָרט „כשר“? — מיינע ליעבע פריינט! דאָס איז נישט שערלאָק האָלמס; דאָס איז דער העלד פון אונזער ראָמאַן — מאַרקוס ביבער, פאַרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע“.

צווייטעס קאַפּיטעל

[רעדט פון זייטיגע ענינים, פון טענץ, פון עסעניש, פון עולם־הזה וכדומה אַזעלכע זאַכען].

איך קאָן אייך ניט זאָגען אַקוראַט, מיט וואָס די פירמע באַשעפטיגט זיך. איך ווייס נאָר, אַז מאַרקוס ביבער, דער פאַרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע“, איז אַ רייכער סוחר און אַ געזונטער יונג און אַ זעלטענער פּאַרשוין און אַ ליעבער מענטש, און איז נאָך אַ בחור.

לאָזען זיך אָקאָרשט די שדכנים אַזוי ניט פרעהען — מאַרקוס ביבער האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט, ער זאָל ניט חתונה האָבען קיינמאָל.

די, וואָס קענען איהם פונ׳ם אָרט, דערצעהלען, אַז אין דער יוגענט איז מאַרקוס ביבער געווען איין עלעגאַנטער קאַוואַליער, געהייסען „קראַסאַוומשיק“ און האָט זיך געמאַכט באַריהמט מיט זיין טאַנצען. ביי די מאַמזעלען פון שטאָדט איז געווען אַ גאַנצער יחוס, אַז „קראַסאַוומשיק“ האָט מיט זיי געטאַנצט. טאַנצען מיט אַ שענעם קאַוואַליער האָבען אַלע מיידלעך ליעב. פאַר וואָס ניט? עס איז גאָר קיין עולה ניט. מיט וועמען דען זאָלען זיי געהן טאַנ־צען? איך און איהר זענען שוין צו אַלט דערויף, און אגב זענען מיר שוין לאַנג באַווייבט און האָבען שוין פאַרגעסען די שפּראַך פון טאַנצען. די טאַנצען־שפּראַך — דאָס איז אַ באַזונדער מין לשון, וואָס מע דאַרף עס קענען. אונזער העלד, מאַרקוס ביבער, האָט געקאָנט אַוועקטאַנצען אַ שעה כּסדר און ניט אויפהערען שי־טען מיט פראַזען, ווי מיט בלומען: „איינס־צוויי־דריי — איהר זענט גרינגער פון אַ פעדער“... „איינס־צוויי־דריי — אייער טאַליע איז אַ חלום“...

איאַ, ס׳איז ביי אייך תּרגום? מע דאַרף דאָס קאָנען און מע דאַרף וויסען, ווי אַזוי זיך מיט מאַמזעלען צו באַגעהן און ווי זיך צו האַלטען און וואָס מיט וועמען מע דאַרף רעדען. איך וויים עס פון מיין אייגענעם ערפאַהרען. איך בין געווען אַמאָל אין אַ געז־עלשאַפט. מע האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די שענסטע דאַמען און מאַמזעלען פון שטאָדט, אַלס שרייבער און אַלס הומאָריסט. אַ בוקעט פון דאַמען און מאַמזעלען האָט מיך אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען. געוואָלט הערען פון מיר אַ גוט וואָרט. איך האָב געמאַכט אַ שמועס פון... ליטעראַטור. תּחילת האָבען מיינע דאַ־מען צו מיר זעהר זיס געשמייכעלט. נאָכדעם האָבען זיי זיך אָנ־געהויבען איבערקוקען איינס מיט דאָס אַנדערע. אַ ביסעל שפּע־טער האָב איך באַמערקט, אַז זיי פאַרשטעלען זיך די מיילער, מע זאָל ניט זעהען, ווי זיי געהניצען. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך בין געבליבען איינער אַליין, ווי ראָבינזאָן־קרוזע, און מיינע דאַמען און מאַמזעלען האָבען זיך צונויפגעשלאָ־

גען אין א ווינקעלע עפּיס אַרום אַ שענעם, אַ הויכען מאַנספּאַרשוין, און האָבען אַזוי געשמאַק און הילכיג געלאַכט, אַז ס'איז געווען אַ פאַרגעניגען צו הערען פון דער ווייטען. איך האָב געבעטען, מע זאָל מיך פאַרשטעלען פאַר דעם דאָזיגען מאַנספּאַרשוין. מע האָט מיך פאָרגעשטעלט. זיין נאָמען איז געווען מאַרקוס ביבער („קראַ־סאַווטשיק").

איצט איז דאָס שוין נישט דער מאַרקוס ביבער, וואָס אַמאָל. אוים „קראַסאַווטשיק". דאָס הייסט, ער איז נאָך היינט אויך אַ פיינער יונג. עלעגאַנט געקליידט, שטענדיג אויסגעפּוצט, גוט אַרומגעראַזירט און רעכט אַנגעפּאַרפּומירט, האָט מיט זיך שטענ־דיג אַ קליין בערשטעלע אויף צו פאַרקעמען די וואָנסעס אַרויף און אַ שפּיעגעלע אויף צו חאַפּען אַ קוק. אין זיין גרינעם שניפּס — אַ רויטע שפּילקע, אויפ'ן פינגער שעמערירט אַ ברילִיאַנט. דאָס וואָלט אַלסדינג געווען גוט, ווען נישט דאָס ווייסע טעלערעל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, וואָס ווערט אַלע טאָג גרעסער און גרעסער, און ווען נישט אָט דאָס בייכעל, וואָס ווערט אַלע טאָג העכער און העכער, און אַליין פיהלט ער זיך אויך פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער, גאַרנישט דאָס, וואָס אַמאָל. ווער רעדט פון דאַמען? מאַמזעלען? טענץ? טשעפּעט זיך אָפּ. איהם גלוסט זיך שוין גאָר רוהען, חאַפּען אַ דרימעל נאָכ'ן עסען. אַבי ס'זאָל נאָר זיין גוט געגעסען. גוט עסען און געשמאַק שלאָפען — וואָס מיינט איהר? ס'איז נישט אַזאַ גרויסע נאַרישקייט. איך ווייס נישט, מיט וואָסער אַ פּילאָ־זאָפיע מיין העלד באַנוצט זיך, — און אפשר איז ער גאָר דער־גאַנגען מיט זיין אייגענעם שכל, אַז דאָס לעבען פונ'ם מענטשען איז אַזוי קורץ און די וועלט איז אַזוי נאַריש, אַז אַ שאָל שוואַרצע קאַפע מיט אַ האַוואַנע־ציגאַר נאָך אַ רעכטען מיטאָג שמעקט זעהר גוט און העלפט דעם מאַגען קאָכען... אַז וואויל איז צו דעם, וואָס קומט צו דער אידעע באַצייטענס, כּל־זמן דער מאָגען קאָכט נאָך און דער שלאָף לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען. איהר קאָנט אייך אפילו זאָגען, אַז דאָס איז בורזשואַזנע, אַ געדאַנק פון איין עולם־

הזה'ניק; אבער דאס וועט איהר ניט אפּלייקענען, אז א געדאנק איז דאס.

מיר געפעלט, וואס איך האב מיך ארויסגעכאפּט מיט'ן ווארט „עולם־הזה'ניק". דאס איז דאס ריכטיגע ווארט פאר אונזער העלד. מארקוס ביבער איז איין עולם־הזה'ניק, א מורא'דיגער עולם־הזה'ניק. ער געהט מיט דעם גאנג, אז אלע קאנען זיך נישט באשעפטיגען מיט איין זאך. פארהאן מענטשען, וואס געבען זיך אפּ מיט עולם־הבא, דאס איז זייער עסק. ביבער, אז ער קומט אייף א נייע ארט, זעהט ער זיך קודם א ריינע, א רוהיגע סטאנציע אינ'ם בעסטען האטעל, און טאקי באלד טהוט ער א טראכט מכח עסען. אין דער צייט, ווען די אנדערע אנגעקומענע פּאסא־זשירען לויפען־ארום, דער — אנקוקען די שטאדט, און דער — וועגען געשעפט, וועט איהר ביבערען זיכער געפינען אדער מיט א גאפּעל אין האנט אין בופעט, ביי די פלעשלעך מיט די פארבייי־סענס, אדער מיט א ווייסער סערוועטקע אויפ'ן האלז, ביי א טי־שעל אין רעסטאראן, פארטיעפט אין דער שפּייזקארטע און שטו־דיערענדיג די אויסגערעכענטע מאכלים.

זענט איהר שוין, אלזא, א ביסעל באקענט מיט מיין העלד. שוין צייט זיך באקענען אויך מיט דער העלדין פונ'ם ראמאן.

דריטעס קאפּיטעל

[שטעלט פאר די העלדין פונ'ם ראמאן].

זי איז נאך גאר א יונגע פרוי און הייסט פיין, און האלט א גאסטהויז, און האט צוויי קינדערלעך, וואס געהען אין גימנאזיע, מיט איין אלטער מוטער, וואס זיצט מיט זילבערנע ברילען איבער א גרויסען סידור און דאווענט, און מיט א קליין שוועסטערעל, וואס העלפט איהר אין געשעפט. א גאסט, אז ער שטעלט זיך נאר איין מאל אפּ ביי דער מאדאם פיין, נעכטיגט־איבער איין

נאכט, אדער עסט־אפּ איין אנבייסען, אדער רעדט מיט איהר צוויי ווערטער, וועט ער שוין דאס צווייטע מאל זיך ניט אפּשטעלען איז ערגיץ. און אז ער וועט אוועקפאהרען, וועט ער איהר פּנים, מיט איהר געשטאלט, מיט איהרע אויגען, מיט אלע איהרע באוועגונגען לאנג־לאנג טראגען ביי זיך אין זכרון. ס'איז אוממעגליך זי צו פארגעסען. אז איהר זעהט זי צום ערשטען מאל, ווייזט זיך אייך אויס, אז זי איז אייך קענטליך, אז איהר האט זי שוין ערגיץ אמאל געזעהען. רעדענדיג מיט איהר און קוקענדיג איהר אין די אויגען אריין, קומען אייך אויפ'ן זינען אלע שענהייטען פונ'ם חומש, ווי איהר האט אייך זיי פארגעשטעלט אמאל אין אייער יונגער ריינער פאנטאזיע, און איהר קומט מיט א פרעטענזיע צום רבונו־של־עולם:

„וואס וואלט דיך געאהרט, גאט, אז אלע ווייבער, למשל, וואס דו האסט באשאפען, זאלען זיין אזוי, ווי די מאדאם פיין? דיין וועלטעל וואלט דעמאלט געהאט גאר איין אנדער אויסזעהען. עס וואלט געווען א פרייד, וואס מע לעבט אויף דער וועלט“...

יא, א פרייד. עס איז א פרייד צו רעדען מיט דער פיין, צו קוקען איהר אין די אויגען אריין, צו הערען איהר קול, צו זעהען איהרע הענט. אך, איהרע הענט! צו וואס זי ריהרט זיך צו, איז גאלד. אלץ גלאנצט, אלץ שעמערירט, אלץ לעבט־אויף ביי איהר אין די הענט. און וואו זי געהט, און וואו זי שטעהט, איז ליכטיג. און טהוט זי אן אויף זיך א קלייד, זינגט דאס. און געהט זי דורך די שטוב, לאכען די ווענט. אלץ ארום איהר לעבט, אלץ זינגט, אלץ פרעהט זיך.

אט דאס איז אונזער העלדין, די ווירטהין פונ'ם גאסטהויז און אידישען רעסטאראן, וואס געפינט זיך אין איינער פון די זייטיגע גאסען פון דער גרויסער שטאדט נ., אין הויז נומער 21B, אין הויף, דריטער שטאק, לינקס.

אצינד, רעכען איך, וועט מיין לעזער זיין פארענטפערט א סך קשיות, און מיר קאנען פארטזעצען אונזער ראמאן.

פערטעס קאפיטעל

[אידישע פיש, מילכיגע בלינצעס און א יונגערמאן מיט איין ענגען קאלנער].

נאך אז ער איז געווען אויף יענער זייט טיר, האט אונזער העלד דערפיהלט א געשמאקען ריח פון פיש, פון אידישע פיש, וואס האבען א טבע זיך לאזען הערען אויף א קוואדראטנע מייל ארום און ארום. זיי באריהמען זיך פאר דער גאנצער וועלט: „דרד־ארץ! מיר, אידישע פיש, זענען נישט גלייך צו אלע אנדערע פיש; אונז עסען אידען, וואָרום מיר זענען געפילט מיט געווירצען און שמעקען מיט פעפער!"... ארייגגעקומען אינוועניג, האט ער געטראפען א גרויסען, א ליכטיגען, א ריינעם זאל. די ווייסע ווענט זענען באהאנגען מיט גרינס. א לאנגער ווייסגעדעקטער טיש איז באפוצט מיט בלומען, און ארום טיש זיצען אלערליי אידען, מיט הי‏טלען און אהן היטלען, מיט בערד און אהן בערד, אזעלכע, וואס רעדען אידיש, אזעלכע, וואס רעדען רוסיש, און אזעלכע, וואס רעדען דייטש, דאס הייסט, נישט אינגאנצען דייטש, נאר העכער האלב כמעט אויף דייטש. אויסגעטהאן דעם אויבערראק און אפגעלעגט דעם צילינדער, האט אונזער העלד פארנומען א לעדיגען פלאץ, וואס איז נאך פארבליבען ביי'ם טיש, אקעגען עמיצען א פארשויין מיט א רויט פנים, מיט א רויטען שניפס און מיט איין ענגען קאלנער. דער קאלנער קוועטשט איהם אזוי שטארק, אז ער ווערט שיער ניט דערווארגען. עס שפארען איהם די אויגען פון שטערן, נאר א מכה וועט עמיצער וויסען. ער וועט בעסער ליידען שטילערהייט, אפקומען חבוט־הקבר, פיהלען דעם טעם פון גיהנם, איידער אראפווארפען דעם קאלנער און אויסטהון אזא שענעם שניפס. פארנומען זיין פלאץ, פארנייגט זיך מארקוס ביבער, ווי דער עטיקעט פאדערט עס, פאר זיין וויז־א־ווי, דאס הייסט, פאר'ן יונגענמאן מיט'ן ענגען קאלנער. און עס ווערט דורך דעם געשלאסען צווישען זיי א שטיקעל קענטשאפט. מארקוס ביבער ניט איהם צו וויסען, אז ער איז דא דעם ערשטען מאל אינ'ם דא־

זיגען... דאזיגען אידישען רעסטאראן. שטעהן — שטעהט ער, איינגענטליך, אין „גראנד־האטעל", און געקומען איז ער אהער צו־ליעב שבועות. דאס הייסט, ניט אזוי צוליעב'ן שבועות, ווי צו־ליעב די שבועות'דיגע בלינצעס, חע־חע.

— חע־חע! — גיט איהם נאך דער יונגערמאן מיט'ן קאלנער און ווערט נאך רויטער און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

ביי די פיש ווערט אונזער העלד נאך מעהר בארעדעוודיג:

— אויסגעצייכענטע פיש! איך האב שוין לאנג נישט גע־געסען אזעלכע אידישע פיש. אידישע פיש האבען גאר איין אנ־דערען טעם. לעבען זאלען די אידען מיט די אידישע מאכלים! איך בין, ווי איהר קוקט מיך אן, עפים ניט אזא כשר'ער איד, נאר פון כשר'ע עסענס האלט איך. ווער שמועסט — יום־טוב. יום־טוב עס איך נאר כשרס. איך וועל אייך ניט אוועקגעבען א אי־דיש שטיקעל פיש פאר אלע זייערע מארינאדען און מאיאנעזען, און, צווישען אונז רעדענדיג, וועל איך אייך ניט פארבייטען איין אידיש ראסעל־פלייש פאר צוואנציג גויישע ביפשטעקסען, רומ־שטעקען, האזבראטען און ראסטביפען. ווארום, לאמיר זיך נישט נארען: וואס קאן זיין בעסער פון א אידיש העלזעל, געפילט מיט מעהל? אדער א טייגעכץ מיט לעבערלעך? אדער נירלעך, אי־בערגעטרייסעלט מיט פארפעלעך? צי, אשטייגער, וואס געהט־אפ א אידישע יויך מיט מאנדלען, מיט לאקשען, אדער גאר מיט קרעפלעך? הא, וואס זאגט איהר?

דער יונגערמאן מיט'ן קאלנער זאגט גארנישט. וואס זאל ער זאגען? אז אך און וועה איז איהם, קוים וואס ער חאפט דעם אטעם. און ביבער קעהרט זיך אום צו אידישע פיש, רעדט אלע מאל העכער, ווארום אלע רעדען, דער גאנצער עולם רעדט פון פיש, זיי קאנען זיך ניט אפלויבען פון די פיש. זיי לויבען די פיש און די בעל־הבית'טע פון די פיש, די מאדאם פיין.

— אז מע וויל א גוט שטיקעל פיש, זאל מען טאקי געהן נאר צו דער מאדאם פיין. — זאגט א איד מיט גראבע ליפען.

— אז מע וויל הנאה האבען פונ'ם עסען, זאָל מען עסען ביי דער מאַדאַם פיין. — האַלט איהם אונטער אַ איד, וואָס שוויצט מיט סכנת־נפשות.

— איך עס שוין באַלד פיער יאָהר ביי דער מאַדאַם פיין. — זאָגט אַ יונגערמאַן, וואָס אַז ער עסט, שאָקעלט זיך ביי איהם דער קאָפּעליש.

מיט איינעם וואָרט — פון אַלע זייטען טיש הערט זיך נאָר „פיין", און „פיין", און „פיין". און אָט איז זי אַליין אויך, די מאַדאַם פייי

פינפטעס קאַפּיטעל

[ברוך־הבא, בלינצעס !].

אריינגעקומען איז די מאַדאַם פיין מיט אַ גאַנצער סוויטע. פון איין זייט די אַלטע מוטער, פון דער אַנדערער זייט איהר יונג שוועסטערעל און פון הינטען איהרע צוויי קינדער, די גימנאַזיסט־לער. אַלע געהען זיי אָנגעטהאָן יום־טוב'דיג, און אַלע זעהען זיי אויס יום־טוב'דיג, און זענען אָנגעלאָדען מיט גרויסע פּאַלומיסקעס מיט הייסע בלינצעס, וואָס לאָזען זיך הערען מיט זייער מילכיגען ריח איבער'ן גאַנצען זאַל.

מיט'ן אריינקומען פון דער מאַדאַם פיין האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ באַזונדערע שיין פון דער זון האָט זיך מיט אַ מאָל אריינגעריסען אַהער אין שטוב אריין, און אויף אַלע פּנים'ער האָט זיך באַוויזען ווי אַ שמייכעלע. אַלע, ווי איין מענטש, הויבען זיך אויף און באַגריסען די מאַדאַם פיין.

און די מאַדאַם פיין? ווייך, פּראָסט און פריינטליך, היימיש, ווי איין אייגענע, ווי אַ שוועסטער, געהט זי צו צו יעדען איינציגען פון די געסט, יעדען באַזונדער האָט זי וואָס צו זאָגען עפּיס אַזעל־כעס, וואָס יענעם ווערט גוט אויפ'ן הארצען און וואַרעם אויף דער

נשמה, און איהרע אויגען לאַכען, און אַלעמענ'ס אויגען לאַכען, און אַלץ אַרום איהר לאַכט און פרעהט זיך.

אונזער העלד, וואָס איז, ווי אונזערע לעזער ווייסען שוין, אַזאַ ליעבהאָבער פון אידישע מאכלים, האָט איצטיגס מאָל 'שטאַרק גענומען אויפ'ן אויג די בעל־הבית'טע פון די בלינצעס און נישט געקאָנט אָפּרייסען פון איהר די אויגען. ער פאַרשטעהט נישט, פון וואַנען האָט זיך גענומען מיט אַ מאָל אַזאַ ליכטיגקייט אין שטוב. און פון וואַנען איז געקומען צו איהם פּלוצים אַזאַ וואַרעמ־קייט און אַזאַ פרייד? גערעדט האָבען זיי צווישען זיך, דאַכט זיך, קיין איינציג וואָרט. ער האָט זיך נאָר אויפגעהויבען פון אָרט און זי האָט איהם געשענקט אַ קוק, מעהר נישט ווי איין קוק פון איהרע ליכטיגע חנ'עוודיגע לאַכענדיגע אויגען, און ער האָט דער־פיהלט, אַז עפּיס האָט אייפגעוואַכט ביי איהם אין דער נשמה, עפּיס איין אומגעוועהנליכע זאַך, וואָס ער האָט נאָך ביז אַהער נישט בייגעוואוינט און וואָס ער קאָן דאָס אפילו ניט אָנרופען ביי'ם נאָמען.

— ברוך־הבא, בלינצעס! — רופט ער זיך אָן צו זיין וויז־אַ־ווי און פיהלט, אַז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגען. ער קוקט שוין מעהר נישט אויפ'ן יונגענמאַן מיט'ן קאַלנער און אויף זיינע אי־דיאָטישע אויגען. ער עסט די בלינצעס און לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון דעם מאַדאַם פּיין און הערט נישט אויף אין איינוועגס צו רעדען ווייטער:

— געפעלט אייך, אַשטייגער, די בעל־הבית'טע פון די בלינ־צעס? וועט איהר זאָגען אין אייער לעבען, אַז דאָס איז אַ וויר־טהין פון אַ גאַסטהויז, פון אַ רעסטאָראַן? זעהט זי נישט אויס ווי אַ גרעפין? ווי אַ קייסעריני? האַ? וואָס זאָגט איהר?

נאָר דער יונגערמאַן מיט'ן קאַלנער זאָגט גאָרנישט. ער ווערט נאָך רויטער. ווי פריהער, און הויבט אָן צו שוויצען. און אונזער העלד גיט זיך דאָס וואָרט, אַז זיין נאָמען זאָל ניט הייסען

ביבער, אויב ער וועט זיך ניט באקענען מיט דער דאזיגער מאדאם א ביסעל נעהענטער נאך היינטיגען טאג.

זעכסטעס קאפיטעל

[דער העלד בייט־איבער זיין קווארטיר פון „גראנד־האטעל" אויף נומער 21B, דריטער שטאק, לינקס].

איך מיין, אז עס וועט קיינעם נישט זיין פריקרע, וואס מיין העלד, מארקוס ביבער, דער פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפאק עט קאמפאניע", האט זיך באלד נאך שבועות אריבערגע־טראגען מיט'ן גאנצען געפעק פון „גראנד־האטעל" אויף נומער 21B, דריטער שטאק, לינקס. אודאי איז אין „גראנד־האטעל" מעהר גרויסארטיג, מעהר שיק — וואס איז דא צו רעדען? דערפאר האט ער זיך אבער נאך קיינמאל אין ערגיץ נישט געפיהלט אזוי גוט און אזוי היימיש, ווי אט דא, צווישען גוטע מענטשען. מאר־קוס ביבער איז גיך געווארען גרויס, ווי אזוי מע רופט די צוויי גימנאזיסטלעך. איינער הייסט הערצעל, דער אנדערער מישא. און ער שליסט מיט הערצלען און מיט מישאן גוטברודערשאפט, שפיעלט מיט זיי אין „ציעגען־וואלף" און אין „פעטשערלעך". מיט'ן קליינעם שוועסטערעל איז ער אויך געווארען א שטיקעל מחותן. און אפילו פאר דער אלטער מאמען, וואס זיצט מיט זיל־בערנע ברילען איבער א גראבען סידור, האט ער אויך וואס צו זאגען:

— באבעניו, איהר הערט ניט אויף צו דאווענען?

— איך דאווען 'שוין פאר מיינע קינדער און פאר מיינע אייניקלעך.

— אז ס'איז יא אזוי, טא דאווענט שוין, באבעניו, פאר מיר אויך.

די „באבעניו" הויבט־אויף אויף איהם די זילבערנע ברילען און ענטפערט נישט גארנישט אויף דער חכמה.

הקיצור, אונזער העלד איז דא געווארען אזוי היימיש, אז עס גלוסט זיך איהם גארנישט אוועקצופאהרען פון דאנען, נישט קענדיג דערויף, וואס פון דער היים זעצט מען מיט בריעף, ער זאל קומען צו פאהרען. די געשעפטען רופען איהם. געשעפטען? וואס פאר געשעפטען קאנען איהם אוועקנעמען פון דאנען, וואו ער האט ענדליך געפונען זיין אמת'ען איינציגען אידעאל אין לעבען? ווי אזוי און ווען איז דאס ביי איהם פארטיג געווארען — ווייסט ער אליין נישט. אט אזוי, פון זיך אליין. וויפיעל שידוכים מע האט איהם איבערגערעדט! וויפיעל מיידלעך האבען זיך נאך איהם געיאגט!... באשערט איין ארעמער, עלענדער פרוי, מיט צוויי קינדער, מיט א קליין שוועסטערעל און מיט איין אלטער מאמע, אזא גליק! די קינדער וועט ער צושרייבען צו זיך, איבערגעבען זיי זיין נאמען „ביבער", דאס קליינע שוועסטערעל וועט ער חתונה מאכען, און די אלטע באבעניו לאז זיך זיצען און דאווענען געזונטערהייט.

אזוי טראכט זיך אונזער העלד, און ער שטעלט זיך פאר, ווי די ארעמע פרוי פיין וועט דאס ווערען איבערראשט, אז ער, מארקוס ביבער, דער פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפאק עט קאמפאניע", וועט איהר דערקלערען, אז ער וויליגט־איין צו געבען איהר זיין נאמען און צעטיילען מיט איהר זיין פארמעגען! „איך האף, אז איהר מיינט דאס ערנסט?" — וועט זי איהם זאגען און די גאנצע פארב וועט זיך צעגיסען איבער איהר פנים, וואס איז ווייסער פון מילך, און איהרע שענע אויגען וועלען זיך אנצינדען מיט א ניי פייערעל!... דערווייל לעגט ער איהר פאר בילעטען, אפשר וועט זי געהן מיט איהם אין טהעאטער?... אך, פאר וואס נישט?... די מאדאם פיין דאנקט איהם זעהר. זי מוז איהם אבער זאגען, אז אהן די קינדער קאן זי נישט געהן! זי האט שוין לאנג צוגעזאגט נעמען זיי אין טהעאטער אריין. און וויבאלד די קינדער, מוז מען שוין נעמען די שוועסטער אויך... געווים. ער האט גאר אנדערש ניט געטראכט! און מארקוס ביבער נעמט א לאזשע,

און געהט מיט דער מאַדאַם פיין און מיט איהרע קינדער און מיט איהר שוועסטערל אין טהעאַטער אַריין.

זיעבעטעס קאַפּיטעל

[אַ ביסעל טעלעגראַפען־ליטעראַטור].

זיצענדיג מיט דער מאַדאַם פיין און מיט איהר משפחה אין דער לאָזשע, טראַכט זיך ביבער: ווי קומט דאָס צו דער דאַזיגער פרוי אַזאַ האַלטען זיך מיט אַזאַ באַנעמען זיך? אַ גרעפין דאַרף ניט זיצען שענער, ווי עס זיצט אָט די ווירטהין פונ'ם רעסטאָראַן. אַך, ווי שעי עס וועט איהר פּאַסען דער נאָמען „מאַדאַם ביבער"!... אַז ער וועט זי ברענגען צו זיך אין שטאָדט, וועט זי פאַרשטעלען, פאַרטונקלען אַלע שענסטע דאַמען. נאַטירליך, וועט ער קיינעם ניט דערצעהלען, אַז זי האָט וועןגעהאַלטען אַ גאַסטהויז, אַ רעס־טאָראַן... ער וועט זאָגען, אַז זי שטאַמט פון דעם גרעסטען אַדעל, געהער זיך אַז אַ שטיקעל אייגענע מיט די פּאַליאַקאָוס, האָט אַ פעטער אַ מיליאָנער אין מאָסקווע און צוויי ברידער אינזשעניערען אין פעטערבורג...

די דאַזיגע חלומות פאַרטראַגען אונזער העלד אַזוי ווייט, אַז ער הויבט אַליין אָן גלויבען אין די פעטערבורגער אינזשעניערען, און ער נעמט זיך אונטער מיט זיי צו בויען אַ נייע ליניע, און אַז ס'וועט ניט האָפּען קיין געלט, וועט מען זיך אַ נעם טהון צום פעטער צום מיליאָנער. נישקשה, דאָס קוויטעל „ביבער, שפּאַק עט קאָמפּאַניע" איז אַ גוט קוויטעל...

— וואָס זאָגט איהר, מאַדאַם פיין?

וואָס זאָל זי זאָגען? זי איז איהם זעהר דאַנקבאַר פאַר דער לאָזשע. ניט אַזוי פאַר זיך אַליין, ווי פאַר די קינדער. זי האָט זיי שוין לאַנג צוגעזאָגט נעמען אין טהעאַטער. אַ גוטע נאַכט, הערר ביבער!

— א גוטע נאכט, מאדאם פיין! א גוטע נאכט, הערצעל! א גוטע נאכט, מישענקע! מארגען זעהען מיר זיך. א גוטע נאכט!

און מארקוס ביבער געהט־ארויף צו זיך אין צימער און פיהלט, אז עס ווילט זיך איהם זינגען, עס ווילט זיך איהם טאנצען. נאר ניט ער זינגט, ניט ער טאנצט. ער שפאנט־ארום הין און צוריק און קאן זיך קיין ארט ניט געפינען. ער עסט זיך אויף א לעבעדיגען, פאר וואס ער האט נאך ביז איצט מיט איהר קיין האלב ווארט נישט גערעדט, נישט וועגען זיינע פלאנען, נישט וועגען זיינע געפיהלען. שוין פון עטליכע טעג, אז ער קלויבט זיך מיט איהר וועגען דעם צו רעדען, און קאן נישט. ער קאן נישט! ער האט נישט פאר איהר קיין ווערטער, קיין שפראך. די אלטע טאנצען־שפראך, פיהלט ער, איז דא נישט אויפ'ן פלאץ. איבערצורעדען וועגען אזא וויכטיגע זאך דארף מען האבען א מענטשען א געניטען, אט, למשל, ווי זיין עלטערער שותף שפאק. שפאק האט שוין אליין חתונה געמאכט קינדער. ער וואלט דאס דורכגעפיהרט בעסער, ווי אלע. און אגב דארף מען דאך טאקי פריהער געבען צו וויסען אהיים פון אזא ערנסטען שריט, וואס ער געהט מאכען. לאז זיך די אלטע מוטער אויך פרעהען (ביבער האט א רייכע מוטער, וואס איז דער קאפ פון דער פירמע, און ער, מארקוס, איז איהר איינציגער יורש). און עס בלייבט ביי איהם, ער זאל אוועקשרייבען אהיים א בריעף און בעטען דעם שותף, ער זאל קומען צו פאהרען וואס גיכער. און נישט לאנג געטראכט, גענומען א בויגען פאפיער און אוועקגעזעצט זיך צום טיש און...

דא מוזען מיר אבער איבעררייסען און זאגען א פאר ערנסטע ווערטער. אונזער העלד, עס זאל איהם צו קיין חרפה נישט זיין, איז אין דער מלאכה פון שרייבען עפּיס נישט אזא שארפער בריה. דאס הייסט, ער איז, חלילה, נישט קיין עם־הארץ, וואס קאן קיין פען נישט האלטען, נאר ער איז מעהר געוועהנט צו שרייבען געשעפטליכע מעמאראנדומס, חשבונות, וועכסלען וכדומה אזא מין ליטעראטור. יעדענפאלס, נישט אזעלכע בריעף, וואו מע דארף

אויסגיסען אזוי פיעל גערא‍נקען מיט אזעלכע טיעפע געפיהלען, וואס לאזען זיך גארניט ארויסשרייבען אויף פאפיער. איז נישט גלייכער אפשר ארויסרופען אהער דעם שותף דורך א דעפעש?...

און עס הויבען־אן פליהען דעפעשען פון איין שטאדט אין דער אנדערער צווישעןביידע שותפים, פון ביבערען צו שפאקען און פון שפאקען צו ביבערען. מיר זעצען־איבער אויף א ציקאוועסט די דאזיגע טעלעגראפען־ליטעראטור.

1) פון ביבערען צו שפאקען:

„קומט צו פאהרען. ערנסט געשעפט. ביבער".

2) פון שפאקען צו ביבערען:

„טעלעגראפירט וואסער א געשעפט? שפאק".

3) פון ביבערען צו שפאקען:

„קומט צו פאהרען, וועט איהר זעהען. ביבער".

4) פון שפאקען צו ביבערען:

„פאהרען אוממעגליך. טעלעגראפירט וויפיעל דארף מען זאלאג? שפאק".

5) פון ביבערען צו שפאקען:

„קיין שום זאלאג. קומט צו פאהרען. ביבער".

6) פון שפאקען צו ביבערען:

„כ'קום מיט'ן קוריער־צוג. שפאק".

און שפאק קומט צו פאהרען מיט'ן קוריער־צוג.

אכטעס קאפיטעל

[וואו דער לעזער האט א געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט א נייעם פארשוין — שפאק].

אויף וויפיעל מארקוס ביבער איז איין עולם־הזה'ניק, אויף אזוי פיעל איז זיין עלטערער שותף, שפאק, אויסגעטהאן פון דער וועלט מיט אלע איהרע תענוגים און פארגעניגענס. שפאק האט פארקויפט די נשמה זיינע צום שווארצען יאהר און האט זיך אפגעגעבען מיט

ליבּ און לעבּען צום געשעפט. ניט עסען, ניט טרינקען, ניט שלאָ־
פען, נאָר געשעפט און געשעפטע און געשעפט. זיין ווייבּ און
קינדער זאָלען אויף איהם ניט אַכטונג געבּען, נאָכלויפען מיט
גוואַלד, ער זאָל עפּיס עסען, וואָלט ער אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט.
ער האָט אַזוי אויך אַ פּנים פון אַ רוח. אַליין איז דאָס אַ קליינס
און אַ דאַרס און איין איינגעבּויגענס, און אַ טבע האָט דאָס אַלע
מינוט אַדער אַ פינטעל מיט די אויגען, אַדער אַ מאַך מיט דער
נאָז, אַדער אַ הויבּ מיט די פּלייצעס. די געדאַנקען בּיי איהם
תּמיד פליהען, די געשעפטען פליהען, און אַליין פליהט ער אויך.
און רעדען רעדט ער אַזוי גיך, אַז ער מוז איבּערהאַפּען עטליכע
מאָל דאָס אייגענע צוריק, און איז שטענדיג אין כּעס, ער ווייסט
ניט אויף וועמען, ער ווייסט ניט פאַר וואָס, שמיצט זיך און וואַרפט
זיך און שפּייעט — אַ שטיק משוגענער! נאָר, אין עצם, ניט קיין
שלעכטער מענטש, האָט פיינט כּבוד, קאָן ניט זעהען קיין טרערען
און האָט ניט מורא פאַר קיין זאַך, נאָר פאַר אַ קאַץ און פאַר אַ
דונער. אַט האָט איהר אייך דעם גאַנצען פאַרשוין.

געקומען צו פאָהרען פון בּאַהן, ניט געשלאָפען אַ נאַכט, האָט
שפּאַק געהאַט אַ שטיקעל סכסוך מיט'ן קוטשער, זיך געשמיצט
און געוואָרפען און געשפּיגען, און צום סוף געמוזט בּאַצאָהלען
צוויי מאָל אַזוי פיעל, און אַפילו נישט אָפּגערוהט, נישט איינגע־
וואַשען זיך, נישט איבּערגעבּיסען, האָט ער אַ נעם געטהאָן בּיבּערן
אויף אַ זייט:

— וואָס איז דאָס געשעפט וואָס? גיכער, ווען געהט צוריק
דער קוריער ווען? וויפיעל האַלט דער זייגער איצטער, גיך?

— האָט צייט. לאָמיר קאָרשט פריהער עפּיס נעמען אין
מויל אריין. — בּעט זיך בּיי איהם בּיבּער, און שפּאַק ווערט אין
כּעס, וויל נישט הערען פון קיין זאַך: אַדער געשעפט, אַדער אַט
זעצט ער זיך אויף און פאָהרט צוריק אַהיים! אויף שפּאַקען איז
צו גלויבּען! מע זעצט זיך אַוועק, און בּיבּער דערצעהלט דעם
שותּף זיינעם בּאריכות, מיט אַלע איינצעלהייטען, אַ גאַנצע גע־

שיכטע, ווי אזוי ער האט זיך אפּגעשטעלט אין „גראנד־האטעל״, ווי אזוי ס׳איז געקומען שבועות, ווי אזוי ער האט זיך אנגעהויבען נאכפרעגען אויף א אידישען רעסטאראן, וואו מע קאן עסען מיל־כיגע בלינצעס, און אזוי ווייטער, ניט דורכגעלאזט קיין ברעקעל, אפילו דאס קליינע שוועסטערעל, די אלטע מיט׳ן סידור, די צוויי קינדער, הערצעל און מישא, די לאזשע אין טהעאטער... די גאנצע צייט, וואס דער יונגערער שותף האט דערצעהלט, איז דער עלטע־רער געזעסען ווי אויף הייסע קויהלען, געפּינטעלט מיט די אויגען, געמאכט מיט דער נאז און געהויבען מיט די פּלייצעס און גע־טריבען האלז־און־נאקען: גיכער, גיכער! — ביז ס׳איז געקומען צום רעכטען פּונקט, און מארקוס ביבער האט געפיהלט, אז ס׳איז איהם אראפּ א שטיין פון הארצען.

זאל איך אייך געהן דערצעהלען, וואס ס׳איז פארגעקומען, אז שפּאק איז געוואהר געווארען פון דער גאנצער מגילה דעם רעכטען שפּיץ, אז זיין יונגערער שותף, מארקוס ביבער, פארשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאק עט קאמפּאניע״, וויל חתונה האבען פאר דער רעסטאראטארשע פון דער דאזיגער אכסניה, וואס האט א שען פּנים און קאן מאכען בלינצעס?... איין אנדערער אויף שפּאק׳ס ארט וואלט געווים אויסגעשאסען מיט א געלעכטער און אויסגע׳בטל׳ט אלע חלומות אויף די שונאים׳ס קעפּ. ניין, שפּאק איז ניט אזא מענטש, וואס לאכט. שפּאקען האט מען ניט געזעהען לאכען שוין העכער פינף און צוואנציג יאהר. שפּאק האט זיך געחאפּט מיט ביידע הענט ביי׳ם קאפּ און אנגעהויבען לויפען הין און צוריק, ווי א משוגענער, אהן ווערטער. נאכדעם ערשט האט ער אנגעהויבען רעדען — ניין, נישט רעדען, נאר שפּריצען, שיטען מיט פייער. געשווארען זיך, אז וואן ער האט צייט, נעמט ער איהם, ביבערען הייסט דאס, און פיהרט איהם אפּ צום דאקטאר. נאר אזוי ווי ער האט קיין צייט ניט, די געשעפטען לאזען ניט, טהוט ער א שפּיי און פאהרט־אוועק אהיים און לאזט איהם איבער דא, ביבערען הייסט דאס, לאז ער זיך אנצינדען מיט זיינע

אַכסניות און מיט די רעסטאָראַטאָרשעס און מיט די בלינצעס.
לאָז אַלסדינג גען קאַפּוט, אין דער ערד אַריין אַלע געשעפטן,
אין דער ערד אַריין!! ...

שפּאַק האָט אַזש צעשפּילעט דעם קעלנער און פאַרוואָרפן
דאָס שניפּסעל פון׳ם האַלז אַרויף אויף דער שאַפע — אַזוי אויפ־
געבראַכט איז ער געוואָרען אויף זיין שותּף. און זיין שותּף וואָס
האָט געטהאָן? גאָרנישט. געזעסען און געשוויגען. ביבער קען
איהם. ער ווייסט, אַז שפּאַקען דאַרף מען לאָזען אויסשרייען זיך,
איבערקאָכען זיך, נאָכדעם קאָן מען מאַכען מיט איהם וואָס מע
וויל.

— שוין? — זאָגט צו איהם ביבער. — אַצינד קומט־אַראָפּ
אין רעסטאָראַן, וועלען מיר עפּיס נעמען אין מויל אַריין.

און ביידע פאַרשטעהער פון דער פירמע „ביבער, שפּאַק עט
קאָמפּאַניע” לאָזען זיך אַראָפּ אין רעסטאָראַן עפּיס נעמען אין
מויל אַריין, זעצען זיך אַוועק צום טיש, און ביבער שטעלט פאַר
דער מאַדאַם פּיין זיין עלטערען שותּף הערר שפּאַק — און עס גע־
שעהט אַ נס...

ניינטעס קאַפּיטעל

[די געשעהענישען אַנטוויקלען זיך און אַ נייע פּערזאָן ערשיינט
אויף דער סצענע].

אין כּישוף גלויבט איהר? מע מוז אַמאָל גלויבען אין כּישוף
אויך, וואָרום וואָס דען איז דאָס געשעהען מיט שפּאַקען? וואו איז
אַהינגעקומען זיין כּעס, זיין משוגעת? גאָר נישט דער שפּאַק!
שאַט, ער האָט גאָר אויפגעהערט פּינטלען מיט די אויגען! אַ
שעה צוויי איז ער אָפּגעזעסען מיט דער פּיין ביי׳ם טיש, גערעדט
מיט איהר פון אַלסדינג אין דער וועלט, גאָרנישט באַמערקט, וואו
די צייט איז אַהינגעקומען. און אַז ער איז אַרויפגעקומען אַרויף,
האָט ער אַ ביסעל אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק מיט גיכע טריט.

ווי זיין שטייגער איז, נאָכדעם האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט קעגן ביבערן, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ צו דער סטעלי, אָריינגעלעגט די האַנט אונטער'ן קאָלנער און אַ זאָג געטהאָן צו איהם גיך, אי־בער'חזר'ענדיג דריי מאָל אַ וואָרט:

— דאַרפסט נישט מאַכען קיין לאַנגע שהיות דאַרפסט דו נישט מאַכען דו, און אַרויסרופען די מאַמע מיט אַ דעפּעש דאַרפסט דו אַרויסרופען.

ביבער פּראָטעסטירט. וואָס איז ער עפּים? אַ יונגעלע? אַ חתנ'דעל. וואָס די מאַמע וועט קומען איהם אָנקוקען אַ כלה? שפּאַקען איז אָבער שווערליך איבערצושפּאַרען. לשון־געשעפט — לאָזט איהם. אַ געשעפט פאַרשטעהט ער בעסער. און עס פליהט אַ דיפּלאָמאַטישע דעפּעש צו מאַדאַם ביבער:

„געשעפט פאָדערט אייער אַנוועזענהייט. קומט צו פאָהרען. שפּאַק“.

אויף דער דעפּעש קומט באַלד צוריק אַ דעפּעש:

„וואָס איז געשעהען? טעלעגראַפירט געזונט מאַרקוס. אומ־רוהיג“.

אויף דער דעפּעש פליהט נאָך אַ דעפּעש:

„מאַרקוס פאָלקאָם געזונט. קומט צו פאָהרען. שפּאַק“.

אויף דער דעפּעש קומט צוריק אַ דעפּעש:

„כ'פאָהר מיט'ן קוריער־צוג“.

נישט טוידט, נישט לעבעדיג, קומט צו פאָהרען די פרוי בי־בער, די מוטער פון אונזער העלד, אַ באַיאָהרטע, נאָך גאָר אַ שענע פרוי, מיט אַ רידיקיול אין האַנט. פאַלט דעם זוהן אויפ'ן האַלז, דאַנקט גאָט, וואָס זי האָט געטראָפען „מאַרקוסלען“ אַ לעבעדיגען. אַז זי איז נישט געשטאָרבען אין וועג נאָר פון איבערטראַכטען אַליין, איז אַ סימן, אַז זי וועט נאָך, אם ירצה השם, לאַנג לעבען!

צעהנטעס קאפיטעל

[אלע דריי פארשוינען נעמען זיך צו זייער דיפלאמאטישער ארבייט].

שפאק, האטש ער איז א טרוקענער נפש, איז דאך מעהר דיפלאמאטיש, ווי ביבער. ער האט נישט דערצעהלט דער פרוי ביבער פון מארקוס'עס ראמאן, פארשוויגען די גאנצע מעשה. ער האט נאר צונויפגעפיהרט ביידע פרויען אונטער אין זאל ביי'ם עסען — און געננוג. ס'איז שוין געווען ניט אזוי גרינג זיי צו שיידען זיך. די אלטע פרוי ביבער האט זיך געטראכט: „זעהט־נאר! ווען גאט שיקט מיר צו אזא שנור, וואס וואלט איך וועלען נאך פון זיין ליעבען נאמען?"... מע קאן זיך שוין פארשטעלען די טרערען, וואס האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען, אז שפאק האט זי נאכדעם דיפלאמאטיש צוגעגרייט, אין וואס דא האנדעלט זיך, און אז „מארקוסעל" אליין האט איהר אנטפלעקט דעם סוד, אז ער איז שטערבליך פארליעבט אין דער מאדאם פיין, און אז ערווארט נאר, וואס זי, די מאמע זיינע, וועט זאגען?... די אלטע פרוי ביבער איז ווייעדער א מאל געפאלען איהר זוהן אויפ'ן האלז, געדאנקט גאט, וואס זי האט דערלעבט דעם נחת, אויף וועלכען זי קוקט ארויס שוין לאנג, שוין גאנץ לאנג... אמת, דער שידוך איז ניט פון זייער גראד, נאר ווער קוקט דערויף? ס'איז היינט איין אנדער וועלט געווארען... לאז גאט געבען, ס'זאל זיין מיט גליק.

— אמן! — רופט זיך אפ שפאק. — אצינד איז געבליבען נאר איין זאך איז געבליבען אצינד: מע דארף איבעררעדען דארף מען מיט איהר מכח דעם דאזיגען געשעפט מכח, און טאקי באלד טאקי, מארקוס, וואו האלט דער זייגער וואו?...

דעם פשט פון שפאק'ס ווערטער האט מען באדארפט פאר־שטעהן אזוי: „מיט איין אלטען בחור טאר מען לאנג ניט שפע־קולירען"... און אלע דריי פארשוינען קוקען איינס אויף דאס אנ־דערע, פארשטעהען זיך אהן ווערטער.

עס איז שוין געווען שפעטליך אין דער נאכט, אז אונזערע דריי פארשוינען, ביידע שותפים און די אלטע פרוי ביבער מיט'ן גרויסען רידיקיול, האבען זיך ארײַנגעלאזט אונטען אין רעסטאראַן אריין עפּיס עסען, און טאקי דארטען שוין איבעררעדען מיט דער מאדאם פיין מכּח אכטצעהן און דרייצעהן. אין זאַל איז נישטא קיינער. נאר אין א ווינקעלע, ווי אלע מאל, זיצט די אלטע מאמע מיט די זילבערנע ברילען איבער איהר גראבען סידור. ביידע שותפים זעצען זיך אוועק צום טיש, און די מאדאם ביבער רוקט זיך צו אויף א ווײַלע צו דער אלטער, פארגעהט צו איהר מיט רעד, פריהער וועגען גלאט אזוי שטובזאכען, ווירטהשאפט, נעכטיגע טעג, ביז זי קומט ארויף אויף קינדער, טאפּט־אוים ביי דער אלטער, וויפיעל ס'איז מעגליך, אלע מעלות פון איהר טאכטער און פארגעסט ניט בשעת־מעשה אויסצורעכענען פאר איהר די מעלות פון איהר זוהן, ניט ווייל ער איז איהרער א זוהן, און נאך א בן־יחיד דערצו, — אלע וועלען דאס אויף איהם זאגען, אז ס'איז דער צווייטער צו איהם נישטא אין דער וועלט. א מענטש אהן א גאל. איין אפענע האנט. איהם אז עמיצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גליקליך וועט זיין יענע, וואס וועט אריינפאלען צו איהם, אין זיין גורל אריין — דאס טעלערעל פונ'ם הימעל!...

די אלטע מיט'ן גראבען סידור האט אפילו ניט רעכט פארשטאנען, צוליעב וואס יענע לויבט אזוי אין טאג אריין איהר זוהן, דאך האט זי אנגעשטעלט אויף איהר די זילבערנע ברילען און הערט זי אוים ביז'ן סוף. דאס הייסט, ביז די פרוי ביבער שלאגט זיך אליין ניט איבער די רעד, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען און טהוט א פרעג:

— וואו איז אייער טאכטער?

די אלטע טהוט־אוים די זילבערנע ברילען:

— איהר דארפט זי? אט געה איך זי א רוף טהון. זי איז ביי זיך מיט די קינדער, מאכט מיט זיי די „אורא־קעס”.

— ניין, ניין. למאי זאל איך אייך מטריח זיין? אט וועל איך בעסער אליין אריינגעהן צו איהר אויף א ווײלע. ווייזט מיר נאר, וואו דאס איז?

און די פרוי ביבער נעמט איהר רידיקיול און לאזט זיך אראפּ אויף א ווײלע צו דער מאדאם פיין.

לאמיר אקארשט איבערלאזען די ווייבער אויף שפּעטער און זיך אומקעהרען צו אונזערע מאנסבילען. זיי זענען בילכער: מאנספּארשוינען!

עלפטעס קאפּיטעל

[עס שווימט־ארויף א באקאנטער פּארשוין, און אונזערע צוויי שותפים ווערען שטארק איבערראשט].

אונזערע צוויי שותפים, ביבער און שפּאק,ביידע פּארשטעט־הער פון דער פירמע „ביבער, שפּאק עט קאמפּאניע", זענען זיך דערווייל געזעסען ביי'ם טיש, זעהר געהויבען און יום־טוב'דיג גע־שטימט, און געשמועסט וועגען געשעפט. דאס הייסט, שמועסען האט געשמועסט, אייגענטליך, נאר שפּאק, ווארום שפּאק, אז ער רעדט פון געשעפט, איז נישט נאר ער רעדט מיט אלע זיינע צוויי הונדערט אכט און פערציג אברים, נאר עס רעדען מיט איהם די וועגט. שפּאק האט ליעב געשעפט ניט דערפאר, ווייל ער איז אזוי להוט נאך געלט. געלט — מהיכי־תיתי, ווער האט עס נישט ליעב קיין געלט? דער עיקר איז אבער ביי איהם געשעפט! גע־שעפט איז ביי שפּאקען, ווי, אשטייגער, ביי א שאכשפּיעלער — שאך, ווי ביי א שכור — וויין, אדער, איך בעט איבער אייער כבוד, ווי ביי איין אויסגעלאסענעם עולם־הזה'ניק — שענע מיידלעך... מע קאן זאגען, אז שפּאק איז פאר'ליעבט אין געשעפט — און א סוף! אין דעם, ווי שפּאק רעדט, קומט־ארייין אין זאל א פּארשוין און פּארנייגט זיך צו די שותפים גאנץ העפליך. אונזער העלד, מארקוס ביבער, הויבט־אויף די אויגען און קוקט־אן דעם אריינ־

געקומענעם פארשוין. א? דאס איז זיין וויז־א־ווי פונ׳ם טיש, דער יונגערמאן מיט׳ן ענגען קאלנער. ווי קומט ער אהער? און אזוי שפעט אין דער נאכט? דערזעהען, אז מע קוקט אויף איהם זעהר שטארק, איז דער יונגערמאן מיט׳ן ענגען קאלנער געבליבען שטעהן ניט אהין, ניט אהער, פארשוויצט, רויט ווי פייער, און די אויגען — אט־אט שפרינגען זיי ארויס! פאר רחמנות בעט איהם ביבער זיצען, שטעלט זיך איהם פריהער פאר:

— מיר זענען, דאכט זיך, שוין באקאנט. מארקוס ביבער. און דאס איז מיין קאמפאניאן, שפאק.

דער יונגערמאן פונ׳ם ענגען קאלנער פארנייגט זיך נאך א מאל גאנץ העפליך און שטעלט זיך אויך פאר פאר די שותפים:

— פיין.

— פיין?

— פיין.

— קעהרט איהר זיך נישט אן עפים א פריינט מיט דער מאדאם פיין?

דער יונגערמאן פון דעם קאלנער זאל דאס אייך באווייזען אפילו א סימן פון א שמייכעל. ער קוקט מיט א פאר קיילעכיגע קעלבערנע אויגען גלייך ביבערען אין פנים אריין:

— די מאדאם פיין איז מיין פרוי, דאס הייסט, איך בין איהר מאן.

ווי אזוי האט זיך געפיהלט אונזער העלד, אז ער האט דער־הערט אזא מין בשורה, דארף דער לעזער, דאכט מיר, שוין אליין טרעפען. וויבאלד אז לוט׳ס ווייב איז געווארען א שטיק זאלץ, איז פון ביבערען געווארען א שטיין. גאנץ אנדערש האט אויס־געזעהן דער שותף זיינער. שפאק האט אנגעהויבען מיט א מאל שטארק פינטלען מיט די אויגען, מאכען מיט דער נאז, הויבען די פלייצעס, שפייען און שפריצען און איבערזעצען זיך פון איין בענקעל אויפ׳ן אנדערען. א פייער האט זיך אנגעצונדען אין שפאקען און א מורא׳דיגע שנאה צום יונגענמאן פונ׳ם קאלנער.

מע זאָל איהם לאָזען, וואָלט ער איהם אויפגעהאַנגען אַט דאָ, אין מיטען זאַל, אויפ'ן הענגלאָמפּ. און דער יונגערמאַן נעבאַך, גאָט די נשמה שולדיג, זעצט זיך אַקעגען ביידע שותּפים און קוקט זיי ווי אַ זינדיגער מענטש, גלייך אין די אויגען אַריין. לאָמיר איי־בערלאָזען אַקאַרשט די מאַנספּאַרשוינען און אַ קוק טהון אויף אַ ציקאַוועסט, וואָס טהוט זיך דאָרטען, ביי די ווייבער?

לעצטעס קאַפּיטעל

[דאָס רעדעל, וואָס האָט זיך מאָדנע אַ דרעה געטהאָן, מאַכט אַ סוף צום ראָמאַן].

די פרוי ביבער, אַז זי איז אַריינגעטראָטען מיט'ן רידיקיול אין האַנט צו דער מאַדאַם פיין, האָט זי געטראָפען זי זיצען מיט איהרע צוויי קינדער די גימנאַזיסטלעך איבער אַ ביכעל. די פרוי ביבער בלייבט שטעהן אַ ווײַלע אויף דער טיר. אפשר שטעהרט זי זיי? מאַדאַם פיין שטעהט־אויף. זי האָט זיך נישט גערעכט אויף אַזאַ גאַסט. זי בעט זי זיצען. אפשר וועט זי טרינקען טיי? ניין, די פרוי ביבער דאַנקט. זי דאַנקט פאַר דער טיי. אַך, וואַ־סערע שענע, וואָסערע ליעבע קינדערלעך ביי איהר! אַזעלכע קינ־דער אַז מע האָט, איז אַ ברכה פון גאָט. זי האָט גאָט גע־שטראָפט. נישט געגעבען איהר קיין סך קינדער. נאָר איינעם. אַ בן־יחיד. מאַרקוס — דאָס איז איהר איינציגער טרייסט. איין אויג אין קאָפּ. איינער — אָבער אַ געראָטענער. ווי געפעלט ער איהר?

— ווער?

— מאַרקוס. מיין זוהן מיין איד.

— דער הערר ביבער? אַ! זעהר־זעהר אַ פיינער מענטש. און אַ ליעבער מענטש. מיינע קינדער זענען פאַרליעבט אינ'ם הערר ביבער. דער הערר ביבער באַלעוועט זיי צופיעל. אַנומעל־טען זיי גענומען אין טהעאַטער...

— אין טהעאטער? הא־הא! דאס איז א קלייניגקייט. איהר קענט איהם נאך ניט. א מענטש אהן א גאל. און איין אפענע האנט. איהם, אז עמיצער געפעלט, איז די זעל מיט דער נשמה. גאט מעג איהם העלפען פאר זיין גוט הארץ. ער פאר־דיענט, אז מע זאל איהם ליעב האבען. גליקליך וועט זיין יענע, וואס וועט אריינפאלען צו איהם אין גורל אריין. דאס טעלערעל פונ׳ם הימעל!... וואָרום זיין גוטסקייט, זיין געטריישאפט און זיין ליעבשאפט האט דען א גרונט? איך בין א מאמע, און ווער וויסט נאך אזוי איהר קינד, ווי א מאמע? אט בין איך דא נאך נישט קיין טאג אפילו, און קאן אייך זאגען, הערט איהר, אז זיין הארץ און זיין נשמה און ער אליין געהערען אינגאנצען, אינגאנצען צו אייך.

— צו מיר?!

— צו אייך, צו אייך, מיין קינד. איך פארשטעה אייך, איך געה אריין אין אייער לאגע, איך פיהל אייער הארץ, און עס וואונ־דערט מיך נישט, וואס איהר זענט רויט געווארען...

— מאדאם ביבער...

— איהר דארפט זיך ניט פארענטפערען. איך פארשטעה אייך גאנץ גוט. איך בין אליין אויך א פרוי. איך בין אויך גע־ווען אמאל יונג און שען. מע האט מיך אויך אמאל ליעב געהאט. שעמען זיך פאר מיר דארפט איהר ניט. וואָרום איך בין א מאמע און בין איהם געטריי, און וויל איהם זעהען גליקליך. איך וויים, אז אין אייך וועט ער געפינען דאס אמת׳ע גליק, וואָרום נישט איך און ניט ער אליין ווינשט זיך נישט קיין בעסערען זיווג, קיין בע־סערע פרוי, ווי איהר...

— מאדאם ביבער! גאט איז מיט אייך!...

— לאז גאט זיין מיט אונז אלעמען, קינד מיינס! רוף מיך נישט מאדאם ביבער, רוף מיך בעסער מוטער, וואָרום איך בין דיר א מוטער, גלייך ווי איהם. איהר זענט מיינע קינדער, איך בין

אייער מוטער. אויב ס'איז דיר נישט שטארק פריקרע, קום אהער, וועלען מיר זיך צעקושען אין די פיסקלעך, און לאמיר נאך היינט אויף דער נאכט ברעכען טעלער.

די מאדאם פיין שטעהט־אויף, נאר אנשטאט דעם, זי זאל צו־געהן צו דער פרוי ביבער, טרעט זי אפ צוריק. איהרע אויגען ברע־נען פאר כעס, נאר דאס פנים לאכט. זי חאפט ביידע קינדער פאר די הענטלעך, גלייך ווי עמיצער וואלט זיי וועלען ביי איהר אוועק־נעמען...

— מאדאם! איהר רעדט נארישקייטען! איך האב א מאן!

— הא? וואס?... איהר? איהר האט א מאן?...

— ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.

— וואו?... ווער?...

— ווער? ער איז אין א געשעפט, ער איז א בוכהאלטער...

די פרוי ביבער איז געווען אויפגעשטאנען, זעצט זי זיך אוועק צוריק אויפ'ן בענקעל, עפענט־אויף דעם רידיקיול, פארמאכט איהם צוריק און עפענט איהם אויף נאך א מאל, זי ווייסט נישט צוליעב וואס.

עס האט זי באשלאגען א קאלטער שוויס.

* * *

אין א באזונדער קופע, ערשטער קלאס, זיצען דריי פארשוי־נען. דער צוג פליהט, די רעדער קלאפען, די פאסאזשירען שוויי־גען. איינע, א באיאהרטע, נאך א שענע פרוי, מיט א רידיקיול אין האנט און מיט א קישעלע צוקאפענס, האלט צוגעמאכט די אויגען, מאכט זיך, ווי זי שלאפט. אקעגען זיצט איינער אייז אויסגעטריקענטער נפש איבער א גאנצען פאק מיט חשבונות, פינ־מעלט מיט די אויגען, מאכט מיט דער נאז און הויבט מיט די פלייצעס, רעכענט כלומרשט, רעדט שטילערהייט מיט זיך אליין. מיט'ן פנים צום פענסטער, די הענט ארונטער, שטעהט דער דריי־

טער, איין עלעגאנטער פארשוין, און קוקט, ווי סלופעס, שטיבער, בוימער, וועלדער, פעלדער פליהען פארביי, פארביי, און ווערען פארשוואונדען.

„אט אזוי לויפען, פליהען די טעג, די יאהרען — טראכט ער זיך — די בעסטע יונגע יאהרען“...

קנאָרטען

א מעשה פון איין אלטען אפיקורס, איבערדערצעהלט לכבוד חנוכה

געשריבען אין יאהר 1912.

קנאַרטען

הײנט זענען קאַרטען אַ װאָכעדיגער גאַנג.

װ ו א ו שפּיעלט מען הײנט ניט אין קאַרטען? װ ו ע ן שפּיעלט מען הײנט ניט אין קאַרטען? און װ ו ע ר שפּיעלט הײנטיגע צײטען ניט אין קאַרטען?

אַמאָל, אױב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט מען בײ אונז געשפּיעלט אין קאַרטען נאָר אײן מאָל אין יאָהר — חנוכּה.

דאָס הײסט, אַז מע װיל צוריק, פּלעגט מען אַמאָליגע צײטען חאַפּען אין מיטען יאָהר אױך אַמאָל אַ קערטעל, און אַ רעכט קערטעל! אַ װאָרעמס! נאָר װאו? בחדרי־חדרים! בסוד־סודות!

אָדער װינטער אין חדר, אױב איהר האָט אין דעם אַ גע־פיהל, בין מנחה למעריב, אַז דער רבי איז געװען אין קלױז און געװאַרעמט זיך בײ דער לעזשאַנקע, כּלומרשט געלערענט „עין־יעקב" פאַר די בעלי־מלאכות; אָדער זומער אין אַ פינסטערער שטאָל, בײ אַ שפּאַרינקעלע פון דער טיר; אָדער גאָר אונטערגע־קױפט געצעל דעם שמש, אַ איד אַ הױקער און אַ יאַדעשליװער דערצו, און פאַרשלאָסען זיך גאַנץ אױבען, אין דער װײבערשער שוהל, איבערגעקעהרט אַ סטענדער, מחילה, מיט'ן פּנים אַראָפּ, און װאָליי אין „סטאַרשי קאָזיר", אָדער אין „אײן־און־דרײסיג". אָדער אין „טערטעל־מערטעל"!

ריבה־לאה די גבאי'טע, זכרונה לברכה, זי איז שױן לאַנג אױף דער אמת'ער װעלט, האָט געפונען בײ זיך אײנמאָל אין

סטענדער א זאך — איז זי שיער ניט אנידערגעפאלען חלשות: ווער האט עס איהר געקאנט אונטערוואַרפען אזא זאך אין סטענ־דער אריין ?!...

איז זי ארויסגעלאפען אויף דער גאס, זיך געלאזט איבער דער שטאדט, און, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, גענומען שרייען:

— גוואלד, אידישע קינדער, ראטעוועט! גוואלד, איין אומ־גליק! א בלבול! קומט, וועל איך אייך עפּיס ווייזען, וועט איהר זעהען!

וואו איין אומגליק? און וואס פאר א בלבול? — האט מען ביי ריבה־לאה'ן נישט געקאנט דערגעהן בשום אופן.

— קומט, קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזען!

און אט אזוי האט זי, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, צונויפגעזאמעלט ארום זיך איין עולם, קיין עין־הרע, פונ'ם רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן, ביז די איבעריגע חשוב'ע בעלי־בתים פון שטאדט.

פארשטעהט זיך, אז מע האט דערזעהען, ריבה־לאה די גבאי'טע געהט און עס געהען איהר נאך דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן מיט נאך בעלי־בתים, האט שוין דער פּראסטער עולם אויך גענומען געהן זעהען, וואס טהוט זיך דארט. און ווייבער און יונגעלייט און יונגלעך זענען געווען אויך ציקאווע זעהען, וואס איז דארטען. און מע איז אוועק אלע מיט ריבה־לאה'ן — אין שוהל אריין. פריהער ריבה־לאה, דערנאך די שטאדט.

איהר קאנט אייך פארשטעלען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, וואס פאר א פּחד ס'איז געפאלען אויף דער שטאדט. אידען האבען געמיינט, אז ס'איז זיכער איין אומגליק: אדער א ממזר האט מען זיי אונטערגעווארפען, אדער א געהאנגענעם האט מען געפונען, אדער, חס־ושלום, איין עלילת־דם, אדער אזוי עפּיס א צרה אויף דער שטאדט...

ניט טוידט, ניט לעבעדיג, האָט מען אַרויפגעקלעטערט אויף דער ווייבערשער שוהל, ריבה־לאה די גבאי'טע אויף־צו־פריהער, דער רב מיט'ן דיין מיט'ן שוחט מיט'ן חזן נאָך איהר, און נאָך זיי דער איבעריגער עולם.

— וואו? וואו איז דער בלבול? — האָט דער עולם גע־פרעגט ביי ריבה־לאה דער גבאי'טע, זיך צוגעהערט, טאָמער וועלען זיי דערהערען אַ קול פונ'ם ממזר, אָדער דערזעהען הענגען אַ מענ־טשען, אָדער גאָר, חלילה, סימנים פון בלוט, וואָס שונאים האָבען אונטערגעוואָרפען, בכדי צו ברענגען איין אומגליק אויף דער שטאָדט.

און שטעלט אייך פאָר, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי איבערראַשט מען איז געוואָרען, אַז אַנשטאָט אַ לעבעדיגען ממזר און אַנשטאָט אַ געהאַנגענעם און אַנשטאָט בלוט, האָט מען דערזעהען אַ מאָדנע זאַך ביי ריבה־לאה דער גבאי'טע אין סטענ־דער: אַ גלח מיט אַ שוואַרצען צלם! און נישט נאָר איין גלח, נאָר צוויי גלחים מיט צוויי צלמים: איין גלח פון אויבען, דער אַנדערער גלח פון אונטען!...

אַלע האָבען זיך אַנגעבויגען, אַריינגעקוקט צו ריבה־לאה'ן אין סטענדער אריין: פריהער דער רב, דער דיין, דער שמש, דער חזן, דערנאָך די חשוב'ע בעלי־בתים, און דערנאָך שוין דער גאַנצער איבעריגער עולם, איינס נאָכ'ן אַנדערע. אַ קוק — און אַוועק. וואָרום נעמען צוריהרען זיך צו דעם מיט די הענט — דערויף איז קיינער קיין בעלן ניט געווען. אַ חוץ איין וועלוועל ראַמשע־וויטש, דעם חזנ'ס איידעם.

וועלוועל ראַמשעוויטש, אַז ער האָט נאָר אַ קוק געגעבען, איז ער געוואָרען מלא גדולה, האָט זיך צעלאַכט און אויסגערופען מיט אַ שמחה:

— ס'איז גאָרניט, ס'איז אַ געלעכטער. ס'איז דער מלך טרעף!...

— וואָס הייסט עס מלך טרעף?
— ס'איז אַ קאָרט פון די קאָרטען, אַ שפּיעל, וואָס מע שפּיעלט...
— ווי זשע קומט זי אַהער, אין דער ווייבערשער שוהל, ביי ריבה־לאה דער גבאי'טע אין סטענדער? איז איין מאָל אוועק, והשנית, פון וואַנען וויסט דו, דעם חזנ'ס איידעם, וואָס איז אַזעלכעס אַ קאָרט? און אַז זי הייסט מלך טרעף? און אַז דאָס איז אַ שפּיעל, וואָס מע שפּיעלט?...
אודאי האָט מיין ווערלוועל דערזעהען נעבאַך, אַז ער איז דאָ מיאוס אַריינגעפאַלען, איז ער געוואָרען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַלערליי קאָלירען און האָט גענומען בעלעבעטשען מיט דער צונג „בע“ און „מע“, אַהין, אַהער, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט, — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז...
נאָר נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען. דאָס איז אַ חוץ אַ מעשה, וואָס מיר לעגען־אָפּ אויף איין אַנדערש מאָל. עס איז נישט מעהר, ווי אַ מאמר המוסגר, ווי עס רופט זיך, אַ מין אַריינפאָהר צו אונזער געשיכטע פון די „קנאָרטען“. איך האָב אייך נאָר געוואָלט ווייזען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי ווייט קאָרטען זענען אַמאָל געווען טרפה און ווי ווייט מע פלעגט זיך דאַרפען מיט זיי היטען.
איין וואָך אין יאָהר איז נאָר געווען אַ גליקליכע, וואָס דער־מאָלט האָט מען געקאָנט ביי אונז שפּיעלען אין קאָרטען פראַנק און פריי, בפרהסיה.
דאָס איז געווען די וואָך פון חנוכה.
און וויבאַלד מע שמועסט פון „פרייהייט“, איז דאָך ניט שייך! האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען אַ גאַנצע חברה יונגעלייט, איינס און איינס, טאָקי ביי ווערלוועל ראַמשעוויטש אין שטוב. ער איז שוין דערמאָלט געווען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אַ חברה־מאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעשערען באָרד און פאות דוקא אום ספירה־צייט, געררויכערט שבת אַ פּאַפּיראָס דוקא אויפ'ן גאַנ

נעק, און געגעסען אַ גוויישען קאַלבאַס דוקא אין די נייען טעג —
און רופט מיך קנאַקניסעל!

און זיין ווייב, חיה'לע, דעם חז"ס טאָכטער, האָט זיך מיישב
געווען און האָט אַראָפּגעוואָרפען דעם פּאַריק און געבליבען אין
איהרע אייגענע דוקא געלע האָר, און האָט באַשאָטען מיט פּודער
איהר דוקא געשטופּעלט פּנים, און טאָג ווי נאַכט מיט יונגעלייט:
האַ־האַ־האַ און האַ־האַ־האַ, באַווייזען אַלעמען דוקא איהרע שוואַרצע
ציינער.

„דאָס קלייזעל" — אַזוי האָט געהייסען ביי אונז ראַמשעע־
וויטש'עס שטוב — איז געווען אָפען פאַר אַלע יונגעלייט פון
שטאָדט. דאָרט האָט מען געקאָנט לייענען אַ בלאַט־צייטונג, אַ
פּסול'דיג ביכעל, רויכערען שבת אַ פּאַפּיראָס, אין אַ תענית זיך
טריף מאַכען מיט אַ קאַלבאַס — און דער עיקר חאַפּען אַ קערטעל.

קאָרטען האָבען זיי ביידע ליעב געהאַט, אי ער, אי זי; זי
נאָך מעהר, ווי ער. זי האָט געברענט, געווען אש־להבה! אַ סברה,
אַז זיי האָבען געלעבט דערפון... מחמת זי האָט כסדר געהאַלטען
אין איין געווינען. ס'איז איהר געגאַנגען די קאָרט, און איין עק!
שטענדיג איז ביי איהר געווען טריומף. אַלע מאָל די בעסטע
קאָרטען, אַלעמען האָט זי געשלאָגען, און געהט טהוט איהר עפּיס!

אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס הייסט איין איי־
רעמעל אויף קעסט, באַדאַרף איך אייך זאָגען, אַז צוליעב איהר,
צוליעב אָט דער חיה'לע מיט די רויטע האָר און געשטופּעלטען
פּנים, האָט ניט איין איידעמעל, וואָס איז געזעסען אויף קעסט,
פאַרשפּיעלט דאָס גאַנצע נדן מיט'ן ווייב'ס פּערעל און געמאַכט
דעם שוועהר פאַר איין אָנזעצער.

מיט איינעם אַזאַ איין איידעמעל האָט זי אָפּגעשפּיעלט איינ־
מאָל אַ גאַנצען ווינטער אין אַקע אין געבראַכט דערצו, ער זאָל
זיך גט'ען מיט'ן ווייב — אַ בילד, אַ קראַסאַוויצע — און אַריבער
צו איהר אויף קעסט... איז געוואָרען אין שטאָדט אַ ויצעקו! וואָס
זאָל איך אייך זאָגען? חושך ואפלה!...

נאר דאס געהער זיך נאך אויך נישט אן מיט אונזער גע־שיכטע פון די „קנארטען“. נישט מעהר איך בין צוגעטראטען צום סאמע רעכטען ארט, וואו די מעשה האט זיך געטראפען. דאס הייסט, די געשיכטע, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, איז פאר־געקומען טאקי אין דעם „קלייזעל“, וואס איך זאג אייך, — ביי די ראמשעוויטשעס אין שטוב, און געווען איז דאס דעם ערשטען טאג חנוכה.

זענען מיר, אלזא, געזעסען דעם ערשטען טאג חנוכה אין „קלייזעל“ ביי די ראמשעוויטשעס און געשפיעלט, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, אין אונזער כשר'ען אידישען שפיעל — אין אקע.

און געשפיעלט האבען מיר דארטען, דארפט איהר וויסען, כּתות'ווייז, פארטיעסווייז. איין פארטיע האט אפגעשפיעלט, די אנדערע האט זיך געזעצט שפיעלען. אלע מאל אזוי. ווער ס'האט געשפיעלט אין דער פריה, ווער — ביימאג, און ווער — אויף דער נאכט. און מיט יעדער קאמפאניע האט געשפיעלט איינער פון די ראמשעוויטשעס. אמאל ער, און אמאל זי, און אמאל זיי ביידע. ביינאכט, אז ער איז געשלאפען, האט זי געשפיעלט, און אז זי איז געשלאפען, האט ער געשפיעלט. און אמאל האט זיך געמאכט, אז זיי זענען א נאכט און צוויי נעכט און דריי נעכט ביידע נישט געשלאפען, ביידע געשפיעלט. סיידען אויף א האלבע שעה אפגעטראטען אויף א זייט און צווישען איין קאהן און דעם אנדערען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, אנגעשפארט זיך און געחאפט א דרימעל...

צושפארען זיך און חאפען א דרימעל — דאס האט געקאנט יעדערער פון די געסט אויך. ווער עס האט פארחאפט פריהער איין ארט אויף צו צושפארען זיך — דער האט געחאפט א דרימעל.

דאס אייגענע איז געווען אויך מיט'ן עסען. אויפ'ן טיש איז תמיד געשטאנען א פלעשעל מיט א גלעזעל, אלערליי געזאלצענס און אנגעשניטענער קאלבאס, און, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, איז כל דכפין — ווער עס וויל, דער קאן געהן עסען.

פאַרשטעהט זיך, אז דאָס אַלסדינג איז געווען על חשבון הקאַרטען. פון יעדען קאָהן האָט מען אָראָפּגענומען אַלע מאָל „מויד־געלט“, פאַר דער מויד הייסט עס, האָטש אין „קלייזעל“ איז נישט געווען קיין שום מויד. די ראַמשעוויטשעס האָבען זיך ניט גענויטיגט אין קיין דיענסט. קיין מאָלצייטען האָט מען נישט געקאָכט, קיין בעטען נישט געבעט, די שטוב נישט געקעהרט. ס'איז נישט געווען קיין צייט דערויף. היינט צו וואָס א מויד? פון דעסטוועגען האָבען די ראַמשעוויטשעס נישט דורכגעלאָזט קיין שפּיעל אָהן „מויד־געלט“. אַלע האָבען געוואוסט, אז דאָס געהט אויף דירה־געלט, אויף הייצונג, אויף קאַרטען און אויף פאַר־בייסען. לעבעדיגע מענטשען. א לעבעדיגער מענטש דאַרף עסען. דערפון קאָנט איהר שוין פאַרשטעהן, אויב איהר האָט אין דעם א געפיהל, אז עסען און טרינקען האָט איהר דאָרט געקאָנט ווען און וויפיעל אייער האַרץ גלוסט...

דאָס זעלבע אויך מיט פּאַפּיראָסען. גאַנצע קאַסטענס מיט פּאַפּיראָסען — און ווער עס האָט געהאַט גאַט אין האַרצען, דער האָט געבלאָזען. און מעהר פון אַלע האָבען געדרויבערט די ראַמ־שעוויטשעס אַליין, ער און זי, זי נאָך מעהר פון איהם. איך קאָן מיר גאַרנישט פאַרשטעלען חיה'לע ראַמשעוויטש אָהן א פּאַפּיראָס אין מויל. דערצו דאָס אָנגעפּודערטע געשטופּעלטע פּנים מיט די נישט־פאַרקעמטע רויטע האָר, מיט די נישט־דערשלאָפענע אונ־טערגעשוואָלענע אויגען, און דער שטענדיג בלויער רויך, וואָס אין שטוב, מיט'ן טומעל, מיט'ן הו־האַ, — אָט דאָס אַלץ אינאיינעם, אויב איהר האָט אין דעם א געפיהל, קאָנט איהר זיך פאַרשטעלען, ווי דאָס „קלייזעל“ האָט אויסגעזעהען חנוכּה, ווען מע קאָן שפּיעלען אין קאַרטען פראַנק און פריי און מע דאַרף זיך נישט באַהאַלטען און נישט מורא האָבען פאַר א גוט אויג...

איך בין יענעם טאָג געווען פון דער דריטער אשמורה, דאָס הייסט, פון דער קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך געזעצט שפּיעלען דעם ערשטען טאָג חנוכּה אויף דער נאַכט, צום צווייטען ליכטעל, און

נישט אויפגעשטאַנען פון טיש, ביז מע האָט באַראַפט אַנצינדען דאָס דריטע ליכטעל, און אַ ביסעל ווייטער...

געבענטשט חנוכה־ליכטלעך האָט נישט דער בעל־הבית, וועל־וועל ראַמשעוויטש, חלילה, נאָר איינער פון די געסט: אַלי ראַ־פאַלסקי, אַ יונגערמאַן אַ צאַצקע, איין איידעם אויף קעסט, וואָס האָט ליעב אַ קערטעל. נאָר פון אידישקייט אָפּטרעטען — דאָס ניט. און די ראַמשעוויטשעס האָבען געהאַט זעהר אַ וואוילע טבע: ס'איז נישט זייער עסק. איהר מעגט אייך זיין וואָס איז דער קאָרט, אָדער, פאַרקעהרט, איהר קאָנט אייך זיין פרום, ווי זיעבען שדים — אַבי איהר האָט אין קעשענע און שפּיעלט אין אָקע און ס'איז דאָ נאָך פּלאַץ אויף נאָך אַ האַנט, — איז ברוכים הבאים, מיט'ן גרעסטען כבוד! אַזוי פיעל מכות מיינע שונאים און אַזוי פיעל גליקליכע יאָהר מיר, וויפיעל מאָל עס האָט זיך גע־מאַכט, מיר האָבען אָפּגעשפּיעלט מיט מענטשען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפּיהל, פינף נעכט מיט פינף טעג דורכאַנאַנד און זיך צעגאַנגען און נישט געוואוסט, ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען און פון וואַנען זיי זענען און וואוהין זייער געביין איז אַהינגע־קומען. אַ קאָרט איז נישט קיין שידוך. מע קאָן זיך זעהר שען שפּיעלען אין אָקע „בלינד“ און נישט וויסען יענעמ'ס יחוס.

אַלזאָ, זענען מיר געזעסען און געשפּיעלט אין אָקע. פאַר־טיעפט אין דער אַרבייט אַזוי שטאַרק, אַז מיר האָבען גאָר ניט באַמערקט, ווי עס זענען אַריינגעקומען צוויי פאַרשוינען, נאָר אַזעלכע מאָדנע און נישט קיין געוועהנליכע, אַז ווי נאָר מיר האָ־בען דערהערט זייער „גוט יום־טוב“ און אויפגעהויבען אויף זיי די אויגען, זענען מיר אַלע געבליבען, ווי געפּלעפּט, אָהן הענט און אָהן לשון.

ווילט איהר דאָך וויסען, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מין פאַרשוינען אַזעלכע, וואָס מע דאַרף זיך פאַר זיי דערשרעקען? וועל איך אייך זיי אָפּמאָהלען, ווי ווייט מעגליך, אין קורצען.

איינער אַ איד אַ הויכער, אַ לאַנגער, אַ שמאָלער, אין אַ זייד־
דענער זשופּעצע; פּאות — לאַנגע, שמאָלע, פלעכטעלדיגע, ביז׳ן
גאַרטעל; אויפ׳ן קאָפּ אַ שטריימעל; און אַ באָרד מיט אַ פּאָר
וואָנסעם אַזעלכע, וואָס אַז מע באַגעגנט זיך מיט אַזאַ נפש ביי־
נאַכט אין דער פינסטער, אין אַ שמאָל געסעל — מעג מען לייענען
קריאת־שמע.

דער אַנדערער — דוקא אַ נידעריגער און דוקא אַ גראָבער,
אויך מיט לאַנגע פּאות און אויך מיט מאָדנע באָרד און וואָנסעס,
נאָר נישט אַזוי מסוכן, ווי דער ערשטער. אין איין האַנט האַלט
ער אַ לאַנטערן, אין דער אַנדערער — אַ פּעטשיילע מיט געלט.

דערזעהענו, אַז מיר האָבען זיך פאַר זיי ווי דערשראָקען, האָט
דער הויכער דער לאַנגער מיט די פלעכטעלדיגע פּאות אַרויסגע־
לאָזט אַ שמייכעלע פון די וואָנסעס און אַ זאָג געגעבען נאָך אַ
מאָל:

— אַ גוט יום־טוב אייך, ליעבע אידען. מיר זענען געקומען
צו אייך גוט יום־טוב בעטען לכבוד חנוכה.

דערביי האָט ער געגעבען אַ קוק אויף די חנוכה־ליכטלעך,
דערנאָך אויפ׳ן טישעל מיט די קאָרטען און אַרויסגעלאָזט אַ טיע־
פען זיפץ. באַלד נאָך איהם האָט דער צווייטער, דער גראָבער,
אויך געגעבען אַ זיפץ. ביידע האָבען געזוכט מיט די אויגען איין
אָרט אויף צוצוזעצען זיך.

גוט, וואָס דער בעל־הבית, ראַמשעוויטש, האָט זיך געכאַפּט,
אַז מע באַדאַרף זיין העפליך. האָט ער זיך געגעבען אַ הויב־אויף
פונ׳ם אָרט, אָפּגעגעבען די אַריינגעקומענע שלום־עליכם, אָנגעוויזען
זיי, וואו צו זעצען זיך, און באַלד נאָך איהם האָבען מיר אַלע
שוין געפונען פאַר נויטיג אָפּגעבען זיי שלום, איטליכער באַזונדער.
ווער מיט אַ קוועטש ביי דער האַנט, און ווער גלאַט מיט אַ שאָקעל
דעם קאָפּ צו זיי פון דער ווייטען.

אַנידערגעזעצט זיך, האָבען זיי ביידע ווידער איבערגעקוקט
זיך און אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ. און דער בעל־הבית האָט גע־

פונעז פאר נויטיג א פרעג צו טהון ביי זיי: מה שמכם? פון וואַ־נעז? וואוהין? און וואס? און ווען? — ווי געוועהנליך.

האט אפגעענטפערט דער לאנגער און דער שמאלער מיט א שפראך, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, פון שמן־זית. פאַ־וואלינקע, געצעהלטע ווערטער, און מיט א צוקערדיג זים שמיי־כעלע פון די מורא'דיגע וואנסעם ארוים. עס האט אויסגעזעהען, אז ניט ער רעדט, נאר ער בענטשט און זופט עפים בעת־מעשה.

— איך בין, מיינע ליעבע אידען, דעם בעל־שם־טוב'ם אייניקעל, און געה ארום כל ימי איבער דער וועלט און ריכט־אפּ גלות און זאמעל געלט אויף ישיבות דא, אין חוץ־לארץ, און דארט, אינ'ם לאנד פון אונזערע אבות — אך־אך־אך! און דאס איז מיין גבאי, וואס געהט מיט מיר. — האט ער אנגעוויזען מיט די אויגען אויפ'ן גראבען, און ביידע האבען ארויסגעלאזט א טיעפען זיפץ. — אונזער גאנץ לעבען האבען מיר אוועקגעגעבען פאר ישיבות, גאט'ס תורה זאל חלילה ניט פארגעסען ווערען — אך־אך־אך! גיט, אי־דען, א נדבה, וויפיעל אייער הארץ פארטראגט... אחד המרבה ואחד הממעיט... — האט אויסגעלאזט דעם בעל־שם־טוב'ם אייניקעל מיט א גלאנץ די אויגען ארויף און מיט א פסוק, און דער גבאי האט איהם אונטערגעהאפּט אויך מיט א פסוק: „וכל המרבה מרבין לו מן השמים", פארגלאנצט די אויגען ארויף און געגעבען א לעג־אוועק די פעטשיילע מיט געלט אויפ'ן טיש מיט א קלונג. די פעטשיילע האט זיך אויפגעבונדען און פון דארט האבען ארויס־געקוקט א מאסע זילבערנע און אויך גאלדענע מטבעות.

געלט, זאגט מען, געהט צו געלט. ווייל אין דער פעטשיילע זענען געווען א סך זילבערנע און גאלדענע מטבעות, האבען מיר שוין ניט געקאנט זיין אזוי גראב און האבען אריינגעווארפען אין דער פעטשיילע אריין איטליכער פון זיין קעשענע, און בעת מעשה איז אונז אלעמען דורכגעפלויגען א מחשבה (איך ווייס פאר גע־ווים, אז אלעמען איז דורכגעפלויגען דער זעלבער געדאנק): „אך,

ווען איך האָב דאָ ביי'ם טיש אַט די פּעטשיילע מיט געלט !... וואָס פאַר אַ ספּעקטאַקעל וואָלט איך אָפּגעשפּיעלט !"...

ביי אונזער בעל־הבית'טע, חיה'לע ראַמשעוויטש, האָבען זיך אָזש די אויגלעך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אָנגעצונדען און צעבּרענט. דאָס האָבען באַמערקט אַלע, אפילו דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל מיט'ן גבאי, וועלכע האָבען זיך ניט געאיילט צו־צונעמען די פּעטשיילע פונ'ם טיש. זיי זענען געזעסען ביידע אָראָפּגעלאָזט די הענט און עפּיס מאָדנע אַריינגעקוקט אין די קאָר־טען, וואָס זענען געלעגען צעוואָרפען איבער'ן טיש. עס איז געווען קענטליך, אַז זיי זעהען דאָס צום ערשטען מאָל אויף זייער לעבען.

— האָט קיין פאַראיבּעל ניט, וואָס איך וועל אייך פרעגען, אפשר שטעהרען מיר אייך ? — אַזוי רופט זיך אָן דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין צוקער־זיס שמייכעלע, אָנווייזענדיג מיט'ן מינדסטען פינגער אויף די צעוואָר־פענע קאָרטען. — וואָס איז דאָס אַזעלכעס אַט אַ דאָס אַ ?

— קאָרטען. — ענטפערען איהם ביידע מיט אַ מאָל, דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע, קוקען זיך איבער מיט אונז, ווי איינער רעדט : „פאַרהאַן נאָך, אַפּנים, אַזעלכע ווילדע מענטשען אויף דער וועלט, וואָס ווייסען ניט פון קאָרטען צו זאָגען"...

דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט צוגעמאַכט איין אויג, פאַרקנייטשט דעם שטערן מיט דער נאָז, אויסגעדרעהט דאָס פּנים צום גבאי און אַ זאָג געגעבען מיט אַ זיפצעל :

— קנאָרטען ?...

— קנאַרטען ! — האָט איהם אָפּגעענטפערט דער גבאי, אויך מיט אַ זיפצעל.

— נישט קיין קנאַרטען, נאָר קאָרטען ! — האָט זיך חיה'לע ראַמשעוויטש איינגעשטעלט צו פאַרריכטען, ניט אַראָפּלאָזענדיג קיין אויג פון דער פּעטשיילע מיט געלט.

פאַרשטעהט זיך, אַז נישט דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל און נישט דער גבאי האָבען נישט אָפּגעענטפערט דער בעל־הבית'טע,

און אפילו איהר נישט געשענקט קיין קוק פון זייערע ווייכע, שמייכ־לענדיגע, קלוגע אויגען — אזעלכע אידען, אויב איהר האט אין דעם א געפיהל, קוקען נישט אויף א נקבה.

— זאגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואס איך וועל אייך פרעגען, אויב מיר שטעהרען אייך נישט — מאכט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל ווידער א מאל צום בעל־הבית: — וואס איז דאס אזעלכעס קנארטען? און אויף וואס דארף מען דאס? דאס הייסט, איך מיין, וואס טהוט מען מיט דעם?

— מע שפיעלט — ענטפערט איהם ראמשעוויטש — אז עס קומט חנוכה, שפיעלט מען אין קארטען.

דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל האט ווידער צוגעמאכט איין אויג, און ווידער אויסגעדרעהט פאוואלינקע דאס פנים צום גבאי און א זאג געגעבען מיט א זיפצעל:

— חנוכה שפיעלט מען ביי זיי אין קנארטען. אד־אד־אד!...

— אין קנארטען! — חזר׳ט־איבער דער גבאי מיט׳ן אייגע־נעם זיפצעל.

— וואס זשע הייסט עס? — רופט זיך אן דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל ווידער א מאל צום בעל־הבית, לאנגזאם, מיט זיין שמן־זית־לשון. — ווי אזוי שפיעלט מען דאס אין קנארטען? און צוליעב וואס?

— צוליעב געלט. — ענטפערט איהם ראמשעוויטש, קוקט אויף אונז און אויף דער פעטשיילע מיט געלט.

אפנים, דער ענטפער „צוליעב געלט" האט אויסגעוויזען ביי ביידע געסט שטארק ווילד און משונה אומגעלומפערט, ווארום זיי האבען ביידע אין איין צייט אויסגעדרעהט זיך איינס צום אנדערען און אוועקגעשטעלט אזעלכע מאדנע פנימ׳ער, אז דער עולם, וואס האט די גאנצע צייט געשטיקט זיך, האט נישט געקאנט מעהר איינהאלטען זיך און אויסגעשאסען א געלעכטער.

— וואס איז דא צו לאכען? — האט זיך די בעל־הבית׳טע אנגענומען זייער קריוודע, פארוויכערט א פאפיראס נאר צוליעב

דעם, מע זאָל נישט זעהען, ווי זי לאַכט. און דער בעל־הבית, וועל־וועל ראַמשעוויטש, איז איהר געקומען צו הילף און געגעבען צו פאַרשטעהן די דאָזיגע אידען, קורץ און שאַרף, דעם שׂכל פון קאַרטען, אַז קאַרטען איז אַ „זאַבאַווע“ אויף צו פאַרברענגען די צייט, און אַ מיטעל אויף צו מאַכען געלט. קורץ — קאַרטען איז אַ געשעפט. אַ געשעפט, ווי אַלע געשעפטען.

אַזוי האָט אויסגעלאָזט וועלוועל דעם חזנ׳ס איידעם און אַ נעם געטהאָן זיך צו די קאַרטען און אַ קוק געגעבען אויפ׳ן עולם, בכדי צו באַווייזען די „דעקוטשליווע“ אידען, אַז מע איז פאַר־טהאָן אין געשעפט, און אַז ס׳איז קורץ די צייט, און אַז זיי מעגען שוין אויפשטעהן, אויפהערען דרעהען אַ מוח און געהן געזונטער־הייט.

די אידען האָבען אָבער, ווי עס ווייזט אויס, נישט אין זינען געהאַט אפילו אויפצושטעהן און אַוועקצוגעהן. אדרבה, זיי האָבען זיך, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, נאָך מעהר צוגערוקט צום טיש און געקוקט, ווי דער בעל־הבית טאַשט קאַרטען, מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געריכט, אַז דאָ וועט אַרויס־שפּרינגען מי יודע וואָס פאַר אַ וואונדער!

— אויב מיר שטעהרען אייך נישט... — האָט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל אַ זאָג געגעבען צו אונז אַלעמען מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין זיס שמייכעלע.

— איהר ווילט אַנקוקען, ווי מע שפּיעלט אין קאַרטען? — האָט איהם אונטערגעכאַפּט וועלוועל ראַמשעוויטש. — קוקט, איהר וועט אונז נישט קאַליע מאַכען... נו? קינדער! צו דער אַרבייט! די נאַכט שטעהט נישט! ווער איז ערשטע האַנט?

און די איבערגעריסענע אַרבייט איז אַוועק, ווי פריהער, און נאָך מיט מעהר פרישקייט, מיט מעהר היץ, מיט כּונה, מיט קאָפּ, און טאַקי ווי עס רופט זיך: „לשמה“!...

די אידען האָבען נאָר געקוקט אונז אַלעמען אין די אויגען אַריין, זיך צוגעהערט צו אונזער שפּראַך און געכאַפּט אַ קוק אויך

צו אַלעמען אין די קאָרטען, און אַלע מאָל, ווען מיר האָבען פאַר־וואַלינקע, ביסלעכווייז, אויב איהר האָט אין דעם אַ גנפּיהל, אַריינ־געקוקט אין דער איבערגעדרעקטער קאָרט, האָבען אויך אונזערע צוויי אידען זיך איינגעבויגען אין דרייען און אַריינגעקוקט פון אונטען אַרויף אָדער פון אויבען אַראָפּ, און געמאַכט בשעת מעשה אַזעלכע גרימאַסען, אַז מע האָט בּאַדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, מע זאָל נישט פּלאַצען פון געלעכטער. אַ גליק, וואָס מע איז געווען אַריינגעטהאָן איטליכער אין זיין קאָרט, און קאָרטען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָבען אין זיך אַ כח, אַז סיידען ערדציטערניש קאָן אַ מאָל שטעהרען.

איך האָב מורא, אַז איך בין געווען דער איינציגער, וואָס איך האָב זיי געהאַט, ווי מע רופט דאָס, אויפ׳ן אויג. איך האָב פון ציימ צו צייט געחאַפּט אַ קוק אויף מיינע צוויי אידען. עס איז מעהר ווי זיכער, אַז נישט זיי, נאָר מיר זעהען־אויס ביי זיי ווי ווילדע מענטשען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַ ווילדער מלאכה, רעדען אויף אַ ווילדער שפּראַך און שהרען זיך, ווי ווילדע מענ־טשען: זיצען אָהן היטלען, בלאָזען פּאַפּיראָסען, בייטען זיך מיט פּאַפּיערלעך, וואַרפען געלט אין טעלער אַריין און רעדען זיך דורך מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס קאָנען אויסזעהען, ווי טערקיש. וואָ־רום ווער איז דאָס מחויב צו פאַרשטעהן, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, וואָס הייסט „פּאַס", „קווענץ", „שראַגע", „וויזאַ", „נאַראַש", „שקצים", „שיקסעס", „אויבער", „מלכה", „מלך", „טויז", ובדומה אַזעלכע דבורים, וואָס זענען שייך צו קאָרטען־שפּראַך?...

איך קאָן אייך שווערען בהן שלי, אַז מיר אַלע האָבען שוין געהאַט כמעט פאַרגעסען אָן די צוויי אידען. פּלוצים טהוט עמי־צער אַ פּאַטש מיט אַ ווייסער האַנט איבער דער טאַש מיט קאָרטען אויפ׳ן טיש און אַ זאָג:

— שאַט, אידען! מיר ווייסען שוין! מיר האָבען געחאַפּט דעם שניט! ס׳איז אַ יצר־הרע! אַ גוואַלדיגער יצר־הרע, אַ קליפּה,

רחמנא לצלן! טהוט אונז צוליעב, גיט אונז אויך! ס'איז א יצר־הרע, א קליפה! אוי, א קליפה! גאָט וועט אונז מוחל זיין! זינ־דיגע מענטשען! זעהט, גיט אונז אויך! מיר ווילען אויך פאַר־זוכען דעם טעם פון קנאַרטען!

דאָס זענען געווען דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל'ס ווערטער. געזאָגט זענען זיי געוואָרען מיט אַזא ציטערדיג קול און מיט אַזוי פיעל פייער און מיט אַזא רחמנות־פנים, כמעט מיט טרערען אין די אויגען, אַז, ממש, עס האָט אויסגעריסען א שטיק האַרץ! און דערצו האָט מיטגעהאָלפען, אויב איהר האָט אין דעם א געפיהל, די פעטשיילע מיט זילבער און גאָלד... איטליכען האָט זיך געוואָלט (איך בין איבערצייגט, אַז איטליכען!), אַז די דאָזיגע פעטשיילע מיט זילבער און גאָלד זאָל אַריבערגעהן צו איהם... ביי אונזער חיה'לע ראַמשעוויטש האָבען זיך אַזש די אויגען אָנגעצונדען און די בעקלעך צעפלאַמט, און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהר מאַן, וואָס איז געבליבען, ווי געלעהמט, און צו אונז אַלעמען:

— אידען בעטען... וואָס וועט אייך אַהרען?... טהוט זיי צו־ליעב... לאָמיר זיי געבען קאָרטען צוליעב יום־טוב! צוליעב חנוכה! — האָט זי צוגעגעבען מיט א שמחה, וואָס ס'איז איהר געקומען אויפ'ן זינען דער געדאַנק, אַז היינט איז יום־טוב, חנוכה, און די אויגען איהרע, אויב איהר האָט אין דעם א געפיהל, האָבען זיך איינגעקוקט שטאַרק אין דער פעטשיילע מיט געלט, וואָס דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט דערווייל צוגערוקט צו זיך און גע־נומען מיט טרייסלענדיגע הענט און ציטערדיגע פינגער אַרויס־ציהען פון דאָרט א מטבע נאָך א מטבע, פריהער זיך, דערנאָך דעם גבאי, אָנגעלעגט א גאַנץ קופקעלע מיט געלט, צוויי קופקעלעך, איין קופקעלע זיך, דאָס אַנדערע — דעם גבאי, און בעת מעשה פאַר־ענטפערט זיך, גערעדט צו זיך אַליין:

— נישקשה! מיר האָבען א שטאַרקען גאָט!... ממה נפשך, וועלען מיר געווינען, וועלען די ישיבות האָבען נאָך געלט... וועלען מיר, חלילה, פאַרשפּיעלען, וועט אונז גאָט מוחל זיין. ער איז איין

אל ארך־אפים! — האט ער אויסגעלאזט מיט א לשון־קודש־ווארט און מיט א גלאנץ די אויגען ארויף. און דער גבאי האט איהם אונטערגעחאפט אויך מיט א גלאנץ די אויגען ארויף און אויך מיט א לשון־קודש־ווארט:

— איין אל ארך אפים ורב חסד ואמת!...

דאס אלסדינג, וואס איך דערצעהל אייך, איז פארגעקומען אזוי פלוצים, אומגעריכט, אז קיינער פון אונז, אויב איהר האט איין דעם א געפיהל, האט קיין צייט נישט געהאט אפילו צו וואונדערען זיך, און עס האט אונז אויסגעוויזען אזוי נאטירליך, וואס נאטיר־ליכער קאן שוין גארניט זיין! און דערצו מוז מען מודה זיין, אז אלעמענ׳ס געדאנקען זענען געווען, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, אין דער פעטשיילע מיט זילבער און אלעמענ׳ס אויגען זענען געווען אויף די קופקעלער מיט געלט...

עס איז נאר געבליבען איין זאך אויף צו באשטימען: מי ומי ההולכים — ווער זאל שפיעלען? דאס הייסט, אזוי ווי עס זענען צוגעקומען פרישע צוויי פאר הענט, בלייבט א קשיה, ווער פון אונז זאל ארויספאלען פון קאהן?

פארשטעהט זיך, אויב איהר האט איין דעם א געפיהל, אז קיינער פון אונז האט קיין חשק נישט געהאט ארויסצופאלען פון קאהן ביי אזא געלעגענהייט צו שפיעלען אין אקע מיט׳ן בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל, וואס האט געבראכט מיט זיך אזא פעטשי־לע מיט געלט. און עס האט זיך אנגעהויבען א דינגעניש: „געה דו". „געה דו". „פאר וואס איך?" „פאר וואס ניט דו?"

דאס ערשטע כפרה־היהנדעל איז געווען דאס זיידענע איי־דעמעל, די צאצקע, וואס איך האב אייך געזאגט פריהער, אלי ראַ־פאלסקי, דער זעלבער, וואס האט געבענטשט חנוכה־ליכטלער פאר אונז אלעמען.

אויף איהם איז געפאלען דער גורל, וויל חיה׳לע ראמשע־וויטש האט אזוי געוואלט. זי האט געדרונגען, אז ער דארף געהן

אַהיים. שוין שפּעט. זיין שוועהר און שוויעגער וועלען האָבען טענות, מאַכען סקאַנדאַלען, לאָזען זיי געהן כּף־הקלע!

דאָס איז אָבער נאָר געווען לפּנים. אין דער אמת'ען, האָבען אַלע געוואוסט דעם סוד, אַז אַלי איז אַ פאַרשפּיעלטער. עס טאָגט שוין ביי איהם לאַנג אין געלט, און לייהען וויל איהם קיינער נישט: אין מיטען שפּיעלען לייהט מען נישט.

האָבען מיר שוין איינעם גע'פּטר'ט. וואָס זשע טהוט מען מיט'ן צווייטען? דאַרף מען וואַרפען גורל. ציהען קניפּלעך, ווי דער שטייגער איז. און צו וואָס זאָל איך אייך לאַנג מאריך זיין? מע האָט גענומען די צוויי אידען צו דער אַרבייט און מע האָט אָנגעהויבען ביי זיי אָפּציהען אַ קופּקעלע. אין דער פּעטשיילע איז געוואָרען אַלע מאָל וויניגער, און ביי אונז איז געוואָרען מעהרער. די אידען האָבען געברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך. עס האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז די פּעטשיילע זאָל זיך אָט־אָט אויסלעדיגען עד לפּ״ק און פונ'ם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל זאָל ווערען אַ גל של עצמות. עס איז שוין דורכגעפלויגען ביי אונז אַ מחשבה: וואָס וועט זיין, טאָמער בלייבען זיי אָהן אַ פּרוטה? וואָס וועט די שמאַרט זאָגען? וואָס וועט די וועלט זאָגען?...

נאָר אַ קאַרט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, האָט אין זיך אַ כּח, אַז אָט ליגט איהר אָרצה, אָט־אָט, דאַכט זיך, טראָגט מען אייך אַרויס אין אַ ליילעך; פּלוצים טהוט אַ שיין דאָס מזל און עס געהט אייך אַוועק דאָס בלאַט — איהר ווייסט אַליין נישט, ווי אַרום און פון וואַנען! אונזערע אידען האָט אָנגעהויבען צו געהן, ווי עס רעדט זיך, דורך טיר און דורך טויער! ובפרט פון דער מינוט אַן, ווען דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל האָט אַליין גע־נומען אויסטיילען קאַרטען. „מע באַדאַרף נעמען די סטרא־אחרא אין די הענט אַריין" — האָט ער געזאָגט, אויסטיילענדיג קאַרטען, פריהער פּאַוואָלייקע, האַרט ביי די ווענט, מיט נישט קיין געניטער, ציטערדיגער האַנט און עפּיס ווי צעטומעלט, מיט בלאַנזענדיגע אויגען, וועלכעס האָט אַרויסגערופען ביי אונז ־על ־מען נישט קיין

קליינעם געלעכטער. נאָר נאָכדעם, וואָס ווייטער־ווייטער, האָט ער אָנגעהויבן געבן קאָרטן אַלץ גיכער און בעסער, און איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עס האָט, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, געברענט ביי איהם אונטער די הענט — און געגאַנגען איז איהם מיט סכּנת־נפשות. וואָס איהר האָט — האָט ער מעהר: האָט איהר דריי אונטערס — האָט ער דריי אויבערס, האָט איהר מלכים — האָט ער טייז, האָט איהר טייז — האָט ער אַ נאַראַש! און טאָמער האָט איהר זיך איבערגעשראָקען און האָט זיך אוועק־געלעגט מיט אַ קווענץ — האָט ער שראַגע!

— רבותינו! — האָט זיך דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל אויפגעחאַפּט פון טיש שוין מיט'ן טאָג גלייך און אויסגעגלייכט זיך די ביינער, אַריינלעגענדיג דאָס גאַנצע געווינס מיט'ן אייגע־נעם געלט שוין נישט אין דער פּעטשיילע, נאָר אין אַלע קעשענעס אַריין, מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען אַרויף און מיט אַ זיפצעל, און דער גבאי נאָך איהם, אויך מיט אַ גלאַנץ מיט די אויגען אַרויף און אויך מיט אַ זיפצעל, געענדיגט פאַר איהם דעם פּסוק:

— הגיע זמן קריאת־שמע של שחרית — גרויסער טאָג, שוין צייט געהן אין שוהל אַריין דאַווענען...

פאַרטשאַדעטע, שלעפעריגע, הונגעריגע און דערשלאָגענע, אָנ־געבלאָזענע איינס אויפ'ס אַנדערע, ווי געוועהנליך פאַרשפּיעלטע, זענען מיר אַ ווײַלע געבליבען זיצען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, ווי אָפּגעשמיסענע. דערנאָך האָבען מיר זיך אויפגעהויבען אַלע און אַ לאָז געגעבען צום טיש — צום פלעשעל בראָנפען מיט'ן פאַרבייסען, — אויסער אונזערע צוויי אידען, וואָס זענען שוין גרייט געווען זיך לאָזען צו דער טיר אַוועקצוגעהן, נישט פאַר־געסען צו זוכען אַ מזוזה... האָט זיך פלוצים אויפגעחאַפּט דער בעל־הבית, וועלוועל ראַמשעוויטש, פאַרלאָפען זיי דעם וועג, אַוועק־געשטעלט זיך מיט צענומענע הענט ביי דער טיר און אַ זאָג גע־געבען צו זיי:

— בלאַטע ! איהר וועט ניט אַוועקגעהן פון מיין שטוב, ביז איהר וועט עפּים ניט נעמען מיט אונז אין מויל אַריין !...

קיין גרעסערע נקמה האַט טאַקי אונזער וועלוועל ניט געקאָנט צוטראַכטען. אונזערע אידען זענען נעבאַד געבליבען, אויב איהר האַט אין דעם אַ געפיהל, אין דער הינהערפּלעט, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי מע וואָלט זיי זאָגען, זיי זאָלען מוחל זיין אויסלעדיגען די קעשענעס און אָפּגעבען צוריק דאָס גאַנצע געווינס. דער ערשטער האָט זיך אָנגערופען דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל מיט זיין שמן־זית־לשון און מיט זיין צוקער־זים שמייכעלע :

— מיר דאַנקען אייך אודאי פאַר אייער גאַסטפריינדליכקייט. הכנסת־אורחים איז איינע פון די גרעסטע מצוות ביי אונז מן התורה... איהר דאַרפט אָבער נישט פאַרגעסען, אַז מיר זענען אַזעלכע אידען, וואָס נישט פון יעדער שחיטה עסען מיר...

דאָס האָט אונז שוין אַלעמען אויפגעטראָגען : אַזוי ? נישט פון יעדער שחיטה עסט איהר ? איהר האָט מורא, טאָמער איז ניט רעכט כשר ? און אין קאָרטען שפּיעלען — דאָס מעגט איהר ?... עס וועט אייך ניט העלפען קיין רבונו־של־עולם ! האָט איהר פאַר־זוכט איין אָקע מיט אַ באַנטשאָק, מוזט איהר שוין פאַרזוכען מיט אונז אַ... דאַרע קישקע !...

טוידט ווי די וואַנט זענען געבליבען שטעהן מיינע צוויי אי־רען און איבערגעקוקט זיך מיט מאָדנע אויגען. נאָכדעם האָט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל אַרויסגעלאָזט אַ טיפען זיפץ, כמעט אַ קרעכץ, און אָנגערופען זיך צו אונז מיט פאַרגלאַנצטע אויגען אַרויף :

— טאַ ! אויך די אייגענע מעשה. ערשטענס, ביי אידען אין שטוב... אַ אידען טאָר מען נישט חושד זיין... והשנית, טאָמער אפילו איז, חלילה וחס, נישט אַזוי רעכט כשר, איז דאָך ממה־נפשך... מיר האָבען אַ גרויסען גאָט... „אלמלי נגדוה לחנניה מישאל ועזריה, פלחו לצלמא“...

אזוי האָט אויסגעלאָזט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל און מיט צנועה׳דיגע טריט זיך געלאָזט צום טיש, וואו די בעל־הבית׳טע, חיה׳לע ראַמשעוויטש, האָט גענומען צוגרייטען קילקעס, הערינג און קאַלבאַס.

— לחיים, אידען, לחיים! — האָט דעם בעל־שם־טוב׳ס אייניקעל געזאָגט ווידער מיט אַ זיפץ און געטרונקען צו אונז אַלעמען לחיים, קוים־קוים באַנעצט די ליפען און גענומען זיך מיט ציטערענדיגע פינגער צום פאַרבייסען, פריהער צו די קילקעס מיט׳ן הערינג, דערנאָך צום קאַלבאַס. דאָס אייגענע האָט געטהאָן אויך דער גבאי, און ביידע האָבען זיי נעבאָך געזיפצט, שיער ניט געוואָרגען זיך מיט יעדען ביסען. און ערשט, אַז מע האָט אָפּגעגעסען, האָט זיך וועלוועל איין זיי נוקם געווען אויף דעם רעכטען אמת; ער האָט זיך מיישב געווען און רופט זיך אָן צו זיי גאָר אָהן אַ שום רחמנות, ווי איין אמת׳ער גזלן:

— ווייסט איהר האָטש, אַז דאָס וואָס איהר האָט געגעסען, האָט איהר געגעסען פון איוואַנ׳ס שחיטה? ווייסט איהר האָטש, אַז די דאָזיגע דאַרע קישקע איז איין אמת׳ער גויישער קאַלבאַס פון ח...

מעהר האָט וועלוועל נישט געקאָנט אַרויסרעדען, ווייל ביידע אידען האָבען זיך גע:עבען אַ חאַפּ ביי׳ם קאָפּ און פייל אוים׳ן בויגען זיך אַ לאָז געגעבען מיט איין אימפּעט צו דער טיר און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפּיהל, אוועק, ווי אַ שטורעמווינט, אפילו אָהן אַ זיי געזונט!

די נקמה, וואָס מיר האָבען דערלעבט אין די צוויי אידען, איז געווען אַזוי ג:ויס, אַז מיר האָבען שוין כמעט גאָר פאַרגעסען, אַז מיר זענען באַגראַבען געוואָרען אין דער דאָזיגער נאַכט נייען איילען, און האָבען זיך געחאַפּט ביי די זייטען און האָבען, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפּיהל, גענומען לאַכען, האָבען מיר געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט... נאָר פּלוצים האָבען מיר דערהערט אַ געשריי ניט מיט קיין מענטשליך קול:

— אוי! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען!! זעהט נאַר, זעהט!! איך וועל עס ניט אויס־האַלטען!!!

. . . .

דאָס קול האָט געהערט צו חיה'לע ראַמשעוויטש. מיר האָבען גאָרניט באַמערקט, ווי זי האָט זיך נאָכ'ן צובייסען גענומען צו איהר אַרבייט. זי האָט געהאַלטען ביי צונויפנעמען די אָפּגעשפּיעלטע קאָרטען אויף צו פּאַרקויפען זיי נאָכדעם אין קלייטעל אַריין, אָדער אויסבייטען זיי אויף נייע קאָרטען. ביי'ם סאָרטירען די קאָרטען האָט זיך איהר געוואָרפען אין די אויגען אַריין עפּיס צופיעל טייז, צו זעכס־זיבּען טייז אין אַ טאַליע!

מיר האָבען זיך אַלע געגעבען אַ נעם צו די קאָרטען, און, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, אויפגעדעקט איין אוצר ניט נאָר פון טייז, נאָר אויך איבעריגע מלכים און מלכות און אויבערס און גלאַט געפּינטעלטע קאָרטען האָבען זיך אַרויסבאַוויזען אָהן אַ שיעור!

דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבען פאַרגענומען: אָנשטאָט אהיים, האָבען מיר זיך צעלאָזט איבער אַלע שוהלען און בתי־מדרשים, נאָכגעקוקט, נאָכגעשמעקט און נאָכגעפרעגט זיך אויף אַ בעל־שם־טוב'ס איין אייניקעל מיט אַ גבאי. לאָזט זיך אויס, מן הסתם, אַז קיינער האָט נישט געזעהן און קיינער האָט נישט געהערט, נישט קיין אייניקעל, נישט קיין גבאי!

זענען מיר געפאַלען אויף איין עצה: לאָמיר געהן צו דער באַהן! געקומען אויפ'ן וואָקזאַל, געזוכט, געשמעקט, דורכגעגאַנגען דריי מאָל הין און צוריק אַלע וואַגאָנעס — נישטאָ קיין אייניקעל, נישטאָ קיין גבאי. טאַקי נאָר ווי אין דער ערד אַריין!

ערשט נאָכ'ן דריטען גלעקעל און נאָכ'ן לעצטען פייף האָבען מיר דערהערט פון אַ וואַגאָן אַרויס אַ קענטליכע שטימע:

— קנאָרטען!!...

מיר אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געגעבען און גענומען קוקען. פון איין אָפענעם פענסטער פון וואַגאָן צווייטער קלאַס האָבען ארויסגעקוקט צו אונז צוויי פיגורען. איינע אַ לאַנגע און אַ שמאָלע, די אַנדערע אַ קורצע און אַ גראָבע. נאָר ביידע מיט געגאָלטע פּנים׳ער, מיט קורצע ווייטיקלעך און מיט קליינע קאַפּעלישלעך — און דאָך זענען אונז זייערע פּנים׳ער געווען ווי קענטליך. נישט אַזוי די פּנים׳ער, ווי די אויגען — ווייכע, שמייכלענדיגע, גנבה׳שע אויגען.

דער ערשטער, וואָס האָט זיי דערקענט, איז געווען דאָס צאַצקעדיגע איידעמעל, אַלי ראַפּאַלסקי. ווי נאָר ער האָט דערזעהען זייערע שמייכלענדיגע פּנים׳ער, האָט ער אָנגעוויזען מיט׳ן פינגער גלייך אויף זיי אין פענסטער אריין.

— אָט זענען זיי! — האָט אַלי אויסגעשריגען נישט מיט זיין קול. — אָט זענען זיי, די צוויי אידען פון די קנאַרטען, זיי, ווי איך בין אַ איד!

דער וואַגאָן זייערער האָט שוין אָבער געהאַלטען אין גליטשען זיך. די רעדער האָבען נאָר־וואָס אָנגעהויבען צו דרעהען זיך, און דורכפאָהרענדיג פאַרביי אונז, האָבען זיי אונז נאָך אַ מאָל באַשענקט מיט אַ קוק פון זייערע ווייכע, שמייכלענדיגע, ממזר׳ישע אויגען. און אַלי ראַפּאַלסקין האָבען זיי, פאַר זיין אויסגעשריי, אונטערגעטראָגען אַ באַזונדערע מתנה: אַ קאָמבינאַציע, אויב איהר האָט אין דעם אַ געפיהל, פון דריטהאַלבען פינגער, וואָס מע מאַכט איבער דעם „בורא פרי העץ“...

המן און מרדכי

איין אמת'ע מעשה לכבוד פורים.

געשריבען אין יאהרען 1905 — 1916.

הָמָן און מָרְדְכַי

איטליכער איד האט זיך זיין **פריץ.**
איטליכער פריץ האט זיך זיין **אידען.**
(א שפריכווארט).

אסתר־תענית נאך האלבען טאג האט זיך אין איינער פון די אידישע שטעדט פון אונזער אלטער היים, ביי א אידישען האטעל, אפגעשטעלט א דיליזשאנס און ס'איז ארויסגעשפרונגען פון דאר־טען א פארשוין מיט א שפיצעדיג קאפעלישעל אויפ'ן קאפ, א דרייעקעכיגס, ווי א המן־טאש. אויסגעזעהען האט דער פארשוין ווי א רייכער מאגנאט מיט זעהר א בייזען, א שטרענגען קוק. באלד נאך איהם איז ארויסגעקראכען א איד מיט א לאנגער קאפאטע, מיט א ברייטען טלית־קטן, מיט א פליסענעם קארטוז; א באָרד א קלאטשקעוואטע, א ביסעל א גרויליכע, טיפע קנייטשען אויפ'ן ברייטען שטערן, און אויף די ליפען א מאדנע שמייכעל פון א פי־לאזאף. געשלעפט האט ער מיט זיך א גאנץ גרויסען זאק און גע־גאנגען מאדנע, מיט ברייטע טריט, און ניט אראפגעלאזט קיין אויג פונ'ם בייזען פארשוין.

— האט איהר עפיס א רעכטען חדר פאר מיין פריץ? —

אזוי האט זיך דער איד אנגעפרעגט ביי'ם משרת פונ'ם האטעל, א יונג מיט ביינער, מיט א קוויטיג העמד און מיט א געלען שניפס, וואס אמאל איז ער געווען, דער שניפס הייסט דאס, אנטיק שבאנ־טיקען, נאר פון א צייט, אז ער האט אנגעווארען דעם גלאנץ מיט

דער פארמע און האט באקומען א פנים פון א פלעכטעל פון א פורים־קוילעטש, באשאטען פון אויבען מיט מאהן.

מיט גרויס פאראד האט זיי דער משרת באגעגענט, אראפגע־נומען דאס היטעל מיט א קנאק און אריינגעפיהרט זיי אין האטעל, זיי אויפגעעפענט דאס גרעסטע, דאס בעסטע, דאס שענסטע צימער, נומער 1, א חדר, וואס באשטעהט פון צוויי חדרים; דאס הייסט, פון א חדר מיט א פעדערשט חדר'על, אויף אויסצוטהון די קאלא־שען און אויפצוהענגען די מלבושים — און דאס איז געווען פאר אונזערע פארשוינען ווי געוואונשען: אינ'ם גרויסען חדר האט זיך באזעצט, געוועהנליך, דער פריץ, און אינ'ם פעדערשטען חדר'על — דער איד.

אוועקגעלעגט דעם זאק אין א ווינקעל, האט דער איד געשאַ־פען, מע זאל געבען דעם פריץ א סאמאוואר, און א פרעג געטהאן:

— פארהאן עפים ביי אייך וואס צו פארבייסען?

— נאך א מין פארבייסען! ס'איז דאך עפים היינט אויף דער נאכט פורים ביי אונז אין שטאדט. פארהאן המן־טאשען פרישע מיט מאהן, און פלעדלעך, און קישעלעך, און מאהנדלעך, און גלאט פורים־גרעט מיט שאר ירקות. הע!

אזוי האט געזאגט דער משרת מיט א ביסעל א גראבליך שמייכעלע, באוויזען בשעת־מעשה, אז ער האט געזונטע געלע צייהן. דערפאר האט ער אבער באקומען פונ'ם אידען זעהר א פריינטליכען פאטש אין פלייצע מיט א שענעם יישר־כח, און איז אוועקגעגאנגען מאכען א סאמאוואר און ברענגען די אלע גוטע זאכען, וואס ער האט דא אויסגערעכענט. און דער איד האט זיך דערווייל געמאכט גאנץ באקוועם, דאס הייסט, ער האט אויסגע־טהאן דאס פליסענע היטעל און געבליבען זיצען אין א יארמעלקע, פארקאטשעט די ארבעל ביז די עלענבויגענס און האט זיך באזעצט אויף א בענקעלע ביי דער טיר פונ'ם פריץ. און בכדי די צייט זאל ניט אוועקגעהן אומזיסט, האט ער אויפגעבונדען דעם זאק, ארויסגענומען פון דארטען עפים א ספר'על און האט זיך פאר־

טיעפט, דאָס הייסט, דעם קאָפּ האָט ער איינגעבויגען, איין אויג האָט ער צוגעמאַכט, געקייט אַ שפּיץ באָרד און אַליין זיך בשעת מעשה צוגעשאָקעלט מיט'ן גאַנצען גוף. דאָס אַלסדינג אינאיינעם האָט אויסגעוויזען ביי דער וועלט אַ ביסעל פריקרע; ממה נפשך — איז דער איד דעם פּריצ'ס אַ איד, הײנט וואָס זיצט ער איבער אַ כפר? אַלאַ וואָס דען? ער איז אַ ווילד־פרעמדער? וואָס זשע איז ער געקומען מיט'ן פּריץ? און גלאַט וואָס טהוט ער היע גראָד היינט צו אסתר־תענית?

אַזוי האָבען זיך געשלייפט די מוחות די בעל־הבית'טע פון'ם האָטעל, די אורחים און סתם אידען פון דער גאַס, וואָס האָבען אַהער איין אַריינטריט. און בתוך כך האָט דער משרת געבראַכט צו טראַגען דעם סאַמאָוואַר מיט אַ גאַנצען בעקען פּורים־גרעט, און פאַרבייגעהענדיג האָט ער דערוייל אַ פרעג געטהאָן ביי'ם אי־דען, פון וואַנען איז דער אַדון?

— דו דאַרפסט עס טאַקי נויטיג וויסען? — מאַכט צו איהם דער איד און נעמט זיך צוריק צום ספר.

— מיך אַהרט ניט, אַז איך וועל ניט וויסען, — מאַכט צו איהם דער משרת — נאָר די בעל־הבית'טע מיינע האָט מיר אָנ־געזאָגט, למען השם, איך זאָל ביי אייך פרעגען, פון וואַנען איז דער אַדון?

— וועסט דו זאָגען דער בעל־הבית'טע דיינער, אַז פון פרס ומדי.

— פון וואָסער אַ שטאָדט?

— פון שושן הבירה.

— וואָס הייסט דאָס שושן הבירה?

— זאָג דיין בעל־הבית'טע, זי זאָל שיקען אַ קליגערען פון דיר.

דער משרת שטעהט אַ ווײלע מיט אָפענע קעלבער־אויגען, קראַצט זיך אונטער'ן קאָלנער און געהט אַוועק, און אין עטליכע

מינוט ארום קומט־צו די בעל־הבית׳טע אליין, א אידינע א שווערע, וואס פון איהר וואלט געקאנט זיין צוויי און אפשר דריי אידינעס. און מחמת אלסדינג, וואס ווערט דא ביי אונז באשריבען ווייטער, קימט־פאר אינ׳ם פעדערשטען חדר׳על אין געשפרעכען, אלע מאל מיט אנדערע פארשווינען, לכן טיילען מיר דאס איין אין עטליכע בילדער און הויבען אן אזוי:

סצענע 1.

די בעל־הבית׳טע [א וויש די נאז ארויף]. גוט מארגען! איך האב אייך צוגעשיקט אט דא מיין משרת, איז ער אבער א גרויסע בהמה.

דער אורח. ער איז א בהמה? גיט איהם קייען שטרוי.

די בעל־הבית׳טע. נישט דאס! ער פארשטעהט ניט וואס מע רעדט צו איהם. איך האב געוואלט וויסען, ווער איז דער פריץ און פון וואנען?

דער אורח [קוקט אריין אין ספר אריין]. פון וואנען מיין פריץ איז? פון שושן הבירה.

די בעל־הבית׳טע. וואו איז דאס? אין וואסער גובערניע?

דער אורח [נעמט נישט צו די אויגען פונ׳ם ספר]. אין פרס ומדי.

די בעל־הבית׳טע [טראכט א ביסעל]. וואס איז ער? א גראף?

דער אורח. א ביסעל גרעסער פון א גראף.

די בעל־הבית׳טע. א קניאז?

דער אורח. א ביסעל גרעסער פון א קניאז אויך.

די בעל־הבית׳טע. א גענעראל?

דער אורח. א שני למלך.

די בעל־הבית׳טע. א וואס?

דער אורח. א שני למלך ביי׳ם קעניג אחשורוש.

די בעל־הבית׳טע [טראכט א ביסעל]. וואס טהוט ער היע? ער מאכט עפים געשעפטען?

דער אורח. געוויס מאכט ער געשעפטען.

די בעל־הבית׳טע. וואס קויפט ער? — אימעניעס? וועלדער? צי גלאט אזוי ער לייהט געלט?

דער אורח. ער קאן קויפען און פארקויפען, און לייהען געלט, און וואס איהר ווילט.

די בעל־הבית׳טע. פון וואנען־זשע זענט איהר? טאקי אויך פון דארטען?

דער אורח. טאקי אויך פון דארטען.

די בעל־הבית׳טע געהט אוועק און קנייטשט מיט די פלייצעס. „א מאדנער אורח!“ — טראכט זי זיך. — „מע באדארף זיך באקענען מיט׳ן פריץ אליין... נאר ווי אזוי? אז דער איד זיצט, ווי א הונט, ביי דער טיר און לאזט ניט צו!“ אויף איהר גליק טראגט־אן גאט א מעקלער, וואס האט געזעהען צופאהרען א דיליזשאנס, איז ער געקומען אויסטאפען, ווער איז דער פריץ און וואס דארף ער האבען? אין קורצע ווערטער גיט איהם די בעל־הבית׳טע איבער, וואס זי האט געהערט פונ׳ם אורח, אז ס׳איז א רייכער פריץ, וואס מאכט געשעפטען, און זי נעמט־אויס מיט איהם א תנאי, אז טאמער וועט מען עפים מאכען, זאל זיין אויף דער האלב. און דער מעקלער מאכט דריי שפאן און איז שוין ביי׳ם אורח אין פעדערשטען חדר׳על, און דא קומט פאר די —

סצענע 2.

דער מעקלער [ציהט־אויס דעם אורח א גראבע, א באוואכ־סענע האנט]. שלום עליכם! איך האב געהערט, אז איהר זענט דא מיט אייער פריץ, געקומען אהער עפים מאכען געשעפטלעך. איך בין א איד א סרסור, א מעקלער, פון געלט הייסט דאס. ביי אונז אין שטאדט פארנעמען זיך כמעט אלע אידען איבערהויפט מיט געלט... ניטא ביי אונז קיין אנדערע געשעפטען, פארשטעהט איהר,

א חוץ געלט. איטליכער איד איז היע אדער א קרעמער, אדער א בעל־הלואה... בכלל, ווער איז דער פריץ אייערער? פון וואנען? וואס האט ער? און וואס דארף ער?

דער אורח. איך ווייס ניט, צי איהר וועט איהם קענען. ער איז פון ווייט: פון פרס ומדי.

דער מעקלער. פון פרס ומדי? פון וואסער שטאדט?

דער אורח. פון שושן הבירה.

דער מעקלער. פון שושן הבירה? ווי אזוי איז דער נאמען זיינער?

דער אורח. זיין נאמען איז המן.

דער מעקלער [טרעט אפ צוריק]. המן? ווא־ווא־וואסער המן?

דער אורח. המן, דער רעכטער, דער אמת'ער המן. המן בן המדתא...

דער מעקלער. נו, און ווער זענט איהר?

דער אורח. און איך בין זיין איד... מרדכי.

דער מעקלער. מ־מרדכי? דער וואס הייסט... אין דער מגילה?...

דער אורח [שטעהט־אויף פונ'ם בענקעל, גלייך איהם אין פנים אריין]. יא! יא! יא! מרדכי, דער זוהן פון יאיר, דער זוהן פון שמעי, דער זוהן פון קיש! [דעם „קיש" שרייט איהם אויס דער אורח גלייך אין אויהער אריין].

דער מעקלער [ווערט רויט פאר כעס]. אפנים, איהר האט ניט פון וועמען חוזק מאכען?!

און דער מעקלער לויפט ארויס אין גרויס גרימצארן, און עס באווייזט זיך א פרישער פארשויז, א יונגערמאנטשיק מיט א גע־ראזירט בערדעל, מיט שענע צוויי וואנסעס, פארדרעהט גאנץ פיין ארויף, מיט א שען קייטעל אויפ'ן זשילעט, וואס סע קאן זיין, ס'איז א גילדענס, און סע קאן זיין, אז ניין. אליין איז ער איין אגענט פון זינגער'ס נייה־מאשינעס. נאר פון צייט צו צייט, אז

עס מאַכט זיך עפּיס אַ נייעס אין שטעדטעל, שרייבּט ער אריין אין אַ צייטונג און שרייבּט זיך אונטער „דאָס גערואַזירטע בּערדעל״.

סצענע 3.

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. גוט מאָרגען! דאָ, האָבּ איך געזעהען, איז צוגעפאָהרען אַ פּריץ מיט אַ אידען. האָבּ איך געוואָלט, אויבּ ס'איז מעגליך, האָבּען מיט איהם אַ אינטערוויו.

ד ע ר א ו ר ח. וואָס הייסט דאָס אַ אינטערוויו?

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. דאָס הייסט, איך וויל זיך מיט איהם דורכשמועסען.

ד ע ר א ו ר ח. גלאַט אַזוי?

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. גלאַט אַזוי.

ד ע ר א ו ר ח. הייסט דאָך עס דברים בּטלים. ווער זענט איהר?

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. איך בּין אַ האַלבּער אַגענט פון מאַשינעס. נאָר העכער האַלבּ בּין איך אַ שרייבּער, אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ אידישער צייטונג. קאָן איך זעהען אייער פּריץ?

ד ע ר א ו ר ח. ניין, איהר קאָנט איהם ניט זעהען.

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. פאַר וואָס?

ד ע ר א ו ר ח. דערפאַר, ווייל ער איז צו אַ גרויסער פּריץ.

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. ווער איז ער? פון וואַנען? און ווי אַזוי הייסט ער?

ד ע ר א ו ר ח. ער איז אַ מאַגנאַט. פון שושן הבירה. און זיין נאָמען איז — המן. איז אייך בּאַקאַנט דער נאָמען?

ד אָ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע בּ ע ר ד ע ל. דער נאָמען איז מיר קענטליך... נאָר די שטאָדט — האָבּ איך קיינמאָל ניט געהערט. ווייט איז עס?

ד ע ר א ו ר ח. אין פּרס ומדי... פון הודו בּיז כּוש... געהערט אַמאָל?

ד אַ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע ב ע ר ד ע ל [דרעהט די וואָנסעס].
קיינמאָל ניט ! [נעמט־אַרויס אַ נאָטיץ־ביכעל מיט אַ בליישטיפט, גרייט צו פאַרשרייבען]. ווי אַזוי, זאָגט איהר, איז דער נאָמען ?

ד ע ר א ו ר ח. המן.

ד אַ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע ב ע ר ד ע ל. דער זעלבער נאָמען, וואָס מע עסט נאָך איהם המן־טאַשען ? הײנט, דאַכט זיך ?

ד ע ר א ו ר ח. אַט, אַט, אַט ! נו, און דעם נאָמען מרדכי האָט איהר געהערט אַמאָל ?

ד אַ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע ב ע ר ד ע ל. יאָ, עפּיס דאַרט אינ־איינעם מיט יענעם המנ׳ען האָב איך געהערט לייענען דאַרטען...
[נעמט זיך צום נאָטיץ־ביכעל].

ד ע ר א ו ר ח. זאָלט איהר וויסען זיין, אַז דער פּריץ מייַנער — דאָס איז ער אַליין טאַקי, אַט יענער המן פון שושן הבירה...

ד אַ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע ב ע ר ד ע ל [קווײנקעלט זיך, ווייסט ניט וואָס ער זאָל שרייבען]. וואָ־וואָס הייסט ? איך פאַרשטעה ניט ! ער לעבט נאָך, יענער המן ? דאַכט מיר, ער איז שוין לאַנג גע־שטאָרבען ?...

ד ע ר א ו ר ח. און איך בין דאָס זיין איד — מרדכי היהודי היושב בשער המלך... [די לעצטע ווערטער זינגט ער מיט׳ן ניגון פון דער מגילה].

קיינמאָל אויף זיין לעבען האָט אונזער אַגענט אַזוי שטאַרק ניט פאַרדראָסען, ווי אַצינד, וואָס ער איז ניט באַקענט מיט די קליינע אותיות ; אין דער דאָזיגער מינוט האָט ער שטאַרק חרטה געהאַט דערויף, וואָס ער האָט יונגעלווייז ניט געוואָלט אַריינקוקען אין קיין אידישען ספר. די גאַנצע באַד האָט ער אַרויפגעלעגט אויף זיין טאַטען. שולדיג איז אינגאַנצען ער, דער טאַטע זיינער. אַ טאַטע איז מחויב צו לעהרנען אַ קינד...

ד אַ ס ג ע ר אַ ז י ר ט ע ב ע ר ד ע ל. איז ער, הייסט דאָס, פון יענע המנס, וואָס... וועלכער... קאַטאַרי ?...

דער אורח. ניט פון יענע המנס, נאר טאקי יענער המן אליין, דער אמת'ער המן! וויפיל מאל דארף מען אייך קלאפען איז מח אריין?

דאס געראזירטע בערדעל [חאפט־ארויס א פעטשיילע, ווישט זיך דעם שוויס. אין דעם עפענט זיך די טיר און עס באווייזט זיך א נייער נפש, א שטארק־רויטער איד מיט שטארק־רויטע ברעמען, מיט א היבש בייכעל, געהט אנגעטהאן חסידיש, נאר ריין, ציכטיג, אין א שענער קאפאטע. דער שטארק־רויטער איד פליהט־אריין צום אורח, ווי א שטורעמווינט].

דער אורח [צום אגענט]. וואס זענט איהר געבליבען אהן לשון?

דאס געראזירטע בערדעל. איך... איך... איך וועל קומען א צווייטען מאל... [רוקט זיך ארויס].

סצענע 4.

דער שטארק־רויטער איד [שטעקט־אפ דעם אורח א ברייטען שלום־עליכם]. שלום עליכם, מיין ליעבער איד! איך האב שוין אפגענומען פון אייך א פאר גרוסען. מע זאגט, אז איהר זענט דא מיט א פריץ א מאגנאט, וואס קויפט און פארקויפט אימעניעס און וועלדער. דעם נאמען האבען זיי מיר ניט געוואלט זאגען. נאר איך שטוים מיך אן, ווער דאס איז. [פארקאטשעט די ארבעל]. דאס באדארף זיין א גראף אדער א קניאז. געטראפען?... איך בין דער גרעסטער מעקלער פון אימעניעס און וועלדער אין גאנץ פא־לעסיע. איך, ווי איהר קוקט מיך אן, בין פול אומעטום, די גאנצע וועלט, בין אויסען אלע מייזלעכער, אויסגעבונדען מיט אלע פריצים און מיט אלע גראפען, אלע גרעסטע מאגנאטען זענען, נאך מיר די כפרה, ווארום זיי ווייסען, אז איך בין זיי געטריי. איך וועל זיי ניט פארפיהרען, ווי אנדערע... זיי ווייסען, אז דאס וואס איך זאג, איז הייליג. איך וועל נישט געהן דערצעהלען, ווי אנדערע, נעכ־טיגע טעג, אויפ'ן הימעל א יאריד... איך בין ניט פון די אדעסער

אדער יעהופּעצער מעקלערם די שאַרלאַטאַנעס, וואָס קנאַקען. בלאָ־טע! ביי מיר איז ריין און אַפּענטליך. זאָג איך וואַלד — איז וואַלד. זאָג איך סטעפּ — איז סטעפּ. איך וועל נישט געהן דער־צעהלען יענעם קיין גליקען, „אַ האָק אַ בוים, אַ פליוך אין וואַסער“, און נאָכדעם זאָל זיך אויסלאָזען אַ בוידעם, אַ נעכטיגער טאָג... און רעד איך מיט עמיצען אָפּ — איז יחלקו. עס מעגען פאַלען שטיי־נער פון הימעל, וויבאַלד מיר זענען אינצווייען, איז חצי שלי וחצי שלך...

דער אורח. בקיצור, וואָס זשע האָט איהר געוואָלט זאָגען, הייסט דאָס?

דער שטאַרק־רויטער איד. האָב איך געוואָלט זאָ־גען, הייסט דאָס: אַזוי ווי ס'איז געקומען מיט אייך צו פאָהרען עפּיס אַ פּריץ, זאָגט מען, וואָס האָט בדעה, זאָגט מען, קויפען אָדער פּאַרקויפען אימעניעס, בין איך געקומען אומיסטנע אָנקוקען דעם פּאַרשוין, וואָס פאָהרט־אַרום ביי אונז אין אונזער וואָהלין און מאַכט געשעפטען אָהן מיר. איהר ווערט דען קאָנען אַ ריהר טהון זיך אָהן מיר? אָט האָב איך ערשט דורכגעשלאָגען אַ פּאָר גע־שעפטלעך, וואָס צוליעב דעם טאַקי בין איך געקומען אַהער צו פאָהרען, — מעגט איהר מיר גלויבען, אַז אויף חידושים, אויף בילעטען! צונויפגעפיהרט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, הודו מיט כוש, געבימען שילע נאָ שווייקע, צוגענומען ביי איינעם 3 אימעניע אַ גאַלד און אריינגערוקט איהם אַ וואַלד, אויף איהם אַזאַ יאָהר! איהר זאָלט זעהען דעמבעס — ארזי־לבנון! דער חסרון, וואָס מע קאָן זיי ניט האַקען. מע לאָזט ניט. מע דאַרף זיי לאָדען חאָטש נאָך אַ יאָהר דרייסיג, וועט מען ערשט דעמאָלט פאַרשפּיעלען... דערפאַר האָט אָבער די אימעניע אַ מעלה: די ערד איז גאָלע בלאָטע, גוט אויף חריין און אויף קאַרטאָפּלים, און קיין רעמאָנענט ניט אַ לעק! און אַ באַהן וועט דאַרטען אפשר אַמאָל זיין, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען, און אפשר ניין; גיכער ניין, איידער יאָ... די צוויי אדונים, האָט איהר באַדאַרפט אָנקוקען, האָבען זיך איינס דאָס

אנדערע געוואלט אנטהון א ספאדיק, און מיר האבען זיי געוואלט איינרעדען, אז איך וויל זיי אפנארען, נאר זיי וועלען זיך ניט לאזען — א קאמעדיע, זאג איך אייך, א ריינע קאמעדיע! [ווערט צעגאנגען פאר געלעכטער].

דער אורח. בכן, וואס זשע האט איהר, הייסט דאס, געוואלט זאגען?

דער שטארק־רויטער איד. גארנישט. איך האב נאר געוואלט א טאפ טהון, געוואהר ווערען, מיט וואס איהר שמעקט... איהר זאגט מיר נאר, ווער איז דער אדון אייערער, פון וואנען איז ער? און ווי אזוי רופט מען איהם? — וועל איך אייך שוין אליין זאגען, וואס ער דארף. זאגט מיר נאר דעם נאמען זיינעם — איך קען אלעמען און אלע קענען מיך.

דער אורח. זיין נאמען איז המן.

דער שטארק־רויטער איד [טהוט זיך א חאפ]. הא? המן? פון וואסערע המנס? אפשר פון די, וואס אט דארטען? [באווייזט מיט די הענט אהין ערגיץ, זעהר ווייט].

דער אורח. פון די אמת'ע המנס, טאקי ער אליין! [מיט'ן ניגון פון דער מגילה] המן בן המדתא האגגי, שני למלך בי'ם קעניג אחשורוש. ווייסט איהר שוין?

דער שטארק־רויטער איד. וואָ־וואס רעדט איהר?

דער אורח. אט דאס, וואס איהר הערט.

דער שטארק־רויטער איד. צי איהר זענט צעמישט? צי איהר זענט דול? צי איהר זענט משוגע? צי גלאט אזוי געריהרט פונ'ם זינען?

דער אורח. איך בין ניט צעמישט, ניט דול, ניט משוגע, ניט געריהרט פונ'ם זינען. דאס איז ער, דער אמת'ער המן אליין, פון שושן הבירה, און איך בין דאס מרדכי היהודי, זיין איד הייסט דאס... ער איז, מסתמא האט איהר געהארכט, א גרויסער מאגנאט.

איין אדיר, און איך, געוויינטליך, בין א איד איין ארעמאַן; ער איז, הייסט דאַס, מיין פּריץ, און איך בין זיין איד. הייגט פאַר־שטעהט איהר שוין?

אויסגעהערט די דאָזיגע מימרא, טהוט זיך דער שטאַרק־רויטער איד א האַפּ מיט ביידע הענט ביי די זייטען און הויבט אָן צו לאַכען, אַז עס קומען זיך צונויף די בעל־הבית'טע מיט'ן משרת מיט עטליכע געסט, מיט גלאַט אידען, און פון'ם גרויסען חדר עפענט זיך די טיר און עס קוקט־ארויס דער פּריץ אַליין, טהוט א ווארף אויף אַלע פאַרשוינען א בייזען קוק און פאַרבינדט מיט זיין אידען א שמועס אויף א מאָדנע שפּראַך, מיט גאַלע טית'ען און מיט גאַלע פּתח'ען, עפּיס א מין תרגום־לשון, וואָס מע האָט נאָך אַזאַ שפּראַך מיט אַזעלכע דבּורים אין וואָהלינער גובערניע קיינ־מאָל ניט געהערט: „פאַרשאַנדאטא, אשפאטא, פאַראַטא, ווייזאַ־טא"... בעת מעשה שטעהט דער איד פאַר'ן פּריץ, ווי געוועהנליך א איד באַדאַרף שטעהן פאַר א פּריץ... און מע הערט ניט אויף צו שיטען אַלץ מיט יענעם תרגום־לשון, וואָס מע קאָן פון איהם זיך אויסברעכען אַלע צייהן, און מע וואָלט געמעגט שווערען, אַז עס ווארפען זיך דורך די באַקאַנטע הארבע ווערטער פון דער מגילה: „פּרתּמים", און „אחשדרפּנים", און „אחשתּרנים", און „שעשגז", און דאַכט זיך, אַז „חרבונה" אויך בּתוכם... דער גאַנצער עולם בלייבט שטעהן מיט אָפענע מיילער, און זיי קאָנען ניט פאַרשטעהן, וואָס טהוט זיך דאָ מיט זיי? המן מיט מרדכי'ן פון דער מגילה? צי א נייער המן מיט א נייעם מרדכי? צי גאָר א חלום, עפּיס א בייזער, א ווילדער חלום צו זייערע קעפּ!?

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

אַ פּאָר ווערטער פונ'ם פאַרפאַסער צו זיינע לעזער.

איך ריים איבער סאַמע אין רעכטען ברען פון דער מעשה — גלויבט מיר, אַז יעדער בעל־מלאכה ווייסט זיין אַרבייט און יעדער שריפטשטעלער פאַרשטעהט זיינע ביזנעס... איך זעה אין איך, אַז עס האָט אַנגעצויגען. דאָס הייסט, אַז איהר ווילט וויסען דעם סוף פון דער מעשה — דאָס איז זאָך ביי איך דער עיקר. אויב אַזוי, האָט אַ ביסעל געדולד, ביז... איבער־אַ־יאָהר פורים. ניט קיין סך צו וואַרטען. מעהר ניט אַז איין יאָהר. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט אַ יאָהר אין דער אייביגקייט?...

שלום עליכם

לכבוד יום־טוב

צווייטעס בוך

Copyright, 1921, by Olga Rabinowitz (Sholom-Aleichem), New York

אינהאלט

מה נשתנה 7

דער אתרוג 19

המן און זיינע טעכטער 39

געצעל 53

לאה'ניו 69

א פארשפיעלטער ל"ג־בעומר 77

צו דער סעודה 89

רער אורח 103

אליהו הנביא 117

אז גאט וויל, שיסט א בעזעם 125

דריי קעפלעך 133

גזלנים 145

א פסח אין דארף 161

פסח מיט א קל־וחומר 179

די וועלט געהט צוריק 185

שלח־מנות 193

די נעפעהרליכע מצה 199

מה נשתנה?

געשריבען אין יאָהר 1902.

מַה נִשְׁתַּנָּה?

— טאַטע, איך וועל דיך פרעגן פיער קשיות.

די ערשטע קשיה וועל איך דיך פרעגן:

מה נשתנה הלילה הזה מכּל הלילות — וואָס איז פאַרענדערט געוואָרען די דאָזיגע נאַכט פון פסח פון אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר?

שבּכל הלילות — אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר, אָנו אוכלין — עסען מיר וואָס מיר ווילען, סאַי אַ אידיש ראָסעל־פלייש, סאַי אַ גויישען קאָלבאַס, סאַי פיש מיט חריין, סאַי ראַקעס, סאַי לאָקשען־קוגעל, סאַי מאַראָזשענע; הלילה הזה — די דאָזיגע נאַכט פון פסח, כּולו מצה — זענען מיר אַלע מצה'דיג: די מאַמע האָט אונז אָנגעזאָגט, אויב מיר ווילען עסען חמץ, זאָלען מיר געהן אין דער „קאָלבאַסנע", וואָרום ס'איז אין שטוב, זאָגט זי, פסח'יג. ס'איז אומעטום, אין יעדען ווינקעלע, כּשר, ריין. סע שעמערירט און סע פינקעלט. דאָס געפעס האָט מען געקויפט שפּאָגעל־נייע, נאָר־וואָס פון קלייט. דאָס מעבעל איבערגעפוצט. די טירען געוואַשען. די פענסטער געקראַצט. דאָס דיענסטמיידעל גע'כשר'ט. עס לאָזט זיך הערען פון קיך אַ ריח פון שטאַרק־געפעפערטע פיש, אַ ריח פון געגזענשמאַלץ. מע האָט אָנגעמאַכט צו דער יויך לאַטקעס און בלינטשיקעס, קניידלעך און חרעמזלעך און פּאַלירטשיקעס. אונז האָט מען

פּלוצים געהייסען אָנטהון די היטלען, אויסגעזעצט ארום טיש, געגעבען אונז אין די הענט אריין סידורים'לעך, מיר זאָלען א ר י י נ ק ו ק ע ן. — זיצען מיר, ווי די טאָקען, און קוקען, ווי א האָהן אין „בני־אָדם"...

וואָס איז דאָס פאר א קאָמעדיע? ווי אזוי הייסט דאָס שפּיעל?

. . . .

האָב איך דיך, טאַטע, געפרעגט איין קשיה.

ד י א נ ד ע ר ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגען:

פאר וואָס האָט עפּיס די מאַמע אָפּגעשיקט די באָנע אויף א גאַנץ פּסח? וואָס שעמען מיר זיך אזוי מיט אונזער יום־טוב? —

צי שעמען מיר זיך דערמיט, וואָס מיר האָבען זיך באפרייט פון גלות־מצרים און געוואָרען פון קנעכט, פון ציגיינערס, א פאָלק?

צי מיר שעמען זיך מיט משה רבינו'ס תורה, וואָס דאָרטען, זאָגט מען, שטעהט געשריבען: „דו זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר ווי זיך אליין"... „אויב דיין שונא איז הונגעריג, זאָלסט דו איהם אָנזאַטען מיט ברויט, און אויב ער איז דאָרשטיג, זאָלסט דו איהם אָנטרינקען מיט וואסער"...?

צי מיר שעמען זיך מיט אונזער בית־המקדש, וואָס איז געוועזען, זאָגט מען, א בית־המקדש פ א ר א ל ע פ ע ל ק ע ר?

צי מיט אונזערע מלכים שעמען מיר זיך, מיט אונזערע מלכים, וואָס האָבען זיך אויסגעפיינט נישט נאָר מיט מלחמות אליין; זיי האָבען, זאָגט מען, געשריבען זעלטענע ספרים און געזונגען הייליגע ליעדער?

צי מיר שעמען זיך מיט אונזערע נביאים, וואָס זענען ארומגעגאַנגען צווישען פאָלק און געזעעט אמת, עהרליכקייט, יושר און גערעכטיגקייט, נישט געלאָזט, מע זאָל באַלעדיגען דעם אָרעמאַן,

קוועטשען דעם שוואכען, באנעמען די אלמנה, בעראבעווען דעם יתום?... מיט די נביאים, וואס האבען זיך ניט געשעמט אויס־זעצען פעהלערען דעם גרעסטען פארשוין, אפילו דעם מלך אליין, איהם זאגען דעם אמת גלייך אין פנים אריין?

צי מיר שעמען זיך אפשר דערמיט, וואס אונזערע עלטערען האבען זיך געלאזט, זאגט מען, שניידען און בראקען, בראטען און ברענען, הענגען און טריינקען, קוקען, ווי מע קוילעט די קליינע קינדער פאר זייערע אויגען און שווייגען, שפרינגען אין פייער אויף קידוש־השם און שרייען בשעת־מעשה: „שמע ישראל!" — אט דערמיט שעמען מיר זיך????

. . . .

האב איך דיך, טאטע, געפרעגט צוויי קשיות.

ד י ד ר י ט ע ק ש י ה וועל איך דיך פרעגען:

פאר וואס האסט דו אונז געלעהרענט אלע לשונות, אלטע און נייע, נאר איין שפראך האסט דו פארגעסען אונז לעהרנען — אונזער אייגענע אידישע שפראך?... די שפראך, וואס אויף איהר איז געשריבען די תורה, די שפראך, וואס אויף איהר האבען גערעדט די נביאים, די שפראך, וואס אויף איהר איז פארהאן, זאגט מען, א גרויסע, א רייכע, א שענע ליטעראטור?

פאר וואס האבען מיר אויסגע׳חזר׳ט די היסטאריע פון אלע פעלקער, די אלטע און די נייע, נאר די היסטאריע פון איין פאלק האבען מיר דורכגעלאזט — די היסטאריע פון אונזער אייגען אידיש פאלק?

פאר וואס זענען מיר קלאר אין דער געאגראפיע פון דער גאנצער וועלט, נאר די געאגראפיע פון ארץ־ישראל איז אונז פרעמד?

פאר וואס זענען מיר קלאר אויף אויסוועניג מיט אלע פישטשעווקעס, אין וואסער א יאהר איז געווען גאסטיאג און

גארפֿאג און קאמביז און דארי היסטאספּ און איוואן קאליטא, און מיר הויבען נישט אָן צו וויסען, ווען איז געוועזן עזרא, און ווען איז געוועזן יהודה המכבי?

פֿאר וואָס ווייסען מיר, ווער איז געוועזן פּושקין, לערמאָנטאָוו, גאָגאָל, גאָרקי און טאָלסטאָי, און הויבען נישט אָן צו וויסען, ווער איז געוועזן יהודה הלוי, לעווינזאָהן, לעוואַנדא, גאָרדאָן, אבראַ־מאָוויטש?

פֿאר וואָס ווייסט ביי אונז א מינדסט קינד, וואָס פֿאר א יום־טוב איז „מאסלינצא", און אַז עס קומט צו אונזער חנוכּה, איז ער נישט קיין היגער?

. . . .

האָב איך דיך, טאטע, געפֿרעגט דריי קשיות.

די פֿערטע קשיה וועל איך דיך פֿרעגען:

פֿאר וואָס איז ביי דיר איוואַן איוואַנאָוויטש אזוי טייער, און רב יענקעל אזוי וואָלוועל?

פֿאר וואָס קלינגט־אָן איוואַן איוואַנאָוויטש ביי אונז גלייך אין דער פֿאָדערשטער טיר, און רב יענקעל געהט אויף דער הינטער־טיר?

פֿאר וואָס, אַז עס קומט אריין צו אונז איוואַן איוואַנאָוויטש, ווערט א הארמידער, א גערוקעריי פֿון בענקלעך, אלע לויפֿען איהם אקעגען, מע ווייסט ניט וואו איהם אנידערצוזעצען, און רב יענקעל, אַז ער קומט אריין, שטעהט ער ביי דער טיר און האָט מורא, טאָמער וועט מען איהם ניט אזוי אויפֿנעמען?

פֿאר וואָס, אַז איוואַן איוואַנאָוויטש קרימט זיך נאָך, ווי אזוי א איד האָט מורא פֿאר א ביקס און זאָגט: „אי־וועה־מיר! שטרעליאיעט!", קאטשען מיר זיך אלע פֿאר געלעכטער, און אַז יענקעל וויל עפּיס דערצעהלען, קוקט ער פֿריהער אין די אויגען אריין, צי מען איז אויפֿגעלעגט איהם הארכען?

פאר וואס האט איוואן איוואנאוויטש א העזה צו צוגעהן גלייך צו מיין שוועסטער מאטילדע, איהר געבען א קניפ אין בעקעל און מאכען איהר וואס פאר א קאמפלימענט ער וויל, און אז רב יענקעל האט זיך איינמאל ארויסגעחאפט מיט א ווארט, אז מאטילדע איז א פיינע בתולה, האט איהם די מאמע אפגעשאטען מיט פייער: „פי, זשידאוושטשינא! וואס איז דאס פאר א נאמען בתולה?”...

פאר וואס, אז דער רוסישער לעהרער קומט צו געהן צו אונז לעהרנען, האבען מיר פאר איהם דרך־ארץ, געבען איהם אפ כבוד און האבען מורא פאר א בייזען קוק, און אז אונזער אידישער „רבי” קומט צו געהן איין מאל אין וואך פון יוצא וועגען לעהרנען מיט אונז „סידור”, מאכען מיר פון איהם חוזק, טרייבען קאטאוועס, הערען איהם, ווי דעם קאטער, באהאלטען איהם דאס היטעל אונטער'ן בעט, אדער מיר פארווארפען איהם די קאלאשען אויפ'ן בוידעם?

פאר וואס שרייבען מיר אויס אלע יאהר די „ניווא” מיט'ן „נאוואיע־וורעמיא”, פארחאפען מיט א חודש פריהער, מיר זאלען, חס ושלום, ניט פארשפעטיגען, און אז מע האט דיך א פרעג געטהאן עמיצער, למאי דו שרייבסט ניט אויס דאס אידישע בלאט, האסט דו זיך געפונען ווי באלעדיגט?...

פאר וואס קלינגט די וועלט מיט זייערע מחברים, מע שרייבט וועגען זיי גאנצע ביכער, מע דרוקט זייערע בילדער, מע פייערט זייערע יובילייען, מע גיט־ארויס זייערע ספרים, מע שטעלט זיי מאנומענטען — סע טהוט זיך חושך!... — און צו אונז איז אריינ־געקומען ניט לאנג א אידישער מחבר, האסט דו איהם זעהר פיין אויפגענומען פון פארענט ביי דער טיר און האסט איהם געזאגט: „א נדבה קאן איך אייך געבען, און אייער בוך באדארף איך ניט”?...

פאר וואס דרוקט מען אזוי אפט אויף די בלעטער דיינע נדבות מיט דיינע נדרים מיט דיינע נישט־אידישע סטיפענדיעס, וואס דו

שענקסט, און מע הערט עפּיס ניט, דו זאָלסט מנדר זיין אויף אַ אידישע זאַך?

פאַר וואָס ברענגט זיך אוים די מאַמע אויף אַלע זייערע בעלער, און אַז עס קומט צו דער אידישער תּלמוד־תּורה, זאָגט זי, אַז ס׳איז ניט אויסצושטעהן פון די אידען, ווי זיי שלעפּען?

פאַר וואָס האָסטו מיר אַ נאָמען געגעבען „אַלקיוויאַד", ניט „עקיבא", ווי איך היים באמת נאָכ׳ן זיידען עקיבא? מיט וואָס איז אַלקיוויאַד געווען אַ שענערער מענטש פון אונזער גרויסען געלעהרטען רבי עקיבא?

פאַר וואָס טאַנצט מיין שוועסטער קלאַראַ אויף אַלע יאַלקעס, אַז איך האָב אַליין וויפיעל מאָל געהערט, אַז מע רופט זי הינטער די אויגען „חייקא" און „זשידאָווקא"?...

פאַר וואָס מישען זיך מאָטעל דער שניידער, בערעל דער שוסטער און חיים דער סטאָלער דאָרט, וואו מע דאַרף ניט, און נעמען זיך אָן יענעמ׳ס קריוודע, אַז יענער בעט זיי ניט, אַז יענער איז גרייט אַלע מאָל מיט אַ שטעקען זיי וויזען דעם רעכטען וועג?...

פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס, און פאַר וואָס?

. . . .

האָב איך דיך שוין, טאַטע, געפרעגט אַלע פיער קשיות.

אַצינד בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר ענטפערען אַ תּירוץ אויף מיינע קשיות.

און אַז דו וועסט מיר ניט ענטפערען קיין תּירוץ אויף מיינע קשיות, וועל איך דיר ענטפערען אַ תּירוץ:

עבדים היינו...

די פיער קשיות פון איין „אמעריקאן באי"*

— טאטע, איכ'ל דיך פרעגען פיער קשיות:

די ערשטע קשיה וועל איך דיך פרעגען: מה נשתנה הלילה הזה — וואס איז פארענדערט געווארען די דאזיגע נאכט פון פסח פון אלע נעכט פון א גאנץ יאהר?

שבכל הלילות — אלע נעכט פון א גאנץ יאהר עסען מיר וואס מיר ווילען, סאי א אידישען סטייק, סאי פארק טשאפס, סאי פיש מיט חריין, טאי אויסטערס, סאי לאקשען־קוגעל, סאי פאמפקין־פאי. הלילה הזה — די דאזיגע נאכט פון פסח עסען מיר נאר מצה און נאר מרור. און אז מיר ווילען עסען חמץ, האט אונז די מאמע אנגעזאגט, קאנען מיר געהן אין א רעסטאראן אויף בראדוויי, ווארום אין שטוב איז ביי איהר, זאגט זי, סטריקטלי פסח'יג. ס'איז אומעטום, אין יעדען ווינקעלע, כשר און קלין. סע שעמערירט און סע פינקעלט. דישעס האט מען געקויפט שפאגעל־נייע, נאר־וואס פון סטאר. די פוירניטשור האט מען איבערגעפוצט. די טירען געוואשען. די ווינדעס געקלינט. די וואוד־וואוירק איבערגעווארנישט. סיידי דאס דיענסטמיידעל גע'כשר'ט. עס לאזט זיך הערען פון קיך א ריח פון שטארק־געפעפערטע פיש. א גערוך פון גענזענ־שמאלץ. מע האט געמאכט צו דער יויך פענקייקס און בלינטשיקעס, היימישע קניידלעך און חרעמזלעך און פאלירטשיקעס. אונז האט מען פלוצים געהייסען אנטהון די העטס, אויסגעזעצט ארום טיש, געגעבען אונז אין די הענט אריין סידורים'לעך מיט הגדות, מיר זאלען אריינקוקען. — זיצען מיר, ווי די דאמים, און מיר קוקען, ווי די האהנען אין „בני־אדם"...

וואס איז דאס פאר א קאמעדיע? ווי אזוי הייסט די פליי?...

. . . .

האב איך דיך, טאטע, געפרעגט איין קשיה.

די אנדערע קשיה וועל איך דיך פרעגען:

[* דער דאזיגער אמעריקאנער ווארינאנט פון „מה נשתנה" איז געשריבען געווארען פון שלום־עליכם אין ניו־יארק, אין יאהר 1916.]

פאר וואס האט עפּיס די מאמע אפּגעשיקט די כריסטליכע קעכין אויף א גאנץ פּסח? וואס שעמען מיר זיך אזוי מיט אונזער יום־טוב?...

צי שעמען מיר זיך דערמיט, וואס מיר האבען זיך אליין באפרייט פון גלות־מצרים און געווארען פון שקלאפען, פון ציגיינערס, א פאלק?

צי מיר שעמען זיך מיט משה רבינו׳ס בייבעל?

צי מיר שעמען זיך מיט אונזער בית־המקדש, וואס איז געווען, זאגט מען, א טעמפּעל, א גאטס־הויז פאר אלע פעלקער?

צי מיט אונזערע מלכים שעמען מיר זיך, מיט אונזערע קעניגען, וואס האבען זיך אויסגעפיינט ניט נאר מיט מלחמות, מיט בלוטפארגיסונגען אליין. זיי האבען, זאגט מען, געשריבען זעלטענע ביכער און געזונגען הייליגע ליעדער, פּסאלמען?

צי מיר שעמען זיך מיט אונזערע נביאים די פּראפעטען, וואס האבען זיך ניט געזשענירט אויסצוזעצען פעהלערען דעם גרעסטען פארשוין, אפילו דעם קעניג אליין, איהם זאגען דעם אמת גלייך אין פנים אריין?

צי מיר שעמען זיך אפשר דערמיט, וואס אונזערע עלטערען האבען זיך געלאזט, זאגט מען, שניידען און בראקען, בראטען און ברענען, הענגען און טרייענקען, קוקען ווי מע קוילעט די קליינע קינדער פאר זייערע אויגען, שפּרינגען אין פייער אויף קידוש־השם און שרייען בשעת־מעשה: „שמע ישראל!״ — אט דערמיט שעמען מיר זיך???

. . . .

האב איך דיך, טאטע, געפרעגט צוויי קשיות.

די דריטע קשיה וועל איך דיך פרעגען:

פאר וואס האסט דו אונז אפּגעגעבען אין סקוהל, מיר זאלען לערנען נאר איינגעלש אליין, און האסט פארגעסען אונז לעהרנען אידיש, אונזער אייגענע שפּראך?

אדער די שפראך, וואס אויף איהר איז געשריבען די בייבעל, די שפּראך, וואס אויף איהר האבען גערעדט די נביאים, די שפּראך, וואס אויף איהר איז פאראהאן, זאגט מען, א רייכע, א שענע ליטעראטור?

פאר וואס האבען מיר אויסגע׳חזר׳ט די היסטאריע פון אלע פעלקער, די אלטע און די נייע, נאר די היסטאריע פון איין פאלק האבען מיר דורכגעלאזט — די היסטאריע פון אונזער אייגען אידיש פאלק?

פאר וואס זענען מיר קלאר אין דער געאגראפיע פון דער גאנצער וועלט, נאר נישט אין דער באשרייבונג פונ'ם לאנד פון אונזערע עלטערען, פון ארץ־ישראל?

. . . .

האב איך דיך, טאטע, געפרעגט דריי קשיות.

די פערטע קשיה וועל איך דיך פרעגען:

פאר וואס ווייסען מיר, וועז איז כריסטמאס, וועז איז וואשינגטאנ'ס בוירטס־דעי, וועז איז לינקאלנ'ס בוירטסדעי, וועז איז דעקארריישאן־דעי און טהענקס־גיווינג־דעי — און מיר ווייסען נישט, וועז איז חנוכה, וואס איז פורים, וועז איז סוכות און וואס באדייט פסח?

פאר וואס ווייסען מיר, ווער איז געוועז שעקספיר, מילטאן, לאנגפעלאו, דיקענס און טעקעריי, עדגאר פאו און מארק טוויין, און מיר ווייסען נישט, ווער איז געוועז יהודה הלוי, גארדאן, לעווינזאהן, אבראמאוויטש, ביאליק און נאך און נאך אונזערע אייגענע דיכטער און שריפטשטעלער?

פאר וואס, און פאר וואס, און פאר וואס?... פאר וואס זאל איך דיך איבערהויפט דארפען פרעגען קשיות?

. . . .

האב איך דיך שוין, פאטער, געפרעגט אלע פיער קשיות.

אצינד בעט איך דיך, דו זאלסט מיר ענטפערען א תירוץ אויף מיינע קשיות.

און אז דו וועסט מיר נישט ענטפערען קיין תירוץ אויף מיינע קשיות, וועל איך דיר אליין ענטפערען א תירוץ:

עבדים היינו...

דער אתרוג

א מעשה לכבוד יום־טוב.

געשריבען אין יאָהר 1902.

דֶער אֶתְרוֹג

א.

‚הייסען הייס איך, זאָלט איהר וויסען זיין, אָרי־לייב, נאָר רופען רופט מען מיך לייבעל, און אין חדר האָב איך אַ צונעמעניש „לייב־דרייב־אָבדיריק”. אין חדר ביי אונז האָט איטליכם יונגעל זיין צונעמעניש: מאָטעל־קאַפּאָטעל, מאיר־דרעהער, מענדעל־פענדעל, חיים־קלייען, איציק־שפּיציק, בערעל־צאַפּ... געפעלט אייך אַ ביסעל אַ גראַם? מילא, אַז איציק איז שפּיציק, מענדעל איז פענדעל און חיים איז קלייען — דאָס קאָן מען נאָך פאַרשטעהן; אָבער וואָס פאַר אַ מחותן איז בערעל מיט צאַפּ? — למאי, וואָס פּאַר אַ מישל איז לייב־דרייב־אָבדיריק? פון דעסטוועגען וויל איך דאָס שטאַרק ניט ליידען און קריך זיך שלאָגען, און חאַפּ פּעטש מיט קולאַקעס מיט סטוסאַקעס מיט בוכענצעס מיט שטשיפּאַלקעס פון אַלע זייטען. מע מאַכט מיך ברוין און בלוי, וואָרום איך בין דער קלענסטער ביי אונז אין חדר, דער קלענסטער און דער שוואַכסטער און דער אָרעמסטער. קיינער וועט זיך פאַר מיר ניט איינשטעלען, מיין קריוודע ניט אָננעמען; אדרבה, אַז צוויי נגיד'ישע יונגלעך בוכען מיך, איינער זיצט אויף מיר רייטענדיג און דער אַנדערער דרעהט מיר איין אויהער, שטעהט דער דריטער, איין אָרעמאַנ'ס אַ יונגעל, און פּאָדטאַקעוועט מיט אַ ניגון:

אַט אַזוי! אַט אַזוי!
בּוכעט איהם!
בּוכעט איהם!
די עווערלעך!
די עווערלעך!
אַט אַזוי! אַט אַזוי!

דעמאָלט ליג איך שטיל, ווי אַ קעצעלע, און אַז מע לאָזט מיך אָפּ, געה איך מיר אַוועק אין אַ ווינקעלע און וויין זיך אוים שטי־לערהייט, וויש־אוים די אויגען, רוק זיך צוריק צו צו חברה און ווער ווידער אַ מענטש... בּקיצור, אַז איהר וועט בּאַגעגענען אין דער דאָזיגער מעשה אַ נאָמען לייבּעל, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס בּין איך.

אַליין בּין איך אַ געפּאַקטער פּוכלעק, אַ נידעריגער, נאָר אַ גראָבּער. ניט אַזוי מחמת פּעטקייט; איך בּין אויפ'ן לייבּ דווקא אַ מאָגערער. נאָר דערפאַר בּין איך פּוכלעקוואַטע, ווייל איך טראָג גראָבּע וואַטאָווע הויזלעך, אַ גראָבּ וואַטאָווע לייבּעל מיט אַ גראָבּ וואַטאָווע קאַפּאָטקעלע. די מאַמע, פאַרשטעהט איהר מיך, וויל, עס זאָל מיר זיין וואַרעם און איך זאָל מיך חלילה ניט פאַרקיהלען, האָט זי מיך אַרומגעוויקעלט מיט וואַטע פון קאָפּ בּיז פּיס. נאָר זי מיינט, די מאַמע הייסט דאָס, אַז וואַטע קומט ניט צו־נוץ פאַר אַ יונגעל. וואַטע קומט צו־נוץ אויף אַ מיאַטש, און נאָך אויף אַ מיאַטש, און נאָך אויף אַ מיאַטש — אַלע יונגלעך האָבּ איך איינ־געטיילט מיט וואַטע, געשלעפּט פון די הויזלעך און פונ'ם קאַפּאָט־קעלע, אַזוי לאַנג, בּיז מע האָט דערזעהען, האָבּ איך געחאַפּט פּעטש מיט קולאַקעס, מיט סטוסאַקעס, מיט בּוכענצעס, מיט שטשיפּאַלקעס. נאָר לייבּעל טהוט זיך זיינס: ער טיילט וואַטע. ווער סע וויל, דער נעמט בּיי איהם וואַטע, און ווער עס האָט גאָט אין האַרצען, דער שלאָגט איהם, הרג'עט איהם, ממית'ט איהם: „לייבּ־דרייבּ־אָבּדיריק, אַ מצוה אויף איהם!"...

אויפ׳ן פּנים בין איך רויט, די באַקען זענען ביי מיר בלוילֹיך און די נאָז תּמיד פאַרקאָוועט, תּמיד פול ווי איין אויג. „איין אוצר ביי איהם, צו אַלדי שווארצע יאָהר!" — אזוי זאָגט די מאַמע און רייבט לייבלען די נאָז מיט׳ן פאַרטוך גאָר אומ׳ברחמנות און שרייט צו איהם: „נאָך! נאָך!"... לייבעל נעמט זיך אָן מיט אַלע כּוחות, עס שפּאַרט איהם שיער ניט אַרויס די אויגען פונ׳ם קאָפּ מיט דער נשמה, און די מאַמע הערט ניט אויף צו שרייען: „נאָך! נאָך! נאָך!"... נאַ דיר איין אָנשיקעניש! אַ נאָז! עס זאָל אָבער ניט זיין קיין נאָז, וואָלט דאָך געווען גוט. ערשטענס, פאַרשפּאָרט מען דעקוטשען מיט׳ן שנייצען; און צווייטענס, איז ניטאָ ווער ס׳זאָל פרוירען ווינטער אויפ׳ן פראָסט. נישט איין מאָל פלעגט מיר איינפאַלען צו פרעגען אַ קשיה: צו וואָס טויג אַ נאָז? ווי וואָלט געווען, למשל, אַז אַלע מענטשען זאָלען אַרומגעהן אָהן נעזער? אַי, וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען מיר דעמאָלט געהאַט? בלייבט אַ קשיה!... נאָר איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען, קינדער, עפּיס אַנדערש. איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען אַ מעשה מיט איין אתרוג, און אַרויף בין איך גאָר אויף ווייס איך וואָס!... לכן ריים איך איבער אין מיטען אַ שמועס און קעהר זיך אום מיט אייך צוריק צו דער מעשה מיט׳ן אתרוג.

ב.

מיין טאַטע, „משה־יענקעל דער נאמן", דיענט אין פּראָיעקט פון כּמה וכמה יאָהרען אַלס קאַסיר. ער באַקומט געהאַלט פינפצי־האַלבען קאַרבען אַ וואָך און קוקט־אַרויס אויף אַ הוספה; אַז מע וועט איהם געבען אַ הוספה, וועט ער, זאָגט ער, היינטיגעס יאָהר, אם ירצה השם, קויפען איין אתרוג. נאָר די מאַמע (בתיה־ביילה די נאמנ׳טע רופט מען זי) גלויבט ניט אין אַזעלכע זאַכען. ניכער, זאָגט זי, וועט אומפאַלען אַ קאַזאַרמע און מענטשען ווערען

גע׳הרג׳עט ווערען, איידער א בעל־טאקסע וועט געבען א הוספה... איינמאָל פאר ראש־השנה איז לייבעל אָנגעקומען אויף אזא מין שמועס צווישען טאטע־מאמע.

ע ר: עס זאָל זיך קעהרען די וועלט, מוז איך היינטיגען סוכות האָבען איין אתרוג!

ז י: די וועלט וועט זיך ניט קעהרען, און דו וועסט קיין אתרוג נישט האָבען.

ע ר: אזוי זאָגסט ד ו? ווי זשע איז אָבער דער דין, אז מע האָט מיר צוגעזאָגט געבען צושטייער אויף איין אתרוג?

ז י: וועט מען דאָס דארפען פארשרייבען אין ספר־פראלניק, אז ראש־חודש קרעמעניץ האָט זיך געטראָפען א נס — עס איז גע׳פגר׳ט א בער אין וואלד. נאָר וואָס דען? אז איך וועל ניט גלויבען, וועל איך אויך ניט זיין קיין גרויסע אפיקורס׳טע.

ע ר: מעגסט דיר יאָ גלויבען און ניט גלויבען; איך זאָג דיר, אז היינטיגען סוכות האָבען מיר איין אייגענעם אתרוג.

ז י: אָמן הלואי, פון דיין מויל אין גאָט׳ס אויהערען!

— אָמן! אָמן! אָמן! — טראכט לייבעל ביי זיך אין הארצען, און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אז דער פאָטער זיינער קומט אין שוהל אריין, ווי איין אלטער שטאָדט־בעל־הבית, מיט זיין אייגענעם אתרוג און מיט זיין אייגענעם לולב, און חאָטש משה־יענקעל דער נאמן איז א איד פון שפיגעל־באנק, פון דעסטוועגען, אז סע קומט צו הושענות און דער עולם מאכט א שפאציער מיט די אתרוגים ארום דער בימה, געהט משה־יענקעל אויך אין קאָהן, גלייך מיט אלע מזרח־לייט, און לייבעל׳ס הארץ קוועלט־אָן און פרעהט זיך. פריהער, געוויינטליך, געהט רב מלך דער חזן, ווי א פעלדמארשאל, טריט ביי טריט, דעם קאָפּ פארריסען ארויף מיט גרויס גדלות, און זינגט אויף זיין שען־ציקעלדיגער שטימע: „הושע־נא, עניה סוערה, הושע־נא!‟ און תיכף נאָך איהם געהט דער רב, א קליין אויסגעווייקט אידעל, אנגערוקט דעם טלית איבער׳ן פנים. נאָכ׳ן רב — דער דיין, א איד מיט א געל פארמעט־

פנים, נאָר מיט ברייטע אַקסלען און מיט אַ פעטען בויך, וואָס טרייסעלט זיך אונטער דער גלאַנצענדיגער אַטלעסענער קאַפּאָטע. און נאָכ'ן דיין — די „פני העיר", די „מזרח־לייט", די נגידים, דער סאַמע צימעס פון שטאָדט: רב דאָדי רב הערשעלע'ס, רב שמחה רב יאָסילע'ס, רב אהרן רב לייבעלע'ס. נאָכדעם — די דריי בערעלס: בערעל דער גרויסער, בערעל דער רויטער, בערעל מיט דער באַק. נאָכדעם — מיטעלמעסיגע בעלי־בתים: מענדעל ברוך נחמה'ס, אַלטער מינצי פעסיל'ס, שעיה שלמה־דוד'ס, וועלוועל חיים־בערטשיק'ס. און נאָכדעם געהען קליינוואַרג: משה קאָטער, חיים פלאַם, עזריאל קאַטשקע, מאיר ליפ, שלום סקריפ, שמואליק פעטרישקע, און נאָך און נאָך, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַ נגיד נאָך אַ נגיד, אַ בעל־הבית נאָך אַ בעל־הבית, איטליכער לפי ערכו, נאָך זיין פאַרמעגען, ווי, להבדיל, אין דער אַרמיע, בשעת דאָס חיל געהט אין דער מלחמה: פריהער טרעט־אַרויס דער פעלדמאַרשאַל, נאָכדעם געהען גענעראַלען, נאָכדעם פאָלקאָווניקעס, אָפיציערען און יונקערס, אונטעראָפיציערען און פעלדפעבעלס, און ערשט נאָכדעם געהען די פּראָסטע סאָלדאַטען... לייבלען שטעלט זיך פאָר, אַז זיין פאָטער האָט זיך אַריינגעחאַפּט מיט'ן אתרוג צווישען די שענסטע בעלי־בתים, אַ סך פריהער פאַר רב ישראל דעם שניידער, וואָס חאָטש ער איז אַ איד אַ בעל־מלאכה און אַ גרויסער אָרעמאַן, פון דעסטוועגען, קומט צו די הושענות, געהט רב ישראל דער שניידער גלייך מיט אַלע בעלי־בתים מיט אַ פרעמדען אתרוג, וואָס איין אויפגעקומענער בעל־מלאכה האָט איהם מיט דעם מכבד געווען, אפשר דערפאַר, ווייל רב ישראל איז אַ שענער איד אַ לייטישער און אַ גאַנץ עהרליכער. לייבעל האָט נישט איינמאָל באַמערקט, אַז עס קומט צו הושענות און דער עולם הויבט־אָן אַרומצוגעהן אין שוהל מיט די אתרוגים, שטופען זיך די בעלי־בתים איטליכער וואָס פריהער, קוקען בלומרשט אין סידור אַריין, העלפען דעם חזן זינגען די הושענות מיט אַ דין קול'כעל, מאַכען בשעת־מעשה זעהר אַ פרום פנים, און חאַפען אַ קוק מן הצד. קליבען זיך

צו פאַרנעמען אַ רעכט שטיקעל אָרט, נעהענטער צו די פּני העיר, צו די מזרח־לייט, צו די נגידים; און אַז זיי קומען־אוים אַ ביסעל ווייטליך, מאַכען זיי פּים און הויבען אָן געהן גיכליך, זיי זאָלען חלילה ניט פאַרשפּעטיגען און איין אַנדערער, אַ קלענערער, זאָל חלילה ניט פאַרחאַפּען זייער אָרט. און אָפטמאָל טרעפט זיך, אַז איינער אַ בעל־הבית האָט אַ ביסעל פאַרשפּעטיגט, רוקט ער זיך אריין בריה׳ש מיט אַ זייטעל צווישען אַנדערע צוויי בעלי־בתּים, וואָס וואָלטען איהם מכּות אַריינגעלאָזט, עס זאָל זיין אין זיי געוועגדט...

אַז לייבעל האָט דערהערט דעם שמועס פון פאָטער און מוטער מכּח איין אייגענעם אתרוג, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אויסגעפּויקט אין חדר, אַז היינטיגען יום־טוב וועלען זיי האָבען איין אתרוג, „איין אייגענעם אתרוג”; נאָר קיינער האָט איהם נישט געוואָלט גלויבען, וויפיעל ער האָט זיך ניט געשוואָרען.

— וואָס זאָגט איהר אויף זיין טאַטען? — האָבען חברה שקצים געדעדט צווישען זיך. — אַזאַ קבצן שבקבצנים, פון די קבצניווקער קבצנים, וועט קויפען איין אייגענעם אתרוג! ער מיינט, אפנים, ס׳איז אַ לימענע, איין עפּעל פאַר אַ גראָשען!

און די קלענערע יונגלעך האָבען צוגעזונגען:

לייב־דרייב־אַבדיריק
האָט אויסגעטראַכט אַ ליגען!
אויסגעטראַכט אַ ליגען!...

אַזוי האָבען חברה שקצים געזונגען און מע האָט איהם נאָך מכבּד געווען, ווי אַלע מאָל, מיט שענע עטליכע פּעטש, קולאַקעס, סטוסאַקעס, בוכענצעס און שטשיפּאַלקעס. די דאָזיגע מעשה האָט איהם, געוויינטליך, פאַרדראָסען, און לייבעל הויבט־אָן גלויבען, אַז זיין טאַטע איז אַ כּתריליק, אַ קבצן שבקבצנים, און אַ קבצן טאָר זיך ניט גלוסטען... ווי איבערראַשט איז ער אָבער געוואָרען, אַז

ער איז געקומען אהיים און האָט געטראָפען הענזעל דעם שוחט מ'ט דער נאפאָליאָנקע אויף'ן קאָפּ זיצען מיט'ן פאָטער ביי'ם טיש און פאר זיי איז געשטאַנען אַ קעסטעל מיט אתרוגים, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען מיט זייער גן־עדן־ריח איבער דער גאַנצער שטוב.

ג.

די נאפאָליאָנקע, וואָס הענזעל דער שוחט טראָגט אויפ'ן קאָפּ, איז אַזאַ מין שטריימעלע, אַ מיצעל אַזעלכס, וואָס איז אונז פארבליבען בירושה פון נאפאָליאָן דעם ערשטען. דאָרטען, ביי די פראַנצויזען, איז דאָס מיצעל שוין לאַנג אויס מאָדע; נאָר ביי אונז, אין כתרילעווקע, האָט זיך נאָך פארוואַלגערט איין נאפאָ־ליאָנקע, אָבער טאַקי מעהר נישט ווי איינס, ביי הענזעל דעם שוחט. דאָס מיצעל איז אַ לאַנגס און אַ שמאָלס, פון פאָרענט מיט אַ שפּעלטעל, מיט אַ קנעפּעל און מיט צוויי קאָטעסלעך. איך האָב תמיד חשק געהאַט צו די דאָזיגע קאָטעסלעך. ווען דאָס מיצעל פאַלט־אַריין צו מיר אין די הענט האָטש אויף צוויי מינוט, זענען די קאָטעסלעך מיינע!... אַזוי האָב איך מיר געקלערט. הענזעל דער שוחט טהוט אָבער קיינמאָל ניט אויס דאָס מיצעל פון'ם קאָפּ, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז די קאָטעסלעך מיט'ן מיצעל מיט די פאות מיט'ן קאָפּ זענען ביי איהם עפּיס ווי צונויפגעוואַקסען אינ־איינעם, און דערפאַר, אַז ער רעדט און מאַכט מיט די הענט, שאָקלען זיך די פאות און די קאָטעסלעך באַמבלען זיך. רב הענזעל דער שוחט לעגט־פאַנאַנדער די גאַנצע קראָם זיינע, קלויבט אויס איין אתרוג, טראָגט איהם צו צו דעם טאַטען מיט צוויי פינגער און הייסט איהם נעמען דעם דאָזיגען אתרוג.

— אָט דעם אתרוג זאָלט איהר נעמען, רב משה־יענקעל. וועט איהר האָבען הנאה, וואָרום ער איז, זאָג איך אייך, איין אַנטיק! איין אַנטיק שבאַנטיק!

— אָבער אַ קאַרפּירער? — פרעגט דער טאַטע און באַטראַכט דעם אתרוג פון אַלע זייטען, ווי מע באַטראַכט אַ ברילִיאַנט, און די הענט ציטערען איהם פאַר פרייד.

— נאָך אַ מין קאַרפּירער! — מאַכט דאָס מיצעל מיט אַ געלעכטערעל, און די קאָטעסלעך באָמבלען זיך. — אַ קאַרפּירער שבקאַרפּירער! צווישען קאַרפּירער אַ קאַרפּירער!

משה־יענקעל דער נאָמן שפּיגעלט זיך אין׳ם אתרוג, קאָן זיך אין איהם זאַט נישט אָנקוקען, רופט־צו בתיה־ביילה׳ן און ווייזט איהר מיט אַ גליקליך שמייכעלע אויפ׳ן אתרוג, ווי מע ווייזט־אָן אויף זעהר אַ רייכען פערמואַר, אַ ציערונג, איין אבן־טוב, אָדער ווי אויף אַ שען טייער קינד, אַ טרייסט. בתיה־ביילה געהט־צו אָהן ווערטער, ציהט־אויס די האַנט פּאַוואָלינקע, וויל נעמען דעם אתרוג אין האַנט אריין, גיט מען איהר נישט: „פּאַוואָלינקע מיט די הענט! אַ שמעק, אויב דו ווילסט"... בתיה־ביילה באַנוגענט זיך האָטש מיט אַ שמעק, און מיר גיט מען אפילו קיין שמעק אויך נישט טהון. מיך לאָזט מען אפילו ניט צו, איך זאָל ניט שטעהן צו נאָהענט, איך זאָל גאָר ניט קוקען אפילו, וואָרום ס׳איז מסוכן נפש!

— שוין, אָט איז ער דאָ! — זאָגט די מאַמע. — אָט לאָז איהם נאָר צו, בייסט ער אָפּ דעם פּיטום פונ׳ם אתרוג!...

— לאָז גאָט היטען! — זאָגט דער טאַטע, איבערגעשראָקען פון אַ בייז וואָרט.

— שומר ומציל זיין! — העלפט צו דאָס מיצעל, און די קאָטעסלעך באָמבלען זיך. רב הענזעל שענקט אַ ביסעל קלאָטשע אויף איינצוויקלען דעם אתרוג, און דער ריח, דער גן־עדן־ריח, צעגעהט זיך אין אַלע ווינקעלעך.

ווי אַ ברילִיאַנט, ווי אַ זעלטענעם שטיין, ווי אַ טייערען פקדון, וואָס מע האָט איהם איבערגעגעבען באַהאַלטען און אָפּ־היטען, ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג, וואָס אַז טאָמער ווערט

עס חלילה פאַרפאַלען, איז מען ניט זיכער מיט'ן לעבען, — אַזוי האָט מען גענומען דעם שמעקענדיגען אתרוג, אײַנגעהילט אין קלאָטשע, ווי מע הילט־אײַן אַ ציטעריג קינד, אַ בן־יחיד'על, ס'זאָל זיך חלילה ניט צוקיהלען דאָס העלזעל, און מע האָט פּאַוואָלינקע אויסגעבעט און באַלעגט אין אַ שענע קײלעכיגע הילצערנע גע־טאָקטע געפאַרבטע פושקע פון צוקער. דעם צוקער האָט מען געבעטען מחילה, און דעם אתרוג האָט מען אַרײַנגעבעטען, ווי אַ ליעבהאַרציגען גאַסט: ברוך הבא, רב אתרוג! אַרײַן, אַרײַן, אין פושקע אַרײַן! רעכט אײַנגעדעקט מיט קלאָטשע, צוגעדעקט מיט'ן דעקעל, אַרײַנגעשטעלט אין דער גלעזערנער שאַפע, צוגע־מאַכט דאָס טירעל — און אַ גוטען טאָג!

— איך האָב מורא, דער משומד (דאָס מײנט מען מיך) זאָל זיך ניט דאַביוועו צו דער שאַפע, חלילה, און נישט אָפּבײסען דעם פּיטום פונ'ם אתרוג!... — אַזוי טהוט אַ זאָג די מאַמע נאָך אַ מאָל און נעמט לײבלען פאַר אַ האַנט און שלעפּט איהם אָפּ פון דער שאַפע.

ווי אַ קאַץ, אַז זי דערשמעקט פּוטער, שפּרינגט זי אַראָפּ פונ'ם פּריפּעטשיק, גלײכט זיך אויס דעם רוקען, הויבט זיך אָן אַרומ־דרעהען, רײַבען זיך, קוקען איטליכען באַזונדער אין די אויגען אַרײַן און באַלעקען זיך, — אַזוי האָט נעבאַך לײבעל אַ היבשע צײַט זיך אַרומגעדרעהט נעבען דער שאַפע, אַרײַנגעקוקט אינ'ם גלעזערן טירעל, געשמײכעלט צו דער פּושקע מיט'ן אתרוג, אַזוי לאַנג, ביז די מאַמע זײַנע האָט דאָס דערזעהען, האָט זי אַ זאָג געטהאָן משה־יענקלען, אַז דער ווײַסער־חברה'ניק האָט חשק זיך דאַביוועו צום אתרוג. האָט משה־יענקעל אָנגעשריגען אויף איהם: „אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ אײנער, ניט געדאַכט זאָלסט דו ווערען!"... אַ קאָטאַ, הײסט דאָס, פון דער פּוטער!...

לײבעל בויגט־אײַן דעם קאָפּ, לאָזט־אַראָפּ די אויגען און געהט־אַוועק אין חדר אַרײַן.

ד.

אז איך האָב געלערענט אין חומש די ערשטע סדרה פון בראשית, פלעג איך מיר ניט איין מאָל טראַכטען: וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען גאָט האָט באַזעצט אָדם הראשונ'ען מיט זיין פרוי אין גן־עדן — ער זאָל זיי ניט געווען אָנזאָגען, פון וואָסערע פירות זיי מעגען יאָ עסען און פון וואָסערע פירות זיי טאָרען ניט עסען? די שלאַנג וואָלט דעמאָלט געווים קיין שליטה ניט געהאַט, זי וואָלט ניט אָנגערעדט חוה'ן, זי זאָל פאַרזוכען פונ'ם עץ־הדעת, חוה וואָלט ניט אונטערגעטראָגען איהר מאַן דאָס עפּעלע, גאָט וואָלט זיך ניט צעבייזערט אויף זיי, מע וואָלט זיי ניט ארויסגע־טריבען פונ'ם וויינגאָרטען, און מיר וואָלטען נאָך אפשר עד היום געשפּאַציערט אין גן־עדן. די טאַטעס וואָלטען געזעסען מסתמא און געלערענט, די מאַמעס וואָלטען געאַרבייט זאָקען, אָדער גע־פּליקט פעדערען, און מיר, יונגלעך, ווייסע־חברה'ניקעס, וואָלטען געקלעטערט אויף די בערג, אויף די הרי אררט, געריסען טייטלען, געגעסען מילגראַמען, אָנגעשטופּט פולע קעשענעס מיט באָקסערען און געבאָדען זיך גאַנצע טעג אינ'ם טייך פּישון...

די עטליכע ווערטער, וואָס בתיה־ביילה האָט אַ זאָג געטהאָן צו איהר מאַן: „אָט לאָז איהם נאָר צו, בייסט ער אָפּ דעם פּיטום פונ'ם אתרוג", זענען געווען פאַר לייבלען אַ סם־המות, אַ גיפט אין די ביינער אריין.

פון יענער מינוט אָן האָט זיך דער „פּיטום פונ'ם אתרוג" באַזעצט ביי לייבלען אין מח, נישט ארויסגעקראַכען פון זיינע געדאַנקען אויף קיין מינוט, ביינאַכט געקומען צו חלום, געטאַרעט איהם, געשלעפּט ביי די פּאָלעס: „דו האָסט מיך נישט דערקענט, נארישיו? דאָס בין איך, איך, פּיטום!"... לייבעל קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, קרעכצט און ווערט אנשלאָפען, טאָרעט מען איהם ווידער: „שטעה אויף, נארישיו, געה עפען

אויף די שאפע, נעם־ארויס דעם אתרוג און בייס מיך אפּ, וועסט דו זיך מחיה זיין!"...

אין דער פריה, אז לייבעל שטעהט־אויף און גיסט־אפּ נעגעל־וואסער, חאפּט ער זיך צום דאוונען, נעמט דאס אנבייסען מיט זיך, חאפּט א קוק פארבייגעהענדיג אהין, אין שאפע, דורך דעם גלעזערנעם טירעל, אויף דער פושקע מיט'ן אתרוג, און עס דאכט זיך איהם אויס, אז די פושקע ווינקט צו איהם, רופט איהם, מאכט מיט אויגען: „אהער!... אהער, בחור'על!"... לייבעל נעמט די פיס אויף די פּלייצעס און מארש אין חדר אריין.

איינמאל אין א שענעם פריהמארגען, אז לייבעל איז אויפ־געשטאנען, האט ער דערזעהען, אז ער איז איינער אליין, איינער אליין אויף דער גאנצער שטוב. דער טאטע איז אין פּראיעקט, די מאמע — אין מארק, די דיענסט־אידינע פּארעט זיך אין קיך, דאס קליינע קינד אין וויעגעלע ליגט פארווארפען די הענטלעך ארויף, שלאפט און שמייכעלט, לאכט פונ'ם שלאף. „מלאכים שפּיעלען זיך מיט דעם" — טראכט זיך לייבעל, גיסט־אפּ נעגעל־וואסער און חאפּט א קוק אהינצו, אין שאפע אריין, דורך דעם גלעזערנעם טירעל, און דערזעהט די פושקע. זי ווינקט צו איהם, רופט איהם, מאכט מיט אויגען: „אהער!... אהער, בחור'על!"... פּאוואלינקע, פּאוואלינקע געהט לייבעל צו צו דער שאפע, עפענט־אויף דאס גלעזערנע טירעל, נעמט־ארויס די פושקע, די שענע קיילעכיגע הילצערנע געטאקטע געפארבטע פושקע, עפענט־אויף דאס דעקעל, און איידער ער דעקט נאך אפּ די קלאטשע פונ'ם אתרוג, טהוט איהם א זעץ אין נאז אריין א ריח, א שטארקער, שארפער ריח, א גן־עדן־ריח; און איידער ער קוקט זיך ארום, איז שוין דער אתרוג ביי איהם אין האנט און דער פּיטום טהוט איהם א שפּרונג אין פּנים אריין:

— ווילסט האבען הנאה? ווילסט פּיהלען א טעם גן־עדן? נעם בייס מיך אפּ! האב קיין מורא ניט, נארישיו, קיינער וועט

נישט וויסען! קיין בן־אָדם וועט נישט זעהען! קיין פויגעל וועט נישט אויסזאָגען!...

. . . .

וואָס איז געווען, ווילט איהר וויסען? צי האָב איך אָפּגע־ביסען דעם פּיטום פונ׳ם אתרוג, צי האָב איך זיך איינגעהאַלטען און נ י ט אָפּגעביסען דעם פּיטום פונ׳ם אתרוג?... איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס וואָלט איהר געטהאָן אויף מיין אָרט, ווען מע זאָל אייך אָנזאָגען צעהן מאָל, איהר זאָלט זיך ניט דערוועגען אָפּ־בייסען דעם פּיטום פונ׳ם אתרוג? איהר וואָלט ניט וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ פּיטום פון איין אתרוג?...

ה.

משה־יענקעל דער נאמן, וואָס דיענט אין פּראָיעקט, איז ניט אים שטאַנד אַליין צו בויען זיך אַ סוכּה. אַ סוכּה לאָז בויען דער שכן, זלמן דער סטאָלער; ער איז ניט קליין. זלמן דער סטאָלער האָט אַ סך ברעטער, און מיר געבען צושטייער אַ צוויי ציכלעך מיט לייליעבער און מיט קאָלדרעס אויף ארומצושלאָגען די ווענט. בתיה־ביילה די נאמנ׳טע וועט איהם דערפאַר אָפּבאַקען חלה אויף יום־טוב — זלמן דער סטאָלער איז ניט לאַנג געבליבען איין אַלמן מיט אכט קינדער — און העלפען דער עלטערער טאָכטער צבית אָנפילען די פיש, וואָרום אזוי פילען פיש, ווי בתיה־ביילה די נאמנ׳טע, פילט קיינער ניט אין כּתרילעווקע. היינט וואָס איז ווערטה דאָס אתרוג־בענטשען?

— איהר האָט אַ חלק אינ׳ם אתרוג גלייך מיט אונז, — זאָגט בתיה־ביילה די נאמנ׳טע צו זלמן דעם סטאָלער.

— אויף צו בענטשען, — פאַררעכט איהר משה־יענקעל דער נאמן.

— וואָס דען, אויף צו עסען? — רופט זיך אָן דער סטאָלער פון זיין זייט.

נישט נאָר זלמן אַליין האָט זיך אויסגעבעט אַ בעטעל אתרוג בענטשען אין סוכּה; דערויף האָבען אַרויסגעקוקט אויך די קינדער זיינע, ווי מע קוקט־אַרויס אויף משיח'ן: אַ קלייניגקייט אַזאַ גליק — האַלטען אין איין האַנט דעם אתרוג, אין דער אַנדערער האַנט דעם לולב, מאַכען אַ בּרכה „על נטילת לולב" און געבען אַ טרייסעל: טרררר!... „וויפיעל טעג האָבען מיר נאָך צו סוכּות?" — האָט איינער געפרעגט ביי'ם אַנדערען און געצעהלט די טעג.

דעם טאָג וואָס ערב סוכּות האָט דער טאַטע זיך פאַרנומען מיט אויסבינדען דעם לולב, צונויפקלויבען די פיער מינים און צו־גרייטען אַלסדינג אויפ'ן שענסטען אופן. דעם צוגעקלויבענעם אויסגעפּוצטען לולב האָט ער אָוועקגעשטעלט אויבען אויף דער שאַפע, אין אַ ווינקעלע, אַ ביסעל צוגעשפּאַרט אויף אַ זייט, ווי אַ לעבעדיגער נפש שפּאַרט זיך צו אַ ביסעל אָפּרוהען. לייבלען האָט ער פאַרשפּאַרט אָנזאָגען, ער זאָל זיך ניט דערוועגען צוריהרען צום לולב, וואָרום אַז לייבעל זאָל אפילו וועלען, וואָלט ער נישט געקאָנט אַזוי הויך דערלאַנגען, און אַז ער זאָל אפילו וועלען צו־שטעלען אַ בענקעל צו דער שאַפע און אַרויפקלעטערען, וואָלט דער־פון אויך גאָרנישט געוואָרען: דאָס בענקעל וואָלט נאָר אומגע־פאַלען, און ער וואָלט געגעבען אַ פּראַל אין דער ערד אַריין, וואָלט זיך בּרעכען האַלז־און־נאַקען און וואָלט נאָך געהאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק, אַז ער וואָלט פאַרזאָגען קינד'ם קינדער!...

נאָך אַ זאַך איז געווען, פאַר וואָס לייבעל האָט געלאָזט צו־רוה דעם לולב: ס'איז איהם אפילו אין קאָפּ אַריין נישט גע־קראָכען קיין לולב. איהם האָט איין אַנדער מחשבה געפּיקט אין קאָפּ: „וואָס וועט זיין, טאָמער, חלילה, חאַפּט מען זיך צום פּיטום פונ'ם אתרוג און מע דערזעהט, אַז ער איז, מחילה, איין

אָפּגעביסענער?"... אמת, לייבעל האָט אפילו דעם אָפּגעביסענעם פּיטום תיכּף ומיד צוגעקלעפּט צוריק צום אתרוג מיט שפּייעכץ — נאָר ווער ווייסט, צי וועט ער זיך אויף שפּייעכץ וועלען האַלטען?... גוואַלד, גוואַלד, וואָס וועט זיין? וואָס פאַר א תירוץ וועט ער זאָגען? ווי אַזוי וועט ער גאָר קאָנען קוקען אין די אויגען אריין דעם טאַטען און דער מאַמען און אָפּלייקענען, זאָגען, אז ער ווייסט ניט פון קיין פּותר און פון קיין חלום? ווער וועט איהם גלויבען אויף זיינע נאמנות? און צו וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפט טהון? וואָס איז איהם דערפון אַרויסגעקומען? וואָס פאַר א טעם האָט א פּיטום פון איין אתרוג, אז בסך־הכּל איז ער — פּע, ביטער גאַל, א בייזע וויסטע חלשות! אומזיסט־אומנישט גענומען און קאַליע געמאַכט א פּרי, גע'פסל'ט איין אתרוג, אַזא שענעם אתרוג! און אַז דער אתרוג איז גע'פסל'ט — דאָס איז לייבעל שוין געוואָהרע געוואָרען אין חדר פון זיינע חברים. היינט צו וואָס האָט דאָס איהם געטויגט? צו וואָס האָט ער דאָס באַדאַרפט?... עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז א „הורג־נפש": גענומען א לע־בעדיגע זאַך, אָפּגעביסען דאָס קעפּעל און צוגענומען ביי דעם דאָס חיות. פאַר וואָס? פאַר ווען? וואָס האָט דאָס איהם געטהאָן?... אומעטום און אַלע מינוט האָט ער געזעהען פאַר זיך דעם אָפּגע־ביסענעם פּיטום, דעם טוידטען אתרוג, געל ווי וואַקס, אָהן א טראָפּען חיות, א מת, א בר־מינן, א בר־מינן!...

ביינאַכט אין שלאָף איז דער אתרוג געקומען צו איהם צו חלום, איהם געטאָרעט און געשלעפּט פאַר'ן אַרבעל, געוועקט איהם: „וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר? פאַר וואָס האָסט דו אָפּגעביסען מיין פּיטום? איך בין דאָך שוין איצטער פּסול, פּסול, פּסול!"... לייבעל קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, קרעכצט און ווערט אַנשלאָפען, טאָרעט מען איהם ווידער: „קוילער! וואָס האָסט דו געהאַט צו מיין פּיטום? צו מיין פּיטום? צו מיין פּיטום?"...

ו.

געקומען דער ערשטער טאָג סוכּות. נאָך דעם בּיינאַכטיגען פרעסטעל איז אויפגעגאַנגען די זון אויפ׳ן לויטערען בּלויען הימעל און בּאַגאָסען די ערד מיט אַ פריילּיכער מחיה׳דיגער ליכטיגקייט, וואָס צעגעהט זיך אין יעדען אבר און פילט־אָן דאָס האַרץ מיט אַ משונה געפיהל, מיט אַ מאָדנע בּענקעניש נאָך דעם איבּערגעלאָ־פענעם זומער. די זון לייכט, נאָר וואַרעמט וואַרעמען זי ניט. „ווי אַ שטיפמאַמע”, זאָגט מען בּיי אונז אין כּתרילעווקע. נישטאָ יענע וואַרעמקייט, וואָס זומער־לעבּ! מע זעהט נישט יענע גרינקייט, וואָס זומער־לעבּ! מע הערט נישט דאָס פּישטשען פון די פויגעלעך, וואָס זומער־לעבּ! אַלץ, אַלץ איז אַוועק מיט׳ן ערשטען בּלאָז פון דעם ערשטען טאָג פון חודש אלול, און נישט אַזוי גיך וועט זיך אומקעהרען יענע וואַרעמקייט פון דער זון, יענע גרינקייט פונ׳ם גראָז און יענעם פּישטשען פון די פויגעלעך. די ערד וועט זיך נאָך גוט אָנפרווירען בּיז דעמאָלט; געגנוג שנייען וועט נאָך זיין בּיז דעמאָלט, שנייען מיט ווינטען, מיט בּורעס, מיט זאַווערוכעס. עס וועט נאָך געגנוג בּלאָזען און דרעהען און פייפען און קעהרען די וועלט, בּיז די ערד וועט זיך אויפכאַפּען פון איהר קאַלטען שלאָף, אַראָפּוואַרפען פון זיך די קאַלטע געפרווירענע קאָלדרע און בּאַנייען זיך מיט אַ שפּאָגעל־נייע גרין קלייד און מחיה זיין טאָלען און בּערג, טייכען און ימים, בּוימער און בּלומען, חיות און בהמות, מענטשען און עופות, און אַלסדינג, וואָס לעבּט, געוועלטיגט און ווידמעט זיך אויף דער ערד...

דעם טאָג האָט זיך משה־יענקעל דער נאמן געפעדערט אויפ־צושטעהן, איבּערקוקען די יום־טוב׳דיגע קריאה, איבּערזינגען זי מיט דעם בּאַקאַנטען שענעם יום־טוב׳דיגען ניגון. דעם טאָג האָט זיך בּתיה־בּיילה די נאמנ׳טע געפעדערט צו די יום־טוב׳דיגע פיש מיט די יום־טוב׳דיגע פאַרפעל מיט׳ן יום־טוב׳דיגען מעהרען־צימעס. דעם טאָג האָט ייד זלמן דער סטאָלער געפעדערט אָפּבּענטשען

אתרוג אין דער סוכּה פריהער פאַר אַלעמען, בּכדי ער זאָל קאָנען טרינקען טיי מיט מילך און זיך אָנטהון וואוילטאָג לכּבוד יום־טוב.

— רבּ זלמן בּעט דעם לולב מיט'ן אתרוג. — מאַכט די מאַמע צום טאַטען.

— עפען־אויף די שאַפע, נעם־אַרויס די פּושקע, נאָר פּאַוואָ־לינקע! — זאָגט צו איהר דער טאַטע און אַליין שטעלט ער צו אַ בּענקעל צו דער שאַפע און נעמט־אַראָפּ דעם לולב און איז זיך אַליין מטריח מיט איהם אין סוכּה אַריין מכבּד זיין דעם סטאָלער מיט דער מצוה.

— נאַט בּענטשט אתרוג, — מאַכט ער צום סטאָלער, — נאָר פּאַוואָלינקע, למען השם, פּאַוואָלינקע!...

זלמן דער סטאָלער איז, קיין עין־הרע, אַ איד אַ גבר און האָט צוויי הענט, וואָס איטליכער פינגער פון זיי וואָלט געקאָנט אָנידער־לעגען דריי אַזעלכע לייבּלעך, ווי איך, אין איין קלאַפּ. אויף יעדען גראָבּען פינגער איז בּיי איהם פאַרהאַן אַ נאָגעל, תּמיד פאַרפּאַפּט און תּמיד רויט פון לאַק, און מיט דעם נאָגעל, אַז ער פיהרט דורך איבּער אַ בּרעט, בּלייבּט אַ טיעפער סימן אויסגעקריצט, ווי מיט אַ שאַרף פון אייזען. לכּבוד יום־טוב האָט זלמן אָנגעטהאָן אַ וויים העמד מיט אַ נייער קאַפּאָטע, און האָט אין באָד זיך לאַנג געזייפט די הענט מיט זייף און מיט אַש און מיט זאַמד, און נישט געקאָנט אָפּזייפען זיך. די הענט זענען געבּליבּען פאַרפּאַפּט און די נעגעל רויט פון לאַק, ווי פריהער.

אָט אין די דאָזיגע הענט איז אַריינגעפאַלען דער ציטעריגער שמעקענדיגער אתרוג. נישט אומזיסט האָט זיך משה־יענקעל דער נאַמן אַזש אַ וואָרף געטהאָן, בּשעת זלמן דער סטאָלער האָט אַ נעם געטהאָן דעם אתרוג, אַ רעכטען קוועטש געטהאָן איהם און אַ גוטען טרייסעל געטהאָן מיט'ן לולב.

— פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע! — זאָגט צו איהם דער טאַטע און ציטערט איבּער'ן אתרוג. — אָט הייבּט קעהרט, זייט מוחל,

איבער דעם אתרוג מיט'ן פיטום אראפ און זאגט „שהחיינו", נאר פאוואלינקע, פאוואלינקע, למען השם, פאוואלינקע!

פלוצים האט זיך משה־יענקעל דער נאמן געגעבן א ווארף און א געשריי ניט מיט זיין קול: „אוי!"... אויף זיין געשריי איז געקומען צו לויפען אין סוכה אריין בתיה־ביילה די נאמנ'טע.

— וואס איז, משה־יענקעל? גאט איז מיט דיר!

— גראבער יונגאטש! עם־הארץ! — האט ער זיך צע־שריגען אויפ'ן סטאלער און איז געווען גרייט איהם דורס זיין מיט דער ראיה. — ווי אזוי איז מען אזא גראבער יונגאטש? אזא איין עם־הארץ? איין אתרוג איז דען א האק? צי א דאלעטע? צי איין עקבויר? איין אתרוג איז ניט קיין האק, ניט קיין דאלעטע, ניט קיין עקבויר! איהר האט דאך מיר איבערגעקוילעט דעם האלז אהן א מעסער! איהר האט מיר גע'פסל'ט דעם אתרוג! אט ליגט דער פיטום — אט נאט זעהט, גראבער יונגאטש! עם־הארץ וואס איהר זענט!...

טוידט זענען מיר געווען אלע. זלמן דער סטאלער איז גע־שטאנען נעבאך א טוידטער, ניט פארשטאנען, ווי אזוי האט זיך עס איהם געטראפען אזא מין אומגליק? פון וואנען האט זיך דאס גענומען, וואס דער פיטום איז אפגעשפרונגען? ער האט, דאכט זיך, געהאלטען דעם אתרוג פון דער גרינג, קוים־קוים מיט די שפיץ פינגער?... איין אומגליק! אזא איין אומגליק!... משה־יענקעל דער נאמן איז געווען טוידט, ווי אלע טוידטע. נאך נישט געווען מיט'ן אתרוג אין שוהל, נאך נישט געמאכט די ערשטע ברכה אפילו, און שוין גע'פסל'ט! וואס האט ער גאר באדארפט געבען אזא טייערע, אזא־נ־איידעלע פרי אין אזעלכע גראבע הענט אריין? קראנק געווען בענטשען אין שוהל אויפ'ן קהל'שען אתרוג? „איהר גראבער יונגאטש! איהר עם־הארץ איינער!"... בתיה־ביילה די נאמנ'טע איז געווען טוידט, געבראכען די הענט: „א מענטש, אז סע געהט איהם ניט, זאגט זי מיט טרערען אין די אויגען, זאל ער בעסער נעמען און באגראבען זיך לעבעדיגערהייט, א פרישער, א

געזונטער אין דער ערד אריין!"... לייבעל איז געשטאנען א טוידטער פון ציטערניש און פון פחדים און פון דעם טאטענ'ס יסורים און פון דער מאמע'ס טרערען און פון זלמן דעם סטאָלער'ס בזיונות. לייבעל ווייסט ניט, צי זאָל ער טאנצען פאר פרייד, וואָס גאָט האָט מיט איהם געטהאָן אזא נס, אויסגעלייזט פון אזא צרה, פון אזא איין אומגליק, צי ער זאָל וויינען אויפ'ן טאטענ'ס יסורים, אויף דער מאמע'ס טרערען און אויפ'ן סטאָלער'ס בזיונות? צי זאָל ער ארומחאפּען זלמן דעם סטאָלער און אויסקושען איהם יעדען אבר, איהם קושען די גראָבע הענט מיט די פארפאפּטע פינגער מיט די רויטע נעגעל, דערפאר, וואָס ער איז געווען זיין גוטער שליח, זיין מלאך הגואל, זיין אויסלייזער?... לייבעל טהוט א קוק אויפ'ן טאטענ'ס פנים, אויף דער מאמע'ס טרערען, אויפ'ן סטאָלער'ס הענט, אויפ'ן אתרוג, וואָס וואלגערט זיך אויפ'ן טיש א טוידטער, געל ווי וואקס, אָהן א פּיטום, אָהן א טראָפּען חיות, א מת, א בר־מינן, א בר־מינן!...

— א טוידטער אתרוג! — זאָגט דער טאטע מיט איין אונטערגעבראָכענער שטימע.

— א טוידטער אתרוג! — זאָגט איהם נאָך די מאמע מיט טרערען אין די אויגען.

— א טוידטער אתרוג! — זאָגט זיי נאָך זלמן דער סטאָלער און קוקט זיך אין די הענט אריין און טראכט, אפּנים, בשעת־מעשה: „א פּאָר ידים — אפּגעדאַרט זאָלען זיי ווערען!"...

המן און זיינע טעכטער

נעשריבען אין יאָהר 1903.

המן און זיינע טעכטער

א.

פאר וואס מע האט איהם גערופען המן — ווייס איך נישט; נאר גערופען האט מען איהם.

אפשר דערפאר, ווייל ער איז געווען א שלעכטער? — האט פון איהם קיינער ביי אונז קיין שלעכטס נישט ארויסגעזעהען.

אפשר דערפאר, ווייל ער האט געהאט צעהן זיהן? — האט ער נישט געהאט, א חוץ צוויי טעכטער, איין זוהן אפילו.

אפשר דערפאר, ווייל ער האט געהאט א ווייב זרש? — איז, ערשטענס, ביי אידען נישטא אזא נאמען, און צווייטענס, האט ער, פון זינט איך געדענק איהם, קיין ווייב נישט געהאט.

פאר וואס זשע פארט האט מען איהם א נאמען געגעבען ביי אונז אין כתרילעווקע אזא מיאוס'ען נאמען?

נאר א קשיה, וואס ביי אונז אין כתרילעווקע קאן מען א נאמען געבען!

למאי, ס'איז פארהאן ביי אונז א איד, — מיר דאכט, ער לעבט נאך — וואס מע רופט איהם „תרח"?

און ווי געפעלט אייך א נאמען „גיהנם"? א נאמען „האר־מידער"? א נאמען „טעלעצע"? א נאמען „מלאך־המות"? א נאמען „חלירע"? א נאמען „קליפה"?

צי, למשל, ס'איז געווען ביי אונז א אידינע, האָט זי געהייסען „עטי-פּעטי", און נאָך א אידינע — „צאינה-וראינה", און איינע א אידינע איז ביי אונז געווען מיט גאָר אזא מין נאָמען: „חנה-שרה-פייגע-פּעלצעליכעם"!

בקיצור, געהייסען האָט ער מרדכי, און גערופען האָט מען איהם „המן". און געווען איז ער א הויכער, א טרוקענער, מיט גרויסע שווארצע אויגען, מיט א לאנגער נאָז, מיט א קורץ אויס-געפּליקט גרויליך בערדעל, וואָס ער האָט תּמיד געפּליקט פון דעם איינציגוויז די האָר, נישט געלאָזט, ס'זאָל וואַקסען; די באַקען זענען געהאנגען אראָפּ מיט א סך קנייטשען אויף'ן לאנגען האלז, און די אונטערשטע ליפּ האָט געקוקט ארוים; און געגאנגען איז ער אויסגעצויגען, ווי א סטרונע, געקוקט אויף איטליכען פון אויבען אראָפּ, ווינציג גערעדט, קיינמאָל נישט געלאכט און שטענדיג-שטענדיג פארטראכט.

געהאנדעלט האָט ער תּמיד מיט פריצים, מיט די כּתרילעווקער אידען נישט געהאט קיין שום מגע-ומשא, א חוץ א נדבה, א נדר אין שוהל אריין; אי דאָס — שטיל, אָהן ווערטער, נישט געדונגען זיך, נאָר געפרעגט „וויפיעל" — און ארויסגענומען, און געגעבען.

אויך די צוויי טעכטער זיינע, צוויי שענע מיידלעך, האָבען זיך נישט אָנגעקעהרט מיט קיינעם; תּמיד געזעסען אין שטוב, מיט קיינעם נישט גערעדט, זיך בּאהאלטען אפילו פאר דער דיענסט.

אין שטאָדט האָט מען זיי גערופען „די המנ'טעס", און גע-האלטען פאר שלעכטע מענטשען, אזעלכע „רשע'טעס", ווי דער טאטע זייערער, ווי המן.

געוואָהנט האָבען זיי „נישט ווי געוויינטליך", דאָס הייסט, נישט ווי אלע כּתרילעווקער אידען; זיי האָבען זיך געהאט א באזונדערען הויף מיט א גאָרטען גאָר, און מיט א גרויסען פּארקאַן, און א הונט איז געווען דאָרט אין הויף.

א פּחד איז אויף מיר אָנגעפאלען אלע מאָל, ווען איך בין דורכגעגאנגען פארביי המנ'ס הויף. נישט פאר'ן הונט, וואָרום

אלע האָבען געוואוסט, אז דער הונט איז אויף א קייט; נאָר פאר'ן נאָמען „המן" אליין האָב איך שוין געציטערט.

נאָך אז איך בין געווען א קינד, פלעגט מען מיך שרעקען מיט דעם דאָזיגען נאָמען: „אַט רוף איך אריין המנ'ען!" „אַט געב איך דיך אָפּ צו המנ'ען!"... שפּעטער, אז איך האָב אָנגעהויבען געהן אין חדר אריין, האָט מען מיר אָנגעוויזען המנ'ס הויף און המנ'ען אליין, און אלע מאָל, ווען איך האָב מיך מיט איהם באַגעגענט, בין איך פון איהם אנטלאָפען.

איינמאָל, געגאַנגען פון חדר אהיים, האָב איך איהם דערזעהען כמעט נעבען אונזער שטוב, בין איך דורכגעפלויגען פארביי און האָב מיך אומגעקעהרט ערשט דעמאָלט, אז איך האָב געזעהען, אז ער איז שוין נישטאָ.

דאָס אנדערע מאָל בין איך געגאַנגען פארנאַכטליך אין שוהל אריין, געווען פארטיעפט אין רעיונות, געטראַכט וועגען די קנעפּלעך, וואָס איך האָב פארשפּיעלט אין חדר, און וועגען דעם חומש מיט רש"י, וואָס איך קען נאָך נישט, און וועגען די שמיץ, וואָס איך וועל חאַפּען פונ'ם רבין... פּלוצים — איך טהו א קוק — ויבוא המן! ער געהט מיר אקעגען און שטעהט שוין כמעט נעבען מיר. האָב איך אָנגעהויבען שרייען נישט מיט מיין קול און האָב מיך געלאָזט לויפען אין דער וועלט אריין. און איך בין געפאלען, און מע האָט מיך אויפגעהויבען כמעט א טוידטען.

— וואָס איז דיר? גאָט איז מיט דיר!

— איך האָב איהם געזעהען... ער איז געשטאַנען נעבען מיר...

— ועמען האָסט דו געזעהען? ווער איז געשטאַנען?

— המן... המן...

— וואָסער המן? א? „המן"?... וואָס זשע איז, נאַריש יונגעל וואָס דו ביזט? ער איז דען א בער? ער וועט דיך אויפעסען? פע, שעמען מעגסט דו זיך! א חדר־יונגעל, וואָס לערענט שוין חומש מיט רש"י, זאָל מורא האָבען פאר א מענטשען!...

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז המן איז אַ מענטש, און מע דאַרף פאַר איהם קיין מורא נישט האָבען.

ב.

מיר זענען שוין לאַנג אַרויס פונ׳ם חדר, איך און מיין חבר. מיר האָבען שוין אפילו ניט געלערענט מעהר מיט חברים אין בית־המדרש. אַ נייע תורה האָבען מיר מקבל געווען. נייע לעהרנונגען, אַ נייער רבי, נייע חברים. נייע האָפענונגען זענען אויפגעשטאַנען.

„השכלה" האָט געהייסען די נייע תורה. „לעהרער" האָט געהייסען דער נייער רבי. גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, דאָקטאָר — אָט דאָס זענען געווען די נייע האָפענונגען.

ביכער, ביכער, ביכער — אָט דאָס איז געווען אונזער עבודה, אונזער יצר־הרע, אונזער לעבען!

ביכער אין כתרילעווקע? פון וואַנען זאָלען זיך נעמען אין כתרילעווקע ביכער? וויפיעל ס׳איז געווען ביכער ביי באַקאַנטע האָבען מיר זיי איינגעשלונגען און האָבען זיך גענומען צו דער ביבליאָטעקע.

נאָר די כתרילעווקער ביבליאָטעקע האָט אונז געקלעקט אויף איין צאָהן.

ביכער, ביכער, ביכער! אונזער מאָגען האָט געמאָהנט מזונות: ביכער און ביכער!

האָט אונז דער לעהרער איינמאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען אַנטפּלעקט אַ סוד, אַנגעוויזען איין אוצר — צוויי גרויסע שאַפעס, פול אָנגעשטופּט מיט ביכער. און שטעלט אייך פאָר, ביי וועמען? ביי המנ׳ען!

פון דעמאָלט־אָן זענען מיר געוואָרען אָפּטע־אָפּטע געסט ביי המנ׳ען! גענומען ביכער, אָפּגעבראַכט די ביכער און גענומען

אנדערע ביכער, אלערליי ביכער. ביי המנ׳ען זענען געווען ביכער און ביכער, פון כל טוב!

פון דעמאלט־אן האט זיך אנגעהויבען אונזער קענטשאפט. און ווי ווייט און ווי שטארק זענען מיר געווען נתפעל, אז מיר האבען זיך באקענט מיט המנ׳ען גופא!

ערשטענס, זענען מיר נתפעל געווארען פון דעם, וואס המן איז קלאר אומעטום, „ווי א וואסער”. פון וואס איהר זאלט מיט איהם נישט רעדען — ווייסט ער; וואס פאר א בוך איהר זאלט נישט אנחאפען — האט ער איהם געלייענט.

צווייטענס — אלס מענטש.

א מאדנער, א משונה־מאדנער מענטש, אט דער המן! נישט נאר קיין שלעכטער בטבע, נישט נאר קיין בייזער, קיין טרוקענער, קיין אנגעבלאזענער; אדרבה — א צוגעלאזטער, א ווייכער, א פריינטליכער, און תמיד גרייט אייך צו דיענען, געהן וואוהין איהר וועט איהם הייסען און טהון וואס איהר ווילט.

אין שטוב — שטיל ווי א טויב. קלענער ביי זיך פון אלעמען. האדעוועט אליין די קאץ, גיט אכטונג, מע זאל געבען עסען דעם הונט, גיט זיך אפ מיט פויגעלעך גאר, טיילט־ארוים די דיענסטען אין קיך אריין, נישט געהערט, ער זאל עמיצען זאגען א הויךווארט — א מאדנער, א משונה־מאדנער מענטש, אט ד׳ער דאזיגער המן!

— פאר וואס האט מען איהם א נאמען געגעבען המן? — האב איך אויף א ציקאווועסט א פרעג געטהאן איינמאל אין דער היים, און האב באקומען דערויף אזא מין ענטפער:

— דערפאר, וואס ער איז א המן.

איך האב מיך געפרובט איבערשפארען:

— וואס פאר א המן איז ער? ער איז, דאכט זיך, גאר נישט קיין המן!

האט מען מיר דערויף געענטפערט:

— רעדסט, ווי א קינד. דער מענטש איז איין המן! דער מענטש זיצט איין אלמן שוין אפשר פופצעהן יאהר און האט נישט חתונה! געגוג? דער מענטש האט צוויי טעכטער, דוקא שענע מיידלעך, האלט ער זיי אויף א יקרות און וויל קיין שידוך נישט טהון. גענוג? דער מענטש האט נאך אויף זיין לעבען קיין שמייכעל נישט געטהאן. גענוג?

איך האב מיך אנגעהויבען צוקוקען צו המנ'ען נעהענטער. אמת: מע זעהט פון איהם נישט קיין פרייליכע מינע, מע זעהט פון איהם קיין שמייכעל נישט. תמיד פארטראכט, שטענדיג ערנסט; ערנסט בשעת ער רעדט, ערנסט בשעת ער טהוט עפיס, ערנסט בשעת ער האדעוועט די קאץ, ערנסט בשעת ער גיט די פויגעלעך א טרונק, ערנסט בשעת ער טיילט־אויס אין קיך אריין און נעמט־אפ חשבון פונ'ם מארק.

גלייך, אויסגעצויגען, ווי א סטרונע, מיט'ן אויסגעפליקטען בערדעל, מיט'ן לאנגען געקנייטשטען האלז, מיט דער ארויסגע־שטעלטער אונטערשטער ליפ, שטענדיג ערנסט, קיינמאל נישט קיין שמייכעל טהון — א המן, איין אמת'ער המן, און דאך א וואוילער, א צוגעלאזטער, א פריינטליכער, א קלוגער, א מחיה'דיגער מענטש!

— וואס פאר א המן איז ער?

אזוי האבען מיר זיך געפרעגט איינס דאס אנדערע, איך און מיין חבר, און האבען נישט געקאנט געפינען קיין תירוץ.

מיט א מאל איז אונז פארענטפערט געווארען די קשיה.

ג.

איך מיין, אז איך וועל אייך אפילו נישט זאגען, ווער איהר אליין פארשטעהן, אז פון אונזער אפט־אריינקומען צו המנ'ען האבען מיר זיך סוף־כל־סוף צוגעשלאגען צו זיינע טעכטער, צו די „המנ'טעס".

פאר וואס זאג איך „צוגעשלאגען"? ווייל ער האט זיי גע־האלטען כמעט אונטער'ן שלאס.

קיין בן־אדם האט זיי נישט געקאנט זעהען. זיי האבען זיך געהאט זייער באזונדער חדר. צום פאטער קיינמאל נישט ארויס־געגאנגען. מיט קיין זאך אין שטוב זיך נישט אפגעגעבען, א חוץ ביכער. היינט פון וואנען זאל מען זיי קענען?

ויהי היום, מיר קומען איינמאל צו געהן — נישטא המן אין דער היים. ערגיץ אוועקגעגאנגען.

זענען מיר אריינגעקומען צו איהם אין חדר אריין, דארט וואו דער אוצר פון ביכער. און אזוי ווי מיר קומען־אריין — טרעפען מיר צוויי נקבות זיצען און לייענען, איינע שענער פון דער אנדערער: איינע א הויכע, איין איידעלע, מיט שווארצע אויגען און מיט שווארצע האר; די אנדערע א נידעריגע, א קיילעכיגע, איין אונטערגעשארענע, מיט קלוגע, לעבעדיגע, גרויע אויגען.

דאס זענען געווען המנ'ס טעכטער, די „המנ'טעס".

איך רעכען לחלוטין פאר איין איבעריגע זאך באשרייבען, ווי אזוי מיר האבען זיך באקענט מיט המנ'ס טעכטער, פון וואס מיר האבען גערעדט, ווי אזוי מיר האבען גערעדט. דאס איז אזא מאטעריאל, וואס לאזט זיך ציהען, ווי גומעלאסטיק; אזא מא־טעריאל, וואס מע קאן פון איהם ציהען פאדעם אהן א שיעור און שרייבען און שרייבען און שרייבען.

נאר וויפיעל מע זאל נישט שרייבען — א סוף מוז עס דאך אמאל האבען: דעם שפיץ, דעם שפיץ מוז מען ארויסזאגען.

דער שפיץ — מיר האבען זיך ביידע פארליעבט.

מיין חבר — אין דער עלטערער, דער הויכער מיט די שווארצע האר, און איך — אין דער קלענערער, מיט די בלויע גרויסע אויגען.

מיר האבען זיך ביידע פארליעבט מיט דער אמת'ער, הייסער, מסופנ'ער ליעבע. פארליעבט, ווי עס קאנען זיך פארליעבען צוויי בתרילעוווקער בחורים'לעך, וואס זענען אויף זייער לעבען נאך נישט געזעסען נאהענט נעבען א מיידעל. סע זאלען זיך זיי ניט אנצינדען

די בעקלעך; וואָס האָבען געוואוסט, אז א „כלה" איז די, וואָס מע פיהרט זי צו דער חופה; וואָס האָבען געוואוסט, אז א ליעבע איז די ליעבע פון שיר־השירים, אז א ראָמאַן איז הייליג, קודש־קדשים.

מיר האָבען זיך ביידע, איך מיט מיין חבר, „אנטפלעקט", אויסגעזאָגט איינער דעם אנדערען פונ'ם הייליגען סוד, און פון דעמאָלט־אָן איז צוגענומען געוואָרען אונזער גליקליך קינדערש לעבען.

פון דעמאָלט־אָן איז צוגענומען געוואָרען דער שלאָף פון אונזערע אויגען, דער אפּעטיט צום עסען, און אפילו דער אפּעטיט צום לערנען און דער חשק צו די ביכער.

דאָס הייסט, לערנען האָבען מיר אפילו נישט אויפגעהערט צו לערנען. מיר האָבען זיך געגרייט אוועקצופאָהרען שטודירען. נאָר ס'איז שוין געווען נישט דאָס; נישט דאָס פייער, נישט דער ברען, וואָס פריהער.

פון דעמאָלט־אָן האָבען מיר געטשאַטעוועט קומען צו המנ'ען פונקט דעמאָלט, ווען ער איז נישטאָ אין דער היים, און מיר זענען געווען גליקליך, אז מיר האָבען געקאָנט רעדען האָטש עטליכע, עטליכע ווערטער מיט די דאָזיגע „הויכע איידעלע נשמות".

אזוי האָבען זיי אויסגעזעהן ביי אונז אין די אויגען, ווייל גערעדט האָבען זיי ווינציג, און נאָר געקוקט, געקוקט אויף אונז, און יעדער קוק האָט אָנגעצונדען ביי אונז א פייער אין הארצען, יעדער קוק איז געווען א שאָס פון א ביקס, א בליץ פונ'ם הימעל.

און נאָכדעם, אז המן האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר, האָבען זיי זיך פארבאָרגען ביי זיך אין חדר און שוין מעהר נישט באוויזען זיך פאר אונז ביז'ן אנדערען מאָל.

אזוי האָט זיך דאָס געצויגען, ביז ס'איז געקומען די צייט פון אונזער אוועקפאָהרען צום עקזאמען.

ד.

דאָס אוועקפאָהרען צום עקזאַמען איז געווען ביי אונז אַזאַ יום־טוב, וואָס מיר האָבען זיך געגרייט צו איהם עטליכע יאָהר כּסדר.

וויפיעל צרות און יסורים דאָס האָט געקאָסט! וויפיעל מלחמות איז מען אויסגעשטאַנען! וויפיעל טרערען זענען פאַר־גאָסען געוואָרען, איידער מיר האָבען גע׳פּועל׳ט, אַז מע זאָל אונז לאָזען שטודירען, איידער מיר האָבען דערהערט דאָס גוטע וואָרט, אַז מע פיהרט אונז אָפּ אין דער גרויסער שטאָדט אריין צום עקזאַמען!

און אַז ס׳איז געקומען די צייט פון פאָהרען צום עקזאַמען, זענען מיר געבליבען שטעהן, איך און מיין חבר, ווי אין דער הינהער־פּלעט. נישט געוואוסט וואָס צו טהון.

אוועקפאָהרען און נישט גערעדט מיט אונזערע „הויכע איידעלע נשמות" פון גאָרנישט? ניט אויסגעזאָגט פאַר זיי פון יענעם הייליגען סוד קיין וואָרט אפילו?... נאָר ווי אַזוי רעדט מען? ווי אַזוי הויבט מען אָן צו רעדען מיט אַזעלכע „הויכע איידעלע נשמות"?

און ס׳איז געבליבען ביי אונז ביידען, מיר זאָלען דאָס ארויס־זאָגען דורך בריעף, אויסגיסען אויף פּאַפּיער.

און מיר האָבען אויסגעגאָסען אונזער הארץ אויף פּאַפּיער.

וואָס מיר האָבען דאָרט געשריבען — קאָן איך איצט נישט געדענקען. און אפילו ווען איך זאָל געדענקען, וואָלט איך אייך נישט אויסגעזאָגט, וואָרום איהר וואָלט דאָס נישט פאַרשטאַנען און איהר וואָלט געלאַכט.

און מיר האָבען נישט געלאַכט. ניין, דווקא נישט! מיר האָבען געוויינט.

מיר האָבען זיך געגעבען איינס דאָס אַנדערע איבערלייענען די דאָזיגע בריוולעך און האָבען געוויינט, געוויינט מיט טרערען, מיט הייסע, אמת'ע טרערען!

גוט אויסגעוויינט זיך, האָבען מיר אונזערע צוויי שענע מליצה־בריעף איבערגעגעבען מיט גרוים מיה דורך המנ'ס דיענסטמיידעל, און אויף מאָרגען, אַז מיר זענען געקומען אין דער „געוועהנליכער צייט" צו המנ'ען, אין דער צייט, ווען ער איז נישטאָ אין דער היים, האָט אונז דאָס דיענסטמיידעל באַגעגענט מיט אַ מאָדנע שמייכעל אויפ'ן פנים און האָט אונז אַריינגעפיהרט אין המנ'ס חדר אַריין און געהייסען צווואַרטען, ביז די „בארישנים" וועלען אַריינקומען פון גאָרטען.

און מיר האָבען זיך צוגעזעצט וואַרטען, ביז אונזערע „הויכע איידעלע נשמות" וועלען אַריינקומען פון גאָרטען.

ס'איז געווען אָפען דאָס פענסטער. אין דרויסען האָט גע־שיינט, — אָנהויב זומער איז דאָס געווען — די זון האָט פרייליך אַראָפּגעקוקט פון איהר הויכען געצעלט, פונ'ם לויטער־בלויען הימעל, און פונ'ם גאָרטען — דער איינציגער אידישער גאָרטען אין כתרילעווקע — האָט זיך געלאָזט הערען אַ זיסער ריח פון די וויינשעל־בוימער, וואָס האָבען געהאַלטען אין רעכטען בליהען, און די קליינע ווייסע שמעקעדיגע וויינשעל־בליהמעלעך האָבען זיך, ווי פליעגעלעך, ווי קליינע ווייסע לעבעדיגע פליעגעלעך, פרייליך גע־טראָגען אין דער לופטען, און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ זשומען, אַ פּישטשען און אַ שמוצערען פון אַ סך־אַ סך פויגלען פונ'ם גאָרטען, פונ'ם איינציגען אידישען גאָרטען אין כתרילעווקע.

עס האָט זיך געעפענט די טיר און עס זענען אַריינגעקומען אונזערע „הויכע איידעלע נשמות".

און אַז אונזערע „הויכע איידעלע נשמות" זענען אַריינגעקומען, האָבען מיר זיך ביידע, איך און מיין חבר, אַ חאַפּ געטהאָן פון די ערטער, זיך געגרייט האַרכען איין ענטפער אויף אונזערע טרויעריגע בריעף, אויף אונזערע אומשולדיגע טרערען.

נאָר די „הויכע איידעלע נשמות״, אַז זיי האָבען אונז דער־זעהען, האָבען זיי אַ קוק געטהאָן איינס אויף דאָס אַנדערע און האָבען אויסגעשאָסען אַ געלעכטער אונז גלייך אין פּנים אריין און זענען אַנטלאָפען צו זיך אין חדר אריין.

און איך מיט מיין חבר זענען געבליבען שטעהן, ווי געלעהמט, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און נישט געקאָנט אויסרעדען קיין וואָרט אפילו.

אַ גליק, וואָס דאָס דיענסטמיידעל איז אריינגעקומען צו אונז. און אריינגעקומען איז זי צו אונז מיט אַזאַ מינע, ווי איינער רעדט: „וואָס שטעהט איהר, ווי די לעהמענע גולמס? געהט אייך גע־זונטערהייט!״...

מיר האָבען פארשטאַנען, אַז מיר דאַרפען געהן; נישט געהן, נאָר לויפען, לויפען וואוהין די אויגען וועלען טראָגען! און מיר זענען געלאָפען, געלאָפען פון דער דאָזיגער שטוב, גלייך ווי עמיצער האָט אונז געיאָגט, גלייך ווי צעהן בייזע הינט זענען אונז נאָכ־געלאָפען, און יענער געלעכטער האָט זיך געלאָזט הערען, געקלונגען אין אונזערע אויהערען.

און די זון האָט געשיינט, און די וויינשעל־בוימער האָבען געבליהט, און די פויגלען האָבען געזשומעט און געפּישטשעט און געשמוצערט, און איך מיט מיין חבר זענען געלאָפען, געלאָפען, און יענער געלעכטער האָט זיך נאָך געלאָזט הערען, געקלונגען אין די אויהערען.

עס איז אונז פארענטפערט געוואָרען די קשיה, פאַר וואָס מע האָט איהם גערופען „המן״ און זיינע טעכטער — די „המנ׳טעס״.

געצעל

געשריבען אין יאָהר 1904.

געצעל

— **זיצט, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה מיט נים.**

— מיט וואס? מיט נים?

— מיט נים!

— איצט? בשעת מלחמה?

— אדרבה: ווייל מלחמה, ווייל ס'איז אייך לא־עליכם'דיג אויפ'ן הארצען, וויל איך אייך א ביסעל צעשלאגען די מחשבות. און אגב, אז מע צעבייסט א נוס, געפינט מען א יאדער.

I

געהייסען האט ער געצעל, נאר גערופען האט מען איהם גויעצעל, געהאלטען איהם פאר א פרא־אדם: ווער עס האט נאר געהאט גאט אין הארצען, דער האט געטריבען מיט איהם קאטאוועס, געמאכט פון איהם חוזק. געווען איז ער צווישען די קליינע יונגלעך אין חדר א בחור'על א דערוואכסענער שוין, א לעפעשעוואטער, מיט מגושם־גראבע הענט און מיט מגושם־גראבע ליפען. א קול האט ער געהאט, ווי פון א פאס, און געגאנגען איז ער מיט ברייטע הויזען און מיט גרויסע שטיוועל, ווי א בער. א קאפ איז אויף איהם געזעסען א גרויסער, ווי א באק־דייזשע, און אנגעשטאפט איז ער געווען, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט קלאטשע, היי

אָדער פעדערען. אַזוי האָט געזאָגט אויף איהם אין חדר דער רבי, רב יענקעל, איהם אויסגעוואָרפען אַלע מאָל זיין וואוכּס: „גויעצעל", „ווערגעלעץ", „גראָבער נפש", „טרפה'נער ביין", „אָכסען־פעל", וכדומה אַזעלכע שענע צונעמענישען. און ער? גאָרנישט! ס'זאָל איהם אפילו אָנהויבען ריהרען! פּארקלויבען זיך אין אַ ווינקעל, אָנגעשטאָפּט פולע באַקען און געמעלה־גרה'ט, ווי אַ קאַלב. גויעצעל האָט געהאַלטען, פארשטעהט איהר מיך, פון דער אכילה. עסען איז ביי איהם געווען טייערער פון וואָס איהר ווילט. „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ" — האָבען געזאָגט אויף איהם זיינע חברים. „אַ וואָלף־וסובאַ'ניק" — האָט געזאָגט אויף איהם דער רבי. און גויעצעל זאָל זיך דאָס אפילו פארקרימען! דער־טאַפּט דעם אָנבייסען, אריין אין מויל אריין און געריבען אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אָנבייסענס האָט מען איהם גע־טראָגען אין חדר אריין תּמיד די בעסטע — קנישעס מילכיגע מיט ווארעניקעס לרוב! אָט דער מגושמ'דיגער לעפּעשעוואַטער בחור איז נאָך געווען צו די צרות ביי זיין מאַמע די נגידית'טע אַ ציטעריגער, אַ בן־יחיד'על, האָט זי איהם געהאָדעוועט, געשטאָפּט טאָג ווי נאַכט, ווי מע שטאָפּט אַ גאַנז, און כּסדר געקלאָגט זיך, אַז „דאָס קינד עסט גאָרנישט".

— מע באַדאַרף איהם אָפּשפּרעכען אַ גוט אויג, — פלעגט נאָכדעם זאָגען דערויף דער רבי רב יענקעל, געוויינטליך, הינטער די אויגען.

— אַ מכּה דער מאַמען! — פלעגט איהם אונטערהעלפען די רביצין מיט אַ ניגון און מאַכען בשעת מעשה אַזאַ פּנים, אַז ס'איז נישט מעגליך געווען, מע זאָל נישט לאַכען. — אין פּאַלעסיע אַזעלכע קינדערלעך וויקעלט מען נאָך, איהם זאָל זיין פאַר מיינע ביינער!

— נאָך זיין קאָפּ זאָל איך בלייבען! — לאָזט־אויס נאָך איהר דער רבי און רוקט איהם אָן דאָס היטעל איבער די אויהערען.

דער גאַנצער חדר לאַכט, און גויעצעל זיצט אָנגעבלאָזען און שווייגט; ברוגז איז ער טאַקי, נאָר ער שווייגט. שווער אריינ־צוברענגען איהם אין כעס; נאָר האָט מען איהם אריינגעבראַכט אין כעס — איז נו־נו! אַ בער, אַז מע צערייצט איהם, באַדאַרף נישט זיין אַזוי מסוכן, ווי ער. פאַר כעס הויבט ער אָן טאַנצען און בייסען זיך אַליין מיט די געזונטע ווייסע צייהן אין די הענט אריין, און לאָזט ער אראָפּ אַ פּאַטש, קאָן מען איהם פיהלען, טאַקי האָבען הנאה. דאָס האָבען זיינע חברים געוואוסט גאַנץ גוט, טאַקי פּאַרזוכט אויף זייערע פּלייצעס, און מהאי טעמא מורא געהאַט פאַר איהם אימת־מות, נישט געוואָלט האָבען מיט איהם קיין מגע־ומשא. פאַר קלעפּ, פאַרשטעהט איהר מיך, האָבען אידישע קינדער דרך־ארץ... און בכדי מע זאָל זיין געוואָהרענט פון געצעל'ס קלעפּ, האָבען אַלע צעהן חדר־יונגלעך בחברותא געמוזט מאַכען אַקעגען איהם יד־אחת, צעהן חברים אַקעגען איינעם, און אָט אויף אַזאַ־נ־אופן איז געוואָרען ביי יענקלען אין חדר צוויי כּתּות: פון איין זייט אַלע תּלמידים, פון דער אַנדערער זייט געצעל. די תּלמידים האָבען געשאַרפט די מוחות, געצעל — דעם קולאַק. די תּלמידים האָבען געלערענט, געצעל האָט געפרעסען קנישעס מיט וואַרעניקעס לרוב.

II

ויהי היום, ס'איז געקומען אונטער אַ יום־טוב, האָבען זיך חברה צונויפגעקליבען שפּיעלען אין ניס. דאָס שפּיעל אין ניס איז אַ שפּיעל, ווי אַלע שפּיעלען, נישט בעסער פון דריידעל און נישט ערגער פון קאָרטען; דאָס שפּיעל באַשטעהט אין פאַר־שיידענע שפּיעלען: אין „גריבעל", אין „באַנק" און אין „יאַר־מעלקע". און אויסלאָזען לאָזט זיך אוים דאָס שפּיעל, ווי, גע־וויינטליך, יעדעס שפּיעל: איינער פאַרשפּיעלט, דער אַנדערער

געווינט. און, ווי אומעטום, איז דער וואָס געווינט אַ חכם און אַ בריה און אַ וואוילער יונג, און דער וואָס פאַרשפּיעלט — דער איז אַ טפּש און אַ בהמה און אַ שלים־מזל׳ניק, פּונקט ווי, להבדיל, אין די גרויסע מקומות, אין די קלובען, דאָרט, וואו דער עולם זיצט יומם ולילה און איז זיך עוסק אין הלכות קאָרטען.

האָבען זיך, הייסט עס, חברה צונויפגעקלויבען אין חדר, אַלע צעהן חברים, שפּיעלען אין ניס. איבערגעקעהרט אַ באַנק, אויס־געלעגט אַ שורה ניס אויף דער ערד און גענומען וואַרפען פון דער באַנק אַראָפּ צו דער שורה; ווער עס וועט מעהר אויסשלאָגען פון דער שורה, דער האָט געוואונען. פּלוצים עפענט זיך די טיר און עס קומט אַריין געצעל, מיט פולע קעשענעס, געוויינטליך.

— ברוך הבא, אַ איד! — רופט זיך אָן איינער.

— מע זאָל דערמאַנען משיח׳ן! — מאַכט דער אַנדערער.

— ויבוא המן! — זאָגט דער דריטער.

— מאַכט רש״י: דער רוח האָט איהם געבראַכט צו טראָגען!

— אין וואָס שפּיעלט איהר, אין באַנק? שפּיעל איך אויך מיט אייך. איך האָב ניס. — אַזוי זאָגט געצעל און באַקומט באַלד אַ תשובה:

— לא מיט אַ ספּאָדיק!

— פאַר וואָס?

— דערפאַר!

— נו, וועל איך אייך צעשלאָגען דאָס שפּיעל!

און נישט לאַנג געטראַכט, גענומען מיט די בערישע פיס און צעשליידערט די שורה ניס איבער דער גאַנצער שטוב. האָט דאָך עס חברה מסתמא פאַרדראָסען. אַ העזה פון אַ יונגאַטש!

— קינדער, וואָס שווייגט איהר איהם? — האָט זיך אָנ־גערופען איינער.

— הבה נתחכמה! — רופט זיך אָן נאָך איינער.

— לאָמיר איהם דורכברעכען די ביינער! — פאַרטייטשט אַ דריטער.

— אנו, פּרובט זיך! — מאַכט געצעל און פּאַרקאַטשעט די אַרבעל, גרייט צו דער אַרבייט.

און ס'איז אַרויס אַ מלחמה, אַ געשלעג צווישען ביידע כּתות. פון איין זייט דער גאַנצער חדר, פון דער אַנדערער זייט — געצעל.

צעהן איז נישט איינער. זיי האָבען טאַקי געפּיהלט דעם טעם פון זיינע געזונטע קולאַקעס; אַ צוויי־דריי סימנים: ביילען אין שטערן און לאַנטערנעס אונטער די אויגען האָבען טאַקי גע־חאַפּט זיי; דערפאַר האָבען זיי אָבער אויך איהם נעגעבען צו זעהען די וועלט מיט זייערע שאַרפע נעגעל און מיט די צייהן און מיט וואָס נאָר מע האָט געקאָנט, פון פאָרענט און פון הינטען און פון אַלע זייטען, געדראַפּעט, געשטשיפּעט, געפּליקט, געריסען, געביסען — בקיצור, צעהן איז נישט איינער, גובר געווען האָבען זיי, און געצעל האָט געמוזט, מחילה, נעמען דעם וועג און מאַכען פּליטה. און ערשט דאָ הויבט זיך אָן די רעכטע מעשה מיט די נים.

III

אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען אַ צעקאָשמעטער, אַ צעדראַפּע־טער, מיט צעריסענע פּלודערען, איז געצעל געבליבען שטעהן אַ ווײַלע פאַרטראַכט. נאָכדעם האָט ער זיך געגעבען אַ פּאַטש מיט ביידע הענט איבער די קעשענעס, און עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ קלינגען פון אַ סך נים.

— ווילט איהר, הייסט דאָס, מיט מיר נישט שפּיעלען אין נים? לאָז זיך מיט אייך שפּיעלען דער מלאך־המות! איך האַרף אייך אויף סים סאָט כּפּרות! איך קאָן באַשטעהן, מיר זאָלען זיך אַליין אינצווייען שפּיעלען...

אַזוי האָט געצעל אַ זאָג געטהאָן צו זיך אַליין און האָט זיך געלאָזט געהן וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען. אָפּגעשטעלט

זיך אין מיטען וועג, טהוט ער א זאָג צו זיך, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען מיט עמיצען זאַלבּאַנאַנד:

— וואוהין זשע, געצעל, וועלען מיר געהן, אשטייגער? — און טאַקי בּאַלד זיך אַליין געענטפערט:

— אהין, ווייט... הינטער דער שטאָדט, אויף יענער זייט מיהלען. דאָרט איז נישטאָ קיינער. דאָרט וועלען מיר זיך זיין איינע אַליין אינצווייען, קיינער וועט אונז נישט שטעהרען. און לאָז עמיצער פּרובען אונז שטעהרען, וועלען מיר ברעכען ביינער, מאַכען א תל...

און געצעל, רעדענדיג אזוי מיט זיך אַליין, פיהלט, אז ער איז נישט איינער, נאָר צוויי, און כּח פיהלט ער אין זיך פאַר צוויי! אנו, לאָזען נאָר קומען אהער זיינע חברים, מאַכט ער פון זיי א מאָטשינקע, א האַנטשירקע, א חורבּן! און ער האָט דערפון שטאַרק הנאה און הערט נישט אויף צו רעדען מיט זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען בּאמת זאַלבּאַנאַנד.

— הער נאָר אוים, בּיז וואַנען וועלען מיר, אשטייגער, געהן? — מאַכט ער צו זיך אַליין און ענטפערט זיך טאַקי תּוך־כּדי־דבּור:

— נו, עס ווענדט זיך אין דיר.

— טאָמער וואָלטען מיר זיך גאָר דאָ צוגעזעצט שפּיעלען אין נים? הא? וואָס זאָגסט דו, געצעל?

— טא, בּיי מיר האָסט דו גע'פּועל'ט.

און געצעל זעצט זיך צו אויף דער ערד, העט־ווייט הינטער דער שטאָדט, אויף יענער זייט מיהלען. ארויסגענומען און איבּער־געצעהלט די נים, צעטיילט זיי אויף דער האַלב, גלייך אויף גלייך; איין העלפט אריינגעלעגט אין דער רעכטער קעשענע, די אַנדערע העלפט אין דער לינקער קעשענע, אויסגעטהאָן דאָס היטעל און אריינגעוואָרפען אהין פון דער רעכטער קעשענע עטליכע נים און א זאָג געטהאָן צו זיך אַליין:

— זיי מיינען, אז אָהן זיי קאָן מען זיך גאָר נישט באַגעהן... הער נאָר אויס, געצעל, אין וואָס פאַר אַ שפּיעל שפּיעלען מיר?

— איך ווייס? אין וואָס פאַר אַ שפּיעל דו ווילסט.

— אפשר וועלען מיר שפּיעלען אין „אום צי גראָד"?

— ביי מיר האָסט דו גע'פּועל'ט.

און ער טהוט אַ טרייסעל מיט דער יאַרמעלקע און אַ מאַך:

— אצינד טרעף! אום, צי גראָד? נו, רעד ווערטער! — מאַכט ער צו זיך אַליין און טהוט זיך אַ זעץ מיט'ן עלענבויגען אין זייט אריין און ענטפערט זיך אַליין:

— גראָד.

— גראָד, זאָגסט דו? ווי לאַנג שמייסט מען דיך! געב אהער. האָסט פאַרשפּיעלט דריי ניס.

און ער נעמט־אַרויס פון דער לינקער קעשענע דריי ניס, לעגט זיי איבער אין דער רעכטער. ווידער אַ מאָל אַ טרייסעל מיט דער יאַרמעלקע און ווידער אַ מאָל אַ פרעג:

— נו, ווייטער. אום, צי גראָד?

— אום.

— אום, זאָגסט דו? ווי לאַנג קרענקסט דו! געב אהער, דו האָסט פאַרשפּיעלט פיער ניס!

און ער לעגט־איבער פון דער לינקער קעשענע אין דער רעכטער פיער ניס, טהוט אַ טרייסעל מיט דער יאַרמעלקע און אַ מאַך צו זיך אַליין:

— נו, אפשר וועסט דו איצט טרעפען? אום, צי גראָד?

— גראָד.

— גראָד, זאָגסט דו? ווי לאַנג פוילען די ביינער דיינע! געב אהער, דו פאַרך איינער, פינף ניסלעך!

— גענוג איך פאַרשפּיעל, שעלסט דו זיך נאָך?

— ווער איז דיר שולדיג, אז דו ביזט אַ בהמה און טרעפסט, ווי אַ בלינדער אין גרוב? נו, זאָג שוין ווייטער, זאָג: אום, צי גראָד? איצט וועסט דו שוין מסתמא געווים טרעפען.

— גראָד.

— גראָד? לעבען זאָלסט דו מיר אַזוי! געב אַהער, דו פערד איינער, זיעבען נים, און טרעף נאָך אַ מאָל: אום, צי גראָד?

— גראָד.

— ווידער אַ מאָל גראָד? איך זאָל דיך אַזוי האָבען פאַר אַ טאַטען! געב אַהער, שלים־מזל, נאָך פינף ניסלעך, און טרעף שוין אַצינד, אפשר וועסט דו חאַטש איין מאָל טרעפען: אום, צי גראָד? נו, וואָס שווייגסט דו!

— איך האָב שוין נישט קיין נים.

— ס'אַ ליגען! דו האָסט!

— ווי איך בין אַ איד, איך האָב נישט.

— טהו נאָר אַ זוך גוט אין קעשענע אויפ'ן דנאָ! אָט אַזוי.

— נישטאָ קיין סימן אפילו!

— נישטאָ? פאַרשפּיעלט אַלע נים? נו? צו וואָס האָט דאָס דיר געטויגט? ביזט דו נישט קיין בהמה?

— גענוג, האָסט אָפּגעוואונען ביי מיר אַלע נים, רייצסט דו זיך נאָך מיט מיר?

— אַ מצוה, זעהר רעכט! האָסט געוואָלט ביי מיר אָפּ־געווינען, האָב איך ביי דיר אָפּגעוואונען.

און גויעצעל איז העכסט צופריעדען פון דער מעשה, וואָס געצעל האָט פאַרשפּיעלט, און ער, גויעצעל, האָט געוואונען. ממש ער פיהלט, אַז עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונט. ער פיהלט זיך איצטער בכח אָפּגעווינען ביי דער גאַנצער וועלט אַלע נים. „וואו נעמט מען זיי איצטער, די חברים מיינע פון חדר? וואָלט איך זיך מיט זיי צערעכענט! איך וואָלט זיי נישט איבערגעלאָזט קיין איינציג ניסעל אפילו אויף אַ רפואה! זיי וואָלטען זיך אויסציהען ביי מיר, אַ מיתה משונה איינגענעמען דאָ אויפ'ן אָרט!”...

און געצעל ווערט אין כעס, מלא רציחה, לעגט־צונויף די קולאַקעס און קריצט מיט די צייהן און רעדט צו זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט דאָ באמת געווען זאַלבאַנאַנד:

— אנו, פּרובט איצט זיך אָנהויבען מיט מיר! אצינד בין איך שוין נישט אַליין! אצינד זענען מיר שוין זאַלבאַנאַנד!...
נו, געצעל? וואָס ביזט דו געבליבען זיצען עפּיס, ווי אַ חתן? לאָמיר נאָך שפּיעלען אַ ביסעל אין נים.

— אין נים? וואו האָב איך נים? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב שוין נישט קיין איינציג ניסעל אפילו.

— אַך! איך האָב גאָר פאַרגעסען, אַז דו האָסט שוין נישט קיין נים... ווייסט דו וואָס? איך וועל דיר געבען איין עצה, געצעל.

— דהיינו?

— געלט האָסט דו?

— איך האָב. נו, איז וואָס?

— קויף ביי מיר נים.

— וואָס הייסט, איך זאָל ביי דיר קויפען נים?

— בהמה, ווייסט נישט וואָס הייסט קויפען? גיב מיר געלט, נאַ דיר נים. הע?

— נו, מהכתיתי. ביי מיר האָסט דו גע'פועל'ט.

און ער נעמט־אַרויס פון בייטעלע אַ זילבערנע גריוונע, דינגט זיך אויס פאַר'ן מקח, צעהלט־אָפּ אַ פּאָר צעהנדליג נים פון דער רעכטער קעשענע אין דער לינקער, און דאָס שפּיעל הויבט זיך אָן גאָר איבער אַ נייעס.

IV

אַ געניטער קאָרטען־שפּיעלער, דערצעהלט מען, האָט גערופען אַ האַלבע שעה פאַר'ן טוידט זיין זוהן, אויך אַ קאָרטען־שפּיעלער, און רופט זיך אָן צו איהם בזה הלשון:

— מיין קינד! איך געה־אַוועק פון דער וועלט, מיר וועלען זיך שוין מעהר נישט זעהן קיינמאָל. איך ווייס, אַז דו שפּיעלסט

אין קאַרטען, דו האָסט מיין חולאת... שפּיעלען מעגסטו דו וויפיעל דו ווילסט, נאָר אָפּשפּיעלען זיך — זאָל דיך גאָט שומר ומציל זיין!

די דאָזיגע ווערטער זענען, להבדיל, אַ תורה. נישטאָ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אָפּשפּיעלען זיך. דאָס טהוט־אויס, זאָגען געניטע מענטשען, ביז צו דעם לעצטען העמד! דאָס טרייבט־אריין אין שאול־תחתיה אריין, און מע קאָן שוין נאָכדעם קיין תחית־המתים נישט אויפשטעהן! אזוי זאָגט די וועלט, און אַזוי איז געווען אויך מיט אונזער חברה־מאַן. ער האָט אזוי לאַנג געאַרבייט מיט'ן היטעל: אום, צי גראָד, געלעגט פון איין קעשענע אין דער אַנדערער, ביז די לינקע קעשענע איז געבליבען אָהן איין ניסעל.

— נו, פאַר וואָס שפּיעלסטו נישט?

— איך האָב שוין נישט מיט וואָס.

— ווידער אַ מאָל געבליבען אָהן נים, שלים־מזל?

— דו זאָגסט, איך בין אַ שלים־מזל, און איך זאָג, דו ביזט אַ שולער.

— זאָגסטו נאָך אַ מאָל דאָס וואָרט „שולער", געב איך דיר איבער די פּיסקעס.

— לאָז דיר גאָט געבען אזא זין!...

געצעל בלייבט זיצען עטליכע מינוט שטיל, גראַבעלט מיט די פינגער אין דער ערד, גראָבט אַ גריבעל און ברומט שטילערהייט אַ ליעדעל אונטער דער נאָז. נאָכדעם טהוט ער אַ זאָג:

— סקוטשנע! לאָמיר שפּיעלען אין נים.

— וואו האָב איך נים?

— האָסט נאָך עפּים געלט? איך וועל דיר פאַרקויפען נאָך אַ צעהנדליג.

— געלט? וואו האָב איך געלט? איך האָב שוין נישט אַ גראָשען!

— נישט קיין נים און נישט קיין געלט? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! חאַ־חאַ־חאַ!

און דער „חא־חא־חא" צעשיט זיך איבער'ן גאַנצען פעלד, קלינגט זיך אָפּ מיט אַ ווידערקול אינ'ם געדיכטען ווייטען וואַלד, און געצעל קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר פאַר אַ געלעכטער, דו גויעצעל איי־נער? — מאַכט ער צו זיך אַליין, און טאַקי תּוך־כּדי־דבור זיך אַליין אָפּגעענטפערט:

— דאָס לאַך איך פון דיר, שלים־מזל. געננג דו האָסט מיר פאַרשפּיעלט אַלע ניס — צו וואָס האָט דיר געטויגט נאָך נעמען און פאַרשפּיעלען דאָס געלט אויך, אַזוי פיעל געלט, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! חאַ־חאַ־חאַ!

— האָסט דאָך מיך אַליין אַרויפגעפיהרט דערויף, דו רשע מרושע, דו שלעכטער יונג, דו טרפה'נער ביין!

— חכם בלילה! אַז איך זאָל דיר זאָגען אָפּשניידען די נאָז, דאַרפסט דו מיך פאָלגען? דו פּעטאַך איינער! דו בהמה בצורת פערד! חאַ־חאַ־חאַ!...

— ווער חאַטש אַנשטומט, דו גויעץ איינער, און לאָם איך דיין טרפה'נעם פּרצוף נישט אָנקוקען!

און ער קערעוועט זיך אַוועק פון זיך אַליין, זיצט עטליכע מינוט איין אָנגעבּרוגז'טער, גראַבּעלט מיט די פינגער די ערד, פאַרשיט דאָס אויסגעגראָבענע גריבעל און זינגט שטילערהייט אַ ליעדעל אונטער דער נאָז.

V

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען, געצעל? — רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין אין עטליכע מינוט אַרום. — לאָמיר זיך שוין איבערבעטען, לאָמיר ווערען חבר. גאָט האָט מיר געהאָלפען, ס'האָט מיר אַזוי באַגליקט, איך האָב געוואונען, קיין עין־הרע, אַזוי פיעל ניס, — פאַר וואָס זאָלען מיר זיך נישט פאַרגינען צעקנאַקען עטליכע

ניסלעך? זיי באַדאַרפֿען זיין, מיין איך, ניט שלעכט? האַ? ווי מיינסט דו, געצעל?

— יאָ, איך מיין אויך אַזוי, זיי באַדאַרפֿען זיין ניט שלעכט. — ענטפֿערט ער זיך אַליין, און חאַפּט־אַריין אין מויל איין ניסעל, דאָס אַנדערע ניסעל, דאָס דריטע ניסעל, טהוט אַלע מאָל אַ זעץ מיט'ן האַנט איבער די צייהן, דאָס ניסעל טהוט אַ טרישטשע, נעמט ער אַרויס אַ פֿעטען יאָדער, רייניגט איהם אַרום, וואַרפֿט איהם אַריין אין מויל און קייעט מיט די גרויסע ווייסע צייהן געשמאַק, חראָמקעט, ווי אַ פֿערד האָבער, און רופֿט זיך אָן:

— ביזט אפשר אויך אַ בעלן, געצעל, אויף אַ יאָדער פֿון אַ ניסעל? שעם דיך נישט, זאָג!

— מהכּתיתי, פֿאַר וואָס נישט?

אַזוי ענטפֿערט ער זיך אַליין, ציהט אויס די לינקע האַנט, נאָר טאַקי באַלד טהוט ער זי אַ פּאַטש מיט דער רעכטער:

— און אַ מכּה ווילסט דו נישט?

— לאָז דיר זיין אַ מכּה.

— לאָז דיר זיין צוויי.

און ער הערט נישט אויף צו קנאַקען ניסלעך און קייען די פֿעטע יאָדערען, חראָמקען, ווי אַ פֿערד האָבער. ס'איז איהם קאַרג, וואָס ער פֿרעסט און יענער זיצט און קוקט, רופֿט ער זיך אָן צו איהם:

— הער נאָר, געצעל, וואָס איך וועל דיך פֿרעגען: ווי אַזוי איז דיר, למשל, בשעת מעשה, אַז איך עס און דו קוקסט?

— ווי אַזוי מיר איז? אַזאַ יאָהר אויף דיר!

— ע, ביזט, אַפּנים, אין כּעס? נאַ זשע דיר אַ יאָדער פֿון אַ ניסעל.

און געצעל'ס רעכטע האַנט גיט דער לינקער האַנט אַ יאָדער פֿון אַ ניסעל. וויל די לינקע האַנט נעמען דעם יאָדער פֿונ'ם ניסעל, גיט איהם די רעכטע האַנט, מחילה, אַ פֿייג... געהט די לינקע האַנט און טהוט אַ פּאַטש דער רעכטער האַנט, נעמט די רעכטע האַנט

און טהוט א פּאטש דער לינקער האנט. געהט די לינקע האנט און דערלאנגט א פּראסק אין דער רעכטער באַק, געהט די רעכטע האַנט און שטעקט־אָפּ דער לינקער באַק צוויי פּעטש. חאַפּט־אָן די לינקע האנט ביי דער רעכטער לאָץ, נעמט די רעכטע האנט און רייסט־אָפּ די לינקע לאָץ פון אויבען ביז אראָפּ. געהט די לינקע האנט און חאפּט זיך אָן ביי דער רעכטער פּאה, נעמט די רעכטע האנט און פּארפּאָהרט אין לינקען אויהער.

— לאָז־אָפּ די פּאה, געצי, פאָלג מיך, לאָז־אָפּ די פּאה!

— לאָז־אָפּ דעם אויהער, וועל איך דיר אָפּלאָזען די פּאה!

— א מכּה!

— נו, בלייבסט דו אָהן א פּאה, געצי!

— בלייבסט דו, גויעץ, אָהן איין אויהער!

— אי!

— אי־אי!!

. . . .

עפּילאָג.

עטליכע מינוט האָט זיך אזוי געקאטשעט אויף דער ערד אונזער געצעל. אָט איז ער געלעגען פון אויבען מיט דער רעכטער זייט, אָט איז ער געלעגען פון אויבען מיט דער לינקער זייט, צוגעהאַלטען מיטביידע הענט די קעשענע מיט ניס. א מינוט האָט גובר געוועזן גויעצעל, א מינוט האָט גובר געוועזן געצעל. ביז ער האָט זיך אויפגעחאַפּט פון דער ערד, איין איינגעקאטשעטער אין בלאָטע, ווי א דבר־אחר, א צעפּליקטער, מיט א צעבלוטיגטען אויהער, מיט איין אונטערגעריסענער פּאה, ארויסגעחאפּט אלע ניס פון קעשענע און פּארוואָרפען זיי אין בלאָטע אריין, העט־וויים ביז אויף יענער זייט מיהל, און צו־געברומט מיט כּעס:

— אָט אזוי!... א מצוה!... נישט מיר, נישט דיר!...

לאה׳ניו

א בילד.

געשריבען אין יאָהר 1904.

לְאָה'נְיוּ

א.

פון יאָהר צו יאָהר, פּינקטליך, ווי א זייגער, איז בּיי די בּערנשטיינס א מנהג, אז צו „שפוך חמתך” עפּענט מען אַלע טירען — מע לאָזט־אריין א גאסט אין שטוּב אריין, א ליעבּען טייערען גאסט, אליהו הנביא.

זיי גלויבּען, אז דער גוטער געטרייער אליהו הנביא קומט־אריין זיי בּענטשען. שטילערהייט טרינקט ער אָפּ א טראָפּען פון'ם כּוס, וואָס שטעהט אָנגעגרייט פון זיינעטוועגען, און ווערט שטי־לערהייט פארשוואונדען.

פאר אזא איין אָנגעלעגטען גאסט שטעהט־אויף די גאנצע שטוּבּ און רופט־אוים: „בּרוך הבּא!”

און נאָכ'ן „בּרוך־הבּא” זאָגט מען הויך, אויף א קול און מיט א ניגון:

— שפוך חמתך — גים אוים דיין צאָרן אויף די נישט־קולטורעלע פעלקער, וואָס ווילען דיך ניט קענען!...

א מאָדנע פרומע שטוּבּ בּיי די בּערנשטיינס! א פּאטריאר־כאַלע, א כּשר'ע, מיט מנהגים פּאטריארכאַלע.

ערב־פּסח כּשר'ט מען די פיסלעך פון די בּענקלעך, די קייטלעך פון די טירען, די זאסלינקעס פון'ם קוימען, די קראָקוועס פון'ם בּוידעם.

מע כשר'ט די קינדער, מע כשר'ט די דיענסט, מע כשר'ט די בהמה.

אויב ביי דער גאנצער וועלט איז כשר, איז ביי זיי כשר שבכשר. אויב ביי אלע אידען איז פסח, איז ביי זיי פסח שבפסח.

און אז בערנשטיין זעצט זיך אוועק צום סדר מיט'ן ווייסען קיטעל, מיט דער ווייסער זיידענער יארמעלקע, מיט די ווייסע שיך און זאקען, אויף דעם הסב־בעט, אויף דעם ווייסען ווייכען הסב־בעט, — געוועלטיגט ער.

דער סולטאן פון מאראקע מיט'ן שאך פון פערסיע, און אפילו דער מלך פון קארעע, וואס טראגט א מגן־דוד אויפ'ן קאפ, מעגען, בלעבען, קומען אהער זיך לערנען געוועלטיגען.

אז וואויל איז דעם מלך, וואס האט ביי דער רעכטער האנט אזא מלכה, ווי בערנשטיין האט.

אז וואויל איז דעם מלך מיט דער מלכה, וואס ארום טיש ביי זיי זיצען, ווי די איילבערט־פלאנצונגען, זייערע קינדער.

רעד איך פון דער מלכה בערנשטיין, דערמאן איך מיך אן דער „אשת־חיל" פון שלמה המלך. רעד איך פון איהרע קינדער, קומען מיר אקעגען די ווערטער: „הנה כי כן יבורך גבר" — אט אזוי איז דאס, אז גאט וויל איינעם בענטשען!

ב.

איין יאהר, סך־הכל איין יאהר, איז איבערגעלאפען — און וואס פאר איין איבערקעהרעניש!

די אייגענע שטוב, די אייגענע כשר'ע פרומע שטוב. די אייגענע מענטשען, די אייגענע פרומע כשר'ע אידען. נאר נישט דער גייסט, נישט דער פסח, נישט דאס עפענען פון די טירען, נישט דער „ברוך־הבא", נישט דער „שפוך־חמתך", וואס פארא־יאהרען.

וואו איז אהינגעקומען די פרייליכקייט, די ליכטיגקייט, מיט דער היימליכקייט, מיט דער ברייטקייט?

א זארג, א גרויסער טיעפער זארג, ליגט אויסגעגאסען אויף אלע פנים׳ער. א פארבארגענער אומעט האט זיך אהער אריינ־גע׳גנבה׳ט. א שטילער־שטילער טרויער.

שוין באלד א יאהר, זינט עס האט זיך אויסגעגאסען אויף זיי און אויף דער גאנצער שטאדט א וואלקענבראך, א שטורעמווינט מיט א האגעל, און נאך קלינגט זיי אין די אויהערען דער דונער מיט׳ן ציטערען פון די פענסטער, מיט׳ן געשריי, מיט׳ן געפילדער.

איין יאהר, סך־הכל איין יאהר, איז איבערגעלאפען — און וואס פאר איין איבערקעהרעניש!

א זארג, א גרויסער טיעפער זארג, ליגט אויסגעצויגען אויף אלע פנים׳ער. א פארבארגענער אומעט האט זיך אהער אריינ־גע׳גנבה׳ט. א שטילער־שטילער טרויער.

דער אייגענער מלך מיט׳ן ווייסען קיטעל, מיט דער ווייסער זיידענער יארמעלקע, אויף דעם אייגענעם ווייסען ווייכען הסב־בעט. די אייגענע שענע מלכה, די אשת־חיל. די אייגענע קינדער, ווי די אייל־בערט־פלאנצונגען, ארום טיש. נאר נישט דער סדר, וואס פאראיאהרען, נישט די פרייליכקייט, די ליכטיגקייט, מיט דער היימליכקייט, מיט דער ברייטקייט, וואס פאראיאהרען.

די אייגענע הגדה, נאר נישט דער ניגון. א פארבארגענער אומעט האט זיך אריינגע׳גנבה׳ט אין דעם ניגון, א שטילער־שטילער טרויער.

און דער מלך און די מלכה און די קינדער, די בני־מלכים, זינגען שטיל דעם שטילען טרויעריגען ניגון, גלייך ווי א קראנקער, א חולה מסוכן, וואלט דא געלעגען ערגיץ אין דער נאהענט, גלייך ווי מע וואלט באוויינט א טוידטען.

און שטילערהייט, בגנבה, באהאלטען איינס פון דאס אנדערע, טרייסלען זיי אפ א שטילע טרער — נאך לאה׳ניון.

ג.

לאה׳ניו — אזוי האָט געהייסען דאָס קלענסטע קינד, דאָס קלענסטע און דאָס ליעבסטע.

דאָס איז געווען זעהר־זעהר א גראָטען קינד, א מיידעלע פון א יאָהר זעכס, א מיידעלע מיט געקרייזעלטע פלאַכסענע הערלעך און מיט הימעל־בלויע אויגלעך, און גערעדט האָט דאָס, ווי איין אַלטער. אַלסדינג גערעדט און אַלסדינג פארשטאַנען, אַלסדינג געפיהלט און אַלסדינג געוואוסט.

שוין צופיעל געוואוסט, צופיעל געפיהלט, צופיעל פארשטאַנען! וואָס וועט זיין פון דעם קינד, אז עס וועט אויסוואַכסען?

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „דאָס קינד איז נערוועז; דאָס קינד דאַרף מען היטען". וואָס איז דער חידוש, וואָס אַלע האָבען איבער דעם אזוי געציטערט, געטרייסעלט זיך? לאה׳ניו! לאה׳ניו!

פאַראיאָהרען, אז ס׳האָט זיך אויפגעהויבען דער שטורעמ־ווינט און אַלע האָבען אָנגעהויבען ארומלויפען איבער דער שטוב, ווי די פאַר׳סמ׳טע מייז, ניט געוואוסט, וואו מען איז אין דער וועלט, האָט לאה׳ניו פארשטאַנען און איז ארויפגעשפרונגען צו דער מוטער אויף די הענט, ארומגעכאַפּט זי ביי׳ם האַלז און געציטערט און געטרייסעלט זיך, און די צייהנדלעך האָבען זיך ביי איהר גע־שלאָגען, און די אויגלעך זענען איהר געוואָרען משונה גרויס, און זי האָט געזאָגט:

— מאַמעניו, איך וועל דיך ניט לאָזען!...

פאַר שרעק, נאָר פאַר שרעק אליין, איז דאָס קינד גע־שטאָרבען!...

. . . .

ד.

אך, ווי שען איז געווען לאה׳ניו, ליגענדיג אין בעטעל, ווי חנ׳עוודיג! די געקרייזעלטע פלאַכסענע הערלעך צעלאָזט, די שענע הימעל־בלויע אויגלעך האַלב־אָפען, די ווייסע טוידטע ליפּען צו־געשלאָסען אויף שטענדיג, אויף אייביג.

ניין, לאה׳ניו וועט שוין מעהר ניט רעדען. קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט!

און דאָך מאָהלט זיך אוים דער מוטער, אז דאָס קינד קוקט אויף איהר, רעדט צו איהר, פרעגט ביי איהר:

— מאַמעניו! פאַר וואָס?...

קיינער גלויבט איהר ניט, דער וויסטער מאַמע. זיי מיינען, אז זי רעדט פון וועג, אז זי איז, חלילה, ניט ביי די געדאַנקען. חאַ־חאַ־חאַ! חאַ־חאַ־חאַ!...

נאָר וואָס טראָגט אַ מענטש ניט איבער? לאה׳ניון האָט מען באהאַלטען, אין דער ערד באהאַלטען, און די וויסטע מאַמע איז געזונט געוואָרען. און אָט זיצען זיי אַלע איצט ביי׳ם סדר, אַלע, נאָר אָהן לאה׳ניון. סאַמע דאָס קלענסטע, סאַמע דאָס ליעבסטע פעהלט! נישטאָ לאה׳ניו!

און דער מלך און די מלכה און די קינדער, די בני־מלכים, זינגען שטיל דעם שטילען טרויעריגען ניגון פון דער הגדה, דערמאַנען זיך אָן לאה׳ניון, ווי זי איז פאַראָיאָהרען דאָ געזעסען, און שטיל, בגנבה, באהאַלטען איינס פון דאָס אַנדערע, פאַרלירען זיי אַ טרער.

און אז עס קומט צו „שפוך־חמתך“, עפענט מען די טירען ברייט, ווי אַלע מאָל, אַריינצולאָזען דעם גאַסט, אליהו הנביא, און מע שטעהט־אויף, בכדי איהם מקבל פנים זיין, איהם אָפּגעבען דעם „ברוך־הבא“.

נאָר, אוי־וועה, ס׳איז ניט דער „ברוך־הבא“, וואָס פאַראָ־יאָהרען! ס׳איז ניט דאָס אויפנעמען דעם אָנגעלעגטען גאַסט, אליהו הנביא, ס׳איז ניט דער „שפוך־חמתך“, וואָס אַלע יאָהר!

טאַקי די אייגענע תּפלה, די אייגענע ווערטער, נאָר דער נוסח, דער ניגון, דער טאָן איז איין אַנדערער! עס לאָזט זיך הערען אינ׳ם נוסח אַ נייער טרויער, אין די ווערטער — אַ מין באַקלאָגען זיך פאַר דעם רבונו־של־עולם.

און ווי טרערען הערען זיך אינ׳ם מלכ׳ם קול. און אויך די מלכּה ווישט די אויגען. און די קינדער, די בני־מלכים, קוקען אויף די אָפענע טירען, גלויבען נישט אינ׳ם גאַסט, גלויבען נישט, אַז אליהו הנביא קומט אַהער צו פליהען פאַרזוכען אַ טראָפּען פונ׳ם כּוס, וואָס שטעהט אָנגעגרייט פון זיינעטוועגען. זיי טראַכטען:

„ווי קאָן דאָס אַזאַ גוטער געטרייער מלאך, ווי אליהו הנביא, דערלאָזען אַזעלכעס, אַזאַ אומרעכט? ווי קאָן דאָס אַזאַ גוטער געטרייער מלאך, ווי אליהו הנביא, דערלאָזען, מע זאָל צונעמען ביי זיי, אויסחאַפּען לאַה׳ניון? סטייטש, לאַה׳ניון!"...

איין יאָהר, סך־הכּל איין יאָהר, איז איבערגעלאָפען — און וואָס פאַר איין איבערקעהרעניש!

אַ פאַרשפּיעלטער ל״ג-בעומר

אַ מעשה פון חדר.

געשריבען אין יאָהר 1904.

אַ פאַרשפּיעלטער ל״ג־בעומר

א.

אונזער רבּי, „ניסעל דער קליינער" (אזוי האָט מען איהם גערופען, ווייל ער איז געווען אַ קליינער), האָט זיך געלאָזט פיהרען ביי דער נאָז פון זיינע באַהעלפערס. וואָס די באַהעלפערס האָבען געוואָלט, האָבען זיי גע׳פּועל׳ט. געקומען דער ערשטער באַהעלפער און האָט געזאָגט: מע דאַרף היינט לאָזען די קינדער באַצייטענס פריי — האָט ער געהייסען לאָזען די קינדער פריי. געקומען דער אַנדערער באַהעלפער און געזאָגט: די קינדער וועלען איבערקעהרען די וועלט, מע דאַרף זיי האַלטען אין חדר — האָט ער געהייסען, מע זאָל זיי האַלטען אין חדר. ער זאָל אַליין עפּיס צוקלערען — דאָס נישט. דעריבער האָבען געוועלטיגט אויף אונז די באַהעלפערס, נישט דער רבּי. אין אַנדערע חדרים, למשל, ווייסען באַהעלפערס איינוואַשען די קינדער, זאָגען מיט זיי ברכה, טראָגען זיי אויף די פּלייצעס איבער דער בלאָטע, ברענגען זיי אין חדר אַריין אַ טעפּעלע אָנבייסען. ביי אונז האָבען די באַהעלפערס געפוילט זיך איינוואַשען אונז, זאָגען מיט אונז ברכה, טראָגען אונז אויף די פּלייצעס. דערפאַר האָבען זיי אָבער ליעב געהאַט ברענגען אונז אין חדר אַריין די אָנבייסענס און... טאַקי אַליין אויפעסען. אויסזאָגען דאָס דעם רבּין האָבען מיר נישט געטאָרט: די באַהעלפערס האָבען אונז געהאַלטען רעכט אין דער

מורא, אונז אָנגעזאָגט, אז טאָמער וועט עמיצער זיך דערוועגען זאָגען א וואָרט, א פּיפּס טהון פאר דעם רבין, וועט מען איהם קאַטעווען, שינדען די הויט! איינער, א ווייסער־חברה׳ניק, האָט זיך יאָ געפּרובט אמאָל ארויסשפּרינגען מיט א וואָרט, האָבען איהם די באהעלפערס נאָכדעם אזוי געטהאָן, אז ער האָט נעבאך געקרענקט א גאַנצען זמן, פארזאָגט א צעהנטען, מע זאָל א באַהעלפער פאר׳ן רבין נישט מסר׳ען.

יענע צייט קאָן מען אָנרופען מיט׳ן נאָמען „גלות הבהלפרים", אָדער „באהעלפער־גלות".

ב.

ויהי בימי גלות הבהלפרים — און ס׳איז געווען אין דער צייט פון „באהעלפער־גלות", האָט זיך געשטעלט ביי אונז אין כתריל־עווקע א ל״ג־בעומר א נאסער, א קאַלטער, ווי עס גיט זיך אוים אמאָל תחילת מאי קאַלטע, נאסע טעג. די זון טאַקי כלומרשט באווייזט זיך, לייכט און וואָרעמט; נאָר א שאַרפער ווינט בלאָזט ערגיץ פון וויטען, טראָגט־אָן חמארעס, רייסט ביי די פּאָלעס, וואלגערט פון די פיס — גאַרנישט פּאַחאָזשע אויף וועסנע...

האָט זיך פארגלוסט גראד דעמאָלט אונזערע באהעלפערס, מיר זאָלען מאכען א שפּאַציער ל״ג־בעומר הינטער דער שטאָדט און ארויסגעהן אויף מלחמה, ווי דער מנהג איז ביי אידישע קינדער, מיט שווערדען און מיט פייל־ענבויגענס און מיט צידה־לדרך, אלערליי גוטע שפּייזען, אין וועג אריין.

ס׳איז א מנהג ביי אידישע קינדער פון קדמונים, אז עס קומט ל״ג־בעומר, ווערט מען מלחמה׳דיג: מע וואָפענט זיך אָן פון קאָפּ ביז פיס מיט כלי־זיין, הילצערנע שווערדלעך, ראָדביקסלעך און פייל־ענבויגענס, מע נעמט־מיט עסענוואַרג אין וועג אריין און מע געהט־ארויס אויפ׳ן פרייען פעלד כלומרשט אויף מלחמה. אידישע קינדער, וואָס זיצען נעבאך א גאַנץ יאָהר פארשפּאַרט אינ׳ם ענגען

פינסטערען חדר, אונטער דעם יאָך פון דער תורה, אונטער דער מורא פונ׳ם רבין און אונטער די קאנטשיקעס פון די באהעלפערס, אז עס קומט ל״ג־בעומר און זיי געהען־ארוים אויפ׳ן פרייען פעלד, אָנגעוואָפענט פון קאָפּ ביז פיס מיט די הילצערנע שווערדלעך, ראָדביקסלעך און פיילענבויגענס, מאָהלט זיך זיי אוים, אז זיי זענען גבורים, וואס קאָנען איינגעמען דעם שטארקסטען שונא, חרוב מאכען די וועלט — און זיי באקומען מיט א מאָל קוראזש, און חברה הויבט־אָן מאכען גרויסע שפּאנען און זינגען ליעדלעך, מאָדנע ליעדלעך, האלב אידיש, האלב גוייש:

ראז, דוואַ, טרי, טשעטירע!
אידישע קינדער
לערנען תורה,
גלויבען אין וואונדער,
האָבען נישט מורא.
שמע ישראל, ניטשעווא!
ניע באָאימסיא ניקאווא,
קראָמע באָגא אָדנאווא...

און מיר האָבען געטהאָן, ווי דער מנהג איז: אראָפּגענומען אונזערע פאראיאָהריגע הילצערנע שווערדלעך פונ׳ם בוידעם, און פיילענבויגענס האָבען מיר אָנגעצויגען אויף רייפלעך פון פסח׳יגע וויין־פעסלעך, און ראָדביקסלעך האָבען אונז געשאפט די באהעל־פערס, געוויינטליך, פאר געלט, נאָר אזעלכע ראָדביקסלעך קונציגע, וואָס מע קאָן שיסען מיט זיי א פליעג, ווען זי זאָל, נאפשיקלאד, וועלען שטעהן און ווארטען, ביז מע וועט זי שיסען... וכדומה נאָך אזעלכע מינים כלי־זיין, אידיש געוועהר, וואָס מע קאָן מיט זיי איבערשרעקען אויף טוידט קליינע זויגעדיגע קינדער. און מיט אָנבייסען האָבען מיר זיך פארזאָרגט נישט אויף קאטאָוועס — איטליכער מיט וואָס גאָט האָט איהם געבענטשט און מיט וואָס

די מאַמע האָט איהם באַוויליגט פון איהר ברייטער האַנט. און מיר זענען געקומען דעם טאָג פון ל"ג־בעומר אין חדר אריין, אָנ־געוואָפּענט פון קאָפּ ביז פיס און מיט פולע קעשענעס פון כּל טוב, וואָס א מויל קאָן רעדען: בולקע, און קיכעל. און אייער, און שמאַלץ, און בראָנפען, און ווישניק, און פּערטעלען עוף, און שטיקער קאַטשקע, און פּופּקעלעך, און לעבערלעך. און טיי מיט צוקער, מיט נים מיט מאַראַנצעז מיט איינגעמאַכטס, און אויך מיט מזומנ'ע גראָשענס — איטליכער פון אונז האָט זיך געוואָלט אויספיינען. ברענגען וואָס מעהר און וואָס בעסער, יוצא זיין פאַר די באַהעל־פערס. און די באַהעלפערס האָבען אונז געלויבט, געזאָגט, אז מיר זענען וואוילע, אויסגעצייכענטע יונגלעך, צונויפגענומען אונזערע גוטע שפּייזען צו זיך אין די טאָרבעס אריין, און אונז האָבען זיי אויסגעשטעלט שורות־ווייז, ווי מע שטעלט־אויס חיל, און האָבען א קאָמאַנדעווע געטהאָן:

— נעמט זיך, אידישע קינדער, פאַר די הענט און מאַרש איבער דער בריק, גלייך אהין אויף מעושריטשער פּלאַץ. דאָרט וועט איהר זיך באַגעגענען מיט די ים־קאַטערס און דאָרט וועט מען זיך שלאָגען!

— הורראַ, ים־קאַטערס! — האָבען מיר אויסגעשריען אַלע אין איין קול און האָבען זיך גענומען פאַר די הענט און האָבען זיך ראַפּטאָם א לאָז געטהאָן אין וועג אריין, שטאַרק האָפערדיג און זיכערליך, ווי אמת'ע גבורים.

ג.

די ים־קאַטערס — אזוי האָבען מיר גערופען די דרדקי־תלמידים דערפאַר. וואָס זיי זענען געווען קינדער קליינע, קורצע, אלף־בית־יונגלעך, און האָבען אויסגעזעהן קעגען אונז, חומש־בחורים. ווי פליעגען, ווי מערעשקעס. עס האָט זיך אונז אויס־געוויזען, אז מיט איין בלאָז — פו! — מאַכען מיר פון זיי א תּל.

מיר זענען געווען בטוח, אַז זיי וועלען נאָר אונז דערזעהען, ווי מיר זענען אָנגעוואָפּענט פון אויבען ביז אַראָפּ מיט שווערדען, פייַלענבויגענס און ראָדביקסלעך, וועלען זיי געוויס חאַפּען די פיס אויף די פּלייצעס און וועלען געוויס מאַכען פּליטה. אַ קלייניגקייט — אַזעלכע גבורים, חומש־בחורים, וואָס אַלע יונגלעך פון די דרדקי־חדרים האָבען געציטערט פאַר אונז אימת־מות, מורא געהאַט אַריינטרעטען אין אונזערע דל"ת אמות! איהר שפּיעלט זיך מיט חומש־בחורים, ווערגעלעצען, מיט לאַנגע פיס?!...

שלאָגען מיט די ים־קאָטערס האָבען מיר זיך, אייגענטליך, קיינמאָל נישט געשלאָגען; נאָר על־פּי סברה האָבען מיר גערעכענט און געווען איבערצייגט, אַז מיט'ן קוק מאַכען מיר מיט די דאָזיגע קליינע ווערוריקעס אַ פאַרלענדונג, אַ סוף, אַ תל־עולם. חוץ וואָס מיר וועלען זיי גוט איינטיילען, אָנברעכען אויף אַלע זייטען, וועלען מיר נאָך נעמען ביי זיי רויב, דאָס הייסט, מיר וועלען זיך צעטיילען מיט זייערע אָנבייסענס, און לאָזען זיי אונז לאָדען צום „ונתנה־תוקף".

און פאַר גרויס קוראַזש און התפּעלות פון זיך אַליין און פון אונזער כח האָבען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע אונטערגעשטופּט, דערלאַנגט אַלע מאָל אַ שטורך אין די פּלייצעס אַריין און אַ פּליאַסק פון הינטען, און אַגב האָבען אונז טאַקי אונטערגעטריבען די חברה באַהעלפערס, מיר זאָלען געהן אַ ביסעל גיכער.

— וואָס קריכט איהר, ווי די וואַנצען? — האָבען זיי צו אונז געזאָגט. און אַליין האָבען זיי זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, אויפגעבונדען די טאָרבעס און פאַרזוכט די אָנבייסענס, שטאַרק געלויבט אונזערע מאכלים מיט אונזער ווישניק:

— אויסגעצייכענטער ווישניק! — האָבען זיי געזאָגט, איי־בערגעגעבען איינער דעם אַנדערען דאָס פלעשעל און געבולקעט — בול־בול־בול — פונ'ם העלזעל גלייך אין מויל אַריין.

— איין אַנטיק פון ווישניק! הערט איהר? טאַקי גאָר אַ חריפות!

אזוי האָבּען געזאָגט די חבוּה בּאהעלפערס, געלעקט די פינגער און שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון אונז, בּאַוויזען אונז פון דער ווייטען מיט די הענט, מיר זאָלען געהן ווייטער! ווייטער!...

און מיר זענען געגאַנגען ווייטער און ווייטער איבּער דעם גרויסען מעזשריטשער פּלאַץ, חאָטש דער ווינט האָט געבּלאָזען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דער הימעל האָט זיך רעכט פאַרחמאַרעט, און אַ געדיכט קאַלט רעגענדעל האָט געשמיסען גלייך אין פּנים אַריין. פאַר קעלט האָבּען אונז די הענט געדראָלען, געוואָרען בּרוין און בּלוי, און די שטיוועלעך האָבּען זיך צעווייקט, געקוואַטשקעט אין דער בּלאָטע. ליעדלעך האָבּען מיר שוין לאַנג אויפגעהערט זינגען, און געפיהלט האָבּען מיר זיך מיעד און הונ־געריג, זעהר־זעהר הונגעריג. און ס'איז געבּליבּען, מיר זאָלען זיך ערגיץ צוזעצען אויף אַ ווײַלע אָפּרוהען זיך און טאַקי אין איינוועגס עפּיס איבּערהאַפּען, נעמען אין מויל אַריין.

— וואו זענען דאָס אונזערע בּאהעלפערס? — האָט זיך אָנגערופען איינער פון אונז.

— חאַפּט דער רוח די בּאהעלפערס! די אָנבּייסענס, די אָנבּייסענס וואו זענען?...

און דער עולם האָט שטאַרק אָנגעהויבּען צו מורמלען אויף די בּאהעלפערס: „אַ בּעלנות צונעמען אַלע אונזערע פּופּקעס מיט אַלע אונזערע לעבּערלעך, מיט די קיכלעך, מיט די אייער, מיט'ן בּיסעל ווישניק, מיט די מזומנ'ע עטליכע גראָשענס, און אונז איבּערלאָזען דאָ אַליין אויפ'ן פּוסטען פּלאַץ, אויף דער קעלט, הונגעריג, — פאַרחאַפּט מעגען זיי ווערען!"

— אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אונזערע בּאהעלפערס!

— אַ חלירע זאָל קומען אויף אַלע בּאהעלפערס פון דער גאַנצער וועלט!

— די כּפּרה זאָלען זיי זיין פאַר אונזער מינדסטען נאָגעל!

— שאַ! שטיל זאָל זיין! אָן געהט אונזער שונא! אונזער פּיינט!

— קליינע ווערעמקעס מיט גרויסע שטעקענס!

— די ים־קאַטערס! די ים־קאַטערס!

— הוררראַ, ים־קאַטערס!...

און ווי מיר האָבּען זיי דערזעהען, אַזוי האָבּען מיר זיך אַ לאָז געטהאָן צו זיי, ווי די בייזע הונגעריגע וועלף, גרייט געווען זיי דורס זיין, צערייסען אויף שטיקלעך. נאָר... עס האָט זיך גע־טראָפען מיט אונז איין אומגליק, אַ גרויסער אומגליק, וואָס קיינער האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסזעהען פריהער.

אַז ס׳איז ניט באַשערט, העלפען נישט קיין חכמות מיט קיין גבורה מיט קיין בריה׳שאַפטען. הערט אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפען.

ד.

די ים־קאַטערס, חאָטש זיי זענען קליינע קורצע ווערעמקלעך, אַלף־בית־יונגלעך, נאָר, אַפּנים, נישט קיין נאַרישע יונגלעך: איי־דער זיי זענען אַרויס צו אונז אַקעגען אויפ׳ן פעלד, אויף דעם גרויסען מעזשריטשער פּלאַץ, אויף מלחמה, האָבּען זיי זיך אין דער היים פריהער גוט צוגעלערענט, געמאַכט רעפּעטיציע הייסט עס. נאָכדעם האָבּען זיי זיך אונטערגעפּיטערט, איבערגעביסען הייסט עס, מיטגענומען מיט זיך וואַרעמע מלבושים׳לעך מיט גומענע קאַלאָשען, אָנגעוואָפּענט זיך פון קאָפּ ביז פיס נישט ערגער פון אונז, און אפשר נאָך בעסער פון אונז, אויך מיט שווערדלעך און מיט פיילענבויגענס און מיט ראָדביקסלעך, און האָבּען גאָרנישט געוואָלט וואַרטען, ביז מיר וועלען אָנפאַלען אויף זיי, נאָר זיי זענען בעסער אָנגעפאַלען אויף אונז, און האָבּען אונז גענומען ברעכען די ביינער — ווי אַזוי מיינט איהר, אַשטייגער? פון אַלע זייטען און אַזוי גע׳שמעיה׳דיג, אַז מיר האָבּען גאָר קיין צייט געהאַט אפילו זיך אַרומקוקען. וואו מיר זענען אין דער וועלט, גאָרנישט באַמערקט

תחילת, אז זיי געהען אויף אונז נישט אליין, נאר מיט זייערע באהעלפערס, וואס האבען זיי אונטערגעגעבען היץ:

— רעכענט זיך מיט די חומש־בחורים! קלאפט זיי, די ווערגעלעצען מיט די לאנגע פיס!

סע פארשטעהט זיך, אז מיר האבען אויך נישט געשוויגען. ווי די גבורים, האבען מיר זיך געשטעלט אקעגען די קליינע ווערוריקעס, געבראקט זיי מיט די שווערדלעך, אנגעצויגען די פיילענבויגענס און אנגעשטעלט אויף זיי די ראדביקסלעך. נאר — אוי־וועה! — אונזערע שווערדלעך זענען געווען טעמפ, ווי האלץ, און ביז מיר האבען זיך א ריהר געטהאן מיט די פיילענבויגענס, האבען מיר שוין אנגעהויבען חאפען קלעפ, ווי האלץ... פון די ראדביקסלעך שמועסט מען נישט: וואס קאן מען טהון מיט א ראדביקסעל, אז דער שונא וויל נישט ווארטען, ביז מע וועט איהם אמאל טרעפען, און פליהט־אונטער און שלאגט דאס אייך ארויס פון די הענט — און גיהט טהוט איהם עפּיס!?

שלעכט. מיר האבען געמוזט אוועקווארפען דאס גאנצע כלי־זיין, די שווערדלעך מיט די פיילענבויגענס מיט די ראדביקסלעך, און נעמען זיך צום געשלעג, ווי גאט האט געבאטען, דאס הייסט, מיר האבען אנגעהויבען ארבייטען פשוט מיט די הענט, מיט די קולאקעס. דער חסרון איז אבער געווען, וואס מיר, אויס־געמיעדטע, אויסגעהונגערטע און איבערגעפרוירענע, האבען זיך געשלאגען אהן א טאלק, אהן א פלאן און אהן א שום אויבערהאר. ווארום אונזערע באהעלפערס זענען דאך געבליבען פון הינטען: זיי זענען, מחילה, געווען אונטער'ן גלעזעל און טאקי שטארק בגילופין פון אונזער ביסעל ווישניק, פארחאפט זאלען זיי ווערען!... און זיי, די קליינע ווערוריקעס, גוט אנגעטהאן און רעכט פארביסען, זענען געקראכען גלייך אויף אונז פון דריי זייטען, אלע מאל שטארקער און שטארקער, געשאטען אויף אונז קלעפ מיט קולאקעס מיט בוכענצים — טאקי די זעלביגע בוכענצים, וואס מיר האבען נערעכענט איינטיילען זיי, האבען זיי אונז איינגעטיילט...

און זייערע באהעלפערס זענען געגאַנגען דוקא אויף צו־פריהער און האָבען נישט אויפגעהערט אונטערצוגעבען זיי היץ:

— רעכענט זיך מיט די חומש־בחורים, קלאַפּט זיי, קלאַפּט זיי, די ווערגעלעצען מיט די לאַנגע פּיס!...

ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן הינטען צום פיינט? — דאָס איז שווער צו זאָגען. איך ווייס נאָר, אַז מיר זענען געלאָפען, שטאַרק געלאָפען, הענדום־פּענדום, צוריק אהיים, אהיים, קיין כתרילעווקע; און זיי, די קליינע ווערוריקעס, נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, זענען אונז נאָכגעלאָפען משוגענערווייז, געהוקעט און געטיוקעט און נישט אויפגעהערט צו לאַכען און צו שרייען הינטער אונזערע פּלייצעס:

— הוררראַ, חומש־בחורים! הוררראַ, ווערגעלעצען!...

ה.

געקומען אהיים מיעדע, הונגעריגע, שלעפעריגע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, צעשלאָגענע, צע'הרג'עטע, האָבען מיר, גבורים, גע־רעכענט, אַז טאַטע־מאַמע וועלען געווים לעגען אויף אונז רחמנות, שענקען אַ לעקאַכעל פאַר די קלעפּ, וואָס מיר האָבען געחאַפּט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבען געלעבט אין טעות: מע האָט אונז אין זינען געהאַט אין דער לינקער פּיאַטע. דאַנקען גאָט, מיר זענען אַרוים גליקליך אָהן פּעטש פאַר די צעריסענע קאַפּאָטקעלעך און פאַר די אויסגעדרעהטע שטיוועלעך, פון דער מאַמע באַזונדער און פונ'ם טאַטען באַזונדער. און ערשט אויף מאָרגען האָט אונז רעכט מכבד געווען דער רבי, ניסעל דער קליינער, פאַר די ביילען, וואָס זענען געשטאַנען ביי אונז אויף די שטערנס, און פאַר די בלויע לאַנטערנעס, וואָס אונטער די אויגען. מע האָט אונז — ס'איז אַ בזיון צו דערצעהלען — אַנידערגעלעגט אייגציגווייז, און דוקא מיט'ן פּנים אַראָפּ, און מע האָט אונז אַריינגעצימבעלט, מחילה, אַהין, וואו עס דאַרף צו זיין. דאָס הייסט, נאָט אייך אַ

פארבייסונג, טאמער איז קארג!... אונז האט אבער אויף קיינעם אזוי נישט פארדראסען, ווי אויף די באהעלפערס אונזערע, ימח שמם וזכרם! טאטע־מאמע, אז זיי באשטראפען א קינד, טהוען זיי דאס אפשר מחמת געטריישאפט. א רבי לעגט־אוועק און שמייסט־אפ מיט'ן קאנטשיק — דערויף איז ער א רבי און דערויף איז דאס א קאנטשיק... אבער די באהעלפערס, ימח שמם! נישט גענוג זיי האבען אויפגעפרעסען אונזערע אלע אנבייסענס, אויסקרענקען זאלען זיי דאס נאר, רבונו של עולם! נישט גענוג זיי האבען איבערגעלאזט אונז איינע אליין אין מיטען פעלד אויף גאט'ס באראט, — האבען זיי אונז בשעת שמייסען נאך צוגעהאלטען, מיר זאלען נישט דריגען מיט די פיס!...

* * *

אט אזוי האט זיך אויסגעלאזט אונזער יענער ל"ג־בעומר. דאס איז געווען א וויסטער, א פינסטערער, א פארשפיעלטער ל"ג־בעומר.

צו דער סעודה

א בילד פון מיינע קינדערשע יאָהרען.

געשריבען אין יאָהר 1906.

צו דער סעודה

א.

— איך ווייס נישט, וואס פון דעם קינד וועט זיין, וואס פון דעם קינד וועט אויסוואכסען? עפּיס א קוואטש, א נאסע האנט־שירקע, א וויינענדיגע קלאגמוטער, צו אלדי גוטע יאהר! א קינד זאל האלטען אין איין וויינען!

אזוי זאגט די מאמע מיינע צו זיך אליין, טהוט מיך אן יום־טוב׳דיג און דערלאנגט מיר אלע מאל אדער א בוכענצי אין זייט, אדער א סטוסאק אין פּלייצע, אדער א נעם ביי׳ם אויהער, אדער א ציפּצאפּ ביי די האר, אדער א רייס־אוים א שטיק פלייש, און זי וויל נאך, אז איך זאל פון אזעלכע עובדות לאכען, ניט וויינען. און זי פארקניפּעלט מיך פון אויבען ביז אראפּ אין מיין שבת׳דיג קאפּאטקעלע, וואס איז שוין לאנג אויף מיר אזוי ענג, אז עס שפּארט מיר ארוים די אויגען פון קאפּ, און דערצו זענען די ארבעל עפּיס מאדנע קורץ, און מיינע תמיד רויט־בלויע הענט זענען עפּיס ווי ארויסגעוואכסען פון די ארבעל און זעהען אוים, ווי געשוואלען, און דאס קאן די מאמע מיינע נישט איבערטראגען.

— זעה נאר א פּאר ידים! — זאגט זי און דערלאנגט מיר א פּאטש איבער די הענט, איך זאל זיי אראפּלאזען אראפּ, מע זאל זיי ניט ארויסזעהען. — ביי׳ם פּעטער הערץ ביי׳ם טיש, אז דו

וועסט מיר זיצען, זאָלסט דו מיר די ידים האַלטען פון אונטען, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? און דאָס פּנים דיינס זאָל מיר ניט זיין אַזוי רויט, ווי, להבדיל, ביי יאַוודאָכע דער שיקסע, און מיט די עינים זאָלסט דו מיר ניט גלאָצען, ווי אַ קאָטער, דו הערסט וואָס מע רעדט צו דיר? און זיצען זאָלסט דו מיר, ווי אַ מענטש, און דער עיקר'שט — די נאָז, אוי אַ נאָני! גיב נאָר אַהער די נאָני דיינע, לאָם איך זי דיר נאָר צורעכט מאַכען!

כל זמן די נאָז איז אַ נאָז, איז נאָך צו דערליידען, נאָר אַז די נאָז מיינע ווערט ביי דער מאַמע אַ „נאָני" און זי נעמט זיך צו איהר זי „צורעכט מאַכען" — איז שוין אַז אָך און אַז וועה צו איהר, צו מיין נאָז הייסט עס. איך ווייס נישט, וואָס האָט מיין נאָז ביי איהר אַזוי פאַרזינדיגט מעהר פון אַלע אברים, וואָס זי איז איהר אַזאַ בלוטיגער שונא? דאַכט זיך, אַ נאָז, ווי אַלע נעזער, אַ ביסעל אַ גראָבליכע, אַ ביסעל אַ רויטליכע און אַ ביסעל פאַרריסען אַרויף, און אַ ביסעל האָט זי ליעב זיין פאַרנעצט. נו, איז וואָס? באַדאַרף מען זי אַזוי טרייבען אין דער ערד אַריין? איהר מעגט מיר גלויבען, עס זענען געוועזען צייטען, וואָס איך פלעג בעטען גאָט, ער זאָל זי ביי מיר צונעמען, זי זאָל מיר נאָר עפּים אָפּפאַלען, צו אַלדי שווארצע יאָהר, און אַ סוף! עס פלעגט זיך מיר פאָרשטעלען אין דער פאַנטאַזיע, אַז אָט שטעה איך אויף אין אַ שענעם פריהמאָרגען אָהן אַ נאָז און געה־צו צו דער מאַמע נאָך איבערבייסען, טהוט זי מיך אַ חאַפּ: „וועה איז מיר! וואו איז דיין נאָז?" זאָג איך: „וואָסער נאָז?" און איך טאַפּ מיך מיט דער האַנט איבער'ן גאַנצען פּנים און קוק אויף דער מאַמע, ווי זי איז אוים מענטש, און האָט אַ נקמה: „אַ מצוה! לאָז זי זעהען, וואָס פאַר אַ פּנים איהר זוהן האָט אָ ה ן אַ נאָז!"... קינדערשע מחשבות! נאַרישע פאַנטאַזיעס! גאָט הערט נישט מיין געבעט; די נאָז וואַקסט, די מאַמע מאַכט זי אַלע מאָל צורעכט, און איך ווער פאַרשווארצט מיט איהר אינאיינעם. און מעהר פון אַלע מאָל קומט זי נעבאַך אָפּ. די נאָז מיינע, אַז עס קומט אונטער אַ

יום־טוב, למשל, א מין פורים, און מיר קלויבען זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ב.

דער פעטער הערץ איז נישט נאָר דער גביר אין דער משפחה — ער איז דער ראש וראשון ביי אונז אין שטעדטעל, און אין אלע שטעדטלעך ארום און ארום איז הערץ און הערץ און הערץ. איהר קאָנט פארשטעהן, אז ער האָט פערד א פאָר ברענענדיגע מיט א טאראנטאס איין אייגענעם, וואָס אז ער פאָהרט, טראסקען די רעדער אזוי שטארק, אז דאָס גאנצע שטעדטעל לויפט־ארויס זעהען, ווי דער פעטער הערץ פאָהרט; און דער פעטער הערץ זיצט גאנץ אויבען־אָן אין טאראנטאס מיט דער שענער מעשענער קיילעכיגער באָרד און מיט די בייזע גרויע אויגען, און שאָקעלט זיך הין און הער, און קוקט אויף אלעמען דורך די זילבערנע ברילען פון אויבען אראָפּ, ווי איינער רעדט: „ווי קומט איהר, פארכעס, צו מיר? איך בין הערץ דער נגיד און פאָהר מיר אין קארעטע, און איהר זענט כתריליקעס, האלעדראנצעס, קבצנים, און טיאָפּקעט זיך אין דער בלאָטע!”

איך ווייס נישט, ווי אזוי דער איבעריגער עולם, נאָר איך האָב דעם פעטער הערץ אזוי פיינט, אז איך קאָן נישט אָנקוקען דאָס רויטע פּנים זיינס מיט די פעטע באקען, מיט דער מעשענער באָרד, מיט די זילבערנע ברילען, מיט'ן גראָבען בויך, מיט דער מאסיווער גאָלדענער קייט, וואָס ער טראָגט אויפ'ן בויך, און מיט'ן קיילעכיגען זיידענעם יארמעלקעלע, וואָס ער טראָגט אויפ'ן קאָפּ, און ועל כולם — דאָס הוסטעלע זיינס: ער האָט זיין אייגענם א הוסטעל, וואָס געהט ביי איהם מיט א קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט א מאך מיט'ן קאָפּ ארויף און מיט א פאָרשק מיט די ליפּען, ווי איינער רעדט: „דרך־ארץ! דאָס האָב איך, הערץ, געגעבען

אַ הוסטעל, נישט מחמת, חס ושלום, איך האָב מיך צוגעקיהלט, נאָר גלאַט אַזוי, איך וויל מיר הוסטען — הוסט איך"...

איך קאָן נישט פאַרשטעהן אונזער געזינדעל: וואָס חאַפּט זיי אַזוי דער גוטער יאָהר, אַז עס קומט פּורים און מע קלויבט זיך צום פעטער הערץ צו דער סעודה? עס דאַכט זיך מיר, אַז זיי האָבען איהם אַלע ליעב, אַזוי ווי אויגענוועהטיג, און די מאַמע אַליין, וואָס זי איז איהם איין אייגענע שוועסטער, געהט אויך נישט אויס אַזוי שטאַרק נאָך איהם, וואָרום אַז די עלטערע קינדער זענען נישטאָ אין דער היים (פאַר מיר שעמט זי זיך ווינציג־וואָס, אפּנים), בענטשט זי דעם פעטער הערץ מיט מאָדנע ברכות; זי ווינטשט איהם: „ער זאָל איבערגעהן איבעראַיאָהר, אם ירצה השם, אויף איהר שטאַנד"... און לאָז אָבער איין אַנדערער פּרובען זאָגען אויפ'ן פעטער הערץ אַ שלעכט וואָרט, וועט זי יענעם אַרויס־רייסען די אויגען. איך בין איינמאָל געווען איין עדות, ווי דער טאַטע האָט זיך אַ מאָל אַרויסגעחאַפּט מיט אַ וואָרט. איהר מיינט, ער האָט עפּיס, חס ושלום, איהם פּוגע בכבוד געווען? ער האָט נאָר אַ זאָג געטהאָן צו דער מאַמע: „וואָס הערט זיך? דיין הערץ איז שוין געקומען, צי נאָך נישט?" האָט זי איהם אָפּגעשפּיעלט אַ דאַבראַנאָץ, דעם טאַטען געבאָך, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

— וואָס איז עפּיס „מיין" הערץ? וואָס פאַר אַ לשון? וואָס פאַר איין אויסשפּראַך? וואָס פאַר אַ „מיינער", וואָס?

— דיינער, וועמעס דען איז ער? מיינער? — פּרובט זיך דער טאַטע מיט מלחמה, נאָר עס גילט איהם נישט, וואָרום די מאַמע פאַלט־אָן אויף איהם פון אַלע זייטען:

— נו, און אַז מיינער, איז וואָס? נו, מיינער! לוינט דיר אפשר נישט? שטעהט דיר אפשר נישט אָן דער יחוס? האָסט מסתמא דערלעגט צו איהם דעם טאַטענ'ס ירושה, איאָ? האָסט דאָך מסתמא פון איהם קיינמאָל קיין טובה נישט געהאַט, איאָ?

— ווער זאָגט דען, אַז ניין? — פּרובט זיך דער טאַטע שוין מיט גוטען, ווייל זיך אונטערגעבען, נאָר עס געהט נישט; די מאַמע הערט נישט אויף צו טרעטען אויף איהם.

— דו האָסט דאָך מסתמא בעסערע ברידער, ווי איך, איאָ? שענערע, בעסערע, פיינערע, לייטישערע, רייכערע, איאָ?

— אָבער שאַ! אָבער לאָז זיין איין עק! אָבער לאָז מיך צו־רוה! — זאָגט דער טאַטע, רוקט אָן דאָס היטעל און מאַכט א ויברח. דער טאַטע האָט פאַרשפּיעלט די מלחמה, און מנצח געווען האָט די מאַמע, אַזוי ווי אַלע מאָל. זי איז תּמיד מנצח. זי פיהרט־אויס אַלע מאָל, נישט מחמת זי געהט ביי׳ם טאַטען אין ספּאָדיק, נאָר טאַקי ווידער א מאָל דער פעטער הערץ: דערפאַר, ווייל דער פעטער הערץ איז א נגיד און מיר זענען זיינע אָרעמע קרובים, זיין „משפּחה".

ג.

וואָס קעהר זיך אָן מיט אונז דער פעטער הערץ? צי לעבען מיר פון איהם? אָדער מיר האָבען גלאַט פון איהם גרויסע טובות? דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגען, וואָרום איך ווייס נישט. איך זעה נאָר, אַז אַלע ביי אונז אין שטוב, פונ׳ם גרעסטען ביז׳ן קלענ־סטען, ציטערען פאַר׳ן פעטער הערץ אימת־מות. און אָט איז געקומען פּורים, איז מיט צוויי וואָכען פריהער הויבט מען זיך שוין אָן גרייטען צום פעטער הערץ צו דער סעודה. מיין עלטערער ברודער, משה־אברהם, א בחור׳על מיט בלאַסע איינגעפאַלענע באַקען און מיט שוואַרצע פאַרטראַכטע אויגען, גלעט זיך די פּאות אַלע מאָל, ווען מע דערמאָנט איהם „ביי׳ם פעטער הערץ צו דער סעודה". און ווער שמועסט מיינע צוויי שוועסטער, מרים־רייזעל און חנה־רחל, וואָס איינע פון זיי איז שוין א כּלה, — די האָבען זיך געלאָזט נייהען קליידלעך נאָך דעם לעצטען פאַסאָן צוליעב דער סעודה, וואָס ביי׳ם פעטער הערץ, און האָבען זיך געקויפט שענע קעמעלעך מיט סטיינגעלעך צו די האָר, און האָבען געוואָלט אויך די שיך מע זאָל

זיי נעבען פארריכטען, האט די מאמע אפגעלעגט שוין אויף פסח, חאטש עס האט זי גוט געקרענקט, וואס זיי געהען נעבאך בארוועס. און איבערהויפט פון מרים־רייזלען האט זי געהאט יסורים, דער חתן זאל חלילה ניט דערזעהען, אז זי טראגט צעריסענע שיך. זי האט אזוי אויך געגוג צרות פון דעם חתן, וואס לא די ער איז א גראבער יונג, כלומרשט א שטיקעל בוכהאלטער, דאס הייסט, מחילה, א קאמי אין א געוועלב, פערעבענדיוועט ער נאך און וואלט א בעלן געוועזן, אז די כלה זיינע, מיין שוועסטער הייסט עס, זאל געהן אויסגעפוצט נאכ׳ן לעצטען פאסאן, ווי א פרינצעסין. אלע שבת ביינאכט קומט צו אונז דער דאזיגער קאמי צו גאסט, זעצט זיך אוועק מיט מיינע ביידע שוועסטער ביי׳ם פענסטער, און מע רעדט, צום מיינסטען, פון שענע קליידער, נייע קאסטיומען, לאקירטע שטיוועל מיט קאלאשען, מאדנע היטעלעך מיט פעדערען, זאנטיקלעך מיט שפיצלעך, און אויך פון ציכלעך רעדט מען פון געשטיקטע, מיט רויטע איינשיטלעך און מיט א וויים לייעכעל איבערגעצויגען און פון אויבען א קאלדרע א גוטע, א ווארעמע, איין אמת׳ע, א בייענע, און ס׳איז ווינטער, און אז מע לעגט זיך שלאפען, איז מחיה. און איך זעה, ווי מיין שוועסטער, מרים־רייזעל, ווערט מיט א מאל רויט, ווי א צוויק... מרים־רייזעל האט א טבע: באלד עפים, טהוט איהר א זעץ דאס בלוט אין פנים אריין. און טאמער טהוט ער א קוק איהר אויף די פים, באהאלט זי זיי אונטער׳ן בענקעל, האט מורא, אפנים, ער זאל חלילה ניט דערזעהען די אויסגעטראטענע אפסאצען און די אויסגעריבענע פינגער.

ד.

— ביזט שוין גרייט צו דער סעודה? — פרעגט די מאמע ביי׳ם טאטען אויפ׳ן אנדערען טאג נאך דער מגילה.

— וואס איז שייך גרייט? — ענטפערט איהר דער טאטע און טהוט־אן די שבת׳דיגע בעקעשע. — וואו זענען די קינדער?

— די קינדער זענען שוין באַלד גרייט. — ענטפערט די מאַמע, חאַטש זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז די קינדער, דאָס הייסט מיינע שוועסטער, זענען נאָך ווייט פון גרייט. זיי צוואָגען זיך ערשט די קעפּ, שמירען זיך די האָר מיט מאַנדעלעהל, פאַרקעמען זיך איינס דאָס אַנדערע, פוצען זיך אויס און טהוען־אָן די נייע קליידלעך, באַשמירען די שיך מיט פלאָסטערען־שמאַלץ, זיי זאָלען גלאַנצען, אויסזעהען ווי נייע. נאָר וואָס קומט אַרוים פון זייער גלאַנצען, אַז די אָפּסאַצען, אוי די אָפּסאַצען, האָבען זיך אָפּגעזעצט, און פון פאָרענט כמעט וואָס מע זעהט־אַרוים די פינגער... וואָס טהוט מען, דער חתן זאָל דאָס, חלילה, נישט דערזעהען? און, ווי אויף צו־להכעיס, טראָגט איהם אָן דער רוח, דעם קאָמי, אין אַ פרישען אַנצוג מיט אַ שטאַרק־אָנגעקראָכמאָלטען קאָלנער און מיט אַ גרינעם מאָדען־שניפּס, און פון די שטאַרק־אָנגעקראָכמאָלטע ווייסע מאַנ־שעטען קוקען־אַרוים צוויי געזונטע רויטע הענט מיט שוואַרצע נעגעל, און די פריש־אונטערגעשאָרענע האָר ביי איהם שטעהען קאַפּויר, און אַ ווייס שטאַרק־אָנגעקראָכמאָלט נאָזטיכעל שלעפּט ער אַרוים פון קעשענע, און עס שמעקט פון דעם אַ שטאַרקער ריח פון בשמים. נעגעלעך און געווירצען, וואָס פאַרגעהט אין נאָז אַריין, און איך הויב־אָן צו ניסען, און פונ'ם ניסען פּלאַצט מיין קאַפּאָטקעלע און עס שפּרינגען־אָפּ פון דעם צוויי קנעפּלעך. דערזעהט די מאַמע און גיט מיר אַ ווייסטען פּעטשאַטעק.

— אַ יונגאַטש זאָל ניט קאָנען איינהאַלטען אויף זיך קיין קנעפּעל, צעשפּרונגען זאָלסט דו ניט ווערען! — אַזוי זאָגט די מאַמע, האַפּט אַ נאָדעל־פאָדעם, נייהט מיר צו די אָפּגעשפּרונגענע קנעפּלעך, און אַז אַלע ווערען פאַרטיג, לאָזען מיר זיך געהן צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

פריהער פאַר אַלע, אויפגעהויבען די פּאָלעס, געהט דער טאַטע; נאָך איהם, אין אַ פּאָר מאַנסבילשע שטיוועל, — די מאַמע, מחמת די בלאָטע איז זעהר גרוים; נאָך איהר — ביידע שוועסטער מיט זאָנטיקלעך אין די הענט (טאָמער ווייסט איהר, אויף וואָס דאַרף

מען פורים זאַנטיקלעך?) ; נאָך זיי שפּרייזט מיין עלטערער ברודער משה־אַברהם איבער דער בלאָטע, האַלט מיך פאַר אַ האַנט און זוכט אַ טרוקען שטיקעל אָרט, אַ סטעזשקע, און טרעפט אַקוראַט אין דער רעכטער בלאָטע אַריין און טהוט זיך אַלע מאָל אַ חאַפּ, ווי איין אָפּגעבריהטער : „איף־אַ!״ ביי דער זייט געהט אונזער חתן, דער קאָמי, אין אַ פּאָר נייע טיעפע קאַלאָשען, דער איינציגער, וואָס טראָגט קאַלאָשען, און שרייט־אויס אַלע מינוט הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלען הערען : „איך זאָל חאָטש נישט אָננעמען קיין בלאָטע אין די קאַלאָשען!״... און אָט אזוי קומען מיר צום פעטער הערץ צו דער סעודה.

ה.

חאָטש עס איז נאָך גרויסער טאָג, דאָך ברענען שוין ביי׳ם פעטער הערץ אין שטוב ליכט אַ סך מיט לאָמפּען אויף די טישען און מיט העסעם אויף די ווענט. דער טיש איז געגרייט ; אַ מורא׳דיגער פּורים־קוילעטש, ווי אַ שור־הבר די גרויס, פאַרנעמט אַ שטיק טיש, און אַרום און אַרום טיש שטעהט די גאַנצע משפּחה אונזערע, אַלע פּעטערס מיט אַלע מוהמעס מיט אַלע אונזערע גע־שוועסטערקינדערלעך — אַלע, ברוך השם, אָרעמעלייט, וועד מעהר און ווער ווינציגער, און מע רעדט צווישען זיך שטילערהייט און מע וואַרט, ווי אויף אַ ברית, בשעת קוואַטער באַדאַרף אַריינטראָגען דאָס קינד. דעם פעטער הערץ זעהט מען ניט, און די מוהמע הערצעליכע, אַ אידינע מיט ווייסע פּערעל און מיט שוואַרצע ליפּען און מיט אַריינגעשטעלטע צייהן, דרעהט זיך אַרום פאַרטאַרעראַמט אַרום טיש, שטעלט־אויס די טעלער, צעהלט אונז אויס איטליכען באַזונדער מיט דער לינקער האַנט, האָט גאָר קיין מורא נישט פאַר קיין עין־הרע... און אָט עפענט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך דער פעטער הערץ אַליין, אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, אין אַ זיידענער גלאַנצענדיגער בעקעשע מיט שטאַרק־ברייטע אַרבעל און מיט אַ

שטריימעל אויפ'ן קאָפּ, וואָס ער טהוט דאָס אָן נאָר פּורים צו דער סעודה און פּסח צום סדר, און די גאַנצע משפּחה טהוט זיך צו איהם א בויג, די מאַנסבילען שמייכלען עפּיס זעהר מאָדנע, רייבען אַ האַנט אָן אַ האַנט, די ווייבער געבען איהם אָפּ גוט יום־טוב, און מיר, יונגווארג, בלייבען שטעהן, ווי די גולמס, ניט צו וויסען, וואָס מע טהוט מיט די הענט... דער פּעטער הערץ באַטראַכט אונז אַלעמען, די גאַנצע משפּחה, מיט איין ברייטען קוק, פון אויבען אַראָפּ, מיט זיינע בייזע גרויע אויגען, דורך די זילבערנע ברילען, טהוט בשעת מעשה אַ הוסטעל און אַ מאַך צו אונז מיט דער האַנט:

— נו, פאַר וואָס זיצט איהר ניט? זעצט זיך אַוועק, אַט שטעהען בענקלעך.

די גאַנצע משפּחה זעצט זיך אַוועק, איטליכער אויף איין עק בענקעל, האָט מורא זיך צוריהרען צום טיש, עס זאָל חלילה נישט זיין קיין שאָדען, און אַ מורא'דיג שטילשווייגעניש הערשט אין זאַל. מע הערט די ליכט, ווי זיי ברענען, עס שעמערירט אין די אויגען און אויפ'ן הארצען איז קאַלעמוטנע. מען איז אי הונגעריג, אי עס ווילט זיך נישט עסען; עס האָט אָפּגענומען מיט אַ מאָל דעם אַפּעטיט, ווי מיט די הענט.

— וואָס שווייגט איהר? זאָגט עפּיס, דערצעהלט עפּיס! — מאַכט דער פּעטער הערץ און טהוט אַ הוסטעלע מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיט'ן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פּאָרשק מיט די ליפּען.

די משפּחה שווייגט. קיינער וואגט נישט צו זאָגען אַ וואָרט ביי'ם פּעטער הערץ ביי'ם טיש. מאָדנע נאַריש שמייכלען די מאַנסבילען, ווילען עפּיס זאָגען און ווייסען נישט וואָס; משונה־ווילד קוקען זיך דורך די ווייבער, רעדען מיט די אויגען; און מיר, יונגווארג, ברענען, ווי אויף פּאָקען. מיינע ביידע שוועסטער קוקען זיך אָן איינס דאָס אנדערע, גלייך ווי זיי האָבען זיך קיינמאָל נישט געזעהען. מיין ברודער משה־אברהם קוקט אויף דער וועלט מיט אַ בלאָס איבערגעשראָקען פּנים. קיינער, קיינער וואגט נישט צו

זאָגען אַ וואָרט ביי'ם פעטער הערץ ביי'ם טיש. נאָר איינער פיהלט זיך דאָ גוט, ווי אומעטום און ווי אַלע מאָל; דאָס איז מיין מרים־רייזעל'ס חתן, דער קאָמי. ער ציהט ארוים די גרויסע אָנגעקראָכמאָלטע און שטארק־שמעקעדיגע פעטשיילע פון דער הינטערשטער קעשענע, שנייצט־אוים די נאָז גאַנץ ברייטליך, ווי ביי זיך אין דער היים, און רופט זיך אָן:

— פורים זאָל זיין אזא בלאָטע! איך האָב געמיינט, איך נעם־אָן פולע קאַלאָשען...

— ווער איז דער יונגערמאַן, האַ? — טהוט אַ פרעג דער פעטער הערץ, הויבט־אויף די זילבערנע בריל און טהוט אַ הוסטעל, אַ קנייטש מיט די פלייצעס און אַ מאַך מיט'ן קאָפּ ארויף און אַ פאָרשק מיט די ליפּען.

— ס'איז מיין... מיין חתן... מיין מרים־רייזעל'ס חתן. — מאַכט דער טאַטע מיט אַ שטיל קול, ווי אַ מענטש, וואָס איז זיך מודה, אז דאָס האָט ער גע'הרג'עט אַ מענטשען, און מיר אַלע בלייבען זיצען, ווי געלעהמט, און מרים־רייזעל — וועה, וועה! — מרים־רייזעל ברענט, ווי אַ שטרויענער דאַך!

דער פעטער הערץ באטראַכט די גאַנצע משפחה מיט אַ ברייטען קוק פון זיינע בייזע גרויע אויגען, שענקט אונז נאָך אַ הוסטעל און אַ קנייטש מיט די פלייצעס און אַ מאַך מיט'ן קאָפּ ארויף און אַ פאָרשק מיט די ליפּען, און טהוט אַ זאָג צו אונז:

— נו? פאַר וואָס געהט איהר זיך נישט וואַשען? געהט וואַשט זיך, אָט שטעהט וואַסער.

ו.

געוואַשען זיך און אָפּגעזאָגט דעם „שאו־ידיכם", זעצען מיר זיך אוים, די גאַנצע משפחה, ארום טיש, און וואַרטען, ביז דער פעטער הערץ וועט מאַכען „המוציא", וועט אויפשניידען דעם

מורא׳דיגען פורים־קוילעטש, וואָס איז גרויס ווי אַ שור־הבר, און דערוויילע זיצען מיר אָהן לשון, ווי די שטומע, וואָלטען וועלען שוין טאַקי עפּיס נעמען אין מויל אַריין, נאָר דער פעטער הערץ, ווי אויף צו־להכעיס, מאַכט לאַנגע שהיות, ווי אַ גוטער איד, ווי אַ רבי. קוים־קוים דערלעבט זעהען דעם שור־הבר אַ געקוילעטען, און איידער מיר שלינגען־אַראָפּ דעם ערשטען ביסען, טהוט שוין דער פעטער הערץ אַ קוק מיט די בייזע גרויע אויגען אויף דער גאַנצער משפּחה מיט אַ הוסטעל און מיט אַ קנייטש מיט די פּלייצעס און מיט אַ מאַך מיט׳ן קאָפּ אַרויף און מיט אַ פּאַרשק מיט די ליפּען און אַ זאָג:

— נו? פאַר וואָס זינגט איהר עפּיס נישט? זינגט׳ס עפּיס אַ ניגון צו דער סעודה, ס׳איז דאָך היינט עפּיס פורים אויף דער וועלט!

די גאַנצע משפּחה קוקט זיך איבער מיט די אויגען, שושקען זיך עפּיס, רעדען שטילערהייט, הייסען איינער דעם אַנדערען זינגען, דינגען זיך: „זינג עפּיס״. „זינג דו״. „וואָס עפּיס איך? פאַר וואָס נישט דו?״ אַזוי לאַנג, ביז עס חאַפּט זיך נישט אַרויס מיט אַ ניגון איינער פון אונזער משפּחה, אַברהמ׳על דעם פעטער איצי׳ס, אַ יונגערמאַן, וואָס סע וואַקסט איהם נישט קיין באָרד און ער פינטעלט מיט די אויגען און האָט אַ קוויטשיג קול און מיינט, אַז ער קאָן זינגען.

וואָס פאַר אַ מין ניגון אַברהמ׳על דעם פעטער איצי׳ס האָט געוואָלט אויסזינגען — ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער האָט זיך גענעבען אַ נעם ביי׳ם גאָרגעל און אַ שטעל־אַוועק אַ פאַלשען טאָן און — אַ קוויטשע־אויס אויף אַ פאַרדומפּענער צו־הויכער שטימע אַ משונה־ווילדע טרויעריגע זאַך, און געמאַכט האָט ער דערביי אַזאַ מאָדנע טרויעריג־לאַכענדיג פּנים, אַז מע האָט באַדאַרפט זיין אַ גאָט אָדער אַ מלאך, מע זאָל זיך איינהאַלטען און נישט צעגעהן פון געלעכטער, ובפרט אַז קעגען מיר איז געזעסען יונגוואַרג און געקוקט מיט אַזעלכע אויגען, אַז מע האָט באַדאַרפט

זיין שטארקער פון אייזען און נישט געבען א שאָס־אוים קיין געלעכטער.

דער ערשטער שאָס איז געווען פון מיר, און דעם ערשטען פּאטש פון דער מאמע האָב געחאפּט איך. דער פּאטש האָט מיך אָבער נישט אָפּגעקיהלט; אדרבה, ער האָט ארויסגערופען ביי דער גאנצער חברה יונגוואַרג, און אויך ביי מיר, א פרישען געלעכטער, און דער פרישער געלעכטער האָט ארויסגערופען א פרישען פּאטש, און נאָכ'ן פּאטש — ווידער א געלעכטער, און נאָכ'ן געלעכטער — ווידער א פּאטש, אזוי לאַנג, ביז מע האָט מיך ארויסגעפיהרט פון זאל אין קיך אריין, פון קיך אין דרויסען ארוים, פון דרויסען האָט מען מיך געבראַכט אהיים א צע'הרג'עטען, א צעשלאָגענעם, א באַגאָסענעם מיט טרערען, מיט בלוטיגע טרערען — און איך האָב מיר יענעם אָוועגט פארשאָלטען דאָס געביין, געשאָלטען דעם פּורים, געשאָלטען די סעודה, געשאָלטען אברהמ'על דעם פעטער איצי'ס, און מעהר פון אלע דעם פעטער הערץ — זאָל ער מיר מוחל זיין, ער איז שוין לאַנג אויף דער אמת'ער וועלט. אויף זיין קבר שטעהט א מצבה, די שענסטע מצבה ביי אונז אויפ'ן בית־עולם, און אויף דער מצבה שטעהען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות אלע זיינע מעלות, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעצייכענט אין זיין לעבען:

„פּה נקבר — דאָ ליגט א מאַן איין עהרליכער, א גוטער, א הארציגער, א ליעבליכער, א ברייטע האַנט, א גרויסער בעל־צדקה, א צוגעלאָזטער, א געטרייער, א פריינטליכער, און נאָך, און נאָך. תנצב"ה".

דער אורח

געשריבען אין יאָהר 1906.

דער אורח

א.

— איך האָב פון אייערטוועגען, רב יונה, איין אורח אויף פסח, האָט איהר נאָך אַזאַ אורח נישט געהאַט זינט איהר זענט א בעל־הבית.

— דהיינו?

— דהיינו, איין אתרוג, נישט קיין אורח!

— דהיינו, וואָס הייסט איין אתרוג?

— דהיינו, איין אתרוג הייסט — אַ איד פון סאַמע זייד, און אַ שענער איד אַ פּאַרשוין. איין חסרון נאָר, וואָס ער פאַר־שטעהט נישט אונזער לשון.

— וואָסער דען לשון פארשטעהט ער?

— לשון־קודש.

— פון ירושלים?

— פון וואַנען ער איז — ווייס איך נישט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פּתח'ען.

אָט אַזאַ געשפּרעך איז פאָרגעקומען צווישען טאַטען מיט עזריאל דעם שמש אַ פּאָר טעג פאַר פסח, און איך בין זעהר נייגיעריג געווען אָנצוקוקען דעם דאָזיגען „אתרוג", וואָס פאַר־שטעהט נישט אונזער לשון און רעדט מיט סאַמע פּתח'ען. שוין אין שוהל האָב איך באַמערקט עפּיס אַ מאָדנע נפש מיט אַ

שטריימעל און מיט א טערקישען חאלאט פון געלע, בלויע און רויטע פאסען. ארום דעם דאזיגען פארשוין האבען מיר, יונגווארג, ארומגעשטעלט זיך פון אלע זייטען און גענומען איהם באטראכטען, און האבען געחאפט א מיאוס׳ען פסק פון עזריאל דעם שמש: קינדער זאלען נישט האבען קיין טבע קריכען א פרעמדען מענטשען אין פנים אריין. נאכ׳ן דאוונען האט דער גאנצער עולם אפגע־שטעקט דעם פארשוין שלום און געזאגט איהם א גוט יום־טוב, און דער פארשוין האט אלעמען אפגעענטפערט מיט א זים שמייכעלע אויף די רויטע בעקלעך, פארברעמט מיט א גרוי בערדעל: „שאלאם! שאלאם!״ דער „שאלאם־שאלאם״ האט ארויסגע־רופען ביי אונז, קליינווארג, זעהר א גרוים געלעכטער. און דאס האט עזריאל דעם שמש שטארק פארדראסען; האט ער זיך געלאזט צו חברה מיט א פארטיגער האנט אויף צו געבען פעטש. חברה האט זיך פון עזריאל׳ם האנט אויסגעגליטשט, וויעדער פאר׳־גנב׳עט זיך צום פארשוין, הערען ווי ער זאגט „שאלאם־שאלאם״, אויסגעשאסען א געלעכטער און וויעדער זיך אויסגעגליטשט פון עזריאל׳ם האנט... מיט גרוים גדלות לאז איך מיך געהן נאכ׳ן טאטען מיט׳ן דאזיגען פארשוין צו אונז אויף יום־טוב און פיהל, אז אלע חברים זענען מיר מקנא אויף דעם אורח. זיי קוקען אונז נאך אלע פון דער וויימען, און איך דרעה־אוים צו זיי דעם קאפ און שטעל זיי ארוים א צונג. א גאנצען וועג שווייגען מיר אלע דריי, און אריינגעקומען אין שטוב אריין, זאגט דער טאטע צו דער מאמע: „א גוט יום־טוב!״ און דער אורח טהוט א שאקעל מיט׳ן קאפ און דאס שטריימעל טהוט זיך א טרייסעל: „שאלאם! שאלאם!״ איך דערמאן מיך אן מיינע חברים און באהאלט דאס פנים אונטער׳ן טיש, איך זאל נישט אויסשיסען קיין געלעכטער. איך חאפ א קוק אלע מאל אויפ׳ן אורח, און ער געפעלט מיר: עס געפעלט מיר זיין טערקישער חאלאט, וואס מיט די געלע, בלויע און רויטע פאסען; עס געפעלען מיר די רויטע פריש־בלוטיגע בעקלעך זיינע, וואס זענען ארומגעברעמט מיט א שען קיילעכיג

גרוי בערדעל; עס געפעלען מיר זיינע שווארצע שענע אויגען, וואָס קוקען־ארוים שמייכלענדיג פון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען. אויך דעם טאַטען, זעה איך, איז ער געפעלען. דער טאַטע איז זיך מיט איהם משמח, און די מאַמע קוקט אויף איהם, ווי אויף אַ געטליכען מענטשען, און קיינער רעדט נישט מיט איהם אַ וואָרט. דער טאַטע אַליין מיט זיין כבוד בעט איהם אויס דאָס הסב־בעט. די מאַמע איז פארטאַרעראַמט מיט'ן גרייטען צום סדר, און ריקעל די מויד העלפט איהר אונטער. ערשט אַז עס קומט צום קידוש מאַכען, שמועסט זיך דורך דער טאַטע מיט'ן אורח אויף לשון־קודש, און איך בין מלא גדולה, וואָס איך פארשטעה כמעט איטליכס וואָרט. איך געב דאָ איבער זייער לשון־קודש'ען שמועס מלה במלה:

דער טאַטע: נו? (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסען: מאַכט, זייט מוחל, קידוש!).

דער אורח: נו־נו! (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסען: מאַכט, מאַכט!).

דער טאַטע: נו־אָ? (פאר וואָס ניט איהר?).

דער אורח: אָ־נו? (איהר פאר וואָס נישט?).

דער טאַטע: אי־אָ! (פריהער איהר!).

דער אורח: אָ־אי! (איהר פריהער!).

דער טאַטע: ע־אָ־אי! (איך בעט אייך, מאַכט איהר!).

דער אורח: אי־אָ־ע! (מאַכט איהר, איך בעט אייך!).

דער טאַטע: אי־ע־אָ־נו? (וואָס וועט אייך אהרען, אַז איהר וועט מאַכען פריהער?).

דער אורח: אי־אָ־ע־נו־נו! (אַז איהר ווילט דוקא איך, לאָז זיין איך!).

און דער אורח נעמט דעם כּוס פֿונ׳ם טאַטענ׳ס הענט און לעגט־אַוועק אַ קידוש, נאָר אַזאַ קידוש, וואָס מיר האָבען אַזעלכס נישט געהערט און וועלען שוין נישט הערען קיינמאָל. ערשטענס, די עברי, וואָס מיט סאַמע פּתח׳ען: „ברשות מאַראַנאַן וראַבּאַנאַן וראַבּאַטאַי"... און צווייטענס — דאָס קול, וואָס געהט ביי איהם נישט פֿונ׳ם האַלז, נאָר ווי פֿונ׳ם טערקישען חאַלאַט, וואָס מיט געלע, בּלויע און רויטע פּאַסען. איך האָב מיך דערמאַנט אָן מיינע חברים, וואָס פּאַר אַ געלעכטער דאָ וואָלט אויסגעבּראָכען און וואָס פאַר פּעטש דאָ וואָלטען געפֿלויגען, ווען זיי זאָלען, אשטייגער, זיין ביי דעם קידוש! נאָר אַזוי ווי איך בין דאָ אַליין, האַלט איך מיך איין און פרעג דעם טאַטען די פיער קשיות, און מיר זאָגען די הגדה אַלע אינאיינעם, און איך בין שטאָלץ, וואָס דער דאָזיגער פאַרשוין איז אונזער אורח, נישט קיינעמ׳ס.

ב.

דער תּנא, וואָס האָט געזאָגט: „אין משיחין בּסעודה" — מען זאָל נישט רעדען, הייסט עס, ביי׳ם עסען, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט נישט געקענט דאָס אידישע לעבען. איך בּעט אייך, ווען האָט אַ איד, למשל, צייט צו רעדען, אַז נישט ביי׳ם עסען? ובפרט פּסח צום סדר, וואָס ס׳איז פאַרהאַן אַזוי פיעל צו זאָגען פאַר דער סעודה און נאָך דער סעודה? ריקעל די מויד האָט דערלאַנגט דאָס וואַסער, מע האָט זיך נאָר געוואַשען, געמאַכט המוציא, געזאָגט „על אכילת מצה", און די מאַמע האָט אויסגעטיילט די פיש, — אַזוי האָט דער טאַטע פאַרקאַטשעט די אַרבּעל און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט׳ן אורח אין אַ לאַנגען שמועס אויף לשון־קודש. דאָס ערשטע, וואָס דער טאַטע האָט איהם געפרעגט, איז געווען די געוועהנליכע שאלה, וואָס איין איד פרעגט ביי׳ם אַנדערען אידען:

— מה שמכם?

דערויף האָט איהם דער אורח געענטפערט מיט סאַמע פּתח'ען און אין איין אָטהעם, ווי מע זאָגט די עשרת בני־המן אין דער מגילה:

— איק בכר גלש דמת הנך וסם זען חפף טצץ.

דער טאַטע איז געבליבען זיצען מיט'ן ביסען אין מויל און געקוקט פאַרוואונדערט אויפ'ן פאַרשוין, אַפּנים, דערפאַר, וואָס ער טראָגט אַזאַ לאַנגען נאָמען, און איך האָב מיך פאַרהוסט און געקוקט אַראָפּ, אונטער'ן טיש. האָט מיר די מאַמע אַ זאָג געטהאָן: „פאַוואָלי ווי דו עסט פיש, קאָנסט זיך ווארגען, חלילה, מיט אַ ביינדעל". און אויפ'ן פאַרשוין האָט זי אַ קוק געטהאָן מיט גרויס רעשפעקט. עס ווייזט אויס, אַז זי איז פונ'ם נאָמען גאָר נתפּעל געוואָרען, חאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט יאָ פאַרשטאַנען, האָט ער געפונען פאַר נויטיג איהר די זאַך אויפצוקלערען:

— פאַרשטעהסט דו מיך, א י ק ב כ ר — דאָס איז אונזער איבערגעקעהרטער אַלף־בית, און דאָרט איז ביי זיי, אַפּנים, אַזאַ מנהג, אַז איטליכער הייסט ביי זיי על־פּי אַלף־בית.

— אַלף־בית! אַלף־בית! — חאַפּט אונטער דער פאַרשוין מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די בלוט־רויטע בעקלעך, און די שענע שווארצע אויגען קוקען אויף אונז אַלע, און אפילו אויף ריקעל די מויד, מיט גרויס פריינטשאַפט.

געוואָהר געוואָרען דעם נאָמען זיינעם, איז דער טאַטע ניי־גיעריג געווען צו וויסען, אויך פון וואַנען, פון וואָסער אַ לאַנד ער קומט צו פאָהרען. דאָס האָב איך פאַרשטאַנען לויט די נעמען פון שטעדט און מדינות, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען, און וואָס דער טאַטע האָט דאָס נאָכדעם איבערגעזעצט פאַר דער מאַמע, געגעבען כמעט אויף איטליכס וואָרט אַ פירוש, און די מאַמע איז פון איטליכס וואָרט געווען נתפּעל, און אויך ריקעל די מויד איז געווען נתפּעל, און ס'איז טאַקי געווען פון וואָס נתפּעל צו ווערען: אַ קלייניגקייט, אַ פאַרשוין קומט צו פאָהרען אפשר פאַר צעהנ־

טויזענט מייל פון א מדינה, וואָס איידער מע קומט־צו צו איהר, מוז מען אריבערשווימען זיבען ימים מיט א מדבר, און וואָס צו דעם מדבר אליין דאַרף מען געהן ניט ווינציגער, ווי פערציג טעג מיט פערציג נעכט, און אז מע קומט שוין צו גאָר נאָהענט, באַ־דאַרף מען ארויפקלעטערען אויף אזא הויכען בארג, וואָס דער שפּיץ גרייכט ביז צו די וואָלקענס, און באדעקט איז ער מיט אייז, און ווינטען שרעקליכע בלאָזען דאָרטען, וואָס איז סכּנת־נפשות!... דערפאַר אָבער, אז מע קומט־איבער בשלום דעם דאָזיגען בארג און מע טרעט־אריין אין זייער לאַנד, זעהט מען פאַר זיך דעם אמת'ען גן־עדן התחתון: בשמים, נעגעלעך, געווירצען, כּל המינים פּירות, עפּעל און בארען און פּאָמעראַנצען, וויינטרויבען, טייטלען און אייל־בערטען, נים און פייגען לרוב. און די הייזער זענען דאָרטען געבויט פון סאַמע טענענהאָלץ און גערעקט מיט ריין זילבער, די כּלים זענען פון גין־גאָלד (בשעת מעשה טהוט דער אורח א קוק אויף די זילבערנע כּוסות אונזערע מיט די זילבערנע לעפעל, גאָפּלען און מעסערס), און ברילאַנטען, פּערלען און דימענטען וואַלגערען זיך דאָרטען אויף דער גאַס, קיינער וויל זיך ניט געבען די מיה זיך אָנבויגען זיי אויפצוהויבען, וואָרום זיי האָבען דאָרטען קיין שום ווערטה (און בשעת מעשה קוקט דער אורח אויף דער מאַמע'ס דימענטענע אויהערינגלעך מיט די געלע פּערלעך, וואָס אויף איהר ווייסען האַלז).

— דו הערסט? — מאַכט דער טאַטע צו דער מאַמע מיט א גליקליך פּנים.

— איך הער. — ענטפערט איהם די מאַמע און פרעגט א קשיה: — למאי ברענגען זיי דאָס ניט צו פיהרען אהער, זיי וואָלטען דאָך דאָ געמאַכט דערפון גאָלד! אנו, טהו איהם אקאָרשט אומיסטען א פרעג, יונה.

דער טאַטע פרעגט איהם די דאָזיגע קשיה און באַקומט פון איהם א תשובה, און ניט איבער דער מאַמע אויף אונזער לשון:

— פארשטעהסט דו, ער זאָגט, אז דו קומסט צו פאָהרען אהינצו, קאָנסט דו דיר נעמען וויפיעל דו ווילסט, פולע קעשענעס, נאָר פאָהרסט דו פון דאָרטען ארויס, מוזט דו אָפּגעבען אלסדינג צוריק, און טאָמער טרייסעלט מען אוים ביי דיר וואָס ניט איז, ביזט דו חייב מיתה.

— וואָס הייסט דאָס? — פרעגט די מאַמע, דערשראָקען.

— דאָס הייסט, מע הענגט דיך אויף אויף א בוים, אָדער מע פארשטיינערט דיך מיט שטיינער.

ג.

וואָס ווייטער ווערען די מעשיות פונ'ם דאָזיגען פארשוין אלץ מעהר אינטערעסאַנט, און אז עס האלט שוין נאָך די קניידלעך און מיר נעמען נאָך צו ביסלעך וויין, פרעגט איהם דער טאַטע: וועמען געהער דאָס אלסדינג, און צי ס'איז פאַרהאַן דאָרטען א מלך? און באלד באַקומט ער א קלאָרע תשובה, און גיט דאָס איבער דער מאַמע מיט גרוים חדוה אויף אונזער לשון:

— ער זאָגט, אז געהערען געהער דאָס אינגאַנצען צו די דאָר־טיגע אידען, וואָס מע רופט זיי „ספרדים", און א מלך איז ביי זיי פאַרהאַן, זאָגט ער, אויך א איד, זעהר א פרומער איד מיט א שטריימעל, זאָגט ער, און רופען רופט מען איהם יוסף־בן־יוסף. ער איז א כהן גדול, זאָגט ער, ביי די „ספרדים" און פאָהרט ארויס, זאָגט ער, אין א גילדענער קאַרעטע מיט זעכּס ברענענדיגע פערד, און אז ער קומט, זאָגט ער, אין שוהל אריין, געהען איהם, זאָגט ער, אקעגען די לויים מיט א געזאַנג...

— ביי אייך זינגען לויים אין שוהל? — פרעגט איהם דער טאַטע פאַרוואונדערט און באַקומט באלד א תשובה און גיט דאָס איבער דער מאַמע אויף אונזער לשון, און דאָס פּנים ביי איהם שיינט, ווי די זון:

— וואָס זאָגסטו דו דערויף? ער דערצעהלט, אַז ביי זיי איז פאַרהאַן אַ בית־המקדש מיט כּהנים מיט לויים מיט איין אָרגעל...

— נו, און אַ מזבח? — טהוט איהם דער טאַטע אַ פרעג און באַקומט אַ תּשובה, און גיט דאָס איבער דער מאַמע אויף אונזער לשון:

— ער זאָגט, ס'איז דאָ ביי זיי אַ מזבח מיט קרבּנות, זאָגט ער, מיט גילדענע כּלים, אַלסדינג ווי אַמאָל, זאָגט ער, ביי אונז אין ירושלים.

און ביי די ווערטער לאָזט־אַרויס דער טאַטע אַ טיעפען זיפץ, און אויף איהם קוקענדיג, זיפצט אויך די מאַמע. און איך פאַר־שטעה איהם ניט, וואָס דאַרף מען דאָ זיפצען? אדרבּה, מע באַדאַרף זיין שטאָלץ, מע באַדאַרף זיין פריילין, וואָס מיר האָבען אַזאַ לאַנד, וואו עס געוועלטיגט אַ אידישער מלך און אַ כּהן גדול און וואו עס געפינט זיך אַ בית־המקדש מיט כּהנים, מיט לויים, מיט איין אָרגעל, מיט אַ מזבח, מיט קרבּנות... און גוטע, ליכטיגע מחשבות האַפּען מיך אויף און טראָגען מיך אוועק גלייך אַהינצו, אין יענעם גליקליכען אידישען לאַנד, וואו די הייזער זענען גע־בּויעט פון סאַמע טענענבּוימער, געדעקט מיט ריין זילבּער, וואו די כּלים זענען פון גין־גאָלד, און וואו בּריליאַנטען, פּערלען, די־מענטען וואַלגערען זיך אויף דער גאַס. און עס גנבה'ט זיך אַריין צו מיר אַ מחשבה, אַז ווען איך זאָל דאָרטען זיין, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס איך האָב צו טהון; איך וואָלט שוין געוואוסט, וואו צו באַהאַלטען; ביי מיר וואָלט מען שוין נישט אויסגע־טרייסעלט גאָרנישט... איך וואָלט שוין געבּראַכט פון דאָרטען דער מאַמע אַ שענע מתּנה: אויהערינגלעך בּריליאַנטענע און פּערעל עטליכע שנירלעך. און בשעת מעשה טהו איך אַ קוק אויף דער מאַמע'ס דימענטענע אויהערינגלעך מיט די געלע פּערעלעך, וואָס אויף איהר ווייסען האַלז, און איך באַקום אַ שטאַרקען חשק צו זיין אינ'ם דאָזיגען לאַנד, און עס פאַלט מיר איין אַ געדאַנק.

איך זאָל נאָך פּסח זיך דורכפּאָהרען אהין מיט'ן דאָזיגען אורח, געוויינטליך, בסוד, אז קיינער זאָל ניט וויסען. איך וועל דעם סוד אנטפּלעקען פאַר'ן אורח, אויסגיסען פאַר איהם מיין הארץ, אויס־זאָגען איהם דעם גאַנצען אמת, און בעטען איהם, ער זאָל מיך נעמען מיט זיך אהינצו האָטש אויף אַ קליינער צייט. ער וועט דאָס מיר געוויס טהון. ער איז זעהר אַ גוטער, אַ צוגעלאָזטער פאַר־שוין. ער קוקט אויף איטליכען באַזונדער, און אפילו אויף ריקעל די מויד, אזוי פריינטליך, אזוי פריינטליך!

אזוי טראַכט איך מיר און קוק אויף אונזער אורח, און עס מאַהלט זיך מיר אויס, אז ער טרעפט מיין מחשבה, מחמת ער קוקט אויף מיר מיט זיינע שענע שווארצע אויגען, און עס דאַכט זיך מיר, אז ער ווינקט צו מיר און זאָגט צו מיר אויף זיין לשון:

— שווייג, וויסער־חברה'ניק איינער, לאָז נאָר איבערגעהן דער פּסח, וועט שוין זיין רעכט!...

ד.

אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטען זיך מיר חלומות: אַ מדבר, אַ בית־המקדש, אַ כהן גדול און אַ באַרג אַ הויכער, און איך קלעטער ארויף אויפ'ן באַרג, און דאָרט וואַכסען ברילּיאַנטען, פּערלען, דימענטען, און מיינע חברים קריכען ארויף אויף די בוימער און טרייסלען זיי, און עס פאַלען פון דאָרטען אויף דער ערד גוזמי גוזמאות ברילּיאַנטען, פּערלען, דימענטען, און איך שטעה פון הינטען און קלויב די ברילּיאַנטען, פּערלען, דימענטען, און שטופּ אין די קעשענעס — און מערקווירדיג! וויפיעל איך שטופּ — און עס געהט נאָך! וויפיעל איך שטופּ — און עס געהט נאָך! לעג איך אריין די האַנט אין קעשענע און נעם־ארויס פון דאָרטען אַנשטאָט ברילּיאַנטען, פּערלען, דימענטען — גאָר פּירות אלערליי: עפּעל און באַרען, און פּאָמעראַנצען און איילבערטען, און טייטלען און ניס און פייגען... און איך האָב דערפון גרויסע אנגסטען, קאַטשע

מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, און עס חלומ'ט זיך מיר דאָס בית־המקדש, און איך הער די כּהנים דוכנ'ען און די לויים זינגען און דעם אָרגעל שפּיעלען, און עס ווילט זיך מיר אריינגעהן אינוועניג אין בית־המקדש, און איך קאָן נישט — ריקעל די מויד האַלט מיך צו און לאָזט מיך ניט, און איך בעט זיך ביי איהר, איך שריי, איך וויין, איך האָב דערפון גרויסע אנגסטען, קאַטשע מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, און חאַפּ מיך אויף און... דער־זעה פאַר זיך דעם טאַטען מיט דער מאַמען שטעהען האַלב אָנ־געטהאָן, ביידע בלאַס, ווי דער טוידט, דער טאַטע אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די מאַמע ברעכט די הענט און אויף איהרע שענע אויגען שטעהען טרערען. מיין קינדעריש הארץ דערפיהלט, אז דאָ איז עפּיס געשעהען ניט קיין גוטע זאַך, זעהר ניט קיין גוטע זאַך, נאָר וואָס מיין קינדעריש קעפּעל האָט נישט צוגעטראַכט פאַר איין אומגליק — איז דאָס געווען א גאָרנישט קעגען דעם, וואָס ס'איז געשעהען.

און געשעהען איז אָט וואָס: אונזער אורח, דער פאַרשוין פון יענער ווייטער מדינה, פון יענעם גליקליכען לאַנד, וואָס די הייזער זענען דאָרט געבויעט פון סאַמע טענענבוימער און געדעקט מיט ריין זילבער א. א. וו., איז נעלם געוואָרען, און אינאיינעם מיט איהם איז נעלם געוואָרען ביי אונז א סך זאַכען: אַלע זילבערנע כּוסות, אַלע זילבערנע לעפעל, גאָפּלען און מעסערס, דאָס גאַנצע ביסעל ציערונג דער מאַמע'ס, און אויך מזומן געלט, וויפיעל עס האָט זיך געפונען ביי אונז אין קאַסטען. און אויך ריקעל די מויד איז מיט איהם אנטרונען געוואָרען...

און עס נעמט מיך אָן ביי'ם הארצען, נישט אויף די זילבערנע כּוסות מיט די זילבערנע לעפעל, גאָפּלען און מעסערס, וואָס זענען נעלם געוואָרען, און נישט אויף דער מאַמע'ס ציערונג, און נישט אויפ'ן מזומן געלט, און נישט אויף ריקעל די מויד — חאַפּט זי דער רוח! — נאָר אויף דעם גליקליכען־גליקליכען לאַנד, וואָס סע וואַלגערען זיך דאָרטען בריליאַנטען, פּערלען, דימענטען, און אויף

דעם בית־המקדש, מיט די כהנים, מיט די לויים, מיט׳ן אָרגעל, מיט׳ן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אַלע איבעריגע גוטע זאַכען, וואָס מע האָט ביי מיר אוועקגערויבט, צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען.

און איך קעהר מיך אום מיט׳ן פּנים צום וואַנט און וויין, וויין שטילערהייט.

אליהו הנביא

א פאנטאסטישע געשיכטע מיט א רעטעניש לכבוד **פסח**,
ספּעציעל פון קינדער וועגן.

געשריבען אין יאָהר 1908,

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא

א.

נישט גוט צו זיין א בן־יחיד, א ציטעריגער ביי טאטע־מאמע. „פון זיבען איינער געבליבען". דא — נישט שטעה, דארט — נישט געה. דאס — נישט עס, יענס — נישט טרינק. דעם קאפ — דעק צו. דעם האלז — פארבינד. די הענט — באהאלט. די נאז — שנייץ־אויס. אך, נישט גוט, נישט גוט צו זיין א בן־יחיד. און נאך א נגיד'ס א יונגעל דערצו. מיין טאטע איז א נגיד. א חלפן איז ער. געהט־ארום מיט א טארבע מינץ איבער די קלייטען. ביטט זילבער אויף מינץ און מינץ אויף זילבער. זענען דערפאר ביי איהם די פינגער תמיד שווארץ און די נעגעל צעטריסקעט. הארעווען הארעוועט ער אפילו זעהר שטארק. אלע טאג אז ער קומט אהיים, איז ער אויסגעמיעדט און צעבראכען. „נישטא קיין פיס — קלאגט ער זיך פאר דער מאמע, — נישטא קיין פיס, קיין סימן פון קיין פיס"...

נישטא קיין פיס — עס קאן זיין. דערפאר האט ער אבער „פרנסה בשפע". אזוי זאגען אלע, און אלע זענען אונז מקנא, וואס מיר האבען פרנסה, און נאך בשפע. די מאמע איז צו־פריעדען. איך אויך. „א פסח ביי מיר היינטיגס יאהר — אויף אלע אידישע קינדער, רבונו של עולם"...

אזוי זאָגט די מאַמע און דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבען אַזאַ פּסח. איך אויך. נאָר ווי דערלעבט מען איהם שוין, אָט דעם פּסח?...

ב.

קוים דערלעבט פּסח. דעם ליעבען טייערען פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך — בגדי־מלכות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגיד'ס אַ יונגעל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס? אַז איך טאָר נישט אַרומשפּרינגען אין דרויסען — איך וועל זיך פאַרקיהלען. אַז איך טאָר נישט אַרומלויפען מיט אַלע קבצנ'ישע קינדער — איך בין אַ נגיד'ס אַ יונגעל. אַזעלכע שענע מלבושים — נישטאָ פאַר וועמען צו באַריהמען זיך. אַ פולע קעשענע מיט ניס — נישטאָ מיט וועמען צו שפּיעלען.

נישט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריגער, וואָס פון זיעבען איינער געבליבען, און נאָך אַ נגיד'ס אַ יונגעל דערצו.

ג.

דער טאַטע האָט אָנגעטהאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שוהל דאַווענען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסט דו וואָס? לעג זיך צו. שלאָף דיך אויס. וועסט דו קאָנען זיצען ביי'ם סדר. וועסט דו פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות". משוגע בין איך? פאַר'ן סדר וועל איך געהן שלאָפען? „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפען. וואָרום טאָמער, חלילה, וועסט דו אנשלאָפען ביי'ם סדר, אַזוי קומט אלי־נביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פּסח ביינאַכט געהט־אַרום אלי־נביא און קוקט, ווער עס שלאָפט ביי'ם סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַריין"... האַ־האַ! איך וועל אַנשלאָפען ווערען ביי'ם סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצען אַ גאַנצע נאַכט? און אפילו

ביז'ן ווייסען טאָג אריין? ווי אזוי איז געווען, מאמע, פאראי־יאָהרען? „פאראיאָהרען ביזט דו אנשלאָפען געוואָרען באלד נאָך קידוש"... פאר וואָס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאָלט אלי־נביא מיט'ן זאק? „דעמאָלט ביזט דו נאָך געווען א קליי־נינקשקער, היינט ביזט דו א גרויסער. היינט דארפסט דו פרעגען דעם טאטען די פיער קשיות. היינט דארפסט דו זאָגען מיט'ן טאטען „עבדים היינו". היינט דארפסט דו עסען מיט אונז פיש און יויך און קניידלעך... שא — אָן געהט דער טאטע פון שוהל".

— גוט יום טוב!

— גוט יום טוב!

ד.

דאנקען גאָט. דער טאטע האָט אָפגעמאכט קידוש. איך אויך. דער טאטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטען כוס. איך אויך. און דוקא א פולען כוס, און דוקא ביז'ן דנאָ. „זעה נאר, ביז'ן דנאָ!" — זאָגט די מאמע צום טאטען, און מיר זאָגט זי: „א פולען בעכער מיט וויין? וועסט אנשלאָפען ווערען"... חא־חא! איך וועל אנשלאָפען ווערען? איך? און אז מע זאָל זיצען א גאנצע נאכט? אפילו ביז'ן ווייסען טאָג אריין? אנו, פרעגט דעם טאטען, ווי אזוי האָב איך אָפגעקלאָפט די פיער קשיות? ווי אזוי זאָג איך די הגדה? ווי אזוי שאָקעל איך זיך איבער'ן סידור און זינג מיט'ן טאטען דעם „עבדים היינו"?... און די מאמע לאָזט נישט אראָפ קיין אויג פון מיר און שמייכעלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אנשלאָפען ווערען. אנשלאָפען ווערען"... עך, מאמע! מאמע! מיר דאכט זיך, מע זאָל זיין מיט אכצעהן קעפ, קאָן מען פון דעם אליין אנשלאָפען ווערען! אנו, לאָז מען זיך אוועקזעצען אייך אקעגען און זינגען אייך אין אויהער: „אנשלאָפען ווערען, אנשלאָפען ווערען".

פארשטעהט זיך, אז איך בין אנשלאָפען געוואָרען.

ה.

אנשלאָפען געוואָרען — חלומ'ט זיך מיר, אז דער טאַטע האַלט שוין ביי „שפוך חמתך". די מאַמע אַליין שטעהט אויף פון טיש, געהט עפענען די טיר, מקבל פנים זיין אלי־נביא'ן. שען וועט זיין, טאָמער קומט טאַקי אלי־נביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיט'ן זאַק אויף די פּלייצעס, און זאָגט צו מיר: „קום, בחור"... און ווער וועט זיין שולדיג אין דעם, אז נישט די מאַמע אַליין מיט איהר: „שלאָף נישט! שלאָף נישט!"?... און אזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיגע מחשבות — אהא! — הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר, און דער טאַטע שטעהט־אויף און רופט־אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!" איך קוק מיך איין צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער געהט, ער געהט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שענער איד אלי־נביא. איין אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז־גרויער באָרד ביז די קניע. דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שען און גוט איז דאָס אָהן איין עק. און אויגען — אַך, אויגען! גוטע, ווייכע, פריינטליכע, ליעבע, געטרייע אויגען. איינגעבויגען, אָנגעלעהנט אויף אַ גרויסען־גרויסען שטעקען, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס — און שאַ, שטיל, אָהן ווערטער, און גלייך צו מיר.

ו.

— נו, יונגעלע, אריין צו מיר אין זאַק אריין און קום! — אזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטיטשקער, און דוקא מיט גוטען, דוקא אזוי ווייך, אזוי זיס.

פרעג איך איהם: „וואוהין?" מאַכט ער צו מיר: „וועסט שון נאָכדעם זעהען"... וויל איך נישט, זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל. בעט איך מיך ביי איהם: „ווי קאָן איך מיט דיר געהן, אז איך בין אַ נגיד'ס אַ יונגעל?" זאָגט ער: „און אז אַ נגיד'ס אַ

יונגעל, וואָס ביזט דו פאַר אַ מיוחס?" זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד"... זאָגט ער: „ביי מיר ביזט דו נישט קיין בן־יחיד". זאָג איך: „אַ ציטעריגער — פון זיעבען איינער געבליבען. זיי וועלען, זאָג איך, דערזעהן, אַז איך בין נישטאָ, וועלען זיי דאָס נישט אויסהאַלטען. זיי וועלען שטאַרבען, און דערהויפט — די מאַמע"... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטען און מאַכט צו מיר ווייך און זיס, ווי פריהער: „געהסט דו נישט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנשלאָפען אויף שטענדיג, אויף אייביג"... הויב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָך עס, איך זאָל שטאַרבען? זיי וועלען דאָס נישט אויסהאַלטען... דערהויפט — די מאַמע"... „ווילסט דו נישט שטאַרבען, טאָ קום מיט מיר. געזעגען זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום"... „סטייטש, ווי קאָן איך געהן, אַז איך בין אַ בן־יחיד, פון זיעבען איינער גע־בליבען?"... מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטען מאָל, יונגעלע, קלויב דיר אויס איינס פון די צוויי: אָדער געזעגען זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע אויף שטענדיג און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ, נאָר ווער אַנשלאָפען אויף אייביג. אויף אייביג"...

ז.

אָפּגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, טרעט ער אָפּ פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טהוט מען דאָ? אוועקגעהן מיט'ן אַלטען, גאָט ווייסט וואוהין, פאַרפאַלען ווערען — וועלען טאַטע־מאַמע שטאַרבען. אַ בן־יחיד, פון זיעבען איינער געבליבען... בלייבען דאָ און אַנשלאָפען ווערען אויף אייביג — הייסט דאָס דאָך, איך אַליין זאָל שטאַרבען... ציה איך אויס צו איהם ביידע הענט מיט טרערען אויף די אויגען: „אליהו הנביא! גוטער, ליעבער, האַרציגער אליהו! געב מיר איין מינוט אויף צו באַטראַכטען זיך!" דרעהט ער אויס צו מיר דאָס שענע אַלטע, געלע, געקנייטשטע פּנים מיט דער גרייז־גרויער

באָרד ביז די קניע, קוקט אויף מיר מיט זיינע שענע גוטע ליעבע געטרייע אויגען און מאכט צו מיר מיט א שמייכעל: „איין מינוט אויף צו באטראכטען זיך געב איך דיר, מיין קינד, אָבער נישט מעהר אז איין מינוט״...

און דער אַלטיטשקער לעהנט זיך אָן אויף זיין גרויסען־גרויסען שטעקען און וואַרט...

. . . .

. . . .

פרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפט אין דער מינוט צוטראַכטען אזעלכעס, אז איך זאָל נישט דאַרפען נישט געהן מיט'ן אַלטען און נישט אנשלאָפען ווערען אויף אייביג? — אנו, ווער וועט טרעפען?...

אַז גאָט וויל,
שיסט אַ בעזעם

אַ טראַגעדיע כשר לפסח, דעקאַדענטיש־סימבאָליסטיש געשריבען.

געשריבען אין יאָהר 1908.

אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם

ד י פ אַ ר ש ו י נ ע ן :

מצות.
אַרבע כוסות.
פסח'יגע שמאַלץ.
אייער.
ריבאַייזען.
קאָכלעפעל.
דייזשע באַרשט.
בעזעם.
קאַץ.
בעל־הבית.
בעל־הבית'טע.

אָ ר ט — אין שפּיזאַרניע, אין דער פסח'יגער שאַפע.

צ י י ט — ערב פסח.

א י י ע ר [צו די מצות]. זייט זשע מוחל. ווען האָבען מיר פסח?

מ צ ו ת [צו די אייער]. וואָס איז דען?

א י י ע ר. גאָרנישט, גלאַט אַזוי. עס איז אונז נמאס גע־וואָרען צו ליגען אָט דאָ, אין דער שפּיזאַרניע. מיר וואָלטען שוין געהרען דערלעבען פסח.

מ צ ו ת. ציקאווע ביצים! מיר ליגען דאָ פון נאָך פורים אָן.

ש מ אַ ל ץ. פון נאָך פורים? אַ טייערע מציאה! איך שטעה נאָך פון פאַר חנוכּה.

בּ אָ ר ש ט. און מיך האָט מען דאָ אַוועקגעשטעלט באַלד נאָך סוכּות. ס'איז מיר שוין אַזוי אומעטיג, אַז איך האָבּ, דאַכט מיר, געחאַפּט אַ שימעל.

כּ ו ס ו ת. למאי אָט שטעהען מיר דאָ פון פאַראַיאָהרען?

ק אָ כ ל ע פּ ע ל. הײַנט וואָס זאָל א י ך שוין זאָגען? איך בין עלטער פון אייך אַלעמען. איך בין דאָ אַ קאָכלעפּעל פון זינט דער בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע האָבּען חתונה געהאַט.

ר י בּ אַ י י ז ע ן. אָבּער טאַקי נישט מעהר ווי אַ „קאָכ־לעפעל"...

ק אַ כ ל ע פּ ע ל [בּייז]. הער נאַר, דו בּלעכענע כּלי, וואָס בּיזט דו דאָ פאַר אַ מאַכער?

ר י בּ אַ י י ז ע ן. מעהר מאַכער פון דיר. ווען ניט איך, וואו וואָלט מען נעמען מרור צום סדר?

בּ ע ז ע ם [ציהט־אויס אַ געלעכטער פון ווינקעלע]. חי־חי־חי!

כ ו ס ו ת [איינס צו דאַס אַנדערע]. ווער חיחיקעט דאַס?

מ צ ו ת [צו די כּוסות]. ס'איז דער בּעזעם. דאַכט זיך, אַזאַ בּעזעם וואָלט געמעגט האָבּען דרך־ארץ האָטש פאַר אונז, מצות?

א י י ע ר. וואָס עפּיס פאַר אייך? און וואו זענען מיר?

מ צ ו ת [מיט גדלות]. וואָס איז מיט אייך דער יחוס? מע עסט אייך דען ניט אַ גאַנץ יאָהר?

א י י ע ר. פרעגט זשע אָבּער די בּעלי־בּתּים, וואָס פאַר אַ טעם האָבּען מצות אָהן אייער?

ש מ אַ ל ץ. און וואָס איז מצות מיט אייער אָהן שמאַלץ?

בּ אָ ר ש ט. מאָהלט אייך, אַז איך בין אַ בּיסעל נויטיגער פון אייך אַלעמען. אייך, אייער און שמאַלץ, בּאַנוצט מען נאָר פון יוצא וועגען, און אָהן מיר קאָן מען פּסח זיך ניט בּאַגעהן. פרעגט

אויף אַ ציקאַווועסט די מצות, וואָס פאַר אַ טעם האָבען זיי, אַז מע בראָקט זיי אין באָרשט אריין.

מ צ ו ת. וואָס אמת איז אמת. מיר וואָלטען אָבער וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ טעם וואָלט געהאַט אַ פּסח־באָרשט אָהן אונז, אַנגעבראָקטע מצה?

א י י ע ר. אָדער ווען מע זאָל דעם באָרשט ניט פאַרווייסען מיט איין איי?

ש מ א ל ץ. און מע זאָל ניט אריינטהון קיין לעפעל שמאַלץ?

ק אָ כ ל ע פ ע ל. און מיך האָט איהר פאַרגעסען?

ר י ב א י י ז ע ן. קאָכלעפעל איז אומעטום אַ קאָכלעפעל!...

ק אָ כ ל ע פ ע ל [אין כעס]. בלעכענער שלים־מזל! וועסט ניט אנשטומט ווערען?

ב ע ז ע ם [לאַכט פון ווינקעלע ארויס]. חי־חי־חי!...

כּ ו ס ו ת. וויעדער חיחיקעט ער, דער בעזעם?

מ צ ו ת. אַ אידיאָט!

א י י ע ר. ניט אַזאַ אידיאָט, ווי איין עזות־פּנים!...

ש מ א ל ץ. אויף וואָס דאַרף מען, אשטייגער, אַ בעזעם אויף פּסח?

ב אָ ר ש ט. אויף סים סאָט כּפּרות!

ר י ב א י י ז ע ן. פאַרנעמט אומזיסט איין אָרט אין שאַפע.

ק אָ כ ל ע פ ע ל. טאָמער איז דאָ קאַרג ענג... מע ווערט דערשטיקט אָט דאָ ביי זיי אין שפּיזאַרניע... איך וועל פּרובען עפענען די טיר... [עפענט אַ האַלב טירעל].

ש מ א ל ץ [צום קאָכלעפעל]. וואָס טהוט איהר? איהר ווילט, ס'זאָל אריין די קאַץ? זי וועט חלילה מאַכען פון אונז אַלעמען אַ תּל!

מ צ ו ת. מיר האָבען קיין מורא ניט פאַר קיין קאַץ.

א י י ע ר. מיר אויך ניט.

כּ ו ס ו ת. מיר אודאי ניט...

ר י ב א י י ז ע ן. און איך אודאי און אודאי ניט!

ק אָ כ ל ע פ ע ל. איך הער זי, ווי די קאַץ !...

ב אָ ר ש ט. אפילו איך הער זי אויך אין טראַק. אָט איז זי, די מחותנת׳טע! [עס קומט אריין די קאַץ, קוקט זיך ארום און מרוקעט].

ק אַ ץ. מוררררר...

מ צ ו ת. ברוך הבא, אַ גאַסט!

כּ ו ס ו ת. סקאָצעל קומט.

א י י ע ר. מע זאָל דערמאַנען משיח׳ן.

ר י ב א י י ז ע ן. זעהט נאָר, זי געהט אין זאָקען!...

ק אָ כ ל ע פ ע ל. דאָס האָט איהר די בעל־הבית׳טע אָנגעטהאָן זאָקען, זי זאָל חלילה ניט חמצ׳דיג מאַכען דאָס זאַלץ־ברעטעל.

ב אָ ר ש ט. בעסער געווען פארשליסען די קאַץ אין אַ באַזונדער חדר, איידער אָנטהון איהר זאָקען אויף די פיס. אַ נאַרישע בעל־הבית׳טע ביי אונז!...

מ צ ו ת. זעהט נאָר, ווי זי שמעקט מיט דער נאָז, די גנב׳טע!...

כּ ו ס ו ת. אינטערעסאַנט צו זעהען, וואוהין וועט זי געהן פריהער.

א י י ע ר. נישט קיין נאַרישע קאַץ, כּלעבען. זי קריכט גלייך צו דער שמאַלץ, ווי מיר זענען ביצים אויף דער וועלט! אָבער גלייך צו דער שמאַלץ!

ר י ב א י י ז ע ן. זעהט נאָר, זי לעקט שוין! זי פרעסט, די זולל־וסובא׳ניצע!

ק אָ כ ל ע פ ע ל. אַ חידוש, וואָס די שמאַלץ לאָזט זיך אַזוי אומפארשעמט באַהאַנדלען...

ב אָ ר ש ט. וואָס זאָל זי נעבאַך טהון? שולדיג איז די בעל־הבית׳טע. האָט זי געזאָלט פארשליסען די שאַפע פון יענער זייט. ניט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטעל: אז די בעל־הבית׳טע איז אַ שלים־מזל׳ניצע, איז די קאַץ אַ נאַשעריין.

בּ ע ז ע ם [שיסט־אוים א געלעכטער]. **חאַ־חאַ־חאַ!** [פאַר'ן געלעכטער שרעקט זיך די קאַץ איבער, טהוט א שפּרונג, קעהרט־איבער דעם טאָפּ מיט שמאַלץ, וועלכער פאַרטשעפּעט די אייער, די כוסות מיט די מצות, און צוזאַמען מיט זיי פאַלט־אום די גאַנצע שאַפּע, און עס ווערט אויף דער ערד א מישמאַש פון פּסח'יגען באַרשט, מיט פאַרנעצטער מצה, מיט צעשלאָגענע אייער, מיט צעבראָכענע כוסות, מיט שמאַלץ, מיט א ריבאייזען און א קאָכלעפעל אויך בתוכם. געבליבען איז ביי דער זייט נאַר דער בעזעם. — דער קלאַפּ פון דער שאַפּע לאָזט זיך הערען איז שטוב. עס קומען צו לויפען, ניט טוידט, ניט לעבעדיג, די בעל־הבית'טע מיט'ן בעל־הבית].

בּ ע ל ־ ה ב י ת. **וואָס איז דאָ געשעהען?** [בלייבט שטעהן, ווי א געלעהמטער].

בּ ע ל ־ ה ב י ת ' ט ע [ברעכט די הענט]. **א דונער האָט מיך דערשלאָגען! דער גאַנצער פּסח איז חרוב געוואָרען!** [וויינט. דער בעל־הבית זיפצט. אין דרויסען פייפט דער ווינט. דורכ'ן פענסטער גנב'עט זיך אַריין א טוידטער שטראַהל פון דער קאַלטער לבנה. אין ווינקעלע זיצט די קאַץ און באַלעקט זיך. די שטימונג איז א העכסט־דעקאַדענטישע].

בּ ע ל ־ ה ב י ת [מיט איין אונטערערדישער שטים, ווי פון קבר]. **וואָס טהוט מען?**

בּ ע ל ־ ה ב י ת ' ט ע [ווישט־אוים די אויגען] **קודם ז'אַרף מען נעמען דעם בעזעם און אויפראַמען דעם הקדש...** [נעמט דעם בעזעם און קעהרט].

בּ ע ז ע ם [צום גאַנץ ביסעל מיסט]. **נו? היינט זעהט איהר שוין? אַז גאָט וויל, שיסט א בעזעם!...**

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריי קעפּלעך

געשריבען אין יאָהר 1908.

דריי קעפּלעך

I

אַ פּען פון אַ שרייבער זאָל זיין אַ פּענזעל פון אַ מאָהלער, אָדער, וועניגסטענס, איין אַפּאַראַט פון אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך דיר, פריינט, געטראָגען מתּנה, אַ בילד לכּבוד שבועות, אַ זעלטענע גרופּע: דריי יונגע, שענע, פּרעכטיגע קעפּלעך פון דריי אָרעמע, נאַקעטע, באָרוועסע אידישע קינדער. אַלע דריי קעפּלעך זענען שוואַרץ, די הערלעך געקרייזעלט, די אויגלעך גרויסע, גלאַנצענדיגע, ברענענדיגע, און גלייך ווי פאַרוואונדערט קוקען זיי אויף אייך און פרעגען ביי דער וועלט אַ קשיה: למאי? איהר קוקט אויף זיי און איהר באַוואונדערט זיי, און איהר פיהלט זיך קעגען זיי, ווי פאַרזינדיגט, גלייך ווי איהר זענט טאַקי שולדיג אין דעם, וואָס מע האָט זיי באַשאַפען — באַשאַפען נאָך דריי איבעריגע נפשות אויף דער וועלט!...

די דריי שענע קעפּלעך — אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורה'קע — זענען צוויי ברידער מיט אַ קליין שוועסטערל. אַבראַמטשיק און מאָיסייטשיק — דאָס האָט זיי דער פאָטער, פּייסי דער איינבינדער, אַזוי פאַרצויגען, אויפ'ן רוסישען שטייגער. ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר זיין ווייב פּעסי און ער זאָל נישט זיין אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, וואָלט ער זיך אַליין אויך איבער־געמאַכט דעם נאָמען פון „פּייסי דעם איינבינדער" אויף „פּעטי

פערעפּליאַטשיק". נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ביסעל מורא פאַר זיין ווייב פעסי און אַזוי ווי ער איז, נישט דאָ געדאַכט, אַ גרויסער אביון, איז ער דערוויייל פּאַרבּליבּען ביי'ם אַלטען נאָמען „פּייסי דער איינבּינדער", ביז ס'וועט קומען אַמאָל די גוטע צייט, יענע גליקליכע צייט, ווען עס וועט אַלסדינג ווערען אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע לייט זאָגען — דעמאָלט, אָ, דעמאָלט וועט אַלסדינג אַנדערש זיין!... נאָר ביז די גוטע גליקליכע צייט וועט אַמאָל קומען, מוז מען דערוויייל שטעהן פון פאַר ביז שפּעט אין דער נאַכט און שניידען קאַרטאָן־פּאַפּיער, און קלעפּען קעסטעלעך, שאַכטלען... און פּייסי דער איינבּינדער שטעהט דעם גאַנצען טאָג אויף די פיס און שניידט קאַרטאָן־פּאַפּיער, און קלעפּט שאַכטלען, און זינגט בעת מעשה אַלטע און נייע אידישע און נישט־אידישע ליעדלעך, צום מייסטען פריילעך־טרויעריגע, מיט אַ פריילעך־טרויעריגען ניגון.

— טאָמער וואָלסט דו אויפגעהערט אַמאָל דיינע גוישע ליעדלעך? אַ מענטש האָט זיך עס אַ ביסעל פאַרליעבט אין גויים! זינט מע איז אַרוים אין דער גרויסער שטאָדט, איז ער געוואָרען אַ גאַנצער גוי, משטיינס געזאָגט!...

II

אַלע דריי, אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורה'קע, זענען געבּוירען און געוואַקסען אַלע אויף איין אָרט — צווישען וואַנט און צווישען אויוועז. אַלע דריי זעהען פאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע: דעם פריילעכען טאַטען, וואָס שניידט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלען און זינגט ניגונים, און די פאַרזאָרגטע אויס־געטריקענטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און קעהרט און רוימט, און איז קיינמאָל נישט פאַרטיג. ביידע זענען זיי שטענדיג אין דער אַרבּייט: די מאַמע ביי'ם אויוועז, דער טאַטע ביי די

שאַכטלען. אויף וואָס דאַרף מען אַזוי פיעל שאַכטלען? ווער דאַרף עס אַזוי פיעל שאַכטלען? אַפּנים, אַז די גאַנצע וועלט איז פול מיט שאַכטלען?... אַזוי טראַכטען זיך די דריי שענע קעפּלעך און קוקען שוין אַרויס, אַז בײ'ם טאַטען זאָלען זיך שוין אָנקלויבען אַ סך, אַ סך שאַכטלען און ער זאָל זײ נעמען אַלע אויפ'ן קאָפּ און אין ביידע הענט — אפשר טויזענט שאַכטלען — און זאָל מיט זײ אַרויסגעהן אין מאַרק אַריין און קומען צוריק אָהן שאַכטלען, נאָר מיט געלט פאַר דער מאַמע און מיט בולקעלעך, בייגעלעך אָדער צוקערקעס פאַר די קינדער... אַ גוטער, אוי, אַ גוטער טאַטע ביי זיי, אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר אַ בייזע. מע האַפּט פון איהר אָפּט אַ זעץ, אַ שטורך אין זייט, אַ דרעה פאַר די אויהערען. זי האָט פיינט, אַז מע מאַכט איהר אָן אַ „הקדש". זי וויל נישט, אַז די קינדער זאָלען זיך שפּיעלען אין „טאַטע־מאַמע". זי וויל נישט, אַז אַבראַמטשיק זאָל שניידען די אָראָפּגעפאַלענע שטיקלעך קאַרטאָן, אַז מאָיסייטשיק זאָל גנבה'נען פּאַפּ בײ'ם טאַטען און אַז דבורה'קע זאָל באַקען בריוט פון זאַמד מיט וואַסער. די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלען זיצען שטיל, סטאַטעטשנע. די מאַמע ווייסט נישט, אַפּנים, אַז יונגע קעפּלעך אַרבייטען, אַז יונגע נשמות רייסען זיך, רייסען זיך, רייסען זיך — וואוהין?... אין דרויסען! צום ליכט! צום פענסטער! צום פענסטער!

III

סך־הכל איין פענסטער, איין שטיקעל פענסטער. אַלע דריי קעפּלעך שלאָגען זיך פאַר'ן שטיקעל פענסטער. און וואָס זעהט מען דאָרט? אַ וואַנט. אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיג, אייביג איז זי נאַס. אַפילו זומער!... קומט אַמאָל אַהער די זון? געוויס קומט אַמאָל אַהער די זון. דאָס הייסט, נישט די זון אַליין, נאָר אַ שיין פון דער זון. און דעמאָלט איז אַ יום־טוב. אַלע דריי שענע קעפּלעך שפּאַרען זיך צום שטיקעל

פענסטער, קוקען ארויף, גאנץ אויבען, און זעהען א לאנגען שמאלען בלויען פאס, ווי א לאנגע בלויע סטענגע.

— אָ! זעהט איהר, קינדער? אָט דאָס איז הימעל!

אזוי זאָגט אבראַמטשיק. אבראמטשיק ווייסט. אבראמטשיק געהט אין חדר. ער לערענט שוין קמץ־אלף. דער חדר איז טאקי דאָ נישט ווייט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אך! וואָס אבראַמטשיק דערצעהלט זיך אָן פאר חידושים פונ'ם חדר! אבראמטשיק דערצעהלט, אז ער האָט אליין געזעהען, ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס, א גרויסען מויער פון סאמע פענסטער פון אויבען ביז אראָפּ. אבראמטשיק שווערט, אז ער האָט אליין געזעהען, ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס, א קוימען, א הויכען קוימען, און פונ'ם קוימען געהט א רויך. אבראמטשיק דערצעהלט, אז ער האָט אליין געזעהען, ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס, א מאשינע, וואָס מע נעהט אויף איהר אָהן הענט. אבראמטשיק דערצעהלט, אז ער האָט אליין געזעהען, ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס, א וואָגען, וואָס פאָהרט אָהן פערד. און נאָך אזעלכע נסים ונפלאות דערצעהלט זיי אבראמטשיק פונ'ם חדר, און שווערט זיך, ווי די מאמע שווערט זיך — ער זאָל אזוי זעהען אלדאָס גוטס... און מאָיסייטשיק און דבורה'קע הערען איהם און זיפצען און זענען איהם מקנא, וואָס אלדינג ווייסט אבראמטשיק, אלסדינג!

למשל, אבראמטשיק ווייסט, אז א בוים וואַכסט. אמת, ער אליין האָט נאָך, גלייך מיט זיי, קיינמאָל נישט געזעהען, ווי אזוי עס וואַכסט א בוים. נישטאָ קיין בוימער אויף דער גאַס. נישטאָ! ער ווייסט אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אז אויף א בוים וואַכסען פירות — און דערפאר מאכט מען אויף א פרי „בורא פרי העץ”. אבראמטשיק ווייסט (וואָס ווייסט ער דען נישט?), אז קאַרטאָפליס, למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבעל וואַכסען אויף דער ערד — און דערפאר מאכען מיר אויף זיי „בורא פרי אדמה”. אלסדינג ווייסט אבראמטשיק! ער ווייסט נאָר נישט, וואו און ווי אזוי דאָס וואַכסט, וואָרום ער

האָט דאָס נאָך, גלייך מיט זיי, קיינמאָל נישט געזעהען, וואָרום אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטען, נישטאָ קיין בוימער, נישטאָ קיין גרעזעל — נישטאָ! נישטאָ! אויף זייער גאַס זענען דאָ גרויסע מויערען, גרויע ווענט, הויכע קוימענס, וואָס סע געהט פון זיי אַ רויך, און פענסטערלעך אַ סך אין יעדען גרויסען מויער, טויזענטער, טויזענטער פענסטערלעך, און מאַשינעס וואָס געהען אָהן הענט, און וואָגענס, וואָס פאָהרען אָהן פערד — און ווייטער גאָרנישט! גאָרנישט!

אפילו אַ פויגעלע זעהט מען דאָ זעלטען. עס פאַרבלאָנזעט אַמאָל אַהער אַ וואָראָבייטשיק, איז ער גרוי, אַזוי ווי די גרויע וואַנט. פּיקפּיק די גרויע שטיינער, הויבט זיך אויף און פליהט אַוועק... פון עופות זעהען זיי אַמאָל אויף שבת אַ פערטעל עוף מיט אַ בלאַס אויסגעצויגען פיסעל. וויפיעל פיסלעך האָט איין עוף? — זעלבסטפאַרשטענדליך, פיער! עלעהיי אַ פערד! אַזוי פּסקנ'ט דער עלטערער, אַבראַמטשיק, און אַבראַמטשיק ווייסט דאָך אַלץ!... אַמאָל ברענגט די מאַמע פונ'ם מאַרק אַ קעפּעל פון איין עוף מיט אַרויפגעגלאָצטע אויגעלעך, איבערגעצויגען מיט אַ דינן ווייס הייטעל. „ס'איז טוידט" — זאָגט דער עלטערער, אַבראַמטשיק, און אַלע דריי קעפּלעך קוקען איינס אויפ'ס אַנדערע מיט גרויסע שוואַרצע אויגען און זיפצען... געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אין דער גרויסער שטאָדט, אינ'ם גרויסען מויער, אין גרויסער ענגשאַפט, עלענד און אַרמוט, האָבען אַלע דריי קינדער קיינמאָל נאָך נישט געהאַט קיין געלעגענהייט צו זעהען פאַר זיך לעבעדיגערהייט נישט קיין עוף, נישט קיין חיה, נישט קיין בהמה, אויסער אַ קאַץ. אַ קאַץ האָבען זיי איין אייגענע, אַ לעבעדיגע, אַ גרויע קאַץ, גרוי ווי די גרויסע גרויע נאַסע וואַנט. די קאַץ איז זייער גאַנץ פאַרגעניגען. מיט דער קאַץ שפּיעלען זיי זיך שעה'ן־לאַנג, טהוען איהר אָן אַ פּעטשיילע אויפ'ן קאָפּ, רופען זי „מחותּנת'טע" און לאַכען, לאַכען, לאַכען אָהן אַ שיעור! דער־זעהט די מאַמע און טיילט זיי איין: שענקט זיי — דעם אַ זעץ,

דעם א שטורך אין זייט, דעם א דרעה בײ׳ם אויהער. די קינדער צעגעהען זיך אויף זייערע ערטער, הינטער׳ן אויוועז. דער עלטערער, אבראמטשיק, דערצעהלט עפּיס, און די קלענערע, מאָיסייטשיק און דבורה׳קע, הארכען. קוקען אויף זייער עלטערען ברודערל מיט גרויסע אויגען און הארכען. אבראמטשיק זאָגט, אז די מאמע איז גערעכט. אבראמטשיק זאָגט, אז מיט א קאץ טאָר מען זיך נישט שפּיעלען, ווייל א קאץ איז א טמא זאך און א מזיק. אלסדינג ווייסט אבראמטשיק, אלסדינג! ס׳איז דען דאָ א זאך אויף דער וועלט, וואָס אבראמטשיק זאָל נישט וויסען?

IV

אלסדינג ווייסט אבראמטשיק. אבראמטשיק ווייסט, אז ס׳איז דאָ א לאנד, א ווייט לאנד, זעהר א ווייט לאנד, וואָס מע רופט דאָס אמעריקע. דאָרט, אין דעם אמעריקע, האָבען זיי פּריינט א סך און באקאנטע. דאָרט, אין דעם אמעריקע, איז אידען, קיין עין־הרע, גוט און פרייליך. אהינצו, אין דעם אמעריקע, וועלען זיי אריבערפאָהרען, אם ירצה השם, איבער־א־יאָהר, אז זיי וועלען באַקומען פון דאָרטען שיפסקארטען. אָהן שיפסקארטען קאָן מען אין אמעריקע נישט פאָהרען, ווייל ס׳איז א ים און אויפ׳ן ים איז א שטורעמווינט און עס וואַרפט מיט סכנת־נפשות — אלסדינג ווייסט אבראמטשיק!

אלסדינג! אפילו וואָס אויף יענער וועלט טהוט זיך. למשל, ער ווייסט, אז אויף יענער וועלט איז דאָ א גן־עדן, פון אידענ׳ס־וועגען, געוועהנליך. אין גן־עדן איז דאָ בוימער א סך מיט די שענסטע פּירות. טייכען, וואָס פליסען בוימעהל. דימענטען און בריליאנטען וואַלגערען זיך אין די גאסען. בויג זיך אָן, נעם און שטופּ אָן פולע קעשענעס. און עהרליכע אידען זיצען דאָרטען טאָג ווי נאכט און לערנען און האָבען הנאה פון דער שכינה...

אַזוי דערצעהלט אַבראַמטשיק. און בּיי מאָיסייטשיקען און בּיי דבורה'קען בּרענען די אויגלעך, און זיי זענען מקנא זייער עלטערען בּרודערל, וואָס ער ווייסט אַלסדינג. אַלסדינג ווייסט ער! אפילו וואָס אויפ'ן הימעל טהוט זיך. אַבּראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָהר: הושענא־רבּה אויף דער נאַכט און שבועות אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימעל. אמת, ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל נישט געזעהען, ווי דער הימעל שפּאַלט זיך, ווייל ס'איז נישטאָ בּיי זיי קיין הימעל. דערפאַר האָבּען אָבּער זיינע חברים געזעהען. זיי שווערען, אַז זיי האָבּען אַליין געזעהען, זיי זאָלען אַזוי זעהען אַלדאָס גוטס. זיי וועלען דאָך נישט שווערען אויף אַ ליגען. ווי טאָר מען שווערען אויף אַ ליגען? איין עבירה, וואָס בּיי זיי אויף דער גאַס איז נישטאָ קיין הימעל. ס'איז דאָ אַ לאַנגער שמאָלער בּלויער פּאַס, ווי אַ לאַנגע שמאָלע בּלויע סטענגע. וואָס קאָן מען אין אַזאַ שטיקעל הימעל זעהען, אַ חוץ צוויי דריי קליינע שטערענדלעך מיט איין אָפּשיין פון דער לבנה?... און בּכדי צו איבּערצייגען זיין יונגערען בּרודער מאָיסייטשיק און זיין קליין שוועסטערעל דבורה'קע, אַז סע שפּאַלט זיך דער הימעל, געהט אַבּראַמטשיק צו דער מאַמע, שלעפּט זי פאַר'ן קליידעל:

— מאַמע! איאַ, היינט שבועות אַרום האַלבּע נאַכט שפּאַלט זיך דער הימעל?

— דעם קאָפּ וועל איך דיר שפּאַלטען!

געהאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק פון דער מאַמע, וואַרט אַבּראַמטשיק אויפ'ן טאַטען. דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצען אוצר שאַכטלען.

— קינדער! אַנו, טרעפט, וואָס וועט היינט דער טאַטע בּרענגען אַ מתנה פון'ם מאַרק?

אַזוי זאָגט אַבּראַמטשיק, און די קינדער הויבּען אָן טרעפען, וואָס וועט דער טאַטע זיי בּרענגען אַ מתנה פון'ם מאַרק. זיי רעכענען־אויס אויף די פינגער אַלסדינג, וואָס ס'איז דאָ אין מאַרק, אַלסדינג, וואָס אַ מענטשענ'ס אויג קאָן זעהען און וואָס אַ מענ־

טשען'ם הארץ קאָן גלוסטען: בולקעלעך און בייגעלעך און צו־קערקעס — און קיינער האָט נישט געטראָפען. און איהר וועט, האָב איך מורא, אויך נישט טרעפען. פּייסי דער איינבינדער האָט געבראַכט צו טראָגען איצטיגס מאָל נישט קיין בולקעלעך, נישט קיין בייגעלעך, נישט קיין צוקערקעס. גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגען, אַ פּאַק מיט גראָז. מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקענדיגע גראָזען.

און אַלע דריי שענע קעפּלעך, אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורה'קע, האָבען אַרומגערינגעלט דעם פאָטער.

— טאַטע! וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הייסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום־טוב. אידען דאַרפען יום־טוב גרינס.

— וואו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— וואו מע נעמט דאָס? המ... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעוואַרפט דאָס גרינע שמע־קענדיגע גראָז איבער דער נאַר־וואָס אויסגעקעהרטער שטוב, און ער קוועלט, וואָס ס'איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמע פריילאַך, ווי זיין שטייגער איז:

— פּעסי, אַ גוט יום־טוב דיר!

— מזל טוב, אַ נייער הקדש! די ממזרים זיינע וועלען שוין האָבען וואָס צו מיסטיגען!...

אַזוי ענטפערט איהם די מאַמע, נישט צופריעדען, ווי אַלע מאָל, און שענקט, ווי אַלע מאָל, די קינדער — דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זייט, דעם אַ דרעה בייַ'ם אויהער. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי! קיינמאָל איז זי נישט צופריעדען, תמיד פאַראומערט־שטענדיג פאַרזאָרגט, פּונקט דער היפּך פון'ם טאַטען!

און די דריי שענע קעפּלעך קוקען אויף דער מאַמע, קוקען אויפ'ן טאַטען, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע־

מאַמע קערעוועז זיך אָפּ אַ ווײַלע אויף אַ זײַט, טהוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דריי אויף דער ערד, פּאַלען־צו מיט׳ן פּנים צום שמע־קענדיגען גראָז, קושען דאָס שמעקענדיגע גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָס אידען דאַרפען דאָס אויף יום־טוב, און וואָס מע קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלסדינג איז דאָ אין מאַרק, אפילו גרינס. אַלסדינג קויפט דער טאַטע. אַלסדינג דאַרפען אידען און אַלסדינג האָבען אידען. אפילו גרינס! אפילו גרינס!...

גזלנים

איין אויסערגעוועהנליכע, נאר איין אמת'ע מעשה פונ'ם חדר, ווי אזוי תלמידים האבען זיך אפגערעכענט מיט א רבין. דערצעהלט לכבוד ל"ג־בעומר.

געשריבען אין יאהר 1909.

גַזְלָנִים

א.

— ער פּאָפּט נאָך?

— נאָך אַ מין פּאָפּען!

— טפו זאָל ער ווערען!

— וועקט איהם אויף! וועקט איהם אויף!

— לייב־דרייב־אָבדיריק!

— שטעה־אויף, מיין פויגעלע!

— עפען־אויף דיין אויגעלע!

קוים וואָס איך רייס דורך די אויגען, הויב אויף דעם קאָפּ, קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען און דערזעה אַ גאַנצע חאַליאַסטרע ווייסע־חברה'ניקעס, מיינע חברים פונ'ם חדר. דאָס פענסטער איז אָפען, און צוזאַמען מיט זייערע גלאַנצענדיגע אויגלעך רייסען זיך אַריין מיט אַ פרייד און מיט אַ געלעכטער די ערשטע שטראַהלען פון דער ליכטיגער וואַרעמער פריהמאָרגענדיגער זון. איך קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען.

— זעהט נאָר, ווי ער קוקט!

— ווי אַ זינדיגער מענטש!

— האָסט אונז נישט דערקענט?

— האָסט פאַרגעסען, אַז מיר האָבען היינט ל"ג־בעומר?

אך! ל״ג־בעומר?... ווי א בליץ פליהט־דורך דאס ווארט איבער אלע מיינע אברים. עס טהוט מיך א בריה און א טראג־אויף פון בעט. אין איין כהרף־עין בין איך אויף די פיס. נאך א מינוט — בין איך איין אנגעטהאנענער, איין איינגעוואשענער, א פארטיגער, און זוך אויף די מאמע. זי איז פארטראגען מיט׳ן אנ־בייסען און מיט די קלענערע קינדער.

— מאמע, היינט איז ל״ג־בעומר.

— א גוט יום־טוב דיר. וואס זשע ווילסט דו?

— זאלסט מיר געבען צושטייער אויף דער סעודה.

— וואס זאל איך דיר געבען? מיינע צרות? צי מיינע וועהטיגען?

אזוי זאגט צו מיר די מאמע און איז גרייט פון דעסטוועגען מיר געבען צושטייער אויף דער סעודה. מיר דינגען זיך אפילו: איך וויל וואס מעהר; זי גיט מיר וואס ווינציגער. איך וויל צוויי אייער; זאגט זי: א קרענק אין די ביינער. הויב איך אן מיט בייזען; שענקט זי מיר צוויי פעטש. וויין איך; בעט זי מיך איבער מיט איין עפעל. וויל איך א מאראנץ; זאגט זי: „טרפה׳נער האלז, וואס נאך וועסט דו אויסטראכטען?״

און מיינע חברים פון יענער זייט פענסטער זעצען די נשמה:

— וועסט אמאל געהן, צי ניין?

— לייב־דרייב־אבדיריק!

— דער טאג שטעהט נישט!

— גיכער! גיכער!

— ווי א וויכער!

מיט גרויסע צרות קום איך דורך מיט דער מאמע, חאפ דעם אנבייסען מיט מיין חלק צושטייער אויף דער סעודה און לויף־ארויס, א פרישער, א לעבעדיגער, א פרייליכער, צו מיינע חברים, אין ליכטיגען ווארעמען אינדרויסען ארויס, און אלע אינאיינעם לאזען מיר זיך בארג־אראפ אין חדר אריין.

ב.

אין חדר איז אַ טומעל, אַ יריד, אַ געשריי ביז'ן הימעל. צוויי צעהנדליג העלזער רעדען אַלע אויף איין מאָל. דער טיש איז פול מיט כל־טוב. אַזאַ סעודה, ווי היינטיגען ל"ג־בעומר, האָבען מיר נאָך נישט געהאַט קיינמאָל נישט. אַ סעודה מיט בראָנפּען און מיט ווייַן. דאָס האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אונזער חבר בערעל יאָסעל דעם וויינער'ס. אַ פלעשעל בראָנפּען האָט ער געבראַכט צו טראָגען, גוטען בראָנפּען. און צוויי פלעשלעך ווייַן האָט ער אויך געבראַכט צו טראָגען, אמת'ען ווייַן, ווימאַראַזיג, יאָסעל דעם וויינער'ס אייגענע אַרבייט. דעם בראָנפּען — דאָס האָט איהם דער טאַטע געגעבען, און די צוויי פלעשלעך ווייַן האָט ער אַליין גענומען.

— וואָס הייסט, אַליין גענומען?

— וואָס פאַרשטעהסט דו נישט, גוישער קאָפּ? גענומען פון דער פאַליצע שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט זעהען.

— סטייטש! הייסט דאָך עס גע'גנבה'ט?

— חכם בלילה! נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט, איז וואָס? נו, און „לא תגנוב"?

— צוליעב דער יום־טוב'דיגער סעודה, בהמה!

— איז אַ מצוה גנבה'נען?

— אַוודאי! וואָס זאָגט איהר אויף דעם חכם פון דער מה־נשתנה?

— וואו שטעהט עס?

— ער וויל, איהר זאָלט איהם זאָגען, וואו סע שטעהט?

— זאָג איהם, אַז סע שטעהט אין ספר פּראַלניק.

— אין פּרק „ויקח".

— דף למד בים־באָם!

— ראש־חודש קרעמעניץ.

— חאַ־חאַ־חאַ!

— שאַט, קינדער, מאַזעפּע געהט!

מיט א מאָל ווערט שטיל, ווי צו דער שטילער שמונה־עשרה. אַלע זיצען מיר אַרום טיש, ווי די סטאַטקעס, ווי די נעבאַכלעך, שטילע, גאָלדענע קינדער, קאָנען קיין צוויי נישט צעהלען, גאָט די נשמה שולדיג.

ג.

מאַזעפּע — אַזוי הייסט דער רבּי אונזערער. דאָס הייסט, דער אמת'ער נאָמען זיינער איז גאָר ברוך־משה, נאָר מחמת ער איז אַראָפּגעקומען צו אונז נישט לאַנג פון מאַזעפּעווקע, האָט איהם די שטאָדט א נאָמען געגעבען „דער מאַזעפּעווקער", און מיר, חדר־יונגלעך, האָבען איהם פאַרקירצט, און ס'איז געוואָרען פון „מאַזע־פּעווקער" — „מאַזעפּע". איבעריגענס, תּלמידים, אַז זיי קרוינען א רבּין מיט אַזאַ שענעם נאָמען, האָט ער דאָס מסתּמא כּשר פאַר־דיענט. לאָם איך איהם פאָרשטעלען:

א קליינס, א טרוקענס, א דארס, א פאַרזעהעניש. איהר זאָלט זאָגען — א סימן פון א באָרד, צי פון וואָנסים, צי פון ברעמען. נישט, חלילה, מחמת ער גאָלט זיי, נאָר גלאַט אַזוי, זיי ווילען נישט וואַכסען. זיי האָבען זיך אָנגערעדט. דערפאַר אָבער האָט ער א פּאָר ליפּען, און א נאָז — אַי, א נאָז! א קוילעטש, א האָרן, א שופר. און א קול האָט ער, ווי א גלאָק, א שאגת ארי, ברומט ווי א לייב! פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ מין באַשעפעניש אַזא מורא'דיגע געמבע? און כּח וואו נעמט זיך צו איהם אַזוי פיעל? אַז ער נעמט אייך אָן מיט די דאַרע קאַלטע פינגער ביי דער האַנט, דערזעהט איהר יענע וועלט, און אַז ער לאָזט אייך אַראָפּ א פּאַטש, פיהלט איהר איהם דריי מעת־לעת דורכאַנאַנד. לאַנג שמועסען מיט אייך האָט ער פיינט. פאַר דער מינדסטער זאַך, שולדיג, נישט שולדיג, איז ביי איהם איין משפּט: לעג זיך!

— רבּי! יאָסעל־יעקב־יאָסעל'ס האָט מיר א זעץ געטהאָן.

— לעג זיך!

— רבי, ס'א ליגען! ער האָט מיר פריהער דערלאַנגט מיט'ן פוס גלייך אין זייט אריין.

— לעג זיך!

— רבי! חיים־בערעל־לאַפּעס האָט מיר ארויסגעשטעלט א צונג.

— לעג זיך!

— רבי, שקר וכזב! אדרבה, ער האָט מיר געשטעלט א פייג.

— לעג זיך!

און איהר מוזט זיך לעגען. עס וועט אייך נישט העלפען קיין זאַך. אפילו אלי דער רויטער, וואָס איז שוין א בר־מצוה־יונגעל, און א חתן, און טראָגט א זילבערנעם זייגער — נו, מיינט איהר, אז ער ווערט נישט געשמיסען? אָהאָ, נאָך א מין! אלי זאָגט: אז אָט דאָס שמייסען, וואָס ער שמייסט זיך, וועט איהם אויס־פאַלען באָקאָם. ער וועט זיך מיט איהם אמאָל, זאָגט ער, אָפּ־רעכענען, מיט מאַזעפּען, אזוי, אז ער וועט איהם, זאָגט ער, האָבען צו געדענקען אויף קינד'ס־קינדער! — אזוי זאָגט אונז אלי אלע מאָל נאָך די שמיץ, און מיר געבען איהם צו:

— אָמן הלואי, פון דיין מויל אין גאָט'ס אויהערען.

ד.

אָפּגעדאַווענט מיט'ן רבין, ווי דער שטייגער איז (אליין דאַווענען לאָזט ער אונז נישט; ער ווייסט, אז אָהן איהם וועלען מיר העבער האַלב איבערהיפּען), רופט זיך אָן צו אונז מאַזעפּע מיט זיין לייבען־שטימע:

— נו, קינדער, אצינד וואשט אייך און זעצט אייך צו דער סעודה, און נאָכ'ן בענטשען וועל איך לאָזען פריי אויפ'ן שפּאַציער.

מיר זענען אפילו געוואוינט ל"ג־בעומר צו מאַכען די סעודה אויף יענער זייט שטאָדט. אויף דער פרייער לופט. אויף דער

הוילער ערד, אונטער גאָט'ס הימעל, ווארפען די פויגעלעך ברעקלעך ברויט, לאָזען זיי אויך וויסען, אז ס'איז ל"ג־בעומר אויף דער וועלט. נאָר מיט מאַזעפען מאַכט מען נישט קיין לאַנגע מחזקות. מאַזעפע, אז ער זאָגט: „זעץ דיך" — דאַרף מען זיך זעצען, אניט — קאָן ער הייסען זיך לעגען...

— ברוכים היושבים! — זאָגט אונז דער רבי נאָכדעם, ווי מיר האָבען געמאַכט המוציא.

— קומט מיט עסען! — זאָגען מיר איהם פון יוצא וועגען.

— עסט געזונט! — מאַכט ער צו אונז. — עסען וויל איך נאָך נישט, נאָר „שהכל נהיה בדברו" וואָלט איך, מהיכא־תיתי, אפשר מאַכען. וואָס איז דאָס ביי אייך דאָרטען אין פלעשעל? בראָנפען? — זאָגט ער און ציהט אוים די טרוקענע האַנט מיט די דאַרע פינגער צום פלעשעל בראָנפען און גיסט זיך אָן א גלעזעל, פאַרזוכט און פאַרקרימט זיך מיט די ליפען אַזוי, אז מיר זענען שטאַרקער פון אייזען, וואָס מיר שיסען נישט אוים קיין געלעכטער.

— ווּעמעג'ס איז דאָס אזא האַרבע זאַך? — פרעגט ער און נעמט נאָך א ביסעל. — נישט קיין שלעכט ביסעל משקה, כלעבען. — און נעמט נאָך א ביסעל און טרינקט צו אונז לחיים.

— לחיים, קינדער, גאָט זאָל געבען, מיר זאָלען דערלעבען איבער־א־יאָהר און... און... און נישטאָ ביי אייך, וואָס צו איבער־חאַפּען, פאַרבייסען? מילא, איך וועל זיך שוין וואַשען און לכבוד ל"ג־בעומר שוין מיט אייך אינאיינעם עפּיס צובייסען...

וואָס איז דאָס געוואָרען מיט אונזער רבין? גאָר נישט דער מאַזעפע! אויפגעלעגט, באַרעדעווּדיג, די בעקלעך פאַרצוויקעלט, די נאָז רויט און די אויגען גלאַנצען. ער קייעט און רעדט און ווייזט אויף די פלעשלעך ווימאָראַזיג.

— וואָס איז דאָס דאָרט ביי אייך פאַר א ווײן? פּסח'יגער, אפנים? (ער פאַרזוכט, ציהט־אוים די ליפען). פּססס! איין חריפות אין דער וועלט! (טרינקט). שוין לאַנג נישט געטרונקען

אזא וויין, כלעבען! (צו יאָסעל דעם וויינער'ס זוהן מיט א גע־לעכטערעל). א רוח אין דיין טאטענ'ס קעלער אריין, חע־חע! פארהאָן ביי איהם, האָב איך געזעהען, פעסלעך, אָהן א שיעור פעסלעך, על הגפן ועל פרי הגפן, און דוקא פון ריינע ראָזינקעס, חע־חע! לחיים, קינדער!... לאָז גאָט געבען, איהר זאָלט זיין עהרליכע פרומע אידען און איהר זאָלט... איהר זאָלט... אויפ־עפענען דאָס צווייטע פלעשעל... נעמט צו קאפלעך, פאר וואָס נעמט איהר נישט? און טרינקט לחיים. לאָז גאָט געבען, אז... (ער באלעקט זיך און די אויגען קלעפען זיך איהם). אז... אז... אלדאָס גוטס מיט כל ישראל...

ה.

אָפגעגעסען און אָפגעבענטשט מזומן, רופט זיך אָן צו אונז מאזעפע און די צונג בעת־מעשה פלאָנטעט זיך ביי איהם:

— האָבען מיר, הייסט עס, מקיים געוועזן, הא? די מצוה פון סעודת ל"ג־בעומר. נו, און ווייטער? הא?

— ווייטער וועלען מיר געהן אויפ'ן שפאציער.

— הא? אויפ'ן שפאציער? אויסגעצייכענט. למשל, וואוהין?

— אין שווארצען וועלדעל אריין.

— הא? אין שווארצען וועלדעל? אויסגעצייכענט גוט! איך געה אויך מיט אייך. אין א וואלד שפאציערען געהן איז זעהר גוט, זעהר געזונט, מחמת א וואלד... הא? אָט וועל איך אייך געבען צו פארשטעהן דעם שכל פון א וואלד...

און מיר לאָזען זיך געהן אלע מיט'ן רבין הינטער דער שטאָדט. תחילת איז אונז א ביסעל פריקרע, וואָס דער רבי געהט מיט אונז. נאָר פתח שין — שא! און דער רבי געהט אין מיטען, מאכט מיט די הענט און גיט אונז צו פארשטעהן דעם שכל פון וואלד:

— די טבע פון וואלד, פארשטעהט איהר מיך, דאָס הייסט, דער אויבערשטער האָט איהם שוין אזוי באשאפען, אז ער זאָל זיין פול מיט בוימער, און אויף זיי, אויף די בוימער הייסט דאָס, זאָלען זיין צווייגען, און די צווייגען זאָלען זיין באוואכסען מיט בלעטלעך, גרינע הייסט דאָס, און זיי זאָלען שמעקען, די בלעטלעך הייסט דאָס, ארויסלאָזען פון זיך א ריח־ניחוח, א געשמאקען זענעפטיגען ריח...

און בעת־מעשה ציהט דער רבי מיט דער נאָז דעם געשמאקען זענעפטיגען ריח, האָטש מיר זענען נאָך ווייט פונ׳ם וואלד, און דער ריח איז דערווייַלע נאָך עפּיס נישט אזוי געשמאק און זענעפטיג...

— הא? וואָס שווייגט איהר? — מאכט צו אונז דער רבי. — זאָגט עפּיס א גוטע זאַך, זינגט עפּיס א ליעדעל. הא? איך בין אויך געוועזן אמאָל א יונגעל א קונדס, ווי איהר, חע־חע, אויך געהאַט א רבין, ווי איהר, חע־חע...

דאָס, וואָס מאזעפּע איז געוועזן אמאָל א קונדס, ווי מיר, און געהאַט א רבין, ווי מיר, קומט אונז אוים מאָדנע ווילד און כמעט שווער צו גלויבען: מאזעפּע — א קונדס? ! מיר קוקען זיך איבער און היחיקען שטילערהייט. מיר שטעלען זיך פאָר א בילד, ווי אזוי אונזער רבי מאזעפּע איז געוועזן אמאָל א קונדס, געהאַט א רבין, און דער רבי פלעגט איהם... מיר האָבען גאָר מורא טראַכטען אזא זאַך... נאָר איין אלי שטעלט זיך איין און גיט איהם א פרעג:

— רבי! אייער רבי פלעגט אויך אזוי שמייסען, ווי איהר שמייסט אונז?

— הא? נאָך א מין שמייסען, חע־חע!

מיר קוקען אויפ׳ן רבין און איינם אויף דאָס אנדערע, און מיר פארשטעהען זיך... מיר העלפען איהם לאַכען „חע־חע" אזוי לאַנג, ביז מיר זענען שוין ווייט הינטער דער שטאָדט, אינ׳ם ברייטען פרייען פעלד, נישט ווייט פונ׳ם שווארצען וועלדעל.

ו.

אין פעלד איז מחיה, א גן־עדן. גרין שמעקענדיג גראז. ווייסע קווייטעלעך. געלע שפרינקעלעך. גרינגע פליגעלעך. און אויבען די בלויע יארמעלקע האט זיך פארשפרייט אָהן איין עק. און אַקעגען דער וואלד, אַנגעטהאָן יום־טוב'דיג. און אויף די בוימער די פויגעלעך שפרינגען פון איין צווייגעל אויפ'ן אנדערען און פיש־טשען. דאָס געבען זיי אונז אָפּ א ברוך־הבא, סקאָצעל קומט, באַגריסען אונז מיט'ן ליעבען פרייען טאָג ל"ג־בעומר. מיר זוכען־אוים א שאָטען אונטער א געדיכטען בוים, א שוץ פון דער ברע־נענדיגער זון, און זעצען זיך אוים אַלע אויף דער ערד, און דער רבי אין מיטען.

דער רבי איז מיעד פונ'ם וועג. ער טהוט א פאַל־אנידער אויף דער ערד, ציהט זיך אוים מיט'ן פנים אַרויף. די אויגען קלעפּען זיך איהם. די צונג קוים וואָס זי פּלאָנטעט:

— איהר זענט טייערע גאָלדענע קי־קינדער... אידישע קינדער... צדיקים... איך האָב אייך ליעב, און איהר האָט מיך ליעב... איָא, איהר האָט מיך לי־ליעב?

— אַזוי ווי אויגענגוועהטיג! — ענטפערט איהם אלי.

— האַ? איך וויים, אַז איהר האָט מיך לי־ליעב... — זאָגט איהם דער רבי.

— גאָט זאָל אייך אַזוי ליעב האָבען! — זאָגט איהם אלי.

מיר ווערען דערציטערט און רופען זיך אָן צו אלין:

— גאָט איז מיט דיר!

— נאַראָנים! — ענטפערט אונז אלי מיט א געלעכטער. — וואָס האָט איהר מורא? איהר זעהט דען נישט, אַז ער איז בגילופין?...

— האַ? — זאָגט צו איהם דער רבי מיט איין אויג (דאָס אַנדערע אויג שלאָפט שוין). — וואָס זאָגסט דו עפּים אַזעלכעס?

צדיקים?... אַלע צדיקים... אדרבה... מהיכא־תיתי... דער שומר ישראל... חל־חל־חל... חררררסססס...

און אונזער רבי ווערט אַנשלאָפּען געשמאַק, און זיין חראָפּען לאָזט זיך הערען פון זיין נאָז, ווי אַ קול פון אַ שופר, ווייט אין וואַלד אַריין. און מיר זיצען אַלע אַרום איהם און עס ווערט אונז סומנע אויף דער נשמה:

„אַט דאָס איז אונזער רבי? אַט דאָס איז דער, וואָס מיר ציטערען פאַר זיין קוק? אַט דאָס איז מאַזעפּע?"...

ז.

— קינדער! — מאַכט צו אונז אלי. — וואָס זיצען מיר, ווי די נאַפּודעלעס? לאָמיר עפּיס צוטראַכטען אַ שטראָף פאַר מאַזעפּען.

עס פאַלט־אָן אויף אונז אַ פּחד.

— וואָס האָט איהר מורא, נאַראָנים? — זאָגט צו אונז נאָך אַ מאָל אלי. — איצטער איז ער געגליכען צו אַ מת, צו אַ בר־מינן.

מיר ווערען נאָך מעהר דערציטערט, און אלי דרש'ענט ווייטער:

— איצט קאָנען מיר מיט איהם טהון וואָס מיר ווילען. אַ גאַנצען ווינטער האָט ער אונז געשמיסען, ווי די שעפּסען. לאָמיר זיך חאַטש איין מאָל אין איהם נוקם זיין.

— וואָס ווילסט דו איהם טהון?

— גאָרנישט. איך וויל איהם נאָר איבערשרעקען.

— מיט וואָס וועסט דו איהם איבערשרעקען?

— אַט וועט איהר באַלד זעהן. — זאָגט צו אונז אלי און שטעהט־אויף פון דער ערד און געהט־צו צום רבין און נעמט־אַראָפּ פון איהם דעם גאַרטעל און רופט זיך אָן צו אונז:

— זעהט איהר? אַט מיט זיין אייגענעם גאַרטעל ווילען מיר איהם צובינדען צום בוים אַזוי, אַז ער זאָל זיך אַליין נישט קאָנען אויפבינדען! נאָכדעם וועט איינער פון אונז צוגעהן צו איהם

נאָהענט און אַריינשרייען איהם גלייך אין אויהער אַריין: „רבי, גזלנים!"

— וואָס זשע וועט זיין?

— גאָרנישט. מיר וועלען אַנטלויפען, און ער וועט שרייען „שמע־ישראל".

— ביז וואַנען וועט ער שרייען?

— ביז ער וועט געוואוינט ווערען.

און נישט לאַנג געטראַכט, נעמט אלי דעם גאַרטעל און בינדט איהם אַ האַנט אויף אַ האַנט און ביידע הענט צום בוים, און מיר שטעהען און קוקען און אַ שוידער געהט אונז איבער איבער'ן לייב:

„אַט דאָס איז אונזער רבי? אַט דאָס איז דער, וואָס מיר ציטערען פאַר זיין קוק? אַט דאָס איז מאַפּעזע?"

— וואָס שטעהט איהר, ווי די לעהמענע גולמס? — זאָגט צו אונז אלי. — אַז גאָט האָט אונז געטהאָן אַ נס און מאַזעפּע איז ביי אונז אין די הענט, טאָ לאָמיר חאַפּען אַ טענצעל!

און מיר נעמען זיך אַלע ביי די הענט און מיר דרעהען זיך, ווי די ווילדע מענטשען, אַרום אונזער רבין, און טאַנצען און שפּרינגען און זינגען, טאַקי נאָר ווי די משוגעים.

— עד כאן אומרים בשבת הגדול! — זאָגט אלי. און מיר שטעלען זיך אָפּ, און אלי געהט־צו צום רבין, בויגט זיך אָן איבער איהם גאַנץ נאָהענט און שרייט איהם אַריין אין אויהער אַריין הויך, אויף אַזאַ קול, וואָס קאָן אויפוועקען אַ טוידטען:

— גוואַלד! רבי! גזלנים! גזלנים!! גזלנים!!!...

ח.

פייל אויס'ן בויגען לאָזען מיר זיך לויפען אַלע, ווי איין מענטש, האָבען מורא זיך אָפּשטעלען אפילו אויף איין רגע, מורא אפילו אַ קוק טהון צוריק. אַ פחד איז געפאַלען אויף אונז אַלע

און אפילו אויף אלין, חאָטש ער הערט ניט אויף צו שרייען אויף אונז:

— שוטים! נאַראָנים! בהמות! וואָס לויפט איהר?

— וואָס לויפט דו?

— איהר לויפט, לויף איך אויך.

אין שטאָדט זענען מיר אריין מיט איין אימפעט און מיט א געשריי:

— גזלנים!... גזלנים!!...

מענטשען האָבען דערזעהען אונז לויפען, לויפען זיי אונז נאָך. דערזעהען, אז מענטשען לויפען, האָבען אנדערע מענטשען זיך געלאָזט נאָך יענע מענטשען.

— וואָס לויפט מען?

— פון וואַנען זאָלען מיר וויסען? אלע לויפען, לויפען מיר אויך.

קוים מיט צרות האָט זיך איינגעגעבען אָפּשטעלען איינעם פון אונז, און אויף איהם קוקענדיג, זענען מיר שוין אלע שטעהן געבליבען און נישט אויפגעהערט צו שרייען: גזלנים! גזלנים! גזלנים!...

— וואו? וואו? וואו?

— דאָרט, אין שוואַרצען וועלדעל, זענען אָנגעפאַלען אויף אונז גזלנים, געבונדען דעם רבין צו א בוים, גאָט וייסט, אויב ער לעבט נאָך...

ט.

אויב איהר זענט אונז מקנא, וואָס מיר זענען פריי, וואָס מיר געהען נישט אין חדר (דער רבי ליגט קראַנק), איז אומזיסט. אומזיסט! קיינער וויסט נישט, וועמען דער שוך קוועטשט... קיינער, קיינער וויסט נישט, ווער זענען די אמת'ע גזלנים... מיר זעהען זיך כמעט נישט איינם מיט דאָס אנדערע. און אז מיר

באַגעגענען זיך, איז דאָס ערשטע: „וואָס מאַכט דער רבי?" (שוין אויס „מאַזעפּע"!). און אַז מיר דאַוונען, בעטען מיר גאָט פאַר'ן רבין און וויינען, וויינען שטילערהייט: „רבונו של עולם! רבונו של עולם!"... און אלי? — פרעגט אונז נישט אויף אלין. ימח שמו זאָל ער אייך ווערען, אָט דער אלי!...

עפּילאָג.

אַז דער רבי איז געזונט געוואָרען (אַ וואָך זעכס איז ער געלעגען אין היץ און גערעדט מיט גזלנים) און מיר זענען געקומען אין חדר אַריין, האָבען מיר איהם קוים דערקענט. אַזוי שטאַרק האָט ער זיך איבערגעביטען. וואו איז אַהינגעקומען זיין לייבען־שטימע? דעם קאַנטשיק האָט ער ערגיץ פאַרוואָרפען. אויס „לעג זיך". אויס „מאַזעפּע". און אויפ'ן פּנים האָט זיך אויסגעצווייגען ביי איהם אַ שטילע ווייכע מרה־שחורה. אַ געפיהל פון חרטה גנבה'ט זיך אַריין צו אונז אינוועניג, און מאַזעפּע ווערט אונז מיט אַ מאָל טייער, איינגעבאַקען אין האַרצען. אַך, ער זאָל דאָס פיר־האַלטען, אַ קרום וואָרט אונז זאָגען! גלייך ווי גאָרנישט געוועזן... נאָר פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ אין מיטען לערנען און בעט אונז, מיר זאָלען איהם נאָך אַ מאָל דערצעהלען, ווי אַזוי איז געוועזן די מעשה דעמאָלט, ל"ג־בעומר, מיט די גזלנים. מיר פוילען זיך נישט און דערצעהלען איהם איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל די אייננגע'חזר'טע מעשה אויף אויסווענינג, ווי אַזוי גזלנים זענען מיט אַ מאָל אַרויס פון וואַלד, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם, געבונדען, געוואָלט קוילען מיט אַ מעסער, האָבען מיר זיך געלאָזט לויפען אין איין אימפּעט אין שטאָדט אַריין און מיט אונזער גוואַלד האָבען מיר איהם געראַטעוועט...

דער רבי הערט אונז אויס ביז'ן סוף מיט צוגעמאַכטע אויגען. נאָכדעם טהוט ער אַ זיפץ און אַ פרעג מיט אַ מאָל:

— ווייסט איהר פאר געווים, אז דאס זענען געווען גזלנים?

— וואס דען זענען דאס געווען?

— אפשר בת־ליצנים?...

און דעם רבינ׳ס אויגען קוקען ערגיץ ווייט אין דער וועלט אריין, און עס מאהלט זיך אונז אויס, אז אויף זיינע משונה גראבע ליפען שוועבט א מאדנע חיטרע שמייכעלע...

אַ פּסח אין דאָרף

געשריבען אין יאָהר 1910

אַ פּסח אין דאָרף

א.

לאָזען ווינטען בלאָזען. לאָזען שטורעמס פּייפען. לאָז די וועלט זיך קעהרען. איין אַלטער דעמב, וואָס שטעהט משׁשת ימי־בראשׁית, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכען מי יודע וואוהין — וואָס הערט ער ווינטען? וואָס הערט ער שטורעמס?...

דער אַלטער דעמב — דאָס איז נישט קיין סימבאָל. דאָס איז אַ לעבעדיגער מענטש, וואָס זיין נאָמען איז נחמן ווערעביוקער פון ווערעביווקע. אַ איד פון הויכען וואוכס, אַ ברייטביינינגער, אַ „גבר". די שטאָדט־אידען קוקען אויף איהם און זענען איהם מקנא, און צו גלייכער צייט מאַכען זיי פון איהם חוזק: „שלום עליכם, וואָס מאַכט עפּיס אַ איד אין געזונט?"... נחמן ווייסט, אז מע לאַכט פון איהם און פון זיין „גדל'ע", בויגט ער זיך איין, ער זאָל אויסקוקען אַ ביסעל מעהר אידישליך. נאָר עס העלפט ווינציג. צו גרויס אויסגעוואַכסען.

אין ווערעביווקע איז נחמן ווערעביווקער איין אַלטגעזעסענער. „נאַש לאַחמאַן" — אַזוי הייסט ער ביי די ווערעביווקער גויים, וואָס האַלטען איהם פאַר נישט קיין שלעכטען מענטשען, פאַר אַ בר־שכל, האָבען ליעב זיך דורכשמועסען מיט איהם אמאָל גלאַט אַזוי פון בעל־הבתישקייט. מע האַלט זיך מיט איהם איין עצה: וואָס טהוט מען מיט'ן ברויט? — „לאַחמאַן" האָט אַ לוח, ווייסט

ער, צי ברויט וועט היינטיגס יאָהר זיין וואָלוועל, צי טייער. און אַמאָל — פון וועלט־זאַכען: „לאַחמאַן" פאָהרט אין שטאָדט, זעהט ער זיך מיט אַ מענטשען, ווייסט ער, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך...

עס איז שווער גאָר פאָרצושטעלען זיך ווערעביוקע אָהן נחמן ווערעביוקער. נישט נאָר דער טאַטע זיינער, פייטעל ווערעביוקער, איז געבוירען און געשטאָרבען אין ווערעביוקע, נאָר אפילו דער זיידע, אריה עליו־השלום, געוועזען אַ איד אַ חכם און אַ ווערטעל־זאָגער, פלעגט זיך באַריהמען, אַז דערפאַר הייסט דאָס דאָרף ווערעביוקע, וויל אריה ווערעביוקער וואָהנט דאָרטען, וואָרום איידער ווערעביוקע איז נאָך געווען ווערעביוקע, איז ער, אריה ווערעביוקער, שוין געוועזען אַ ווערעביוקער... אַזוי פלעגט זאָגען דער זיידע זיינער. אַמאָליגע אידען!

און געזאָגט האָט עס אריה ווערעביוקער, מיינט איהר, גלאַט אַזוי? אריה איז נישט געווען קיין פּראָסטער איד, וואָס זאָל זאָגען אַ גלייכווערטעל אָהן אַ מיין. געמיינט האָט ער דאָס די „גזירות". אין זיינע צייטען זענען אויך געווען גזירות אויף אידען. מע האָט נאָך דעמאָלט געהאַט געשמועסט, אַז מע וועט טרייבען אידען פון די דערפער. און נישט נאָר געשמועסט, נאָר טאַקי גע־טריבען. אַלעמען האָט מען געטריבען און ארויסגעטריבען. און דעם אַלטען אריה ווערעביוקער — אַזאַס. אַ סברה, אַז דער גובערנאַטאָר אַליין האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכען, וואָרום אריה ווערעביוקער האָט אויסגעוויזען על־פּי „זאַקאָן", אַז איהם קאָן מען פון ווערעביוקע אַזוי גרינג נישט ריהרען. אַמאָליגע אידען!

ב.

אודאי, אַז מע האָט אַזאַ פּריווילעגיע אויף צו זיין אין ווערע־ביוקע, אַ מין „זכות־אָבות", איז מען ביי זיך תקיף און מע לאַכט פון דער גאַנצער וועלט. וואָס הערט אונזער נחמן ווערעביוקער

„גזירות״? „טשערטא״? „צירקוליארען״?... וואס הערט, אשטייגער, נחמן א גוי א רשע, קורעטשקא, מיט זיינע פזמונות, וואס ער ברענגט איהם אלע מאל פון וואלאסט? קורעטשקא איז א גויעץ א נידעריגער מיט קורצע פינגער, געהט אנגעטהאן אין א פאדיאָוועקע, הויכע שטיוועל, א זילבערנע קייט מיט א זייגער — מעשה פריץ. ער איז א שרייבער אין וואלאסט. דעריבער ווייסט ער פון אלע שווערע הערצער. דערצו לייענט קורעטשקא אלע גוטע גאזעטען, וואס שרייבען היינט מסירות אויף אידען — פעך און שוועבעל!...

קורעטשקא איז, אזוי זיך, דוקא נישקשה פון א גוי. ער איז נחמנ'ס א שכן און כלומרשט א גוטער־ברודער. אז קורעטשקאן טהוט וועה א צאהן, גיט איהם „לאחמאן״ א שוויינקעבץ. אדער אז קורעטשקא'ס ווייב, למשל, געהט צו קינד און דארף געלעגען ווערען, איז „לאחמאנקע״ ביי איהר די הויבאם. נאר עפים פון א צייט, דער רוח זאל איהם וויסען, זינט ער האט זיך אנגעלייענט מיט די שענע גאזעטען, איז קורעטשקא געווארען גאר איין אנדער גוי. „עשו האט זיך אין איהם צערעדט״... אלע מאל קומט ער צום אידען מיט א נייעס: „א נייער גובערנאטאר״... „א נייער צירקוליאר פונ'ם מיניסטער״... „א נייע „ראספאריאזשעניע״ וועגען אידען״... דעם אידען רייסט זיך טאקי בעת מעשה אפ אין הארצען און עס ווערט איהם פארקיהלט אינוועניג דער מאמע'ס מילך, נאר א מכה דארף א גוי וויסען. און דער איד הערט איהם אוים מיט א שמייכעלע און ווייזט איהם אויף דער האנט, ווי איינער רעדט: „ווען דא וועט אויסוואכסען האר״...

לאזען גובערנאטארען זיך בייטען, לאזען מיניסטארען שרייבען צירקוליארען. וואס געהער זיך עס אן מיט נחמן ווערעביוועקער פון ווערעביוועקע?

ג.

לעבען לעבט נחמן ווערעביוווקער אין ווערעביוווקע גאנץ נישקשה'דיג. דאָס הייסט, צו די פריהעריגע יאָהרען קומט דאָס נישט. אודאי אז דער זיידע אריה האָט געלעבט, איז געווען אנ־דערע יאָהרען. אוי, יאָהרען! גאנץ ווערעביוווקע איז דעמאָלט, קאָן מען זאָגען, געווען זייערס. נישט איינע, נאָר עטליכע פּרנסות האָבען זיי געהאַט: אַ שענק, אַ קלייט, אַ מיהל, אַ קאמער פון תבואה. און פּרנסה איז געווען, טאַקי ווי מע זאָגט, מיט טעלער און מיט לעפעל. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אמאָל. היינט האָבען זיך די אַלע זאכען אויסגעלאָזט. אוים שענקען, אוים קלייטען, אוים קאמערען פון תבואה. גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. פרעגט זיך אַ קשיה: וויבאלד אזוי, היינט וואָס זיצט אַ איד אין ווערעביוווקע? — וואו זשע דען זאָל ער זיצען? אין דער ערד? אנו, לאָז נאָר נחמן אַ פּרוב טהון פארקויפען די דירה — ווערט ער שוין אוים ווערע־ביוווקער. ער וועט שוין הייסען דעמאָלט איין איינגעבעטענער, אַ פרעמדער. און אזוי איז פאָרט איין אייגען ווינקעל. אַ שטוב איין אייגענע, אַ דירה אויף צו זיצען. און ביי דער שטוב אַ גאָרטען. דאָס ווייב און די טעכטער ארבייטען אליין דעם גאָרטען, און אז גאָט העלפט, עס איז אַ געראָט, איז פאַרהאַן גרינם אַ גאנץ זומער און קארטאָפלים אויפ'ן גאנצען ווינטער, ביז העט־העט נאָך פּסח. פון קארטאָפלים אַליין קאָן מען אָבער נישט לעבען. צו קארטאָפלים, זאָגט מען, דאַרף מען האָבען ברויט. און קיין ברויט איז נישטאָ. נעמט מען דעם שטעקען און מע געהט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּים האנדלען. תּון אז נחמן געהט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּים האנדלען, קומט ער שוין נישט אהיים מיט לעדיגע הענט. וואָס גאָט גיט, דאָס קויפט ער: אַ ביסעל אייזענ־ברעך, אַ טאָפּ הירזש, איין אַלטען זאַק, אַניט — איז גאָר אַ פּעלכעל. דאָס פעלכעל ציהט מען אוים, מע לופטערט דאָס דורך און מע טראָגט דאָס אוועק צו אברהם־אליה דעם קירזשנער אין

שטאָדט אַריין. און פון די אַלע גליקען — איז אָדער מע פאַר־דיענט, אָדער מע דערלעבט. דערויף איז מען אַ סוחר. „קופּעץ קאַק סטרעלעץ״ — זאָגט נחמן, וואָס האָט ליעב אַ גוייש ווערטעל. און אברהם־אליה דער קירזשנער, אַ איד מיט איין אונטערגע־בלויטער נאָז און מיט שוואַרצע פינגער, ווי איינגעטונקטע אין טינט, לאַכט פון איהם, וואָס ער איז אַזוי וויט פאַרגרעבט גע־וואָרען אין דאָרף, צווישען גויים, אַז אפילו אַ ווערטעל איז ביי איהם אויך אַ גוייש...

ד.

יאָ, פאַרגרעבט געוואָרען. נחמן פיהלט אַליין, אַז וואָס ווייטער — ווערט מען אַלץ מעהר פאַרגרעבט. אודאי, ווען זיין זיידע אריה ווערעביוקער, עליו־השלום, זאָל אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף זיין אייניקעל! אי־אי־אי! דאָס איז געווען אַ איד! אויך אַ גוואַרדיאַן, נאָר אַ איד פון תורה. געקענט פּרק און מחזור און תהלים אויף אויסווענינג. אַמאָליגע אידען! און ער, נחמן, וואָס קען? עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין — קוים־קוים דאַווענען. נאָר גוט איז דאָס. זיינע קינדער וועלען דאָס אויך נישט קענען... און טהוט ער אַ קוק אויף די קינדער, ווי זיי וואַכסען אַלע אין שטויבער אַריין, הויך און ברייט, אַזוי ווי ער, און „נע טשיטאַטע, נע פּיסאַטע״, אויך אַזוי ווי ער, — ווערט איהם צעהן לעבער אין האַרצען. און מעהר ווי אויף אַלעמען טהוט איהם וועה דאָס האַרץ אויף דעם סאַמע יונגסטען, אויפ׳ן מיזיניק. פייטעל הייסט ער. אַ נאָמען נאָך זיין טאַטען, פייטעל ווערעביוקער, עליו־השלום. אַ געראָטען קינד אָט דער פייטעל, מיט אַלע מעלות. אפילו דער וואוכס אויך אַ קלענערער, איין איידעלער, מעהר אידישליך. אַ אידיש קינד... היינט האָט דאָס אַ קעפּעלע — אַ מיניסטערשען קאָפּ. סך־הכל איין מאָל נאָר האָט מען איהם באַוויזען אין סידור אויף אַ ציקאַוועסט איין „אַלף״

מיט אַ „בית", ווייסט ער שוין, וועלכעס איז איין „אלף" און וועלכעס איז אַ „בית". קיינמאָל וועט ער אייך נישט זאָגן אויף איין „אלף" — אַ „בית", און אויף אַ „בית" — איין „אלף". וואַכסט אַזאַ גאָלד אין דאָרף, משטיינס געזאָגט, צווישען קעלבלעך און חזירים, שפּיעלט זיך מיט קורעטשקאַ'ס זוהנדעל פעדקאַ, פאָהרט מיט איהם רייטענדיג אויף איין שטעקען, יאָגען זיך ביידע נאָך איין קאַץ, גראָבען ביידע איין גריבעל און טהוען ביידע אַלסדינג, וואָס קליינע קינדער קאָנען טהון. זעהט נחמן, ווי זיין קינד שפּיעלט זיך מיט'ן „שרץ", פאַרדריסט דאָס איהם, און ער טריקענט, ווי איין אונטערגעהאַקטער בוים...

ה.

און פעדקאַ איז דוקא אַ „געראָטענער שייגעץ", אַ „מחירה'דיג פּנים מיט אַ חנ'עוודיגער מאָרדע", מיט ווייסע פלאַכסענע האָר, אין איינע יאָהרען מיט פייטלען. און איז נאָך פייטלען די כּפּרה. און פייטעל איהם האָט אויך נישט פיינט. אַ גאַנ'ץען ווינטער ליגען די ביידע קינדער, יעדער ביי זיין טאַטען אויפ'ן אויווען, ציהען זיך צום פענסטער און בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע. זעלטען־זעלטען, ווען זיי האָבען די זכיה צו זעהען זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בייזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איהר ווייסען קאַלטען שלייער. און אַ שיין האָט געטהאָן די זון. און אַ טריקען האָט געטהאָן דאָס ווינטעל. און אַ גרעזעל האָט זיך באַוויזען. און דאָרטען, באַרג־אַראָפּ, דאָס טייכעל זשומעט. און דאָס קעלבעל האָט צעלאָזט די נאָזלעכער און נישטערט. און דער האָהן האָט צוגעמאַכט איין אויגעל און שטעהט אַ פאַרטראַכטער. און אַלץ אַרום און אַרום האָט אויפגעלעבט, אַלץ גרינט, אַלץ פרעהט זיך: ס'איז ערב פּסח! — דעמאָלט קאָן מען שוין מעהר נישט איינהאַלטען אין שטוב נישט פייטלען, נישט פעדקאַן. ביידע חאַפּען זיך אַרויס אויף גאַט'ס

וועלט, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זיי ביידען גלייך. און ביידע נעמען זיי זיך פאַר די הענט און מע לאָזט זיך לויפען אהין, צום באַרג, וואָס שמייכעלט צו זיי ביידען גלייך: „קינדער, אהער!“... און מע שפּרינגט אַקעגען דער זון, וואָס גריסט זיי ביידען גלייך און רופט זיי ביידען צו זיך: „קינדער, אהער!“ און אַז זיי מיעדען זיך איין לויפענדיג, זעצען זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָט'ס ערד, וואָס ווייסט נישט קיין אידען, וואָס ווייסט נישט קיין גוי: „קינדער, צו מיר, צו מיר!“...

ז.

ביידע האָבען זיי וואָס צו דערצעהלען — אַזאַ לאַנגען ווינטער נישט געזעהען זיך. פּייטעל באַריהמט זיך פאַר זיין חבר פעדקאַ, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצען אלף־בית. און פעדקאַ באַריהמט זיך, אַז ער האָט אַ בייטש. באַריהמט זיך פּייטעל, אַז ביי זיי איז היינט ביינאַכט פּסח. ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פּסח און וויין אויף ארבע כּוסות. „געדענקסט, פעדקאַ, פאַר־איאָהרען האָב איך אַרויסגעטראָגען אַ מצה?“ „מאַצאַ?“ — זאָגט פעדקאַ און איבער זיין חנ'עוודיגער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אפנים, ער האָט זיך דערמאָנט אינ'ם טעם פון דער פאַראיאָהריגער אידישער מצה... „ביזט אַ בעלן, פעדקאַ, פאַר־ווכען איצט אַ שטיקעל מצה? פרישע מצה?“ — אַ שאלה אַ ביסעל, אויב פעדקאַ איז אַ בעלן! מע דאַרף נאָך פרעגען? „נו, קום זשע אהין“, זאָגט איהם פּייטעל און ווייזט איהם אויפ'ן באַרג, וואָס גרינט צו זיי און ווינקט צו זיי: „אהער, קינדער, אהער!“... און ביידע דראַפּען זיך אַרויף אַ באַרג, בלייבען שטעהן אַ ווייל־פאַר'כשופ'ט, קוקען דורך די פינגער אויף די שפּיעלענדיגע שיטערע שטראַהלען פון דער ליעבער זון און טהוען זיך אַ וואָרף ביידע אויף דער נאָך־פייכטליכער ערד, וואָס שמעקט שוין מיט גרינעם. און פּייטעל שלעפּט־אַרויס פון אונטער'ן לייבסערדאַק אַ פרישע, אַ

ווייסע, א קיילעכיגע מצה, אנגעשטאכען אין דער לענג און אין דער ברייט פוןביידע זייטען מיט קליינע לעכעלעך. און פעדקא באלעקט זיך שוין באצייטענס, נאך איידער פייטעל האט צע־שפאלטען די מצה פונקט אויף דער האלב און צעטיילט זיך מיט זיין חבר. „וואס ווערסט דו זאגען, פעדקא, אויף דער מצה?“ — וואס זאל פעדקא זאגען, אז ס'איז ביי איהם א פול מויל מיט מצה, וואס טרישטשעט אונטער די צייהן און צעגעהט אויף דער צונג, אזוי ווי שניי? נאך איין מינוט — און אוים מצה. „מעהר נישטא?“... — טהוט איהם פעדקא א קוק אריין מיט די גרויע אויגען אונטער'ן לייבסערדאק און באלעקט זיך, ווי א קאץ נאך פוטער. „דו וואלסט דען געגעסען נאך?“ — פרעגט איהם פייטעל תמ'עוואטע, קייענדיג דאס לעצטע שטיקעל מצה, און קוקט אויף איהם שעלמיש, מיט חיטרע שווארצע אויגלעך. א שאלה א ביסעל, אויב פעדקא וואלט געגעסען נאך! „טא ווארט א ביסעל, זאגט איהם פייטעל, איבעראיאהר וועט זיין נאך“... ביידע צעלאכען זיך פון דער המצאה און, נישט געזאגט איינער דעם אנדערען קייןווארט, גלייך ווי מע האט זיך צונויפגערעדט פריהער, טהוען זיך ביידע א ווארף און א קאטשע־אראפ, ווי צוויי קנוילען, גיך־גיך, בארג־אראפ.

ז.

אויף יענער זייט בארג שטעלט מען זיך אויף די פיס און מע באטראכט דאס זשומענדיגע טייכעל, וואס לויפט־אפ אין א זייט, לינקס, און אליין לאזט מען זיך רעכטס, ווייטער און ווייטער איבער'ן ברייטען פרייען פעלד, וואס איז נאך נישט אומעטום גרין, נאר גיט האפענונג גאר אין גיכען גרין צו ווערען, וואס שמעקט נאך נישט מיט גראז, נאר גיט האפענונג גאר אין גיכען מיט גראז צו שמעקען. און זיי געהען און געהען, שוין אהן ווערטער, נאר פארטראכט און פאר'כשופ'ט, איבער דער ווייכער שמעקענדיגער ערד, אונטער דער

ליכטענדיגער שמייכלענדיגער זון. נישט זיי געהען, נאָר זיי שווימען. און נישט זיי שווימען, נאָר זיי פליהען. זיי פליהען גלייך מיט די פויגלען, וואָס שוועבען פאַר זייערע אויגען, וואָס טוקען זיך און טראָגען זיך אין דער גרינער לופט פון דער דאָזיגער ליעבער וועלט, וואָס דער ליעבער גאָט האָט באַשאַפען פאַר אַלע, וואָס לעבט. שאַ, זיי זענען שוין בּיי דער מיהל. דאָס איז דאָך דעם סטאַראָסטע'ס ווינטמיהל. אמאָל איז דאָס געווען נחמן וועַ־רעבּיווקער'ס מיהל. היינט געהערט זי צום סטאַראָסטע. אָפאַנאַס הייסט ער. אַ חיטרע גוי מיט איין אויהערינגעל, און האָט שוין אַ סאַמאָוואַר אין שטוב. אָפאַנאַס דער סטאַראָסטע איז אַ רייכער בעל־גוף. אַ חוץ דער מיהל, האָט ער נאָך אַ קלייט אויך. טאַקי די קלייט, וואָס האָט געהערט אמאָל צו נחמן ווערעבּיווקער. מיט חיטראָסט האָט ער אויסגעדונגען דעם אידען, צוגענומען בּיי איהם די קלייט מיט דער מיהל... אַלע מאָל, אַז עס קומט אין דער צייט, געהט זי, די מיהל. נאָר היינט נישט. היינט איז שטיל. נישטאָ קיין ווינט. אַ מאָדנער פאַר־פסח. אַ פאַר־פסח אָהן ווינטען. דעריבּער שטעהט זי, די מיהל. פאַר אונזערע חברים, פייטעל און פעדקאַ, איז דאָס דוקא אַ מעלה. אַז די מיהל שטעהט, קאָן מען זי בעסער באַטראַכטען. אין אַ מיהל איז דאָ וואָס צו זעהען. די מיהל אַליין איז נאָך נישט אַזאַ־נ־אַנטיק, ווי דער באַלעק, דער קלאָץ, וואָס איז געלעגט געוואָרען, מיט אַ רעדעל בּיי'ם שפּיץ, אויף צו קערעווען די מיהל אַהין, וואו דער ווינט בלאָזט. און אָט אויף דעם באַלעק האָבען זיך די צוויי חברים אוועקגעזעצט, און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבען בּיי זיי אַ געשפּרעך, איינס פון די גע־שפּרעכען, וואָס האָבען נישט קיין אָנהויב און האָבען נישט קיין סוף. פייטעל דערצעהלט חידושים פון שטאָדט. דער טאַטע האָט געהאַט אַנומעלטען איהם מיטגענומען אין שטאָדט. געווען מיט איהם אין מאַרק, געזעהען קלייטען. נישט איין קלייט, ווי בּיי זיי אין ווערעבּיווקע, נאָר אַ סך קלייטען. און נאָכדעם, פאַרנאַכט, אַזוי דערצעהלט פייטעל, זענען זיי געגאַנגען אין שוהל.

דער טאַטע האָט געהאַט יאָהרצייט נאָך זיין טאַטען. „נאָך מיין זיידען, הייסט עס. דו פאַרשטעהסט, פעדקאַ, צי דו פאַרשטעהסט נישט?"

עס קאָן זיין, אַז פעדקאַ פאַרשטעהט, נאָר ער הערט נישט. וואָרום ער פאַהרט־אריין פלוצים מיט אַ מעשה, וואָס עס קלעפּט זיך, ווי איין אַרבעס צו דער וואַנט. פעדקאַ דערצעהלט פּייטלען, ווי אַזוי ער האָט פאַראַיאָהרען דערזעהען אַ פויגעל־נעסט אויף אַ הויכען בוים. האָט ער געוואָלט אַרויף, האָט ער נישט געקאָנט. האָט ער געוואָלט דערלאַנגען מיט אַ שטעקען, האָט ער נישט געקאָנט. האָט ער גענומען וואַרפען שטיינדלעך, און האָט אַזוי לאַנג געוואָרפען, ביז ער האָט אַראָפּגעוואָרפען צוויי קליינע פאַרבלוטיגטע פויגעלעך.

— דער׳הרג׳עט? — זאָגט פּייטעל מיט שרעק און פאַר־קרימט זיך.

— יונגעטשקע. — פאַרענטפערט זיך פעדקאַ.

— אָבער דער׳הרג׳עט?

— אָהן פעדערלעך, געלע פּיסקעלעך, גראָבע בייכעלעך.

— אָבער דער׳הרג׳עט? דער׳הרג׳עט?...

ח.

ס׳איז שוין געווען נישט פריה, אַז אונזערע יונגע חברים, פּייטעל און פעדקאַ, האָבען, נאָך דער זון אין הימעל, זיך אַרומ־געקוקט, אַז ס׳איז שוין צייט צו געהן אַהיים. פּייטעל האָט שוין געהאַט פאַרגעסען, אַז היינט אויף דער נאַכט איז פּסח. האָט ער זיך דערמאַנט, אַז די מאַמע דאַרף איהם נאָך אויסצוואַגען דאָס קעפּעל און אָנטהון נייע הויזען. און ער האָט זיך געגעבען אַ חאַפּ־אויף, און פעדקאַ נאָך איהם, און ביידע האָבען זיי זיך געלאָזט מיט דער זעלבער פרישקייט און מיט דער זעלבער פרייד צוריק

אהיים. און בכדי איינער זאָל נישט קומען פריהער און דער אַנ־
דערער שפּעטער, האָט מען זיך, ווי אמת'ע חברים, גענומען פאַר
די הענט און מע איז געפלויגען פייל אויס'ן בויגען אין דאָרף אַריין.
און אַז זיי זענען געקומען אין דאָרף אַריין, איז פאַר זייערע אויגען
אַרויסגעטראָטען אַזאַ מין בילד:

נחמן ווערעביוווקער'ס שמוב איז באַלעגערט מיט גויים און
גויעס, שקצים און שיקסעס. קורעטשקאַ דער שרייבער און אָפּאַנאַס
דער סטאַראָסטע, דער סטאַרשינאַ און דער סאָטסקע און דער אור־
ראַדניק — אַלע דאָ. אַלע רעדען, אַלע פּילדערען. און נחמן
מיט דער נחמנ'קע שטעהען אין מיטען, טענה'ן עפּיס און מאַכען
מיט די הענט. נחמן האָט איינגעבויגען זיך, ווישט דעם שוויים
מיט ביידע הענט. ביי דער זייט שטעהען די עלטערע קינדער
נחמנ'ס, פינסטער ווי די ערד... פּלוצים בייט זיך איבער דאָס
גאַנצע בילד. איינער טהוט אַ וואַרף אויף די צוויי יונגע חברים,
און דער גאַנצער עולם מיט'ן שרייבער, מיט'ן סטאַרשינאַ, מיט'ן
סטאַראָסטע, מיט'ן סאָטסקע, מיט'ן אוראַדניק בלייבען שטעהן, ווי
געלעהמטע. נאָר איין נחמן טהוט אַ קוק אויפ'ן עולם, גלייכט זיך
אויס מיט זיינע ברייטע גוואַרדיאַנסקע פּלייצעס: „נו? ? ?" —
און צעלאַכט זיך. און די נחמנ'קע טהוט אַ פּלעסק מיט די הענט
און הויבט גאָר אָן צו וויינען... דער סטאַראָסטע מיט'ן סטאַרשינאַ
מיט'ן סאָטסקע מיט'ן אוראַדניק טרעטען־אַרויס און גלייך אויף זיי:

— וואו זענט איהר געווען, אַזעלכע און אַזעלכע?

— וואו מיר זענען געווען? ביי דער מיהל זענען מיר געווען.

. . . .
. . . .
. . . .

ט.

ביידע חברים, אי פייטעל, אי פעדקא, האָבען געהאַט נאָכדעם זייער עהרליך אויסקומעניש. און ביידע האָבען נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס?

פייטעלען האָט דער טאַטע, ראשית חכמה, אָפּגעשמיסען מיט דער יאַרמעלקע: „אַ יונגעלע זאָל וויסען". וואָס זאָל אַ יונגעלע וויסען?... און, אַפּנים, פאַר רחמנות האָט איהם די מאַמע צו־גענומען פונ׳ם טאַטענ׳ס הענט, איהם איינגעטיילט פון איהר זייט אַ פּאָר סטוסאַקעס און טאַקי באַלד גענומען איהם אויסצוואָגען דאָס שווארצע קעפּעל אויף יום־טוב און האָט אריינגעזעצט איהם אין אַ פּאָר נייע הויזלעך — דער איינציגער גאַרדעראָב זיינער אויף פסח — און זי זיפצט. וואָס זיפצט זי?... און נאָכדעם הערט ער, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטען: „אוי, גאָט זאָל העלפען, מע זאָל שוין איבערקומען אָט דעם יום־טוב! עס זאָל חאָטש אָפּ־לויפען גלאַט... עס וואָלט געמעגט אוועק דער פסח נאָך איידער ער איז געקומען!"... און פייטעל׳ס קאָפּ קאָן נישט פאַרשטעהן, פאַר וואָס זאָל אוועק דער פסח איידער נאָך ער איז געקומען?... און פייטעל ברעכט זיך דעם מח. ער פאַרשטעהט נישט דעם טאַטענ׳ס שמייץ. ער פאַרשטעהט נישט דער מאַמע׳ס קלעפּ. ער פאַרשטעהט נישט, וואָס פאַר אַ מין ערב־פסח היינט איז אויף דער וועלט...

י.

און וויבאַלד אַז פייטעל׳ס אידיש קעפּעל פאַרשטעהט נישט, פאַרשטעהט דאָך שוין פעדקא אודאי נישט, וואָס דאָ טהוט זיך. פריהער האָט איהם דער טאַטע קורעטשקא אָנגענומען פאַר דער גריווע, גוט אָנגעריסען איהם די ווייסע פלאַכסענע האָר און נאָך געשענקט אַ פּאָר פאַטילעטשניקעס אַ פרידאַטאָק. די פאַטילעטש־

ניקעם האָט פעדקא צוגענומען, ווי א פילאָזאָף: ער איז שוין דערצו געוואוינט געוואָרען. און ער הערט זיך צו, ווי זיין מאַמע רעדט מיט די גויעס און ווי יענע דערצעהלען עפּיס מאָדנע מעשיות. א מעשה פון א קינד, וואָס אידען האָבען פארנארט צו זיך אין שטאָדט ערב פסח, אָפּגעהאַלטען אין א קעלער א טאָג מיט א נאַכט און געוואָלט איהם נעמען צו דער אַרבייט. האָט מען דערהערט דאָס געשריי, איז מען זיך צונויפגעלאָפען, און מע האָט ארויסגעראַטעוועט דאָס קינד. איז שוין געווען ביי דעם סימנים אויפ'ן לייב — פיער שטעך אין פיער זייטען, ווי א צלם...

אזוי דערצעהלט איינע א חוואַסטקע גויע מיט א ברייטען אָטשיפּעק און מיט א רויט פּנים. און די איבעריגע גויעס הערען זי אוים און שאָקלען מיט די פארבונדענע קעפּ און צלמ'ען זיך: „אוי, האָרענקאָ! אוי, לישענקאָ!”... און פעדקא'ס קאָפּ קאָן נישט פארנעמען, וואָס קוקען אויף איהם בעת מעשה די גויעס? און וואָס פאַר שייכות האָט די מעשה צו איהם און צו פייטלען? און פאַר וואָס האָט איהם דער טאַטע קורעטשקא אָנגענומען ביי דער גריוועֿ, אָנגעריסען ביי די ווייסע פלאַכסענע האָר און געשענקט א פּאָר פּאַטילעטשניקעס א פרידאַטאָק? עס אהרט איהם נישט אזוי די גריוועֿ, עס אהרט איהם נישט אזוי די פּאַטילעטשניקעס. דאָס איז ער ניט זשעדנע קיינמאָל. ער וואָלט נאָר א בעלן זיין וויסען: פאַר וואָס עפּיס היינט אזא־נ־אָרענטליכע פּאָרציע — אי געטראָגען פאַר דער גריוועֿ, אי געריסען ביי די האָר, אי פּאַטי־לעטשניקעס א פרידאַטאָק? פאַר וואָס?... פאַר וואָס?...

. . . .

— נו ? — הערט פּייטעל, ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמע באַלד נאָך פּסח מיט אַ שיינענדיג פּנים, גלייך ווי עס וואָלט איהם געטראָפען מי־יודע וואָס פאַר אַ גליק. — איאַ ? דו האָסט דאָך איינגעלעגט די וועלט ? דו האָסט דאָך מורא געהאַט ?... אַ אידינע בלייבט אַ אידינע. אַוועק אונזער פּסח און זייער פּסח, און גאָרנישט !...

— דאַנקען גאָט ! — ענטפערט איהם די מאַמע, און פּייטעל פאַרשטעהט ווידער נישט, וואָס האָט די מאַמע מורא געהאַט ?... און וואָס איז דאָ די גדולה, וואָס דער פּסח איז אַוועק ?... וואָלט רען נישט בעסער געווען, דער פּסח זאָל זיך נאָך ציהען און ציהען ?...

פּייטעל באַגעגענט זיך מיט פּעדקאַן אין דרויסען ביי זייער שטוב, קאָן ער זיך נישט איינהאַלטען און גיט איהם באַלד איבער אַלסדינג, ווי אַזוי מע האָט ביי זיי געדאַווענט, און נאָכדעם — ווי מע האָט ביי זיי געגעסען. אוי, געגעסען ! און ער גיט איהם איבער דעם טעם פון אַלע פּסח'יגע מאכלים, וואָס מע האָט ביי זיי געגעסען, און פון דעם זיסען וויין, וואָס מע האָט ביי זיי געטרונקען. און פּעדקאַ הערט זיך צו מיט קאָפּ און פאַרקוקט צו פּייטלען אונטער'ן לייבסערדאַק. איהם חלומ'ט זיך נאָך אַלץ „מצה"... פּלוצים לאָזט זיך הערען איבער דער גאַנצער גאַס אַ קוויטש מיט אַ ניגון אויף אַ סאָפּראַן־שטימע :

— חוועד־קאַ ! חוועד־קאַ !

דאָס רופט די מאַמע אַהיים דעם קליינעם פּעדקאַ, ער זאָל געהן עסען וואַרעמעס. נאָר פּעדקאַ חאַפּט זיך נישט. איצט וועט מען איהם שוין נישט טראָגען פאַר דער גריווע! ערשטענס, זענען זיי דאָך נישט ביי דער מיהל. און צווייטענס, איז שוין „נאָך פּסח״... נאָך פּסח איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר די אידען... ליגט ער זיך דאָ אין דרויסען אויפ׳ן בויך מיט׳ן ווייסען קעפּעל אויף די הענט, און אַקעגען איהם ליגט פייטעל אויך אויפ׳ן בויך מיט׳ן שוואַרצען קעפּעל אויף די הענט. און דער הימעל איז בלוי, און די זון וואַרעמט. און דאָס ווינטעל גלעט און שפּיעלט זיך. און דאָס קעלבעל איז ביי דער זייט, און דער האָהן איז דאָ מיט אַלע זיינע ווייבער. אוןביידע קעפּלעך, דאָס ווייסע מיט׳ן שוואַרצען, ליגען אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע קאָן זיך גאָר נישט אָנרעדען...

יב.

און נחמן ווערעביוּוקער איז נישטאָ אין דער היים. ער האָט זיך גענומען דעם שטעקען און האָט זיך פון גאַנץ פריה אָן געלאָזט געהן איבער דעם דאָרף עפּיס האַנדלען. ביי יעדען הויף שטעלט ער זיך אָפּ. גיט־אָפּ יעדען גוי דעם גוט־מאָרגען, רופט אָן יעדען באַזונדער ביי׳ם נאָמען, רעדט זיך דורך פון אַלסדינג אין דער וועלט, נאָר נישט פון דער ערב־פּסח׳יגער מעשה... נאָר נישט פון די פּסח׳יגע פּחדים... און פאַר׳ן אוועקגאַנג שוין טהוט ער אַ טאַפּ אין וואָגען: „געפינט זיך נישט ביי דיר, גוי, עפּיס אַ זאַך, וואָס דו דאַרפסט נישט?״ „נישטאָ, לאַחמאַן״. „אייזענברעך, אַ ביסעל הירזש, איין אַלטע זאַך, אָדער גאָר אַ פעלבעל?״ „האָב קיין פאַראיבעל נישט, לאַחמאַן, נישטאָ גאָרנישט. אַ ביטערע צייט״. „אַ ביטערע צייט? פאַר׳שכור׳ט מן הסתם? אַזאַ יום־טוב!״... „ווער מיר שכור׳ט? וואָס מיר יום־טוב? אַ ביטערע צייט!״...

דער גוי זיפצט, און נחמן זיפצט אויך. און נאָכדעם רעדט מען אַ ביסעל פון זייטיגע זאַכען, אַזוי עס זאָל נישט אויסזעהען, אַז ער איז געקומען האַנדלען. געהט ער אַוועק פון דעם גוי צום אַנדערען, צום דריטען — ביז ער טרעפט אָן עפּיס וואָס, און קומט אַהיים נישט מיט לעדיגע הענט.

און נחמן ווערעביוזקער, איין אָנגעלאָדענער און אַ דערשוויצ־טער, שפּאַנט מיט זיינע גרויסע גוואַרדיאַנסקע פיס אַהיים און קלערט איצט נאָר פון איין זאַך: וויפיעל שטעהט איהם דאָ צו פאַרדיענען, אָדער צו דערלעגען? פון דער ערב־פסח׳יגער מעשה האָט ער שוין פאַרגעסען. פון די פסח׳יגע פּחדים האָט ער שוין פאַרגעסען. און דער שכן קורעטשקאַ מיט זיינע גובערנאַטאָרען און מיט די צירקוליאַרען זענען אין דער מינוט ארויסגעפלויגען פון׳ם קאָפּ. ער האָט איהם אין דער לינקער פּאה!...

לאָזען ווינטען בלאָזען. לאָזען שטורעמס פייפען. לאָז די וועלט זיך קעהרען. איין אַלטער דעמב, וואָס שטעהט משׁשׁת ימי־בראשית, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכען מי יודע וואוהי׳ן — וואָס הערט ער ווינטען? וואָס הערט ער שטורעמס?...

פּסח מיט אַ קל־וחומר

געשריבען אין יאָהר 1912.

פֶּסַח מיט אַ קַל־וָחוֹמֶר

בין איך שוין ווידער אין דער היים — אין כתרילעווקע. אַ שאָק מיט יאָהרען ניט געווען. איצט בין איך געקומען צו פאָהרען אויף פסח צו־גאַסט צו מיינע „קליינע מענטשעלעך".

דער ערשטער, וואָס איז מיר געקומען אַקעגען, איז געווען מנשה רב יחיאל דעם בעל־עגלה'ס אַ זוהנדעל, אויך אַ בעל־עגלה.

איבערגעלאָזט האָב איך איהם אַ בחור'עץ אָהן אַ באָרד, נאָר מיט אַ שווארצער, עטוואָס באוואַכסענער גראָבער ליפּ. שבת און יום־טוב אין שוהל פלעגען מיר, קונדייסים, איהם פארשטופּען אין אַ ווינקעלע און געבען בוכענצים אָהן אַ שיעור, און ער פלעגט שווייגען. איצט טראָגט ער שוין אַ קלאָטשקעוואַטע באָרד, ווי דער טאַטע זיינער, איהם צו לענגערע יאָהר, און אַ לאַנגע, מיט סמאָלע אויסגעשמירטע, נאַקידקע, ווי דער טאַטע, איהם צו לענגערע יאָהר. און אַ באַרעדעווּדיגער, אַ ריהרעווּדיגער און אַ פרייליכער איז ער אויך, ווי דער טאַטע, איהם צו לענגערע יאָהר. זיין טאַטע יחיאל, איהם צו לענגערע יאָהר, איז געווען ניט גלאַט אַ בעל־עגלה, נאָר אַ בעל־עגלה אַ בן־תּורה, אַ בעל־עגלה אַ למדן, אַ בעל־עגלה מיט אַ פּרק משניות, מיט אַ מעשה, מיט אַ משל און מיט אַ מדרש. אויף זייער בעל־עגלה'שען לשון ווערט דאָס אָנגערופען „אַ בעל־עגלה מיט חריין"... פאַר איהם האָט אַ בעל־הבית גע־האַט דרך־ארץ. איהם האָט קיינער ניט געוואַגט זאָגען „דו", נאָר „זייט זשע מוחל, רב יחיאל!"

איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז רב יחיאל דער בעל־עגלה, איהם אָפּגעגעבען שלום און געוואונדערט זיך, וואָס ער איז גאָר־ניט געעלטערט געוואָרען, קיין קאָפּ אפילו. לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז רב יחיאל איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט, איהם צו לענגערע יאָהר, און ער איז זיין זוהן מנשה, אָט אַ יענער בחור, וואָס מיט דער שווארצער, גראָבער, עטוואָס באוואכסענער ליפּ. אַ שענע מעשה, נאָר אַ קורצע. ווי אַזוי רעדט מען מיט איהם? אויף „דו", אָדער אויף „איהר"?... איך זאָג איהם ניט „דו" און ניט „איהר".

— וואָס זשע מאַכט מען? — פרעג איך.

— וואָס זאָל מען מאַכען? — ענטפערט ער מיר. — מע בעל־עגלה'וועט... ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָהר.

— און מע לעבט?

— מע מוטשעט זיך און מע לעבט, וויאָ! ווי דער טאַטע פלעגט זאָגען, מיר צו לענגערע יאָהר... מע פאָהרט־אַרויס צום וואָקזאַל צוויי מאָל אַ טאָג, טאָמער וועט גאָט צושיקען פאַרשוינען, און קיין פאַרשוינען זענען ניטאָ, חאָטש געב זיי אַ קרענק, ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָהר, פלעגט זאָגען, אַ חלירע זאָל אויף זיי קומען, מיר צו לענגערע יאָהר!...

איך האַק איהם איבער די קללות און טהו איהם אַ פרעג:

— און וואָס הערט זיך עפּיס מיט'ן פּסח?

— וואָס זאָל זיך הערען? — מאַכט ער צו מיר פריילין, ווי זיין טאַטע, איהם צו לענגערע יאָהר. — דער פּסח וועט זיין מיט אַ קל־וחומר, ווי דער טאַטע, מיר צו לענגערע יאָהר, פלעגט זאָגען.

— מיט וואָסער אַ קל־וחומר?

— מיט אַ קל־וחומר ווייסט איהר ניט? — און ער דרעהט אויס צו מיר דעם קאָפּ, ווי זיין טאַטע, איהם צו לענגערע יאָהר, און שמייכלענדיג דערצעהלט ער מיר אַ לאַנגע מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטען, איהם צו לענגערע יאָהר, אַ מעשה

מיט אַ רבין, ווי אַזוי דער רבי איז געפֿאָרען אויף שבת אַהיים מיט אַ קל־וחומר:

„איינמאָל פֿאָהרט זיך דער רבי אַהיים מיט זיין אייגענעם בעל־עגלה. וויאָ!... פֿרייטאָג איז דאָס געווען, ערב שבת. פּלוצים — טראַך! געפּלאַצט אַ ראָד. שטעלט זיך אָפּ דער בעל־עגלה: „רבי, וויאָ! וואָס טהוט מען?"... מאַכט צו איהם דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ בידקע איז נאָר אויף צוויי רעדער, פֿון דעסטוועגען פֿאָהרט מען אויף איהר, היינט בפרט דיין וואָגען איז אויף דריי רעדער, וועט ער אודאי פֿאָהרען"...

„אָפּגעפֿאָהרען נאָך אַ ביסעל — טראַך! געפּלאַצט נאָך אַ ראָד. „רבי, וויאָ! וואָס טהוט מען איצט?" מאַכט צו איהם דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ ליסעפּעד, וואָס האָט איין ראָד אַ גרויסע, די אַנדערע אַ קליינע, פֿון דעסטוועגען פֿאָהרט מען אויף איהם, היינט בפרט דיין וואָגען, וואָס האָט צוויי גלייכע רעדער, וועט ער אודאי פֿאָהרען"...

„אָפּגעפֿאָהרען נאָך אַ ביסעל — טראַך אַ ראָד! „רבי, וויאָ! וואָס טהוט מען איצט?" מאַכט צו איהם דער רבי ווידער מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ שליטען, וואָס האָט גאָר קיין רעדער ניט, פֿון דעסטוועגען פֿאָהרט מען אויף איהם, היינט בפרט דיין וואָגען, וואָס האָט אַ ראָד, וועט ער אודאי פֿאָהרען"...

„אָפּגעפֿאָהרען נאָך אַ ביסעל — טראַך די לעצטע ראָד! „וויאָ, רבי! וואָס טהוט מען איצטער?" מאַכט צו איהם דער רבי מיט אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ לופֿט־באַלאָן, וואָס איז ניט אויפ׳ן הימעל, ניט אויף דער ערד, פֿון דעסטוועגען פֿאָהרט מען אויף איהם, היינט בפרט דיין וואָגען, וואָס איז אינגאַנצען אויף דער ערד, וועט ער אודאי פֿאָהרען"...

— גוט, — זאָג איך צו מנשה׳ן. — וואָס געהער זיך אָבער אָן דער קל־וחומר מיט׳ן פּסח?

— עס געהער זיך זעהר אָן! — מאַכט צו מיר מנשה שוין גאַנץ ערנסט. — מה־דאָך גויים, וואָס האָבען ניט קיין מצה און

עסען אכט טאָג כסדר גאָלע חמץ, שטאַרבען זיי ניט, היינט בפרט מיר, להבדיל, כתרילעווקער אידען, וואָס פאַרמאָגען ניט קיין מצה און ניט קיין ברעקעל חמץ, וועלען מיר אודאי ניט שטאַרבען!... טפררו! אָט זענען מיר שוין אין כתרילעווקע. וואוהין וועט איהר זיך הייסען אָפּוואַרפען, רב שלום־עליכם, ווי מיין טאַטע פלעגט זאָגען, מיר צו לענגערע יאָהר?...

איך קוק אויף מנשה'ן און טראַכט מיר:

„רבונו של עולם! ווי איז דאָס מעגליך? איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז ניט מנשה, נאָר זיין פאָטער רב יחיאל, איהם צו לענגערע יאָהר, מיט א יאָהר עטליכע און דרייסיג צוריק, בעת איך בין נאָך געווען א יונגעל א קונדס און מנשה א בחור'עץ מיט א שווארצער, גראָבער, עטוואָס באוואכסענער ליפּ, וואָס מיר פלעגען איהם פאַרשפּאַרען אין ווינקעלע און געבען בוכענצים, אָדער... דאָס איז אינגאַנצען א חלום!"

די וועלט געהט צוריק

א סינעמא־פאנטאזיע לכבוד חנוכה.

געשריבען אין יאָהר 1913.

די וועלט געהט צוריק

א.

רב אברהמ׳עלע ווייראך בענטשט חנוכה־ליכטלעך.

אויפ׳ן לייוועגט א נגידיש הויז פון אלטפרענקישען שטאט. אלטפרענקיש, נאר רייך מעבעל. אלטמאדישע בילדער, צווישען זיי נאפאלעאן דער ערשטער, קייסער אלעקסאנדער, אויך אלטע אידישע גדולים און גאונים, מעשענע העסעם אויף די ווענט מיט סטרינעוועע ליכט. פון דעם גלעזערנעם אלטען שראנק קוקען־ארויס גאלדענע און זילבערנע כלים. צווישען זיי איין אלטער בעכער, איין אלטער הדס. גאנץ פארענט ביי דער טיר א גרויס זילבערן חנוכה־לעמפעל, פיליגראנע ארבייט, אונטערגעהאלטען מיט צוויי לייבען; אויבען פויגלען מיט מאדנע אויסגעדרעהטע קעפ. אלץ איז פארטיג צו בענטשען חנוכה־ליכטלעך. דער בעל־הבית אליין, רב אברהמ׳עלע ווייראך, א גביר׳ישער יונגערמאן, א טאטע פון קינדער, שטעהט גרייט מיט׳ן וועכסען ליכטעל (דער שמש) אין האנט; ער ווארט נאר אויף דער בעל־הבית׳טע מיט די דיענסטען — זיי זאלען אריינקומען פון קיך הערען איהם חנוכה־ליכטלעך בענטשען. עס עפענט זיך די טיר און עס קומט־אריין פריהער די

בעל־הבית'טע, נחמה ווייראַך, אַ ווייבעל אַ יפת־תואר, אַ סך
ציערונג; איהר געהט־נאָך אַ קינד, אַ יונגעלע פון אַ יאָהר זיבעצן־
אַכט, מיט אַ זיידען העמדעלע און מיט אַ גאָלדגעאַרבייט סאַמעטען
יאַרמעלקעלע אויפ'ן קאָפּ. באַלד קומען־אָן אויך די דיענסטען,
אַ אידינע אַ קעכין, אַ מיידעל אַ פּאָקאָיאָווע, אַ יונג אַ משרת מיט
פּעטע באַקען און אַ ציקאַווע אידעל אַ מלמד אין איין אַטלאַסענער
קאַפּאָטע מיט אַ פּעלצען קאַפּעלישעל אויפ'ן קאָפּ. רב אַברהמ'עלע
ווייראַך מאַכט די ברכה, בויגט זיך צו, צינדט־אָן די ליכטלעך, אַ
ליכטעל נאָך אַ ליכטעל. דער גאַנצער עולם ענטפערט אָמן. אַלע
פּנים'ער זאָגען־אַרוים פרייד, אַלע אויגען פינקלען. רב אַברהמ'עלע
ווייראַך נעמט־אַרוים דאָס בייטעלע, גיט דעם קינד חנוכּה־געלט.
די דיענסטען געהען־אָפּ. עס ווערט אַ באַוועגונג אויפ'ן עקראַן —
עס קומען־אָן איינס נאָך איינס געסט, קרובים, שכנים און גלאַט
אידען בעלי־בתּים פון שטאָדט. אַלע באַגריסען די בעלי־בתּים,
געבען דעם קינד חנוכּה־געלט. די געסט זעצען זיך אוים דערווייל
ביי די קליינע טישלעך. מע שפּיעלט ווער אין דאָמינאָ, ווער אין
שאָך. מע גרייט צום טיש. מע שטעלט־אוים שטוהלען. דער
בעל־הבית זעצט זיך אויבען־אָן. די בעל־הבית'טע בעט דעם עולם
צום טיש. די דיענסטען טראָגען־אַריין אין גרויסע פּאָלומעסקעס
געבאַקענע לאַטקעס, שמאַלץ און גריווען און אַנדערע גוטע זאַכען.
עס גיסט זיך וויין, אַזוי ווי וואַסער. דאָס קליינע איציקעל חאַפּט
זיך אַלע מאָל אַרוים פון טיש, שפּיעלט אין דריידעל. אויפ'ן
עקראַן שפּיעגעלט זיך אָפּ דאָס דריידעל מיט די אותיות: נ. ג. ה. ש.
דער עולם קלויבט נחת פונ'ם קינד. מע טרינקט לחיים.

ב.

ביי איסאַק אַבראַמאָוויטשען בענטשט מען חנוכּה־ליכטלעך.

אויפ'ן עקראַן דאָס זעלבע הויז — באַנייט. נייע בעלי־בתּים. אין די שטריכען פונ'ם בעל־הבית איז צו דערקענען דעם קליינעם איציקעל. ער איז אויסגעוואַכּסען. ער איז שוין אַליין אַ גביר, אַ גרויסער גביר. זיין נאָמען איז שוין איצט איסאַק אַבראַמאָוויטש. ער האָט אַ ווייב אַ גרויסע אַריסטאָקראַטקע. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ רופט מען זי — זי פיהרט די שטוב קוממיות'דיג, הויך־הויך אַריסטאָקראַטיש. דאָס הויז איז דאָס זעלבע, נאָר אַנדער מעבעל, אַנדערש באַפּוצט, מאָדערן־סטיל. פון די אַלטע העסעס איז נישטאָ קיין זכר. די אַלטע בילדער אַראָפּ. אויף זייער אָרט הענגען נייע, מאָדערן־בילדער. מע וואַרט אויף געסט. עס שטעהען טישלעך, גרינע טישלעך. אויף די טישלעך ליגען צוגעגרייט פּעשלעך קאָרטען, שטיקלעך קרייד מיט בערשטע־לעך — דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג. אין ווינקעל ביי דער טיר הענגט דאָס אַלטע זילבערנע חנוכּה־לעמפּעל — פון יוצא וועגען, צוליעב'ן טאַטען — איין אַלטע טראַדיציע פאַרבליבען פון אַמאָליגע יאָהרען.

איסאַק אַבראַמאָוויטש'עס בן־יחיד'על, יאַשענקע, שפּיעלט זיך דאָרט ערגיץ מיט דער באָנע (אַ כּריסטין). אַלע מינוט קומט יאַשענקע אַריין און אַרויס. די באָנע לויפט איהם נאָך און שלעפּט איהם אַוועק. איינציגווייז קומען זיך צונויף די געסט, לויטער אַריסטאָקראַטען, מיט זייערע ווייבער, דאַמען־אַריסטאָקראַטקעס. אַלץ איז אויסגעפּוצט אויפ'ן שענסטען אָרט. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ נעמט־אויף די געסט. עס קומט־אַריין פון אַ זייטיג חדר דעם בעל־הבית'ס פאָטער, רב אַברהמ'על

ווייראַך, שוין רעכט ווייס, גיעהט־צו צום לעמפּעל, וואָס ביי דער טיר, בויגט זיך צו, בּענטשט חנוכּה־ליכטלעך. עס רייסט זיך אַריין דער קליינער יאַשענקע. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ קוקט ביז אויף דער באָנע; יענע שלעפּט איהם אַרויס.

אויף אַ מינוט טהוט דער עולם אָן די היטלען. דער אַלטער בּענטשט־אָפּ חנוכּה־ליכטלעך, געהט באַלד אַוועק. דער עולם איז איבּערגעקומען. דאַנקען גאָט... מע טהוט־אויס די היטלען, מע זעצט זיך אַוועק אַרום די גרינע טישלעך, מע נעמט זיך צו דער אַרבּייט.

ג.

קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ האָט געהייסען!

אויפ'ן עקראַן — אַ קינדער־חדר'על. אַ סך שפּיעלעכלעך און צאַצקעס. אין ווינקעל צוגעגרייט אַ בּוים — אַ יאָלקע — בּאַ־צייטענס, לכּבוד כּריסטמאַס, פיין צוגעקליובּען, שוין מיט ליכט־לעך, און ווי מיט שניי באַדעקט. יאַשענקע רייסט זיך צו דער טיר. ער וויל דוקא אַהין, אין זאַל, וואו די געסט. די באָנע האַלט איהם דוקא צו, לאָזט איהם דוקא ניט. ער רייסט זיך, און זי לאָזט איהם ניט. יאַשענקע דאַרף ניט זעהען, ווי מע בּענטשט חנוכּה־ליכטלעך. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ האָט אַזוי געהייסען!...

ד.

ווער ווייסט, וואָס מיר וועלען נאָך דער־לעבּען?

אויפ'ן לייוונט די זעלבּע זאַל. איסאַק אַבּראַמאָוויטש ווייראַך שוין אויך ווייסליך געוואָרען. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ איז די זעלבּע קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ, נאָר שוין ניט אַזוי גייציג, ווי

פריהער. אַ שטילע מרה־שחורה ליגט אויף זייערע פּנים'ער, ווי אויך אויף די פּנים'ער פון די געסט, וואָס קומען שוין ניט מיט אַזאַ אימפּעט און זעצען זיך ניט אַזוי האַסטיג צו די גרינע טישלעך. קענטיג, אַז יעדער טראָגט אַ זאָרג ביי זיך אין האַרצען, טיעף פאַר־באָרגען. דאָס אַלטע זילבערנע חנוכּה־לעמפּעל הענגט זיך אַלץ אויפ'ן זעלבען אָרט, ביי דער טיר. נאָר נישט דער אַלטער רב אַברהמ'עלע ווייראַך געהט־צו בענטשען חנוכּה־ליכטלעך. דער אַלטער רב אַברהמ'עלע ווייראַך איז שוין לאַנג אויפ'ן הייליגען אָרט. דאָ אין זאַל, אין אַ שוואַרצער ראַם געפּאַסט, הענגט זיין בילד — אַ גרייז־גרויער מאַן מיט טיעף־פאַרזאָרגטע אויגען. חנוכּה־ליכטלעך בענטשט אַ יונגער בחור, אַ סטודענטעל מיט רויטע בעקלעך. נאָכ'ן פּנים איז צו דערקענען, ווער דאָס איז. דאָס איז יאַ־שעניקע אַזוי אויסגעוואַכסען. אַרום איהם — נאָך עטליכע סטודענטלעך, אַלע אין די היטלען. נאָך די סימנים פון זייערע פּנים'ער און באַוועגונגען איז צו דערקענען, אַז די געסט זענען טיילווייז איבעררראַשט, טיילווייז צופריעדען: „ווייראַכ'ס זוהנדעל שיינט אַ ציוניסט"... טאַטע־מאַמע קוקען זיך איבער אַ ביסעל פאַרשעמט. קלעאָפּאַטראַ דאַווידאָוונאַ פּייערט. זי האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכט, אַז ביי זיי זאָל אויסוואַכסען אַזעלכעס... אַזעלכעס... זי קנייטשט מיט די פּלייצעס, זי ברעכט די הענט, זי קוקט פאַרזאָרגט אויף איהר קינד און אויף די געסט, האַלב געשמייכעלט, האַלב גרייט צו בעטען ביי זיי מחילה, גלייך ווי זי וואָלט זיך פאַרזינדיגט קעגען עמיצען.

איהרע אויגען זאָגען:

— די וועלט גערט צוריק!... ווער ווייסט, ווער ווייסט, וואָס מיר וועלען נאָך דערלעבען?...

שלח-מנות

א בילד.

געשריבען אין יאָהר 1916.

שַׁלַח־מָנות

האלב וואכעדיג, האלב יום־טוב׳דיג, מיט א זיידענער פע־טשיילע און מיט א פארטוך, שטעהט די מאמע ביי׳ם טיש, שטארק צעטראגען. עפּיס א ווערטעלע אויסצורעדען — כמעט א מאה שלח־מנות׳ען אפּנעמען און כמעט א מאה שלח־מנות׳ען אפּשיקען. קיינעם נישט אנזעצען, חלילה קיין טעות נישט האבען, געדענקען ווער עס מען וואס פאר א שלח־מנות מע באדארף אפּשיקען. צום בייּ־שפּיעל: אז יענער שיקט אייך איין פלעדעל, צוויי קישעלעך, איין מאהינדעל, צוויי שטיקלעך טארט, איין האניג־טייגעל מיט צוויי צוקער־לעקאכלעך, — באדארפט איהר איהם אפּשיקען, גע־וועהנליך, צוויי פלעדלעך, איין קישעלע, צוויי מאהינדלעך, איין שטיקעל טארט, צוויי האניג־טייגלעך מיט דריי צוקער־לעקאכלעך. מע באדארף האבען א קאפּ פון א מיניסטער, חלילה נישט אנמאכען א חתונה, ווי עס האט זיך אמאל שוין געטראפען ביי אונז אזא אומגליק, דאס הייסט, מע האט אפּגעשיקט איינער א נגידית׳טע צוריק איהר אייגענעם שלח־מנות, האט זיך דאס געטהאן! עס איז ארוים א מחלוקת צווישען די מאנען, מיט סקאנדאלען, מיט פּעטש, מיט מסירות, מיט רדיפות, ווי געוועהנליך... היינט די מענטשען, וואס ברענגען דעם שלח־מנות, באדארף מען אויך עפּיס שענקען, ועמען א קאפּיקע, און ועמען צוויי, און וועמען נאך מעהר ווי צוויי... אט עפענט זיך די טיר און סע קומט־אריין א מיידעל מיט שטארק־רויטע האר און מיט א סך קלייען אויפ׳ן פנים — דאס איז

מיין רבינ׳ס א מיידעל. זי געהט־ארום פון איין בעל־הבית צום אנדערען און נעמט־צונויף די שלח־מנות׳ען פאר׳ן רבין. זי טראגט אין האנט א שעלעכעל, איבערגעדעקט מיט א טישטיכעל. אינ׳ם שעלעכעל ליגט א לעקאכעל, אינ׳ם לעקאכעל שטעקט א ראזינקע, און אויף דער ראזינקע ליגט א זילבערנע מטבע. די מאמע דעקט־אויף דאס טישטיכעל און לעגט־צו צו יענער מטבע נאך א מטבע. און אויך דעם מיידעל רוקט זי עפיס אין האנט אריין. דאס רויטע מיידעל ווערט נאך רויטער און ווינטשעוועט, ווי איין אלטע: „דערלעבט איבער־א־יאהר מיט אייער מאן און מיט אייערע קינדער”... נאך דעם רויטען מיידעל קומט־אריין א געשוואלען בחור׳על מיט איין אויפגעטראגענער באק, אונטערגעבונדען מיט א בלויער פעטשיילע. איין אויג א קליינס, דאס אנדערע א ביסעל גרעסער. אין האנט האלט ער א מעשען טעצעל. אויף דעם טעצעל ליגט א פלעדעל, אויפ׳ן פלעדעל איז אויסגעצוויקעלט א פישעלע. דאס פישעלע איז אנגעפילט מיט האניג־פארפעל. און ביי דער זייט ליגען עטליכע זילבערנע מטבעות און א פאר קערבלעך פא־פיערענע. דאס געשוואלענע בחור׳על געהט־צו גלייך צו דער מאמע און שיסט־אויס אין איין אטעם, ווי אויסגעלערענט אויף אויס־ווענדיג: „א גוט יום־טוב, דער רב האט אייך געשיקט שלח־מנות און דערלעבט איבער־א־יאהר מיט אייער מאן און מיט אייערע קינדער”... דאס געשוואלענע בחור׳על נעמט־אפ זיין רח״ש און געהט־אוועק אהן א „זייט־געזונט”, ווארום די ווינטשעוואניע האט ער על־פי טעות אויסגעהאפט פריהער. און עס קומען־אן אלע מאל נייע פארשוינען מיט נייע שלח־מנות׳ען: פונ׳ם דיין, פונ׳ם חזן, פון די שוחטים, פונ׳ם סופר, פונ׳ם תלמוד־תורה־מלמד, פונ׳ם בעל־תוקע, פונ׳ם בעל־מגילה, פונ׳ם מנקר, פונ׳ם וואסערפיהרער, פונ׳ם בעדער (אויך כלי־קודש!), און נאך די דאזיגע אלע קומט צו געהן וועלוועל דער שמש אליין, נעבאך א קראנקער, א הייזעריגער, א יאדעשליוועד. ער בלייבט שטעהן א ווילע ביי דער טיר, האפט זיך ביי׳ם הארצען און פארהוסט זיך.

— וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען גוטס? — פרעגט איהם די מאַמע שוין רעכט מיעד פון דער אַרבייט.

— מע האָט אייך געשיקט שלח־מנות — מאַכט וועלוועל און באַווייזט אַ לעקאַכעל אין האַנט. — דערלעבט איבער־אַ־יאָהר מיט אייער...

— פון וועמען איז? — פרעגט איהם ווידער די מאַמע און לעגט־אַריין די האַנט אונטער'ן פאַרטוך; זי זוכט אַ מטבע.

— פון מיר טאַקי אַליין, דערלעבט איבער־אַ־יאָהר מיט אייער... — מאַכט וועלוועל און פאַרהוסט זיך. — האָט קיין פאַר־איבעל ניט, וואָס אַליין... נישטאָ מיט וועמען צו שיקען... געווען איין מיידעל, איז זי, ניט דאָ געדאַכט... איהר געדענקט דאָך מיין בּראַדלען, עליה השלום?...

וועלוועל דער שמש פאַרהוסט זיך אויף אַ גאַנצער מינוט, און די מאַמע טהוט זיך אַ חאַפּ צו דער קעשענע, נעמט־אַרויס עטליכע מטבעות מיט אַ מאָל און רוקט איהם אַריין אין האַנט אַריין, און איז איהם מכבד, אויסער דעם, מיט אַ שטיק טאָרט און מיט אַ פּאָר פלעדלעך. וועלוועל שטופּט דעם טאָרט מיט די פלעדלעך אין בוזעם אַריין, דאַנקט און ווינטשעוועט: „דערלעבט איבער־אַ־יאָהר מיט אייער מאַן און מיט אייערע קינדער", און פאַרהוסט זיך ווידער אַ מאָל. איך טהו אַ קוק אויף דער מאַמע — און דערזעה, אויף איהרע שענע אויגען הענגט אַ טרער.

וועלוועל דער שמש האָט מיט זיין שלח־מנות, וואָס ער האָט געבראַכט „פון זיך אַליין", אַ ביסעל פאַרשטעהרט אונז דעם יום־טוב. אָבער ניט אויף לאַנג. באַלד נאָך זיין אַוועקגאַנג קומען־אָן נייע פאַרשוינען מיט נייע שלח־מנות'ען. און די מאַמע האַלט אין איין טיילען געלט: אַ גראָשען אויף צווייען, צוויי גראָשען אויף דרייען. און איטליכער באַזונדער באַקומט אַ שטיקעל טאָרט, אַ

פֿלעדעל, אָדער אַ לעקאַכעל — לאָז אײַן אָרעמאַן אויך װיסען פֿונ׳ם הייליגען יום־טוב...

— דערלעבט איבער־אַ־יאָהר מיט אַייער...

— גם אַתּם! דערלעבט אויך איבער־אַ־יאָהר !...

די געפעהרליכע מצה

מעשה'לעך פאר אידישע קינדער.

נאך נישט באוואוסט, ווען ס'איז געשריבען

(געדרוקט פון איין איבערגעבליבענעם כתב־יד).

די געפערליכע מצה

אמאל איז געווען א מלך. דער מלך איז געווען א גרויסער און א שטארקער, נאר ער האט נישט ליעב געהאט קיין אידען. האט ער ארויסגעגעבען אלע מאל אויף זיי נייע גזירות, ווי פרעה מלך מצרים.

איינמאל — פסח איז דאס געווען — האבען זיך צונויפ־געקליבען ביי איהם אין סענאט אלע מיניסטארען און מע האט זיך אוועקגעזעצט טראכטען, וואס פאר א נייע גזירה זאל מען ארויסגעבען אויף די אידען?

אידען זאלען ניט טארען זיצען אומעטום — איז שוין דא. אידען זאלען ניט טארען זיין קיין אפיצירען — איז שוין דא. אידישע קינדער זאלען ניט טארען לערנען אין די גימנאזיעס — איז שוין דא.

איז איינעם איינגעפאלען, ער זאל ארויסטרעטען קעגען מצה. איז ער ארוים מיט א מסירה — אזוי און אזוי. דיינע אידעלעך, אז עס קומט פסח, באקען זיי אן אויף אכט טאג כסדר אזעלכע טרוקענע קיילעכיגע קארזשעקלעך, וואס מע רופט זיי מצה. ווער ווייסט, וואס דאס איז פאר א מין מאכל! עס וואלט געווען מעהר ווי רעכט, מע זאל זיי פארבאטען עסען מצה.

האט זיך דער מלך פארטראכט און האט ארויסגעגעבען א באפויל, מע זאל איהם ברענגען א מצה.

האָט מען זיך צעלאָזט איבער דער הויפּטשטאָדט זוכען אַ אידען, נאָר מע האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אידען. און אז מע האָט געפונען אַ אידען און געפאָדערט פון איהם אַ מצה פאַר'ן מלך, האָט ער געשוואָרען, אז ער עסט ניט קיין מצה. (די אידען האָבען פארשטאַנען, אז דאָ מוז זיין אַ נייע גזירה).

קוים מיט צרות מיט לייד האָט מען געפונען אַ אידען, וואָס האָט ניט מורא געהאַט אויסצוזאָגען, אז ער עסט מצה. און מע האָט גענומען ביי איהם אַ מצה און מע האָט געבראַכט די מצה אין סענאַט פאַר'ן מלך.

דערזעהען די מצה, איז זי דעם מלך געפעלען געוואָרען, און ער האָט זי פארזוכט און שטיקלעכווייז געגעסען־געגעסען, ביז ער האָט זי אויפגעגעסען.

און אז ער האָט זי אויפגעגעסען, האָט זיך דער מלך געפיהלט נישט גוט. און אַלע מאָל ערגער און ערגער און ערגער. און אז ס'איז איהם געוואָרען גוט שלעכט, האָט מען אראָפּגעבראַכט די בעסטע דאָקטוירים מיט די גרעסטע פּראָפעסאָרען פון לאַנד, און זיי האָבען אויסגעפונען, אז ביי'ם מלך אין בויך געפינט זיך עפּיס אַ זאַך, וואָס טהוט איהם צום טוידט.

האָט דער גרעסטער פון די פּראָפעסאָרען צוגעלעגט איין אויהער צום מלכ'ס בויך און גענומען זיך צוהערען. הערט ער, ווי עמיצער זינגט דאָרטען. רופט ער זיך אָן צום מלך: „אדוני קיניג! אויב דו וועסט מיר דערלויבען, וועל איך זיך דורכרעדען מיט דעם, וואָס געפינט זיך ביי דיר אין בויך". זאָגט צו איהם דער מלך: „רעד". רופט זיך אָן ד'ער פּראָפעסאָר צו דעם וואָס ביי'ם מלך אין בויך: „זאָג מיר, ווער ביזט דו?" ענטפערט איהם יענער: „איך בין אַ איד". „וואָס טהוסט דו דאָ?" „גאָרנישט". „אפשר וואָלסט דו ארויס?" „איך וויל נישט". „פאַר וואָס?" „דאָס איז מיין עסק". „געהסט דו ארויס, באַקומסט דו אַ מתּנה". „מיר ווייסען שוין, וואָסער אַ מתּנה: מע שיקט מיך ארויס אין

פיער און צוואנציג שעה". „פאר וואס?" „דערפאר, וואס איך בין א איד, און א איד טאר דא ניט זיין". „אבער אז מע וועט דיר צוזאגען, אז דו מעגסט דא זיין?" „מיר אליין איז בלאטע; איך וויל, אז אלע אידען זאלען דא מעגען זיין".

פונ'ם דאזיגען שמועס האט דער מלך געפיהלט זעהר נישט גוט. דער איד האט גערעדט מיט הענט און מיט פיס און מיט אלע אברים, און דער מלך האט געמיינט, אז ס'איז איין עק פון זיין לעבען. האט ער אנגעהויבען בעטען ביי די פראפעסארען, זיי זאלען זעהען מאכען איין עק. רופט זיך אן דער עלטסטער פון די פראפעסארען צו דעם וואס ביי'ם מלך אין בויך: „דער מלך זאגט דיר צו, אז דו וועסט דא מעגען זיין וויפיעל דו ווילסט". „האב איך דאך געזאגט שוין, אז פאר מיר אליין איז בלאטע; איך וואלט וועלען, אז אלע אידען זאלען מעגען". „גוט, אלע אידען וועלען מעגען, אבי געה־ארויס וואס גיכער". „ווער זאגט דאס?" „דאס זאגען מיר, דאקטוירים, נאר אזוי איז דער ווילען פונ'ם מלך". „פון וואנען ווייס איך דאס?" „האסט דאך געהערט, ווי דער מלך זאגט". „דער מלך זאגט — דאס איז נאך אלץ ווייניג. איצט, אז סע טהוט איהם וועה, זאגט ער; שפעטער, אז ס'וועט איהם אויפהערען וועה טהון, וועט ער זאגען עפיס אנדערש. אזוי ווי פרעה מלך מצרים". „וואס זשע ווילסט דו?" „וויל איך, ער זאל עס חתמ'ענען, ארויסגעבען אויף פאפיער, דורכפיהרען דורכ'ן סענאט"...

און דער איד, וואס ביי'ם מלך אין בויך, האט גענומען אזוי שטארק ווארפען מיט הענט און מיט פיס, אז דער מלך האט שוין מעהר נישט געקאנט איבערטראגען די וועהטיגען. האט ער גע־הייסען, מע זאל צונויפרופען די מיניסטארען און מע זאל אנ־שרייבען א פאפיער, צולעגען דעם מלכ'ס חתימה און דורכפיהרען דורכ'ן סענאט א נייעם געזעץ, אז אידען מעגען וואהנען דא אין דער קרוינשטאדט און אומעטום אינ'ם גאנצען לאנד פראנק און פריי — והכל שריר וקיים.

און ווי נאָר דער איד האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גע־
נעבען אַ שפּאַר־אַרויס דורכ׳ן מינדסטען פינגערל פון׳ם מלכ׳ס
לינקער האַנט, זיך פאַרנייגט פאַר׳ן גאַנצען סענאַט און איז גלייך
אוועק צו זיינע ברידער זוכען געשעפט.